This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

היימלאַנד

2

1970

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאל

אַרגאן פון שרײַבער־פארבאנד פון פססר

צענטער יאָרגאנג

פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל“

מאַסקווע

פעווראל

2

1970

БИБЛИОТЕКА
ДОМА ЕВРЕЙСКОЙ КНИГИ
ЭКЗЕМПЛЯР
ВЫДАЧЕ НЕ ПОДЛЕЖИТ

אינהאַלט

זײַט

צום הונדערטסטן געבורטסטאָג פון ה. אי. לײַוויק

זאכאר דיטשאראָוו. דרײַ לעבנס פונעם לעניניש וואָרט 3

ווסעוואָלאָד סאָפּינסקי. איליטשס פּאָרטרעטן. צייכע־נונג פון ל. פּאַסטערנאַק. 8

ארן ווערגעליס. צום ווידערזען אין פריידן (דראמאטישע נאָוועלע) 10

אלעקסאנדער גוביניצקי. שאָפערן (דערציילונג). צייכענונגען פון ה. אינגער 23

אווראָם גאָנטאר. מײַן אלטער זיקאָרן (לירישע פּאָעמע) 46

בוזי מילער. מענטשן גייען אינדערפרי צו דער ארבעט (דערציילונג) 50

שימען גאָלדענבערג. א רײַזע צו דער אַזערע ריצא און אנד. לידער 56

שירע גאָרשמאן. דערציילונגען 58

אלעקסאנדער בעלאָוסאָוו. לירישע לידער . . . 81

וויקטאָר נעקראסאָוו. קליינינקע פּאָרטרעטן 83

כאָנע ווײַנערמאן. צו הויכע הימלען (לידער) 95

יאשע רוביאן. פיר הומאָרעסקעס 97

טריבונע פון לעבן

הירש רעלעס. צוגאסט אין מײַן שטעטעלע 104

זיכרוינעס. לייב פּולווער. עפּיזאָדן פון מײַן לעבן . . 113

ליטעראטור־קריטיק. ביבליאָגראפיע.
פראגן פון קונסט

ארן ראסקין. דער שעפערישער וועג פון א קריטיקער (צו י. נוסינאָווס 80־טן געבורטסטאָג) 123

כאַיִם סלאָוועס. די טראגישע סטירע 132

אָפּקלאַנגען. רעפּליקעס. מיינונגען 140

די יידישע פּרעסע מיט 50 יאָר צוריק האָט געשריבן 141

אונדזערע מיטיילונגען 142

פּרעמיערעס אין לאָקאל פון רעדאקציע 147

נאָטיצן פון א יידישן בוקיניסט 148

בלעטערנדיק זשורנאלן און צײַטונגען 151

כראָניק 49, 94, 153, 157

פארשיידנס 154

נאָטיצן אפן קאלענדאר 156

לאָמיר זינגען נײַע לידער. וואָס וועט זײַן מיט מיר? ווערטער פון ריווע באַליאַסנע, מוזיק פון לייב קאָגאן . . 158

מוישע שאפּיראָ. שמועסן וועגן יידישער שפּראך . . . 159

הויפּט־רעדאקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

ה. אַשעראַוויטש,
אי. באַרוכאָוויטש,
א. גאָנטאר, נאָטע לוריע,
מ. לעוו (פּאַראנטוו. סעקרעטאר),
ב. מילער, י. פאליקמאן,
ס. פּרײַ, י. ראבין, ר. רובין

זאכאר דיטשאראוו

דרײַ לעבנס פֿונעם לעניניש‎ן וואָרט

וויפל לעבנס האָט לענינס וואָרט, ווען עס ווערט פֿאַרוואַנדלט אין טאַט? איין לעבן? צוויי? דרײַ? ניט שײַעך צו ציילן, די צאָל זייערע איז אומענדלעך.

איך וויל דאָ דערציילן בלויז וועגן דרײַ לעבנס פֿונעם לעניניש‎ן וואָרט, וועלכע האָבן זיך פֿאַר מיר אַנטפּלעקט אין דער אַלטער שטאָט אומאַן.

דאָס ערשטע לעבן

אין געדאַנק וויל איך זיך אַריבערטראָגן צום אָנהייב פֿונעם איצטיקן יאָרהונדערט און דערזען די ניט גרויסע שטאָט אומאַן, אַן אַרומגעזוימטע מיט יונגע דעמבענע און גראַבעווע וועלדלעך, געדיכטע ווײַנשל־סעדער, ראַכוועסדיקע פּריצישע פֿעלדער און שמאָלינקע פֿויערישע ערד־פּאַסיקלעך.

אַמאָל האָבן דאָ געפֿלאַקערט סרייפֿעס פֿון פֿאָלקס־אופֿשטאַנדן. „אומאַנשטשינע" — איז געווען אַ סימבאָל פֿון קאַמף פֿאַר פֿרײַהײַט אויף דער אוקראַיִנע.

נאָר דאָס אַלץ איז שוין פֿאַרנעפּלט אין דער גרויער ווײַט פֿון יאָרהונדערטער, און אין יענעם 1903 יאָר האָט דאָ ווייניק וואָס דערמאָנט אינעם אָווער. ס'האָט אין בונטער פּראַכט געבליט דער באַרימטער צאַריצין־גאָרטן, עס האָבן געשעמט מיט גרויסאַרטיקע טײַכן, אַלייעס און סטאַטועס די גיטער פֿון די פּאָטאָצקיס. און אין אַ זײַט פֿון אָט דעם ווויל־טיק זײַנען געשטאַנען צוגעדריקט צו דער ערד די הײַזקעס פֿון דער שטאָטישער אָרעמשאַפֿט, וואָס מאַטערט זיך אַ גאַנץ לעבן, פֿאַרהריזנעט אינעם דרעמלענדיקן פּראָווינציעלן שטייגער.

קימאַט אַ פֿינפֿטל פֿון דער דערוואַקסענער באַפֿעלקערונג זײַנען שנײַדערס, שמידערס, שוסטערס, שלאָסערס, באַלעגאָלעס. אַרבעט — אויפֿן שפּיץ מעסער, פֿאַרנאָסע — אויף אַ גראָשן. יעדער נײַער באַלמעלאָכע איז ניט סתּם אַ קאָנקורענט, נאָר אַ דאַם־סוינע.

איז קיין כידעש ניט, וואָס אויפֿן אומאַנער פּלאַץ, ווו די שטעלעכלעך און קוסטאַרישע וואַרשטאַטלעך זײַנען ענגשאַפּט געשטאַנען צוגעטוליעט איינס צום אַנדערן, האָבן אין איינעם אַ זומער־טאָג זיך געלאָזט הערן אויפֿגערודערטע רייד:

— אויף דער דוואָריאַנסקער גאַס האָט זיך באַוויזן נאָך איין שלאָסער־וואַרשטאַט אויף צו רעמאָנטירן פֿאָרטעפּיאַנעס...

— כלעבן, טשיקאַווע אַ קוק טאָן אויף אָט דעם מעשוגענעם... עס וווינען דאָרט אַ קאַפּצן אויף אַ קאַפּצן. וואָס זשע קאָן ער האָבן פֿון זיי?

— איך זאָל אַזוי וויסן פֿון צאָרעס...

דער „קאָנקורענט", יאַקאָוו סאָלאָמאָנאָוויטש נאָוואַקאָווסקי, איז קיין אומאַן געקומען ניט לאַנג צוריק, אייניקע זאָגן — פֿון ניקאָ־

ליַיעוו, אַנדערע — פֿון טשערקאַס. אויף דער באַרג־אַראָפּיקער גאַס, וואָס האָט, ניט צו באַגרײַפֿן פֿאַרוואָס, געטראָגן דעם ראָסקאָשנעם נאָמען „דוואָריאַנסקאַיאַ", האָט ער אָפּגעדונגען באַם אָרטיקן וואַלד־אופֿזעער יאַקאָוו זעלענסקי זײַן נאַכלע און אופֿגעהאַנגען אַ שילדל: „סליעסאַרניאַ אי רעמאָנט פּאָרטאָפּיאָן". קיינער האָט, פֿאַרשטייט זיך, ניט געוווּסט, אַז געקומען איז ער אַהער ניט אַליין, נאָר מיט אַ גאַנצער גרופּע, בעראָש מיטן „איסקראַ"־אַגענט „מאַקסימען", אויסצופֿילן לעניִנס שליכעס: שאַפֿן אין אומאַן אַן אומלעגאַלע דרוקערײַ — שוין די פֿערטע אין רוסלאַנד.

צוערשט האָט מען דעם נײַעם „איסקראַ"־צענטער געהאַט בעדייע צו שאַפֿן אין טשערקאַס. מ'האָט שוין אַפֿילע אָפּגעשיקט אַהין צוויי פּוד שריפֿט, טיפּאָגראַפֿישע אויסשטאַטונג, נאָר עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פּאָליציי האָט שוין עפּעס אָנגעשמעקט און לאָזט ניט אַראָפּ דאָס אויג פֿון דער געבײַדע, וואָס מע האָט אָפּגעדונגען פֿאַר דער דרוקערײַ.

— מע דאַרף זוכן אַן אַנדער אָרט, ערגעץ אין אַ קליינער פּראָווינץ־שטאָט... — האָט געזאָגט „מאַקסים".

האָט מען דעם שריפֿט און די אויסשטאַטונג, איניינעם מיט די מענטשן, אַ קערעווע געטאָן צום פֿיליסטעריש־דרעמלענדיקן אומאַן. נאָר אויך דאָ איז ניט גרינג געווען אָפּצוזוכן אַ פּאַסיק אָרט. דאָס הויז אויף דער באַזיליאַנסקער גאַס, וווּהין מע האָט טכילעס אַריבערגעפֿירט די נאָך ניט צעפּאַקעוועטע קעסטלעך, איז געשטאַנען נאָענט צו אַ ראָג, ווו עס האָט גאַנץ אָפֿט געשווינדלט דער שאָטן פֿון אַ גאָראָדאָוואָי.

האָט מען ווײַטער געזוכט, און ערשט אין צוויי כאָדאָשים אַרום געפֿונען די נאַכלע פֿונעם וואַלד־אופֿזעער — צוויי שטיבלעך, איינס מיטן פֿרונט אויף דער גאַס, און דאָס צווייטע, אַ קלענערס, און אויך דער שפּײַכלער און דער קעלער — טיף אין הויף, לעבן גאָרטן, וואָס האָט זיך געצויגן ביזן ראַנד פֿון אַ טיפֿן ריוו.

מע האָט טייקעף אַראָפּגעבראַכט אַהער צוויי מאַשינעס — אַ דרוק־מאַשין און אַ בראָשורמאַשין, פּאַפּיר, שריפֿט, טיפּאָגראַפֿישע פֿאַרב, און אײַנגיכן האָט אָנגעהויבן קאָכן דאָס לעבן אינעם קלענערן שטיבל. עס זײַנען צוגעקומען נײַע מענטשן, פֿון אויסלאַנד איז געקומען לעניִנס אַ צווייטער שאַליִעך — סמידאָוויטש — „פּיאָטער" האָט מען אים גערופֿן, און גענומען שטודירן מיט די דרוקערײַ־אַרבעטער אַ נײַעם מעטאָד פֿון צינקאָגראַפֿיע.

סאָף כוידעש האָבן די אומז[illegible]ר אונטערערדלער פֿאַרטיק געמאַכט דעם [illegible]מ. 41 פֿון דער „איסקראַ" פֿאַרן 1 יוני 1903. וואָלף קאַמערמאַכער, וועלכער איז ניט לאַנג צוריק אַנטלאָפֿן פֿון דער יעניסייער פֿאַרשיקונג, האָט געגרייט דעם זאַץ, געהאָלפֿן האָט אים כאַנע ליפֿשיץ. יאַקאָוו נאָוואָקאָווסקי, אַלטאַ יאַגלינאַ און „פּיאָטער" האָבן געדרוקט די „איסקראַ" גנעסיע דוואָרקינאַ האָט צונויפֿגעלייגט די בויגנס און דערנאָך זיי בראָשורירט אויף דער מאַשין. אין דער אַרבעט האָבן מיטגעהאָלפֿן נאָך דרײַ נאָוואָקאָווסקיס — אידע, בעלע און מאַריאַנע — און אויך כײַע זשאַראָוואַ.

אָט אַזוי האָט די לעניִנישע „איסקראַ" זיך צעפֿינקלט מיט נײַע טויזנטער הייסע פֿונקען, גרייטע פֿאַנאַנדערצופֿלִיען זיך איבער גאַנץ רוסלאַנד און ווידער אָנצינדן אין די הערצער פֿונעם פֿאָלק אַ פֿלאַם פֿון קאַמף פֿאַר דער פֿרײַהײַט.

אין לאָנדאָן האָט זיך אָנגעהויבן דער II פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר, איז „מאַקסים", און שפּעטער אויך סמידאָוויטש, אַוועקגעפֿאָרן אַהין. צו יענער צײַט זײַנען שוין אין דער אומאַניער דרוקערײַ געווען אָפּגעדרוקט 3 טויזנט עקזעמפּליאַרן פֿון דער „איסקראַ". ס'איז פֿאַרגעשטאַנען אָפּטאָן די צווייטע העלפֿט אַרבעט — צושטעלן די צײַטונג אַהין, וווּ מע וואַרט אויף איר.

פֿאַרן אָפּפֿאָרן האָט „מאַקסים" געזאָגט צו אידע נאָוואָקאָווסקאַיאַ:

— דו וועסט האַלטן די פֿאַרבינדונג מיט דער רעדאַקציע „איסקראַ". אָט איז דער זשענעווער אַדרעס און די שיפֿערס. טראָגסט אויך די פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט פֿאַרן טראַנספּאָרטירן די צײַטונג. פֿאַרגעדענק די „יאַווקעס" אין די שטעט...

דער זומער איז אין סאַמע ברען, די היץ איז גרויס. פֿונעם „שלאָסער־וואַרשטאַט" גייען אַרויס פּרויען — פּאָשעטע פּרויען, וואָס וואַרפֿן זיך ניט אין די אויגן. זיי טראָגן אין די הענט אַלטע צעפּאָרענע קוישלעך, אָפּגעריבענע רונדע פֿאַניער־קעסטלעך. מע זעצט זיך אַרײַן אין צוג, אין דריטן קלאַס, צווישן ווײַבער, וואָס פֿאָרן וועד צו גאָטעסדינסט און וועד סטאַם צוגאַסט, מע זיצט צווישן פּאַסאַזשירן — שטאָט־לײַט און פּויערים, וואָס אין וואַגאָן האַלטן זיי אין איין טרינקען טיי, מע זיצט שווײַגנדיק, מע היט ווי דאָס אויג אין קאָפּ דעם באַגאַזש.

די נאָוואָקאָווסקיס — אידע און מאַריאַנע — פֿאָרן אַוועק קיין קיִעוו, פֿון דאָרטן — קיין מאָסקווע און ווײַטער — מיט דער וואָלגע קיין ניזשני־נאָווגאָראָד, קאַזאַן, סאַמאַרע. כײַע זשאַראָוואַ און בעלאַ נאָוואָקאָווסקאַיאַ האָבן

גענומען אַף זיך יעקאַטערינאָסלאַוו, סימפעראָפּאָל און סעוואַסטאָפּאָל.

פון וואָקזאַל צו וואָקזאַל, פון האַפן צו האַפן פירן זיי מיט גרויס פאָרזיכטיקייט דעם טייערסטן פראַכט, זוכן אָפּ די „יאַוועקעס", לאָזן דאָרט איבער עטלעכע צענדליק אָדער עטלעכע הונדערט עקזעמפּליאַרן פון דער „איסקרא" און לאָזן זיך ווייטער אין וועג.

אַלץ האָט זיך פאַרענדיקט בעשאָלעם, מע האָט זיך אומגעקערט באַגייסטערטע פונעם דערפאָלג. דער 41־טער נומער „איסקרא", וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ לייטאַרטיקל „די מאָביליזאַציע פון רעאַקציאָנערע קויכעס און אונדזערע אויפגאַבעס", איז שוין געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, און יעדע שורע, יעדער וואָרט איז דערגאַנגען צו דער נעשאָמע, געוועקט און גערופן, ווי אַ טורעם־גלאָק.

דער מאַנוסקריפּט פונעם 42־טן נומער „איסקרא", אַף וועלכן מע האָט איצט געוואַרט, איז אַלץ ניט אָנגעקומען. האָט מען דערווייל אָפּגעדרוקט צוויי אומלעגאַלע בראָשורן. דערנאָך איז אָנגעקומען דער 43־טער נומער (דער 42־טער האָט טאַקע זיך ערגעץ, ווייזט אויס, פאַרהאַלטן...), און מע איז גלייך צוגעטראָטן צו דרוקן אים.

אָבער אינגיכן האָבן זיך אָנגעהויבן שווערע ניסיוינעס. אָנהייב סענטיאַבער איז סמידאָוויטש געפאָרן קיין ניקאָלייעוו נאָך פּאַפּיר, שריפט און פאַרב. אומקערנדיק זיך צוריק קיין אומאַן, האָט ער מיט אַלע זיינע כושים דערפילט, אַז מע שפּירט נאָך אים נאָך. פון ניקאָלייעוו האָט ער דעם פראַכט אָפּגעשיקט מיטן באַגאַזש, אַדרעסירט קיין כריסטינאָווקע, ניט ווייט פון אומאַן. פון די שפּיקעס האָט ער זיך אויסגעדרייט, אָבער וואָרענען זיינע כאַווירים וועגן דער געפאַר האָט ער שוין ניט באַוויזן. ווען כאַנע ליפשיץ, די איינבינדערן פון דער דרוקעריי, איז געקומען אַף דער סטאַנציע כריסטינאָווקע נאָכן באַגאַזש, איז זי גלייך אַרעסטירט געוואָרן.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרהערן, שלאָפלאָזע נעכט אין אַן איינצל־קאַמערע, ברוטאַלע באַליידיקונגען. נאָר אומזיסט איז געווען די טירכע פון די פּאָליציי־פאָרשער. די יונגע רעוואָליוציאָנערקע האָט זיך געהאַלטן אייזנפעסט. וועגן כאַנעס אַרעסט (איר אומלעגאַלער נאָמען איז געווען „מאַריאַ") האָבן אירע קאַמפּס־כאַווירים אַף דער דוואָריאַנסקער גאַס נומ. 128 זיך גיך דערוווּסט. ס'איז טייער געווען יעדע שאָ. די גאַנצע אויסשטאַטונג און דעם זאַק פונעם 43־טן נומער „איסקרא" האָט מען טייקעף אַרויסגעטראָגן פון דער דרוקעריי און פאַרגראָבן אין גאָרטן. ס'איז אָבער דורכגעגאַנגען אַ טאָג, אַ צווייטער, און די „געסט", אַף וועלכע מ'האָט געוואַרט, זיינען ניט געקומען. האָט יאַקאָוו נאָוואַקאָווסקי מיט זיינע כאַווירים אָנגענומען אַ דרייסטן באַשלוס — מע האָט אַרויסגענומען פון גרוב אַלץ, וואָס מע האָט פאַרבאַהאַלטן, אַוועקגעשטעלט די מאַשינעס אַף זייערע ערטער און אָפּגעדרוקט נאָך 3 טויזנט עקזעמפּליאַרן פונעם 43־טן נומער „איסקרא". דאָס לעצטע וואָרט האָט זיך ווידער געלאָזט אין וועג אַרײַן.

אין דער זעלבער צייט האָט מען ניט אויפגעהערט צו זוכן אַ נייַ אָרט פאַר דער דרוקעריי. ס'איז געווען קלאָר, אַז ווייטער איבערלאָזן זי אין אומאַן טאָר מען ניט. ענדלעך איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס אַריבערקלייבן זיך קיין קאָנאָטאָפּ. די גאַנצע אויסשטאַטונג, דעם שריפט, דאָס רעשט פּאַפּיר און פאַרב האָט מען איינגעפּאַקעוועט אין קעסטלעך און אָפּגעשיקט קיין קאָנאָטאָפּ, אַף דער קוואַרטיר פונעם איקאָנע־מאָלער וו. ליסענקאָ — דעם פעטער פונעם באַוווּסטן רעוואָליוציאָנער און לענינס מיטקעמפער איוואַן ראַדטשענקאָ.

די אָכראַנקע האָט אָבער אויך ניט געדרעמלט. אין קאָנאָטאָפּ האָט מען נאָך ניט באַוויזן פאַנאַנדערצופּאַקעווען דעם באַגאַזש, ווי די פּאָליציי האָט באַנאַכט דעם 26 סענטיאַבער 1903 אַרומגערינגלט ליסענקאָס שטוב. די דרוקעריי איז דורכגעפאַלן. בא ליסענקאָן האָבן די זשאַנדאַרמען אַרויסגענומען פון דער קעשענע לענינס בראָשור „די אויפגאַבן פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן".

ווי נאָר די זשאַנדאַרמען האָבן געקראָגן באַוויזן, אַז אַף דער אוקראַינע עקזיסטירט אַן אומלעגאַלע רעוואָליוציאָנערע דרוקעריי, האָבן זיך טייקעף אָנגעהויבן אַרעסטן אין קיִעוו, כאַרקאָוו, קריוואָראָג, האָמעל, יוזאָווקע, לוגאַנסק.

דעם זעלבן טאָג, ווען אין קאָנאָטאָפּ איז געווען די אָבלאַווע אַף ליסענקאָס שטוב, דעם 26 סענטיאַבער, האָט די פּאָליציי אין אומאַן זיך אַריינגעריסן אין זעלענסקיס „שלאָסערוואַרשטאַט". מ'האָט אויפגעבראָכן די טירן, געמאַכט אַן אונטערזוכונג, נאָר מע איז געבליבן מיט אַ נאָז. די „שלאָסער" זיינען אַנטרונען געוואָרן.

די אומאַניער מאַכט האָט ראַפּאָרטירט דער קיִעווער גובערניאַלער זשאַנדאַרם־פאַרוואַלטונג, אַז אין זעלענסקיס נאַכלע האָט מען קיין שום פאַרדעכטיקס ניט געפונען.

— די אומאַניער פּאָליציי איז פייִק בלויז כאַפּן קעשענע־גאַנאָווים! — האָט מען זיך געבייזערט אין דער פאַרוואַלטונג.

קיין אומאַן ווערט געשיקט דער זשאַנדאַרם־פּאָרוטשיק יעריאָמין מיט אַ קאַטעגאָרישער פאַראָרדענונג — אָפּזוכן די שפּורן פון דער

געהיימער דרוקערײַ, פעסטשטעלן די נעמען פון אירע אָרגאניזאטאָרס און מיטארבעטער.

דער פאָרוטשיק יעריאָמין נעמט זיך פאר דער זאך מיט גרויס פלײַס. אין אלע עקן רוסלאנד פליִען טעלעגראפישע פאָדערונגען: אָפּזוכן און ארעסטירן וואָלף סאמויִלאָוויטש קאָמערמאכערן, מאריאנע מייעראָוונע נאָוואקאָוסקאיא, כײַע זשאָראָווא און אלע איבעריקע.

די פּאָליציי־מאשין האָט אָנגעהויבן ארבעטן, און אינגיכן זײַנען די אומאנער „איסקרא״־אגענטן ארעסטירט געוואָרן. בלויז „מאקסימען״ און סמידאָוויטשן האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו פארכאפּן.

אין דער אלטער, נאָך פון יעקאטערינעס צײַטן, אומאניער טורמע, אין ארומגעצוימטער מיט הויכע, טויבע ווענט, האָבן כאדאָשימלאנג זיך געמאטערט די נאָוואקאָווסקיס, יאגלינא, דוואָרקינא — אלע די, וואָס האָבן געארבעט אין דער „איסקרא״־דרוקערײַ. דרײַצן פּײַנלעכע כאדאָשים האָבן די ארעסטירטע געווארט אפן געריכט. ס׳האָבן זיך שוין אָבער צעפלאָקערט די רעוואָליוציִאָנערע געשעענישן פון 1905. צום ערשטן מאָל פאר 300 יאָר האָט זיך א וואקל געטאָן דער צארישער טראָן. אין איינעם א טאָג האָבן זיך צעעפנט די שווערע טורמע־טויערן. קיינער פון די באפרײַטע האָט, פארשטייט זיך, ניט גענומען ווארטן אף דעם „גיכן, גנעדיקן און גערעכטיקן״ צארישן מישפּעט, מע איז טייקעף נעלעם געוואָרן פון אומאן. ס׳האָבן געווארט אף זיי נײַע שלאכטן.

די געוועזענע דוואָריאנסקע גאס הייסט איצט — „גאס פון דער לענינישער „איסקרא״, און אין דער געוועזענער נאכלע פונעם וואלד־אופזער, ווו ס׳איז געווען די „איסקרא״־דרוקערײַ, ווערט געשאפן א מעמאָריִאַל־מוזיי לעקאָוועד לענינס 100־טן געבורטסטאָג.

דאָס צווייטע לעבן

אין איינעם א מארט־טאָג פון 1944 האָט איבער די אומאניער גאסן געשפּאנט א סאָוועטישער אָפיצער. דאָס סאָוועטישע מיליטער האָט ערשט באפרײַט די שטאָט, און אלץ האָט דאָ אײדעס געזאָגט, אז די היטלעראָוועצעס זײַנען אנטלאָפן אין גרויסער פּאניקע.

באם סאָף פון דער סאָוועטסקער גאס האָט דער אָפיצער דורך די צעבראָכענע טאפּליעס פון אן אלטער, פארייכערטער געבײַדע דערזען הויפּנס ביכער, אָנגעוואלגערטע אפן דיל, און דאָס האָט אים געצווונגען זיך אָפּשטעלן.

דער אָפיצער איז ארײַנגעגאנגען אין דער געבײַדע און געעפנט די טיר פון איינעם א צימער. בא די שוין לאנג ניט געווײַסטע ווענט זײַנען געשטאנען האלב־פּוסטע ביכער־פּאָליצעס. צוויי פרויען האָבן פאנאנדערגעקליבן די ביכער. דער אָפיצער איז צוגעגאן צו די פרויען און אָנגערופן זײַן נאָמען:

— וואלאדימיר לידין. א שרײַבער.

דער באקאנטער רוסישער סאָוועטישער פּראָזע־מײַסטער האָט גענומען בלעטערן איין בוך נאָכן צווייטן.

— און עפּשער זײַנען דאָ אויך מײַנע ווערק פאראן? — האָט ער געפרעגט.

— זיי דארפן זײַן, — האָט געענטפערט איינע פון די פרויען, זינאיִדא איוואנאָוונא וואליאנסקאיא, — מיר וועלן באלד א זוך טאָן.

וואלאדימיר לידין האָט געבלעטערט די ביכער, און ס׳האָט אים אלץ מער און מער געכידעשט דאָס, וואָס ער האָט געזען: אף דעם שארבלאט פון איינעם א בוך איז געשטאנען „עקאָנאָמישע געאָגראפיע פון דער וועלט״, אָבער אינווייניק איז געווען לענינס א ווערק... ער האָט גענומען נאָך א בוך: „פּראקטישע גאָרטנציכטלערײַ״. נאָר דער טיטל אנטשפּרעכט ניט דעם אינהאלט. צווישן די טעוועלעך זײַנען אײַנגעשלאָסן לענינס ווערק...

— וואָס איז עס פאר א וווּנדער? — האָט דער שרײַבער ענדלעך אויסגערופן. — דער נאָמען איז איינער, און דער בוך איז גאָר אן אנדערער.

— אזוי האָט מען באדארפט, — האָט שטיל א זאָג געטאָן די צווייטע פרוי — יוליִא אלעקסאנדראָוונא פּאנאסעוויטש. איר אויסגעמאטערט, מיד פּאָנעם איז געווען פארטראכט, — וואָס שטייט איר, זעצט זיך צו...

ער האָט זיך צוגעזעצט אף עפּעס א קעסטל, און די פרויען האָבן גענומען דערציילן.

...א סאך יאָרן זײַנען אוועק זינט יענער צײַט. איינמאָל האָט זיך מיר געטראָפן וואלאדימיר לידינס א בוך „פרײַנט מײַנע — ביכער״. דאָרט ווערט באשריבן די באגעגעניש מיט די צוויי פרויען, און מיר האָט זיך פארגלוסט זיך אראָפּכאפּן אין יענע ערטער אף דער אוקראיִנע, ווו מיט א פערטל יאָרהונדערט צוריק זײַנען געגאנגען פארביטערטע שלאכטן און ווו עס האָבן געלעבט און געקעמפט מיטן סוינע מענטשן פון שטארקן גײַסט.

אין אומאן האָב איך אָפּגעזוכט יוליִא אלעקסאנדראָוונא פּאנאסעוויטש און זינאיִדא איוואנאָוונא וואליאנסקאיא. די ערשטע איז איצט אלט 81 יאָר, די צווייטע — 77. מיר האָבן א

סאַך געשמועסט. אַ רינגעלע נאָך אַ רינגעלע האָט זיך פֿאַר מײַנע אויגן אויסגעצויגן די קייט פֿון יענע געשעענישן, וועלכע זײַנען דעם שרײַבער וו. לידין געווען באַוווּסט בלויז אין אַלגעמיינע שטריכן.

די פֿאַשיסטישע אָקופּאַנטן האָבן זיך אין אומאַן אויפֿגעפֿירט אַזוי גאַדלעסדיק, אַז ס׳האָט זיך געקאָנט דוכטן: צו זייער הערשאַפֿט וועט קיין סאָף ניט קומען. אָבער ניט אַזוי האָבן געטראַכט די סאָוועטישע מענטשן. מע האָט געגלייבט אינעם זיג איבער די היטלעראָווצעס.

— אַלץ וועט צוריק קומען, ווען מיר וועלן זיך אומקערן, — האָט מען גערעדט אינעם אומאַניער שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט ערעוו דער עוואַקואַציע, — אַי אַ געוויינלעכע אײַזערנע לאָפּעטע, אַי אַ קילאָגראַם ברויט, אַי אַ בוך... וועגן די ביכער האָט מען געזאָרגט, ווי וועגן ברויט. דאָס סאַמע טײַערסטע — די ווערק פֿון מאַרקס, ענגעלס, לענין — האָט מען אָפּגעקליבן און אײַנגעבונדן אין פּעקלעך. פֿונעם פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, פֿון די טעכניקומס און פֿון די שולן האָט מען די ביכער אָפּגעפֿירט אינעם לאַנדווירטשאַפֿטלעכן אינסטיטוט. דעם זײַטיקן צימער פֿון דער אינסטיטוט־ביבליאָטעק האָט מען ביז דער סטעליע פֿאַרפֿולט מיט ליטעראַטור, די פֿענצטער און די אַרײַנגאַנגס־טיר פֿאַרמויערט מיט ציגל, גלײַך ס׳זאָל גאָר קיין צימער דאָ ניט זײַן. אָט אַזוי האָט מען אויסבאַהאַלטן הונדערטער בענדער פֿון לענינס ווערק. די געוועזענע ביבליאָטעק־פֿאַרוואַלטערן וואַלענטינאַ פּאַשינאַ, דער מעכאַניקער ניקאָלײַ קאָציובינסקי און דער הויפּט־בוכהאַלטער מיכאַיִל ליוטיק האָבן ווי דאָס שוואַרצאַפּל פֿון אויג אָפּגעהיט דעם דאָזיקן אוצר.

דאָס איז געווען אַ העלדנטאַט, און ניט דער איינציקער.

זינאַיִדאַ איוואַנאָוונאַ וואָליאַנסקאַיאַ איז שוין פֿון לאַנג געווען באַפֿרײַנדעט מיט יוליִאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ פּאַנאַסעוויטש. איצט, ווען עס זײַנען געקומען די ביטערע צײַטן, זײַנען זיי ווידער געווען אינאיינעם. זיי זײַנען אַוועק אויף דער אַרבעט־בירזשע און זיך געבעטן, מע זאָל זיי שיקן אַרבעטן אין דער ראַיאָנער ביבליאָטעק. איין געדאַנק האָט זיי געפֿירט אַהין: ראַטעווען די ביכער. און אָט האָט זיך איבער דער שטאָט צעטראָגן די ידיעה: „די ביבליאָטעק איז אָפֿן", און מענטשן האָבן אַ פֿלייץ געטאָן אַהין.

נאָר דער אומגליק איז פֿאָרט געקומען. אין דער באַגלייטונג פֿון פּאָליצײַען איז אין ביבליאָטעק אַרײַן דער געהילף פֿונעם געביטסקאָמיסאַר אָפּפּ. מיט שווערע לאַנגזאַמע טריט האָט ער געשפּאַנט לענגאויס די ביכער־פּאָליצעס, אויף וועלכע ס׳זײַנען געלעגן 33 טויזנט ביכער.

— לענין, מאַרקס זײַנען דאָ? — האָט אויף אַ צעבראָכענעם רוסיש געפֿרעגט דער היטלעראָוועץ.

— ניין, מיר האָבן ניט, — האָט געענטפֿערט יוליִאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, קוים אויסבאַהאַלטנדיק דעם אומרו, וואָס האָט זי באַהערשט, — דאָס מיליטער האָט אַוועקגעפֿירט... בייסן אָפּטרעטן...

מאַרקס און לענינס ווערק זײַנען יאָ געווען אין דער ביבליאָטעק. פּאַנאַסעוויטש און וואָליאַנסקאַיאַ האָבן זיי אַריבערגעטראָגן אין אַ ווײַטן צימער, אָנגעוואַלגערט אויף זיי אַנדערע ביכער, צײַטונגס־קאָמפּלעקטן און אויף דער וואַנט אויפֿגעהאַנגען אַ שילדל: „אַרכיוו".

— די געבײַדע וועלן מיר פֿאַרנעמען פֿאַר אַן אַנדער צוועק, — האָט געזאָגט דער געהילף פֿונעם געביטסקאָמיסאַר, — און פֿאַראָרדנט: — נאָך הײַנט זאָל די ביבליאָטעק אָפּגערייניקט ווערן.

אין דער גערעמער, שיינער ביבליאָטעק־געבײַדע האָבן די פֿאַשיסטן אײַנגעאָרדנט אַ קאַזינאָ.

...אין זעק, אויף טראָג־ברעטלעך, פּאָשעט מיט די הענט האָבן די צוויי פֿרויען, צוזאַמען מיט עטלעכע פֿרײַוויליקע געהילפֿן, וואָס האָבן זיך טייקעף אָפּגעזוכט, אַריבערגעטראָגן די ביכער אין דער שול, וועלכע האָט זיך געפֿונען דאָ ניט ווײַט. מע האָט אַריבערגעשלעפּט די פּאָליצעס, די טישן, אַוועקגעשטעלט אַלץ אויף אַן אָרט, און אין עטלעכע טעג אַרום האָט די ביבליאָטעק ווידער פֿונקציאָנירט. אָבער ניט אויף לאַנג.

ווידער האָבן זיך געיאָוועט אַהער היטלער־יונגען און באַפֿוילן באַפֿרײַען די געבײַדע. און ווידעראַמאָל האָבן די צוויי פֿרויען זיך געלאָזט זוכן אַ מאָקעם פֿאַר די ביכער. לעם דעם מאַרק האָט מען געפֿונען אַן אַלטע קוזניע און גענומען אַריבערטראָגן אַהין די ליטעראַטור. קיין טראַנספּאָרט האָט מען, פֿאַרשטייט זיך, ניט געהאַט, האָט מען געשלעפּט אויף די פּלייצעס באַרג־אַרויף שווערע פּעק, מע האָט זיך אַרויסגעשלאָגן פֿון די קויכעס, נאָר אָנהייב ווינטער האָט זיך די ביבליאָטעק ווידער געעפֿנט. לענינס ווערק האָט יוליִאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ געהיים אַריבערגעטראָגן צו זיך אַהיים אויף דער בעדווירניצקע־גאַס, אַ טייל פֿאַרבאַהאַלטן אין קעלער, אַ טייל — אָפּן בוידעם, צוגעדעקט זיי מיט וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. ניט איין מאָל האָט מען בײַ איר געמאַכט אונטערזוכונ־

גען, נאָר גאָרנישט ניט געפונען. זי האָט ריזיקירט מיטן לעבן.

א טייל פון לענינס ווערק האָט מען פונדעסטוועגן איבערגעלאָזט אין דער ביבליאָטעק, זיי אויסבאהאלטן הינטער די ביכערפּאָליצעס, פארוקט זיי צווישן אנדערע ביכער. מע האָט לענינס ווערק ארויסגעגעבן אזעלכע מענטשן, וועמען מע האָט געקאָנט פולשטענדיק פארטרויען, וועמען דאָס לענינישע וואָרט איז ביז גאָר נייטיק געווען. און אזעלכע מענטשן זײַנען געווען ניט ווייניק.

די ביבליאָטעק, ווו עס האָבן מיט אזא מעסירעסנעפעש זיך געמיט די צוויי פרויען, איז אין יענע פינצטערע אָקופּאציע־יאָרן געווען אין אומאן דאָס איינציקע געזעלשאפטלעך־עפנטלעכע אָרט, ווו מע האָט געקאָנט אָן עטעם טאָן מיט דער לופט פונעם היימלאנד.

ביז הײַנטיקן טאָג היט מען אָפּ אין אומאן יענע לענינס ווערק, וועלכע עס האָבן אויסבאהאלטן פון די פאשיסטן די צוויי העלדישע פרויען. די דאָזיקע ביכער מיט צעריסענע הילעס, מיט אָנגעריסענע בלעטלעך, דורכגעלעכערטע פון באגנעטן, היט מען אָפּ אין באזונדערע שראנקען. נאָר באדארפט וואָלטן זיי ליגן אונטער א מוזיי־גלאָז, — מענטשן זאָלן זיי זען און קוקן אף זיי מיט יענעם געפיל פון דאנקבארקײַט און באוווּנדערונג, מיט וועלכן מע קוקט אף שלאכט־רעליקוויעס.

דאָס דריטע לעבן

און אָט די געשיכטע וועט זײַן גאָר א קורצע.

באקאנענדיק זיך מיט דער שטאָט, זוכנדיק מענטשן, וואָס האָבן מיך אינטערעסירט, בין איך ארײַנגעקומען אין דעם אומאניער טעכניקום פון לאנדווירטשאפטלעכער מעכאניזאציע.

דאָ האָט מיך מאמעש איבעראשט דער זאל מיט דעם אופשריפט באם ארײַנגאנג — „מוזיי־צימער פון וו. אי. לענין". ס'איז פּאָשעט געווען צו באוווּנדערן, וויאזוי עס איז געלונגען, אף א פארהעלטניסמעסיק ניט גרויסן שטעטך, אין אויסגעצייכנטע איליוסטראציעס, אין אָריגינעל־פארטראכטע און מײַסטערהאפט אויסגעפילטע מאָנטאזשן, געמעלן, אופשריפטן, צו באווײַזן דאָס לעבן פון וולאדימיר איליטש, זײַן קאמף, די גויראָלעס פון רוסלאנד, וואָס זײַנען מיט אָט דעם קאמף פארבונדן.

און ווען איך בין ארויסגעגאנגען פון זאל, האָב איך א קלער געטאָן: „אָט איז עס — דאָס דריטע לעבן פונעם לענינישן וואָרט, וואָס יעדעס מאָל אנטפּלעקט זיך עס אף א נײַעם אויפן און וואָס וועט אייביק לעבן אין דער שאפונג פונעם פאָלק, אינעם פלאטער פון זײַן ליבע צום היימלאנד. אין דעם איז די קראפט און די אומשטערבלעכקײַט פונעם לענינישן וואָרט".

איליטשס פּאָרטרעטן

אין אירע זיכרוינעס וועגן וו. אי. לענינען, וואָס זײַנען געווען אָפּגעדרוקט אין זשורנאל „נאָווי מיר", דערציילט די אלטע רעוואָליוציאָנערקע יעליזאוועטא דראבקינא: „עס עקזיסטירט לענינס א גראפיט־פּאָרטרעט, וואָס דער קינסטלער לעאָניד פּאסטערנאק האָט אָנגעמאָלט בייס דעם III קאָנגרעס [פון קאָמינטערן]... לענין שטייט אף דער טריבונע, די אויגן זײַנען בא אים עטוואָס צוגעמאכט, דער קערפּער איז געווענדט פּאָרויס, און אינגאנצן איז ער פול מיט גוווּרע, דראנג און ווילן צום קאמף"...

איך האָב געוווּסט, אז אין אָקספּאָרד לעבן לעאָניד פּאסטערנאקס טעכטער — לידיא און זשאָזעפינא. עפשער געפינט זיך בא זיי דער פּאָרטרעט, וועגן וועלכן עס דערמאָנט דראבקינא? — מיט אָט דעם געדאנק בין איך אָנגעקומען קיין אָקספּאָרד.

...פאנטאסטיש איז די ארכיטעקטור פון די אוראלטע קאָלעדזשן אינעם בארימטן אוניווערסיטעט־צענטער. און אָט איז דאָס קליינינקע געסעלע פּארק טאון. דאָ, אין דעם הויז נומ. 20, וווינט איינע פון ל. א. פּאסטערנאקס טעכטער. אף דער טיר הענגט א פּאפּירל, אָנגעשריבן פון דער האנט: „קיין פרײַע צימערן זײַנען ניטאָ".

די טיר עפנט אוף די באלעבאָסטע. לידיא לעאָנידאָוונא פּאסטערנאק־סלייטער באקאנט אונדז מיט איר שוועסטער. די ווענט פונעם פירהויז און פונעם צימער זײַנען באהאנגען מיט בילדער, וואָס לעאָניד פּאסטערנאק האָט געמאָלט. דאָ האָט ער געלעבט די לעצטע יאָרן. אין צימער איז קאלט. אויב אורטיילן

ל. פאסטערנאק. גראַפיט־פּאָרטרעט
פון וו. אי. לענין

לויט דער טעמפּעראַטור, האָט מען דאָס עלעקטרישע אייוועלע, וואָס שטייט קימאַט אין דער מיט פון צימער, אײַנגעשלאָסן, ווײַזט אויס, ניט לאַנג פאַר מײַן קומען.

לידיאַ לעאָנידאָוונאַ דערציילט: „דער פאָטער האָט שטענדיק אַ סאַך געאַרבעט, באַזונדערס די לעצטע יאָרן. ווען ער איז געשטאָרבן, איז אָף דער מאָלברעט פאַרבליבן ניט קיין פאַרענדיקטער עסקיז פון אַ לענין־פּאָרטרעט, געמאָלט מיט אייל־פאַרב“...

לידיאַ לעאָנידאָוונאַ באַווײַזט מיר דעם עסקיז. איליטש שטייט אָף אַ טריבונע, וואָס איז פאַרדראַפּירט מיט רויטן צײַג. ער האָט זיך אַ צי געטאָן פאָרויס, די אויגן זײַנען בײַ אים עטוואָס צוגעמאַכט. דער פאַריסענער קין און די האַנט, וואָס שפּאַרט זיך אָן אין דער טריבונע, שטרײַכן נאָך מער אונטער די עקספּרעסיוויקײַט. אין לענינס גאַנצער פּאָזע פילט זיך אָן אויסערגעוויינלעכע קאָנצענטרירטקײַט און אָנגעצילטקײַט. דער העל־גרינער פאָן גיט צו דעם בילד פרישקײַט, לעבנסלוסטיקײַט, יאָמטעוודיקײַט.

דער עסקיז איז אָנגעמאָלט לויט די גראַפיט־עטיודן, וואָס דער קינסטלער האָט געצייכנט פון דער נאַטור. לידיאַ לעאָנידאָוונאַ באַווײַזט איינעם פון די דאָזיקע עטיודן, וועלכער איז געמאַכט מיט קאָלירטן גראַפיט. די גרייס פונעם געמעל איז 18×15,5 סאַנטימעטער.

ס'האָבן זיך פאַרהיט נאָך דרײַ גראַפיט־עטיודן, וואָס פּאַסטערנאַק האָט, ווײַזט אויס, געצייכנט אָפן III קאָנגרעס פון קאָמינטערן; די געמעלן געפינען זיך אינעם אָקספאָרדער מוזיי. מע איז געצוווּנגען געווען אָפּצוגעבן זיי אַלס געצאָלטס פאַר דער אויסשטעלונג פונעם קינסטלערס שאַפונג, וואָס דער מוזיי האָט אײַנגעאָרדנט נאָך זײַן טויט.

און מערקווירדיק, דער מוזיי האָט אויסגעקליבן ניט די גרויסע אייל־לײַוונטן, נאָר גראָד אָט די מיניאַטיורע גראַפיט־געמעלן. (בײַ די צוויי שוועסטער געפינען זיך קימאַט 300 קונסט־ווערק פון זייער פאָטער.)

זשאָזעפינאַ לעאָנידאָוונאַ דערציילט:

— אַלע אָן אויסנאַם קאָלעקציאָנערן, מוזייען און גאַלערייען, וואָס ווענדן זיך צו אונדז פון אַלע עקן וועלט מיט אָנפראַגעס וועגן דעם טאַטנס ווערק, ווילן אין דער ערשטער ריי אײַנשאַפן די לענין־געמעלן... און דאָס איז פאַרשטענדלעך. די דאָזיקע בילדער האָבן ניט נאָר אַ גרויסע ריין־קינסטלערישע, נאָר אויך אַ היסטאָרישע ווערט, אַלס דאָקומענטאַלע נאַטור־געמעלן פונעם פירער פון דער רעוואָליוציע אין די ערשטע יאָרן פון דער סאָוועטישער ערע.

אָבער דעם בעסטן לענין־פּאָרטרעט האָט דער קינסטלער, וואַרשײַנלעך, אָנגעמאָלט אָף איינער אַ זיצונג פונעם אַלרוסלענדישן צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט. לענין איז געשילדערט אין מאָמענט, ווען ער האַלט אַ רעדע. ער שטייט פאַרן פרעזידיום־טיש. די האַנט איז אַרײַנגערוקט אין הויזן־טאַש. ווי אָף אַנדערע בילדער, איז לענין אויך דאָ אינגאַנצן אין באַוועגונג. די אויגן — עטוואָס צוגעזשמורעט, גלײַך ווי ער זאָל זיך אײַנקוקן אין דער צוקונפט.

דאָס לענין־געשטאַלט האָט פאַרנומען אַ גרויס אָרט אין דער שאַפונג פון לעאָניד פּאַסטערנאַק.

וסעוואָלאָד סאָפינסקי

צום ווידערזען אין פריידן

פאַראַנינאַ בא די טאטרען — „א דאָרף קימאט פון רוסישן טיפ. שטרויענע דעכער. אָרעמקייַט. באָר־וועסע פרויען און קינדער. די מאנצבלען טראָגן קליידער פון די גוראלן: ווייַסע געוועבטענע הויזן און פונקט אזעלכע פעלערינעס״ (פון וו. אי. לענינס בריוו צו זייַן שוועסטער מאריַע איליניטשנע).

א ניט גרויסער פלאץ בא דעם הויז פון דער אָרטיקער פּאָטשט־אָפּטיילונג.

גאנצפרי. 7 אווגוסט 1914.

מעטשיסלאווא, די פרוי פונעם פארוואלטער פון דער פּאָטשט ראדקעוויטש, גייט ארויס עפענען די לאָדן. צום פלאץ, הינטער די קוליסן, קומט צו מיט אייַנגעהאלטענעם ראש עפעס אן אוילעם. מע הערט, ווי עס שטעלן זיך אָפּ עטלעכע וועגענער. ווען מעטשיסלאווא פעסטיקט צו דעם לאָדן, צעעפנט ראדקעוויטש פון אינווייניק דאָס פענצטער.

ר א ד ק ע ו י ט ש

מעטשיסלאווא! טו א קוק, וואָס איז דאָרט פאר א ראש.

מ ע ט ש י ס ל א ו א

ס'איז דאָך מילכאָמע, טייַערער. קאָן זייַן, די רוסישע קאזאקן
האָבן שוין דורכמארשירט אזש ביז צו אונדזער דאָרף...

ר א ד ק ע ו י ט ש

ש־ש־שאַ! וואָס רעדסטו, פרוי, אזעלכע ריידן!.. פראנץ־יאָזעף,
דער אימפּעראטאָר אונדזערער, ווען ער זאָל הערן, וואָלט געוויס
דיך שטרענג באשטראָפט. דערצו נאָך האָט דער קריג זיך אָנגעהויבן נעכטן,
און הייַנט דו זעסט קאזאקן שוין אין אונדזער עסטערייַכישער גאליציע!

מ ע ט ש י ס ל א ו א (שפילעוודיק)

איך זע, עס גייט אהער דעם אימפּעראטאָרס א זשאנדארם...

ר א ד ק ע ו י ט ש

א, מאטישטשוק... פּאן וואכמיסטער...

מ א ט י ש ט ש ו ק (שטעלט זיך אָפּ אינמיטן פלאץ)

דזיען דאָברי, פּאַנא מעטשיסלאווא.

מעטשיסלאווא טוט זיך א פארנייג און קערט צוריק זיך אום אין שטוב.

הער פּאָטשטמייסטער, איך בעט אייַך, קומט אַף א ווייַלינקע ארויס.

ראדקעוויטש גייט ארויס פון שטוב.

ר א ד ק ע ו י ט ש

געשיקט זיך, זייַנט איר אזוי גוטהארציק, אז אייַערע זשאנדארמען
איר האָט געבראכט אוועקצושטעלן בא דער פּאָטשט א וואך?

מאטישטשוק

אך, פאָן ראַדקעוויטש. איר, די ליבעראַלן, שלאָפט און זעט אין כאָלעם,
אַז מע באוואַכט אײַך — ס'הייסט, מע היט אײַך אָפּ, און ניט מע קאָנוואָירט...

ראַדקעוויטש

און וועמען קאָנוואָירט איר דאָרט? (ווײַזט מיט דער האַנט אין דער ריכטונג פונעם טומל.)

מאטישטשוק

דאָרט האָבן קאָמעדיאַנטן, ייִדן
זיך אָפּגעשטעלט, א ראַשיקע כאַליאַסטרע...

ראַדקעוויטש

פאַרוואָס זשע, פאָן מאַטישטשוק,
האָט עס פאַר זון־אופגאַנג פון שלאָף אײַך אופגעוועקט? איבער גאַליציע
די בידנע וואַנדער־טרופּעס דרייען זיך אַרום שוין וויפל יאָרן...

מאטישטשוק

ס'איז אָבער דאָ א כשאַד... נאָר עפּשער וועגן דעם אײַך ניט דערציילן,
ווײַל איר, די ליבעראַלן...

ראַדקעוויטש (מיט א שמייכל)

פאָן וואַכמײַסטער, מיר דוכט, איר זײַנט אַליין געווען אַמאָל א ליבעראַל...

מאטישטשוק

פאַרוואָס — אַמאָל?! דער גאַנצער קריג אָט דער — ער האָט א מיין, זײַט וויסן,
אַז אונדזער ליבעראַלער אימפּעראַטאָר, זײַן האָכגעבורט, פאַרדאַמט מיט קוי'ך
די באַרבאַרן, די אַזיאַטן, און עס איז בא אונדזער ליבן אימפּעראַטאָר
אַפילע דער זשאַנדאַרמען־קאָרפּוס ליבעראַל אין גײַסט...

ראַדקעוויטש

פאַרוואָס זשע, זאָגט מיר, הער איך: „איר, די ליבעראַלן”?...

מאטישטשוק

ס'איז א כילעק...
פון אײַך זײַט מיר, די זײַלן פון דער אָרדענונג, דעם אימפּעראַטאָרס ליבעראַלן,
וואָס היטן אָפּ די רו אין לאַנד, דערלאָזן ניט קיין צוואַנג און קיין פּאַראַט;
און עפּעס אַנדערש גאָר, מײַן גנעדיקער און ליבער הער ראַדקעוויטש,
די יעניקע, וואָס קוקן ליבעראַל, לעמאָשל, אָף דעם רוס אוליאַנאָוו...

ראַדקעוויטש

דער רוס אוליאַנאָוו איז אַן עמיגראַנט, און א פּאָליטישער. איר ווייסט דאָך,
אַז ניט ראַדקעוויטש, דער פּאָטשטמייסטער, האָט געגעבן אים דאָס רעכט
צו זײַן אין אונדזער לאַנד... און כ'שווער אײַך: אָף דער פּאָטשט
באַקומט ער בריוו און צײַטונגען, ניט מערער...

מאטישטשוק (דראָעט מיטן פינגער)

מיר ווייסן,
ווער ס'האָט בא אײַך אַן אומלעגאַלע דרוקערײַ אין זײַטיק צימערל געהאַט...

ראַדקעוויטש

פאָן ליבעראַלער וואַכמײַסטער, צי לוינט אצינד מיט אַזא ערנסטקײַט דערמאָנען
די פיצינקע דרוקאַרניע, וועלכע עמיגראַנטן האָבן בלויז געוואָלט זיך דאָ פאַרשאַפן,
און איר האָט זי פאַרמאַכט, נאָך אײדער מ'האָט באַוויזן אָפּקלאַפּן אַן אומשולדיקן טעקסט...

דאָרט, ווו די וועגענער האָבן זיך אָפּגעשטעלט, זינגט מען:

Un, deux, trois, quatre
(אָן, דאָ, טרוא, קאטאָר),
ניט געגעסן — דאָך א זאטער.
שטייט א זשאנדאר בא דער טיר.
שטייט און היט — מיך מיט דיר.
פינף, זעקס, זיבן, אכט,
היט באטאָג און היט באנאכט.
בראנפן טרינקט ער פון א קויס,
גיכער לויף זשע, לויף ארויס!

מ א ט י ש ט ש ו ק (שרייַט)

שטומען זי, עס זינד זאָ פריי! איר — יודען!

די ליד ווערט שטילער. באם אָפענעם פענצטער פון דער פּאָטשט זעצט זיך צו מעטשיסלאווא און נעמט עפּעס שטריקן.

ר א ד ק ע ו י ט ש

הער וואכמיסטער, איר האָט דאָך מיך געוויס גערופן צ ו ל י ב ע פ ע ס...

מ א ט י ש ט ש ו ק

געוואָלט אייַך פרעגן, צי דער רוס אוליאנאָוו קלייַבט זיך הייַנט אריינקומען נאָך פּאָטשט...

מ ע ט ש י ס ל א וו א (זיצנדיק באם פענצטער)

קלוימערשט, ס׳ווייסט ניט דער זשאנדארם, אז אלע אינדערפרי און אויך אין האלבטאָג אוליאנאָוו און זייַן פרוי פארקערעווען אהער נאָך בריוו...

מאטישטשוק ציט זיך אויס מיט קאס אין א סטרונע, נאָר ווערט גלייַך ווייכער; מע זעט, אז די פּאָטשטמייסטערשע געפעלט אים און ער איז איר מויכל די כוצפע.

ר א ד ק ע ו י ט ש

מעטשיסלאווא,
דער אימפעראטאָר אונדזערער, ווען ער זאָל הערן, ווי דו מישט אריין זיך אין א געשפרעך, וואָס האָט, קאָן זייַן, אן אינטערעס פאר דער אימפעריע...

מאטישטשוק פירט אָפּ ראדקעוויטשן אין א זייַט און רעדט שטיל, מעטשיסלאווא זאָל ניט הערן. מעטשיסלאווא בייגט זיך אריבער איבערן פענצטער און הערט זיך צו.

מ א ט י ש ט ש ו ק (פארטרוילעך)

פאראן בא אונדז א כשאד... נאָר עפּשער וועגן דעם אייַך ניט דערציילן, ווייַל איר, די ליבעראלן...

ר א ד ק ע ו י ט ש (מיט איראָניע)

מיר דוכט, איר זייַנט אליין געוועזן אמאָל א ליבעראל...

ביידע לאכן גוטמוטיק.

מ א ט י ש ט ש ו ק (הערט מיטאמאָל אוף צו לאכן און שרייַט אהין, פונוואנען עס דערטראָגט זיך, אצינד שוין א ביסל שטארקער, דער ראש פונעם אָנגעפאָרענעם אוילעם און די ליד „אָן, דאָ, טרוא, קאטאָר")

היי, דו! ניט דו, נאָר זי! דו, דומפּע קאָפּ! איך רוף ניט דיך...
זאָג א י ר... נייך, א י ר! זאָג, אז איך רוף זי. זאָל זי צוגיין.

עס לויפט צו א באָרוועס מיידעלע פון א יאָר פערצן און קוקט שווייַגנדיק — דאָס אפן זשאנדארם, דאָס אפן פּאָטשטמייסטער.

מ א ט י ש ט ש ו ק

און ריידן קאָנסטו עפּעס?

ד אָ ס מ י י ד ע ל ע

יאָ.

מ א ט י ש ט ש ו ק

מע רופט דיך...

ד אָ ס מ יי ד ע ל ע

פייגעלע.

מ א ט י ש ט ש ו ק (מיט עפּעס אַן אַנדײַט)

פאַרוואָס ניט פּטאַשעטשקאַ?

פ יי ג ע ל ע

כאַ־כאַ! פּאַזשאַלויסטאַ, מע קען אַזוי...

מ א ט י ש ט ש ו ק

דו קומסט פון רוסלאַנד?

פ יי ג ע ל ע

יאָ. און פייגעלע איז פּונקט אַף רוסיש — פּטאַשעטשקאַ.
ניט לאַנג צוריק, ווען דער טעאַטער אונדזערער אין קראַקאָוו האָט געשפּילט,
איז איינער פון די רוסן, וועלכע ווינען דאָרט, געווען בא אונדז אַף אַ ספּעקטאַקל,
און ווײַל זײַן פרוי, די טיאָטיאַ נאַדיאַ, קען אַ ביסל ייִדיש,
האָט זי מײַן נאָמען פ יי ג ע ל ע פאַרטײַטשט אַף פּ ט א ש ע ט ש ק א,
און ס׳האָט דיאַדיאַ וואָלאָדיאַ שוין גערופן מיך פון דעמלט אָן אַזוי...

מ א ט י ש ט ש ו ק (טוט זי אַ שלעפּ צו זיך)

ווער האָט פון רוסלאַנד מיט אַ שליכעס דיך געשיקט צו אָט דעם דיאַדיאַ, —
זאָלסט קלוימערשט פון דער היים אַנטלויפן מיט דעם ייִדישן טעאַטער
און דאָ, אין קראַקאָוו, אָפּזוכן דערווײַל אוליאַנאָוון און איבערגעבן אים...
וואָס האָט מען דיר געהייסן איבערגעבן אים, דעם דיאַדיאַ וואָלאָדימירן?

פ יי ג ע ל ע (רײַסט זיך אַרויס פון מאַטישטשוקס הענט)

לאָזט אָפּ! אוי, ס׳טוט מיר וויי!

מעטשיסלאַווא גייט אַרויס פון שטוב און נעמט אָפּ אין אַ זײַט פייגעלען.

מ ע ט ש י ס ל א ו ו א

אַך, מאַטקאַ באָזקאַ... מאַטקאַ באָזקאַ...
ווי גרויס ס׳איז דאָס אַכזאָריעס... מיט קינדער פירט מען אַ מילכאָמע...

מאַטישטשוק רופט אָפּ אין אַ זײַט ראַדקעוויטשן, פרעגט אים עפּעס, רוימט אים אײַן אַ סאָד. אין דער זעלבער צײַט זעצן זיך מעטשיסלאַווא און פייגעלע אַוועק אַף די קלעצער, וואָס לעבן שטוב, און פייגעלע, צודריקנדיק זיך צו מעטשיסלאַוואַן, זינגט שטילערהייט:

זײַ זשע מיר געזונט, מײַן ליבע מוטער,
זאָל שוין נעמען אַן עק!
די מילך פון דײַן ברוסט האָב איך דאָך געזויגן,
איצטער בין איך ווײַט פון דיר אין וועג.
אַך, עס איז ביטער, מײַן ליבע מוטער,
דײַן פייגעלע בא פרעמדע טירן שטיין.
דאָס לעבן איז אַ קלאָלע, מײַן ליבע מוטער,
אין פרעמדן לאַנד בין איך אַליין, אַליין.

מ א ט י ש ט ש ו ק (צו ראַדקעוויטשן)

האַקלאַל, אוליאַנאָוון כ׳וועל באַלד אַ זוך טאָן. אויב אָבער ער קומט אַליין אַהער,
איז גיט אים איבער, אַז איך בעט... איך פאָדער! — ער זאָל דאָ צוּוואַרטן אַף מיר.

ר א ד ק ע ו ו י ט ש

יאַוואָל, הער ליבעראַלער וואַכמיסטער...

מאטישטשוק אָפּ. ראַדקעוויטש גייט צו צו די קלעצער, שטאַרק פאַרביטן אין פּאָנעם. דער גוטמוטיקער און לײַכטזיניקער אויסזען איז בא אים פאַרשוווּנדן. ער איז פאַרזאָרגט און אופגערעגט. ווענדט זיך צו מעטשיסלאַוואַן.

ר א ד ק ע ו ו י ט ש

דו האָסט געהערט די רייד פונעם זשאַנדאַרם?

מ ע ט ש י ס ל א ו ו א

א פּרוי הערט אַלץ, וואָס מאַנצבילען רעדן צווישן זיך, אויב זיי פאַרשטעלן זיך אפילו מיט א וואַנט...

ר א ד ק ע ו ו י ט ש

ניין, מעטשיסלאַווע, האָסט, וואַרשײַנלעך, ניט געהערט דעם סאָף פון זײַנע רייד...

מ ע ט ש י ס ל א ו ו א

דער סאָף איז זיכער דאָך ניט בעסער פונעם אָנהייב...

ר א ד ק ע ו ו י ט ש

ס'האָט מאַטישטשוק באַקומען א באַפעל אַראָפּבריינגען אין דער פּאָוויט-שטאָט אף מאָרגן אינדערפרי אוליאַנאַוו-לענינען.

מ ע ט ש י ס ל א ו ו א

און דאָרט?..

ר א ד ק ע ו ו י ט ש

און דאָרט אים אַרעסטירן.

פ י י ג ע ל ע (שרײַט אויס)

דיאַדיאַ וואָלאָדיאַן?!

מ ע ט ש י ס ל א ו ו א

א מעסירע?

ר א ד ק ע ו ו י ט ש

א קליינלעכע מעסירע... אַז אוליאַנאָוו גייט צום בערגל גאַליצאָווע גראַפּאַ...

מ ע ט ש י ס ל א ו ו א (באַווײַזט מיט דער האַנט)

דאָ בא דער זײַט... איך ווייס, ער האָט דאָרט ליב שפּאַצירן...

ר א ד ק ע ו ו י ט ש

...ניט מער, ניט ווייניקער — ער גייט אַהין צו צייכענען א פּלאַן פון אונדזער דאָרף אף איבערגעבן אים די רוסן...

מ ע ט ש י ס ל א ו ו א

א קלאָג אף זייער קאָפּ! אוליאַנאָוו — א שפּיאָן...

פ י י ג ע ל ע

דיאַדיאַ וואָלאָדיאַן וויל מען אַרעסטירן? דיאַדיאַ וואָלאָדיאַן דראָעט א געפאַר?

ר א ד ק ע ו ו י ט ש

יאָ, פייגעלע. פלי גיכער, פלי צו אים און טו א קוק, ווו איז ער...

(צו מעטשיסלאַוואַן)

1*

און דו, מײַן טײַערע, גײ אין א צװײטער זײַט, — און װער פון אײַך ס'װעט אים דערזען, זאָל שטילערהײט אים זאָגן, אז עס זוכט אים די פּאָליציי...

דער טומל בא די װעגענער װערט שטארקער.

נו, אײַלט זיך צו! כ'װעל אָפּ אוליאַנאָװון דאָ װארטן...

מעטשיסלאװא און פּײגעלע גײען אװעק אין פארשײדענע זײַטן. עס קומען אָן ערשטער ארטיסט און ערשטע אקטריסע.

ערשטער ארטיסט

װו איז אהינגעקומען פּײגעלע? מיר דארפן רעפּעטירן אונדזער שפּיל...

ערשטע אקטריסע

געראָפן זי מיט אײַלעניש, נו מאמעש עקסטרא, אָבער אומקערן — א פּײַג...

ראדקעװיטש

װאָסי, עס קאָן זיך ניט באגײן אָן איר די רעפּעטיציע?

ערשטער ארטיסט

שטעלט אײַך פאָר,
אז אָן דעם מײדעלע עס קאָן זיך ניט באגײן די רעפּעטיציע.
ס'איז פּײגעלע בא אונדז א פּרימאַדאָנע. זינגט און טאנצט און שפּילט...

ערשטע אקטריסע

נײן, ניט אומזיסט מיר האָבן פּײגעלען געבראכט אזש פון אוקראַיִנע,
די מאמע אירע — אױ, א מארשאַס! — איז נאָכגעלאָפן אונדז
אזש ביז דער גרענעץ...

עס קערט זיך אום מעטשיסלאװא.

מעטשיסלאװא (צו ראדקעװיטשן)

כ'האָב אונדזערע באקאַנטע פּונקט באגעגנט אפן װעג אהער.
זײ זײַנען דורכן הױף ארײַנגעגאַנגען אין פּאַטשט און װארטן דאָרט אָף דיר שױן.

ראדקעװיטש אָפּ. עס דערהערט זיך פּײגעלעס געשרײ.

מעטשיסלאװא (צו די ארטיסטן)

זעט, דער זשאנדארם שלעפּט פּײגעלען אהער...

ערשטער ארטיסט און ערשטע אקטריסע װארפן זיך ארױסהעלפן פּײגעלען.

מעטשיסלאװא

נײן, בלײַבט דאָ אפן אָרט. איך בעט אײַך זײער...
רופט גיכער די ארטיסטן אײַערע צונױף און הײבט אָן שפּילן,
מע דארף, אז עטלעכע מינוט זאָלט איר פארװײַלן דעם זשאנדארם,
ניט לאָזן אים ארײַנגײן אָף דער פּאַטשט, ביזװאַנען ס'װעט
זיך אומקערן פון דאָרט מײַן מאן. יאָ, דעם זשאנדארם זאָלט איר פארװײַלן...

ערשטער ארטיסט

דאָס קאָנען מיר...

ערשטע אקטריסע

ייִדן האָבן ליב זשאנדארמען.

ערשטער ארטיסט

מיט אונדזער ליבע זאָלן זײ זיך װארגן...

הייבט אָן בלאָזן אין א געשניצט פײַפל. עס לויפן זיך צונויף די ארטיסטן. מעטשיסלאַווא רעדט זיך שטיל מיט זיי דורך.

דער וואכמיסטער מאטישטשוק שלעפּט אַרײַן פייגעלען. די ארטיסטן נעמען זיך צונויף בא דעם אַרײַנגאנג אין דער פּאָסטשט־געבײַדע, פארשטעלנדיק מיט זיך די טיר.

מ א ט י ש ט ש ו ק

א וויכטיקן באַווייַז האָב איך באקומען! דאָס פּטאשקעלע
האָט קערנדלעך געפּיקט... טרעפט ווו... טרעפט, פּאנא מעטשיסלאַווא...

מ ע ט ש י ס ל א ו ו א

א מאנצבל בלײַבט א מאנצבל... פון אַלץ ער מאכט א רעטעניש, פון אַלץ...
און איך, ווי אפצולאָכעס, בין א נײַגעריקע...

מ א ט י ש ט ש ו ק

ווו איז הער ראדקעוויטש?

כ׳וועל אים דערווייַזן, אז דאָס פּטאשקעלע איז טאקע צו אוליאנאָוון געשיקט,
א סימען, אז ניט ערגעץ אנדערש — אפן בערגל גאַליצאָווא גראפּא
איך האָב געכאפּט זי. אפן בערגל, ווו אוליאנאָוון מע האָט געזען...

מ ע ט ש י ס ל א ו ו א

שפּאצירן...

מ א ט י ש ט ש ו ק

ניין, ליבע פּאנא מעטשיסלאַווא... געצייכנט האָט אוליאנאָוו...

מ ע ט ש י ס ל א ו ו א

מיטן שטעקעלע אין זאמד...

מעטשיסלאַווא לאכט רייצנדיק, דריקט זיך לײַכט צו צו מאטישטשוקן.

מ א ט י ש ט ש ו ק

דער הער ראדקעוויטש... איז אוועקגעגאנגען?

מ ע ט ש י ס ל א ו ו א

ניין, ער שטייט און קוקט אף אונדז, מײַן מאַן...

מ א ט י ש ט ש ו ק

און זיי, די קאָמעדיאנטן... וואָס קוקן זיי? צום טײַוול! היי!

ע ר ש ט ע ר א ר ט י ס ט

גנעדיקער הער, מיר זײַנען ייִדישע ארטיסטן...

מ א ט י ש ט ש ו ק

פארנעמט זיך גלײַך פונדאנען!

ע ר ש ט ע ר א ר ט י ס ט

מירן באַלד אוועקגיין. נאָר פאר דער גאַסטפרײַנטלעכקײַט פאר אײַערער,
אויס דאנקבארקײַט צו אײַער עקסעלענץ, מיר ווילן בלויז א פּאָר מינוט
פארווײַלן אײַך מיט אונדזער קארנאוואל, וואָס פורימשפּיל די ייִדן רופן אָן.

מעטשיסלאַווא זעצט אוועק מיט גוואַלד מאטישטשוקן אף די קלעצער, לאכט, פּאטשט מיט די הענט פאר פרייד.

מ ע ט ש י ס ל א ו ו א

אָ, מײַן וואכמיסטער! ס׳פארגרעבטע הארץ בא אײַך עס וועט זיך פרייען,
ווען איר וועט זען די שפּיל די נארישע פון אָט די ייִדן...

ערשטער ארטיסט

מיר הייבן אָן.[1]

ער טוט אָן די מאסקע פונעם פּאיאַץ, וואָס רופט אויס, וואָסער פּערזאָן עס דאַרף אַריינטרעטן אין דער האנדלונג.

פּאיאַץ.

איך בין דער פּאיאַץ פון אימפּעראַטאָר פראנץ־יאָזעף אליין...

מאַטישטשוק (צו מעטשיסלאַוואַן)

אונדזער אימפּעראַטאָר

באַווייַזט מען אין אזא מין באַלאַגאַן?!

מעטשיסלאַווא

פאַן מאַטישטשוק, איר ווילט דעם פּאָלק פאַרבאָטן

צו ליבן און באַזינגען דעם פאָטער פון דער עסטערייַכיש־אונגארישער אימפּעריע?

פּאיאַץ.

אַרייַן, אַרייַן, אַרייַן,

אימפּעראַטאָר פראנץ־יאָזעף מיט זייַנע יעדנערעלן!

די פיר גענעראַלן נעמען ארויס די שווערדן און מאַכן צוויי טויערן.

גענעראַלן (זינגען).

שפּאַנען מיר, שפּאַנען מיר דורך טויערן־טירן,

טוען מיר, טוען מיר דעם אימפּעראַטאָר אַרייַנפירן.

אויף זייַן האַנט — א גאָלדענער באַנד,

אויף זייַן פוס — א גאָלדענע שפּאָר.

ווינטשן מיר אים הונדערט מיט צוואַנציק יאָר!

מעטשיסלאַווא (צו מאַטישטשוקן)

פּיליייַכט, דעם אימפּעראַטאָר הונדערט צוואַנציק יארע ווינטשען זי!

מאַטישטשוק

דאס איזט זעער גוט, פּראַו מעטשיסלאַווא... (צו די ארטיסטן.) ביטע, פאָרטזעצן...

פּאיאַץ.

אַרייַן, אַרייַן, אַרייַן, הער שאָליעד!

שאָליעד.

איך, שאָליעד־לויפער. ווער עס דאַרף, זאָל הערן.

אָנזאָגן א נייַס דעם אימפּעראַטאָר בין איך גערן.

פּאיאַץ.

הערן יעדנערעלן, די שווערדן צעשפּרייט.

שפּילט א מאַרש, דער אימפּעראַטאָר גייט!

די גענעראַלן עפענען די שווערדן און ציִען זיך אויס. עס באַווייַזט זיך דער אימפּעראַטאָר פראנץ־יאָזעף. דער וואַכמיסטער מאַטישטשוק שטעלט זיך אויף.

מעטשיסלאַווא

פאַן וואַכמיסטער, פאַר א פאַרשטעלטן אימפּעראַטאָר שטעלט מען זיך ניט אויף...

מאַטישטשוק זעצט זיך צוריק אוועק.

אימפּעראַטאָר פראנץ־יאָזעף.

ווער איז דער שטרייַטער פון מייַן אימפּעריע?

---

[1] אין דער פּורימשפּיל זייַנען אויסגענוצט די מאַטעריאַלן, וועלכע ס'האָט צונויפגעזאַמלט און פּובליקירט נויעך פּרילוצקי.

ש אָ ל ־ י ע ד.

ניט קיין גאָענטער, ניט קיין ווײַטער —
צאַר ניקאָלײַ איז דײַן שטרײַטער.

פּ א י א ק.

ארײַן, ארײַן, ארײַן, צאַר ניקאָלײַ!

צ א ר נ י ק אָ ל ײַ.

איך בין צאַר ניקאָלײַ, דער גרויסער העלד.
פאַר מיר האָט מוירע די גאַנצע וועלט.
איך בין איינער,
און ווײַטער קיינער —
סאַ־מאָ־דער־זשעץ!
איך גיב א טופּע מיט מײַן רעכטער פיס,
כאַפּט אײַך אָן א קעלט און א היץ.
איך גיב א טופּע מיט מײַן לינקער פיס,
גיט א דונער מיט א בליץ.
איך גיב א וואָרף מיט מײַן רעכטער האַנט —
נעמט ציטערן פאַר מיר דאָס לאַנד.

א י מ פּ ע ר א ט אָ ר פ ר א נ ץ ־ י אָ ז ע ף.

זאָלסט, מײַן ברודער, צאַר ניקאָלײַ, נישט אזוי פּירטיג זײַן,
איך וועל מיט דיר אין דער שטרײַט ארײַן.
אין איין האַלב שאָ
ביסטו שוין נישטאָ.

צ א ר נ י ק אָ ל ײַ.

דרײַ און פערציק פאָר אָקסן
שלינג איך אײַן, ווי איין שיסעלע לאָקשן.
דרײַ און פערציק לעבעלעך ברויט
עס איך אויף אין איין קליינער נויט.
דרײַ און פערציק פאָר טויבן — אָף איין צאָן.
און דו, פראַנץ־יאָזעפל, גייסט מיט מיר שטרײַטן טאָן!

א י מ פּ ע ר א ט אָ ר פ ר א נ ץ ־ י אָ ז ע ף.

דרײַ און פערציק פאָר אָקסן האָסטו געטאָן בײַסן,
און דרײַ און פערציק לייבן האָב איך געטאָן צערײַסן.
דו האָסט געטאָן בײַסן דרײַ און פערציק לעבעלעך ברויט,
און איך וועל דיר מאַכן דעם ביטערן טויט.

פּ א י א ק.

לענדער אַלע, אַלע לײַט
מאַכן צווישן זיך א שטרײַט!

צ א ר נ י ק אָ ל ײַ.

אָף דיזע שטעלע, ווו דו שטעלסט דײַנע טריט,
אָף דיזע שטעלע וועט רינען דײַן בלוט!

א י מ פּ ע ר א ט אָ ר פ ר א נ ץ ־ י אָ ז ע ף.

דײַנע ווערטער שפּרינגען אָפּ פון מיר,
דו קריגסט א קלאַפּ, פליסטו צו דער טיר!

צ א ר נ י ק אָ ל ײַ.

איך וועל דיר אין קאָפּ ארײַן שיסן,
און דו וועסט פאַלן צו מײַנע פיסן.

זיי נעמען זיך ארום און ווילן איינער דעם אנדערן אומוואלגערן.

פ א י א ץ.

לענדער אַלע, אַלע לײַט
מאכן צווישן זיך א שטרײַט.
ווער זשע וועט אַן אייצע געבן,
אַז מע זאָל אין שאָלעם לעבן? —
ווער איז יענע צוויבער־פרוי,
וואָס וועט זאָגן אַלץ גענוי?

פ יי ג ע ל ע (די צויבערן).

איך — די צויבערן, איך — פייגעלע,
איך האָב איר א פּאָר גערדאנקען אייגענע.

פונעם הייפל — ווײַזט אויס, דורך דער הינטערטיר — קומען אָן אוליאנאָוו, קרופּסקאיא און ראדעק־וויטש. זיי שטעלן זיך אוועק אזוי, אז דער וואכמיסטער זעט זיי ניט. פייגעלע באמערקט זיי און וויל זיך א לאָז טאָן צו אוליאנאָוון, נאָר דער פאיאץ האלט זי אָפּ און טוט צו איר א שעפּטשע, זי זאָל זאָגן אירע ווערטער לויט דער שפּיל.

צ ו י ב ע ר ן.

דו, פראנץ־יאָזעף, דאָס פאָלק זאָלסטו הערן,
אניט וועט די קרוין פון דיר זיך אָפּקערן!

אימפּעראטאָר פראנץ־יאָזעף הייבט אָן ציטערן.

צ ו י ב ע ר ן.

דו, צאר ניקאָלײַ! מיטן פאָלק זאָלסטו ריידן,
אניט וועט דײַן קרוין פון דיר זיך אָפּשיידן!

צאר ניקאָלײַ הייבט אָן ציטערן.

צ ו י ב ע ר ן (שרײַט אף ביידן).

אזוי איז ניט גוט,
עס רינט אומשולדיק בלוט!

אוליאנאָוו קוקט מיט אינטערעס די שפּיל, ער פרעגט עפּעס בא קרופּסקאיא, און קרופּסקאיא פארטײַטשט אים.

פ א י א ץ.

אַך, דו צויבערן, דו ביסט דאָך אזא קליין קינד,
וויאזוי נעמסטו זיך אונטער צו גיין אף אזעלכע גרויסע הינט?
וואָס אזוינס איז מיט דיר געשען?
וועמען האָסטו אין דײַן טרוים געזען?

צ ו י ב ע ר ן.

א מענטש אף דער ערד
אָן ביקס און אָן שווערד!

דער אימפּעראטאָר און דער צאר פאלן כאלאָשעס. דער וואכמיסטער רײַסט זיך פון מעטשיסלאַוועס הענט.

מ א ט י ש ט ש ו ק

וואָס קומט דאָ פאָר? ס'איז פּראָפּאגאנדע! אַלע יודען זײַנען
הײַנט פארעטער!

אוליאנאָוו לאכט אף א קאָל. מאטישטשוק דערזעט אים. פייגעלע לויפט צו אים צו, ער גלעט זי באם קאָפּ, בארויִקט זי. ס'דערהערן זיך אויסגעשרייען צווישן די ארטיסטן: „זעט, די אוליאנאָווס זײַנען געקומען!", „זדראסטיע, טאָווארישטש אוליאנאָוו!". אַלע ווארפן זיך א דריק טאָן די האנט אוליאנאָוון און קרופּסקאיאן.

אוליאנאָוו

זדראַווסטוויטע. איך בין צופרידן זען אײַך. מײַן פרוי זעצט איבער אַזוי קאָרעקט פון ייִדיש, אַז כ׳האָב די מעגלעכקײַט צו נאָכפאָלגן עטוואָס פון אײַער שפּיל.

ערשטער ארטיסט

נו, יאָ. פרוי נאדיא האָט א כוש צו אונדזער לאָשן...

קרופּסקאַיא

כ׳האָב אין פּוילן
א צײַט געכאַוועוועט זיך מיט מיידלעך — פּוילישע און ייִדישע...

מאטישטשוק

גאָספּאָדין אוליאנאָוו...

פייגעלע

דיאדיא וואָלאָדיא!.. דער זשאנדארם... ער קלײַבט זיך אײַך פארשפּארן אין א טפּיסע! (וויינט.)

אוליאנאָוו

אַזוי גאָר, פּטאשעטשקאָ?.. נאָר וויינען דאַרפסטו ניט.
שוין ניט דאָס ערשטע מאָל זשאנדארמען זעצן מיך ארײַן אין טורמע...

פייגעלע

פאַרוואָס?! פאַרוואָס?!

מאטישטשוק (צום ערשטן ארטיסט)

אויב גלײַך דו נעמסט די פּטאשקא ניט אוועק,
וועל איך דעם גאנצן באַלאַגאַן צעטרײַבן...

ערשטער ארטיסט

שא, פייגעלע, ניט וויין...

אן אופרודערונג הינטער די קוליסן. מע שרײַט: „פייגעלעס מאמע!“, „ברײַנע־סאָרע האָט אונדז דעריאָגט!“ די ארטיסטן צעלויפן זיך אין גרויס שרעק און באהאלטן זיך ווו ווער עס באַווײַזט: הינטער די קלעצער, אין הייפל. פייגעלע ווייסט ניט וואָס צו טאָן, און אין אײַלעניש באהאלט זי זיך הינטער דעם וואכמיסטער מאטישטשוקס פּלייצע. מאטישטשוק שטייט אינמיטן פּלאץ, אַזוי ווי ער איז גע־שטאנען. עס לויפט אָן, א צעשויבערטע און א צעכראסטעטע, ברײַנע־סאָרע, און אין איין רעגע געפינט זי הינטער די קלעצער דעם אימפּעראטאָר פראנץ־יאָזעף און דעם צאר ניקאָלײַ און שלעפּט זיי ארויס אפן פּלאץ. אוליאנאָוו, קרופּסקאַיא, ראדקעוויטש און מעטשיסלאווא, מײַנענדיק, אַז די פּורימשפּיל ווערט פאָרגעזעצט, גייען אָפּ אפן הינטערפּלאן, אין הייפל, און זעצן פאָר צו באטראכטן די שפּיל.

ברײַנע־סאָרע (צום ארטיסט, וואָס שפּילט דעם אימפּעראטאָר פראנץ־יאָזעף)

ווער ביסטו?

אימפּעראטאָר פראנץ־יאָזעף.

אימפּעראטאָר פראנץ־יאָזעף...

ברײַנע־סאָרע (צום ארטיסט, וואָס שפּילט דעם צאר ניקאָלײַ)

און דו ביסט אויך מיר עפּעס קענטלעך...

צאר ניקאָלײַ.

איך בין צאר ניקאָלײַ...

ברײַנע־סאָרע

א מיסע־מעשונע אף אײַך ביידן! (שטופּט זיי אָפּ.)

אוליאנאָוו (צו קרופּסקאַיאַ, אָנווײַזנדיק אף ברײַנע־סאָרען)

די דאַזיקע — זי איז א פּייַקע אַקטריסע. זי שפּילט נאַטירלעך...

קרופּסקאַיא (שמייכלט)

וואָלאָדיאַ,
איך מוז אַנטוישן דיך. די דאָזיקע איז קיין אַקטריסע ניט, נאָר פּטאַשעטשקעס באַטירלעכע מאַמאַשע...

אוליאַנאָוו (פריילעך)

אַזוי גאָר? אָטשען ליובאָפּיטנאָ! פּרעוואָסכאָדנאָ!

ברײַנע־סאָרע (צו מאַטישטשוק)

און דו, געפּילטער פלאָכט מיט די פּאָמפּאָנעס, ביסט ניקאָלאַשקעס א באַהעלפער ביסטו?

מאַטישטשוק (אין פאַרלעגנהייט)

ווער איז די מאַדאַם?

פּייגעלע (רוקט זיך אַרויס פון הינטער זײַן פּלייצע)

דאָס איז מײַן מאַמע...

מאַטישטשוק (צו ברײַנע־סאָרען)

לײַגסט, פּאַרפּלוכטע. איך בין טרײַ מײַן אימפּעראַטאָר פראַנץ־יאָזעפן!

אוליאַנאָוו (נאָך דעם, ווי קרופּסקאַיאַ זעצט אים איבער די לעצטע ווערטער)

ס׳איז דער זשאַנדאַרם דער עמעסדיקער אין דער פאָרשטעלונג אַרײַן מיט ביידע פיס!

ברײַנע־סאָרע (צו מאַטישטשוק, טײַטנדיק אפן אַרטיסט, וואָס שפּילט פראַנץ־יאָזעפן)

אים ביסטו טרײַ, דעם פּראַנצעוואַטן גלאָמפּ? און שעמסט זיך ניט צו זאָגן?

פּייגעלע (צו מאַטישטשוק, פון הינטער זײַן פּלייצע)

בעסער רעדט איר ניט אַנטקעגן... איר ווייסט ניט, וואָס מײַן מאַמע קאָן!
ס׳גייט א מילכאָמע, און זי איז דורכגעגאַנגען אַלע גרענעצן מיט די אָקאָפּעס פון דער רוסישער און עסטערײַכישער אַרמיי, — און מיך געפּאַקט!..

ברײַנע־סאָרע

וואָס רעדסטו דאָרט צו אים?.. דו מיינסט, איך זע דיך ניט?

זי צעיאָמערט זיך, און פּייגעלע צעוויינט זיך אויך, און זיי ווארפן זיך איינע צו דער אַנדערער.

מאַטישטשוק

כ׳וועל ניט דערלויבן! די טאָכטער אײַערע, מאַדאַם, איך נעם אף א פאַרהער...

ברײַנע־סאָרע

אָט באַלד כ׳וועל דיך פאַרהערן, שטרויענער מענוול! הונט מיט אויערן!

(ווענדט זיך צו די אַרטיסטן, וואָס זײַנען שוין אַרויס פון די באַהעלטענישן)

א נײַיִנקער בא אײַך? אַזא מין לאָקש? ער קען דאָך קיין זשאַנדאַרם ניט שפּילן!

(די גרופּע אַרום אוליאַנאָוון לאַכט)

מײַן פײגעלען אװעקגעפירט... און צוגעקלעפּט זי צו זײַן פּלײצע...

(כאַפּט א קלאַץ און פאַרמעסט זיך אַף די אַרטיסטן, װײנענדיק)

איך װעל די קעפּ אײַך שפּאַלטן!

די אַרטיסטן — אַף צו דער גרופּע אַרום אוליאַנאַװ. מאַטישטשוק, בלײַבנדיק אַלײן קעגן ברײַנע־סאַרען, כאַפּט אַרױס דעם רעװאָלװער און פאַרנעמט אַ פּאָזיציע בא די קלעצער. ברײַנע־סאַרע װאַרפט אַװעק די קלאַץ, נעמט אָן פײגעלען בא דער האַנט.

קום, קינד מײַנס, לאָמיר לױפן
אַהײם, אַהײם! צו זײדע־באָבע, צו דער ציג! אין שטעטעלע אַרײַן!

(דראָעט מאַטישטשוקן מיטן פױסט)

און דיך װעל איך באַלד הײסן אַרױסטרײַבן פונעם טעאַטער! (צו פײגעלען.) **קום!**

פ ײ ג ע ל ע

מאַמע, װאַרט אַ רעגע. כ׳װעל זיך געזעגענען מיט דיאַדיאַ װאָלאָדיאַ און מיט טיאָטיאַ נאַדיאַ...

מ א ט י ש ט ש ו ק (הײבט זיך אױף פון די קלעצער)

איך װיל אײַך בעטן, גאַספּאַדין אוליאַנאַװ. דאָס הײסט — ניט בעטן... איך באַשטײ אױף נאָמען פון געזעץ. קומט מאָרגן אינדערפרי אַפּן װאָקזאַל. כ׳װעל זײַן דאָרט און אָפּפירן אײַך אין דער סטאַראַסטװע. זײַט װױסן (קוקט אַפּן זײגער)**, אַז פונקט אין דער מינוט מע מאַכט בא אײַך אָן אונטערזוכונג אין דער הײם.**

א ו ל י א נ א װ

אַ דאַנק, הער װאַכמיסטער, אײַך פאַר דער זאָרג. ביז מאָרגן בין איך פרײַ?

מאַטישטשוק שאָקלט מיטן קאָפּ אַף יאָ. אוליאַנאַװ און קרופּסקאַיאַ גײען צו צו די אַרטיסטן און געזעגענען זיך מיט זײ.

אַף װידערזען. און אומבאַדינגט אין פרײדן. פּטאַשעטשקאַ, דײַן װעסנע — זי הײבט זיך אָן ערשט. אַלץ, װאָס איצט קומט פאַר, איז אַ באַװײַז,
אַז אין דער װעלט עס טײַען שױן די שנײען... אַף װידערזען, און אומבאַדינגט אין פרײדן!

אוליאַנאַװ און קרופּסקאַיאַ גײען אַװעק.

פ אַ ר ה א נ ג.

אלעקסאנדער גובניצקי

שאָפערן

קאפיטל איינס

דערבען־קאלוגא

מיט א באזונדער כיין פארגייט די זון אין קליינעם געסל. פון לינקס שײַנט א גליִענדיקער שטראל אין פענצטער, פון רעכטס זיפט זיך די זון דורך א שפּארונע אין שטוב אַרײַן, פאר־שפּילט זיך דאָרט מיטן שפּיגל און קערט זיך אום אין באַליוכטענעם דרויסן — א העזעלע. גע־דיכטע, באוואקסענע מיט האָריקע טשופּרינעס, שטייען פוןביידע זײַטן גאס טאָפּאָלן. זיי זעען אויס פארשלאָפן, פונקט ווי די פארנאכטיקע זון וואָלט שוין אף זיי קיין שליטע ניט געהאט.

געוויינלעך קומט נאָר באַלאנדין צו דעם געסל, שטעלט זיך זײַן מאשין אָפּ, ווי, לעהאוודל, א פערד בא א פארשאָלטן אָרט. דאָס האָט אליין דער שאָפער ניט ווילנדיק אָפּגעשוואכט די פּע־דאלן, ווײַל פאר די אויגן האָט זיך אים א שטעל געטאָן דאָס דערפּעלע ראקיטנע, וואָס דאָס קליינע געסל איז אמאָל געווען זײַן איינציקער „פּראָספּעקט". איצט ליגט עס, דאָס געסל, אינמיטן טאַ־ראראם פון א נײַ־אויפגעבויטן ראיאָן־צענטער, ארומגעלייגט מיט שטיינערנע גאסן, ווי אן אלט ריטשקעלע מיט יונגע ווערבעס.

אמאָל זײַנען זעכציק האלב־פארקוילטע שטיבלעך, ווי אָפּגעלאָשענע האָלאָוועשקעס, גע־שטאנען אין באַלאנדינס געבורט־ייִשעוו ראקיטנע. דאָס שלעפּער־דאָרף פלעגט שעמען מיט

זייַנע „פֿאָגאָרעלצעס“[1]. אַן אַלטע שלייע איז דאָ געווען א מאַטבייע, א צעפליקט פעלצל — א מאַלבעש; איין פֿאַסטעלע — פון שטרוי, די צווייטע — פון שמאַטעס; הויזן — א לאַטע אף א לאַטע, רעקלעך אויסגעביסענע, מיט האַלבע ארבל, היטלען — פון אויסגעקראָכענע שמויסן, אויסגעניאָרעטע אין הני... אויב מע זאָל אָנקומען בעטלען אין פרעמדע מעקוימעס מיט א גוטן שפּאַן, וועט דאָך קיינער א דענעשקע ניט געבן. דעריבער האָבן אויסגעדייוועטע, פאַרטריבענע פערדלעך זיך אין ראַקיטנע געשעצט מיט גאָלד גלייַך.

האָט מען זיך דאָס אויסגעפוצט בעקאָוועדיק, ווי דאָס פּאַסט פאַר אַן אָפּגעברענט דאָרף, און מע איז מיטן סקאַרב אַרויס אף דער וועלט, זוכן א ווינקל, וווּ מע האָט נאָך פונעם שלעפּער־דאָרף ניט געהערט — מע ווייסט נאָך ניט די שטיק זייערע...

פֿאָגאָרעלצעס האָבן זיך אוועקגעלאָזט אין דער וועלט אַרייַן שרייַען „דערבען — קאַלו־גאַ!“ — פלעגט מען זיי אין אַרומיקע דערפער פאַר א מייַל דערקענען — בעטלערס...

באָרוועס־נאַקעט, קיינמאָל קיין ברויט צו זאַט, האָט באַלאַנדין בא דעם דאָזיקן בעטלען באַגראָבן ערגעץ אין דער פרעמד טאַטע־מאַמע, געבליבן א קייַלעכיקער יאָסעם.

טוט אים איצט א קאַלופּע בא דער נעשאָמע, ווען, זיצנדיק אין דער מאַשין, זעט ער, מיט וואָס פאַר א באַזונדער כיין, פונקט ווי אַמאָל אין דער קינדהייַט, ס׳פאַרגייט די זון אין דעם קליי־נעם געסל. ער וואָלט עפּשער איצטער גאָר אינגאַנצן אויסגעלאָשן דעם מאָטאָר, זיך אָפּגעשטעלט אין געדיכטן שאָטן פון א טאָפּאָל, איז דאָך אָבער שוין סאָף טאָג, און ער מוז גיכער קומען אין גאַראַזש, אויסשפּאַנען זיך פונעם טאָג האָרעוואַניע, און דערצו נאָך, ווי עס פּירט זיך, אַרומוואַשן אין טייַך די מאַשין.

אָט איז שוין דאָס געסל געוואָרן ברייטער, און אַראָפּ־באַרג ווערט פלוצעם גערעם און העכער די שטאָט, און די מאַשין פאַרכלינעט זיך פון וועלן איבערשפּאַרן דעם טאָרמאָז — זיך א טראָג טאָן איבערן פרישן אַספּאַלט אַראָפּ־באַרג, אַראָפּ־באַרג!

באַם ברייטן גרין געפאַרבטן טויער פונעם גאַראַזש האָט באַלאַנדינען באַגעגנט זייַן סטאַ־זשאָר — א בלאָנד וווּקסיק מיידל אין א געקווייטלט קאָפּטל, וואָס איז שוין עטוואָס אויסגעשמירט אין פעטס, און אין א ברייט געפאַלדעוועט קליידל. דאָס מיידל האָט געהאַלטן אַן עמער אין דער האַנט, און, אַזוי־אָ שטייענדיק אין דער פאַרנאַכטיקער פרישקייַט, א לייַכט אָנגעטאָנענע, האָט זי קלוימערשט ניט באַמערקט, ווי באַלאַנדין איז אוועק זיך מעלדן צום דיספּעטשער. נאָר גלייַך ווי די קאַליטקע האָט זיך פאַרהאַקט הינטער אים, איז זי ווי אופגעלעבט געוואָרן, מיט אימפּעט זיך אַרייַנגעזעצט אין קאַבינע און — אוועקגעפאָרן.

— סאַשע, גיי כאַפּ מאַרינען!.. — טומלט דער גאַראַזש.

— נעם די פּאָזשאַרנע קישקע, באַלאַנדין, שיס איר נאָך!

— מע זעט גלייַך — זי וועט אים אייַנבייַסן...

לויפט ער איר נאָך און כאַפּט זי אַזש בא דער ריטשקע.

מאַרינע שטייט ביז די קני אין וואַסער, פאַרשטעקט דאָס קליידל. ווערט באַלאַנדין פאַר־שעמט, לייגט זיך צו אפן גראָז און וואַרפט פון דאָרט גנייוויִשע בליקן צום שלאַנקן מיידל, דעם סטאַזשאָר זייַנעם. לעם דער מעגושעמדיקער לאַסטמאַשין, אַליין עטוואָס העכער פון די רעדער, וואָס זינקען שוין אין טייַכל, זעט מאַרינע אויס, ווי זי וואָלט בא דער קלאַדקע גרעט געשווענקען. באַלאַנדינען איז טשיקאַווע: וויאַזוי וועט זי עס אַרומוואַשן אָט די קויטיקע מאַשין. און ער גיט אַזש א מעכייַעדיקן שמייכל, ווען מאַרינע קריכט טיפער אין וואַסער און סטאַרעט זיך דערלאַנגען דעם לאַנזשעראָן — די אונטערשטע מאַשין־ראַמע.

ניט געכאַפּט וואַשט מאַרינע אויס די אייגענע הענט, טוט זיך א שפּילעוודיקן פליוך מיטן פּאָנעם אין וואַסער, טוט א שפּריץ מיט בײדע הענט אף באַלאַנדינען — און פאַרגייט זיך אין א הויכן, רייצנדיקן געלעכטער.

באַלאַנדין קערעוועט זיך פויל אויס אף דער צווייטער זייַט און קעדיי באַווייַזן, אַז דעם מיידלס כיינדלען זיך גייט אים ניט אָן, פאַרדרייט ער אפן פינגער א שטייַף זאַפּטיק גרעזל, רייַסט עס אַרויס מיטן וואָרצל און הייבט עס אָן פאַמעלעך קייַען. פלוצעם דערפילט ער הינטער דער סאַמע פּלייצע דעם הייסן אָטעם פונעם מאָטאָר: מאַרינע איז אַרויסגעפאָרן אפן ברעג און שרייַט צו אים דורכן אָפענעם פענצטערל פון דער קאַבינע:

— היי, באַלעבאָס, זעץ זיך אַרייַן, איך וועל דיך אָן א קאָפּעקע אונטערפירן...

---

[1] ניסראָפּים (רוס.).

אף דער שיינער מאשין איז ער דעמלט געפאָרן, באַלאַנדין. דער נאַטשאַלניק פונעם גאראזש מאַלינין האָט אים בעקיוון אוועקגעזעצט אף אן אַלטן דראָבאָוויק. „נעאפּאָלער ספּאַ“ האָבן שאָ־פערן די דאַזיקע „פּאָפּקע“ גערופן. רימפּל, ברודער! באַלאַנדין האָט געווייַנלעך געקוקט קרום אף די פאַרשיידענע פּעגירעס, וואָס די מיליצמע האָט פאַרוואָרפן אף אונדזערע וועגן. בעשאס מאַ־רינע כאַפּט זיך צום קאַטאַלאָג, וואָס וואַלגערט זיך איינעם מיטן מאזוט אין קוזאָוו, און סטאַרטעט זיך מיט איר אייגענעם סייכל דערגיין די כאָכמע פון אזא מאשין, זעצט ער זיך היימיש צו און גיט א זאָג, ווי זייַן טעווע איז, ניט געכאַפּט, ציִענדיק די ווערטער:

— אן אַליומיניעווע פּאָפּקע — טשעפּע זיך אָפּ פון איר...

און טראַכטנדיק א רעגע — נאָכאַמאָל:

— אין נעאַפּאָל, עפּשער, איז אזא קליאַטשע א בעריע, אָבער בא אונדז טויג זי נאָר אף שמעלצן פון איר שטאָל...

מארינען איז צום הארצן, וואָס אף איר מאַזל האָט זי זיך געפּאַקט צו אזא געניטן שאָפער. וויפל אָבער איז דער שיר, — טראַכט זי זיך, — צו זיצן אזוי אָפּגעפרעמדט אף די ווייכע קישע־לעך און נאָר ריידן פון פּאַרשניעס מיט שאַטונעס?

געקומען אין גאראזש אַרייַן, האָט זי אוועקגעשטעלט די מאשין אף איר אָרט, אויסגעווישט די פּאַרעס און די פענצטער און אומגעריכט זיך א קערעווע געטאָן אזעספּאָנעמדיק צו באַלאַנ־דינען:

— יויזל איינער!.. פאַרכאַלעמטער באָק, וואָס דו ביסט... אין דער „פּאָפּקע“ דייַנער ביסטו דאָך שוין באַלד פאַרזשאַווערט געוואָרן...

סטאַרטשעט סאשע אויס אף איר די אויגן, ווי איינער רעדט: ביסט פון זינען אראָפּ, דו האָסט אין טייַך די געהירן אונטערגענעצט?..

מארינע אָבער טרעט ניט אָפּ:

— וואָלסט אין אזא שיינעם פאַרנאַכט שוין בעסער זיך דורכגעגאַנגען אין סעדל אַרייַן — דעם טשאַד פון זיך אַרויסטרייַבן...

באַלאַנדין, דער גוואַר, וואָס הייבט גרינג אוף אן אקס מיט רעדער, האָט זיך מיטאַמאָל פאַר־לוירן. אף זייַן לעבן האָט ער שוין ניט איין איבערשלאָג געהאַט אף דער טראַסע און אפילע אוואַריעס, נאָר דאָס מאָל האָט אים מארינע ווי מיט א דאַלעטע א דויבע געטאָן אין קאָפּ אַרייַן. אף זייַן בלאַס־געוואָרן פּאָנעם זייַנען בוילעטער געוואָרן די לייַכטע שטופּלען.

— טומל ניט, מארינע... אין סעדל... מיט דיר... דאַרף מען דען טומלען?..

נייִן, ניט אין שטאָט־בולוואַר איז באַלאַנדין אוועק מיט מארינען. אים האָט א ציִ געטאָן צוריק אין קליינעם געסל פון ראַקיטנע, און ווייַטער — פאַרבייַ די געדיכטע טאָפּאָלען, וואָס פירן אַרויס צום אמאָליקן וויהאָן און גיסן זיך צונויף מיט א שיטער־געוואָרן וועלדל.

דאָרט, אינעם וועלדל, קוקן פאַרוועלקטע נעגעלעך אַרויס פון געדיכטע קוסטעס, און קוים טוט דאָס פאַרנאַכטיקע ווינטעלע א צעשויבער די אראָפּגעהאַנגענע קוטשמעס, ווערן אפילע פאַרוויאַנעטע בלימעלעך ווידער לעבעדיק. עס שמעקט געדיכט מיט צייַטיקער מאַלינע און מיט סמאָלע.

באַלאַנדין און מארינע זיצן א ווייַלע, גלייַך ווי דער וואַלד וואָלט זיי געפּענטעט. באַלאַנדין הערט זיך צו צו דער שטילקייַט, און עס דאַכט זיך אים, אז פונעם געסל צי פונעם וואַלד דער־טראָגן זיך פאַרטויבטע קלאַנגען: „דערבען־קאַ־לו־גאַ... דערבען־קאַ־לו־גאַ...“

— וואָס שווייַגסטו, סאשע?

באַלאַנדין באַווייַזט ניט צו ענטפערן, ווי פון יענער זייַט קוסטעס גיט עמעצער א הוסט און עס קומט אַרויס דער אַלטער וואַלד־וועכטער מיטן רויטן צייכן אפן אַרבל. דעם זיידעניוס אויגן קוקן אפן פּאָרל גוטמוטיק און ווינקען צו באַלאַנדינען:

— סע קוקט אייַך נאָך א פּאַרשוין, סאשאָק.

איז אים טשיקאַווע, סאשען, ווער קאָן עס אים נאָכקוקן? פּויעלט ער באַם אַלטן, ער זאָל אים באַווייַזן דעם פויגל. דער וועכטער פירט באַלאַנדינען דורך שטעכיקע גראָז, און סאשע דערזעט פאַר זיך דעם נאַטשאַלניק פון גאראזש מאַלינינען...

ווען ער קערט זיך אום צו מארינען, זיצט זי א פאַרגליווערטע, ווי זי וואָלט מיט איר מיידל־שער נעשאָמע דערפילט א סאַקאָנע. אפילע באַלאַנדין, בעטעווע א שווייַגער, באַקומט לאָשן:

— מארינע, וואָס פאַרא געשעפטן האָסטו מיט מאַלינינען? אַבי איך האָב געמיינט, אז דו האָסט שוין געמאַכט א סאָף מיט אים...

קאַפּיטל צוויי

דאָס ליבע־בריוועלע

פול־אַנגעפּאַקט מיט שאָפערן איז דער אַנגערייכערטער צימער פון דער אווטאָ־אינספּעקציע. באַם טיש זיצט דער קאַפּיטאַן סטראַכאָוו — אַ מענטש מיט קאַלטע, שטעכיקע אויגן און מיט אַ גוטמוטיק שמייכעלע.

יונגע שאָפערן באַקומען „פּראַוואַ"[1]. איינציקווײַז גייט מען צו צום טיש. סטראַכאָוו האַלט נאָך דערווײַל די האַנט אויפן סטאָס טעוועלעך, וואָס באַהאַלטן אין זיך די שאָפער־ביכלעך. ער הייבט אויף די אויגן, און ווי מיט צוויי שפּיזן לעכערט ער דורך דעם נעכטיקן סטאַזשאָר.

— אַ, מאַסליאַנקין! ס'איז עמעס, אַז דו האָסט ליב דעם ביטערן טראָפּן?

מאַסליאַנקין קנייטשט מיט די אַקסל און כאַפּט דערווײַל אַ גנייווישן קוק צו זײַן לערער מאַרגוליסן, וואָס איז געקומען אַהער בענטשן דעם טאַלמיד זײַנעם. סטראַכאָוו באַמערקט מאַרגוליסן. ער פּירט אַף אים איבער דעם גוטמוטיקן שמייכל, נאָר די שטעכיקע אויגן לאָזט ער ניט אַראָפּ פון מאַסליאַנקינען.

— וואָס זאָגסטו, מאַרגוליס, ער וועט זײַן אַ שאָפער?

מאַרגוליס שטעלט זיך אויף: אַ הויכער, מיט לאַנגע געזונטע הענט, אַ ביסל אַ סטוטלעוואַטער. מיט צוויי פינגער פּאַריכט ער באַ דער נאָז די טונקעלע ברילן, וואָס מאַכן אים עלטער פון זײַנע דרײַסיק יאָר.

— מע דאַרף נאָך מיט אים גוט האָרעווען, כאַווער קאַפּיטאַן. נאָר פירן די מאַשין קען ער שוין.

— נו און דו, מאַרגוליס, — די אויגן דינען דיר נאָך?

מאַרגוליס ענטפערט טרוקן:

— ווען די אויגן זאָלן באַ מיר ניט, וואָלט איר שוין לאַנג די „טעוועלעך" באַ מיר צוגענומען...

כעוורע שאָפערן צעלאַכט זיך, נאָר צוגעטויבט, אַזוי ווי מע לאַכט צוגאַסט באַ אַ שטרענגן באַלעבאָס.

סטראַכאָוו האַלט נאָך אַלץ די האַנט אויפן סטאָס שאָפער־ביכלעך, און, באַקוקנדיק אַזוי דעם אוילעם, טוט ער אַן כיישעק, ווי ער וואָלט דערמיט זיך אָנגעטאָן אַ העזעק, אַ כאַפּ אַראָפּ איין ביכעלע.

אין דרויסן וואַרט אַף מאַרגוליסן מיט מאַסליאַנקינען זייער מאַשין. דאָס איז די זעלבע „ספּאַ", וואָס נעכטן איז אַף איר געפאָרן באַלאַנדין: פּרידל מאַרגוליס איז באַלאַנדינס פּאַר, זײַן „סמענשטשיק".

אין קאַבינע, אויסגעצויגן די פיס אַף די פּעדאַלן, שלאָפט געשמאַק אַ באָכערל פון אַ יאָר זיבעצן.

מאַסליאַנקין דערלאַנגט אים פּריילעך אַ שטורכע:

— נו, שליאָמקע, סדאַיו טיעבע דיעלאָ[2]. אָט האָסטו דיר מײַן אַלטן באַלעבאָס מאַרגוליסן און די „פּאָפּקע" אַ צוגאָב.

דער בײַער סטאַזשאָר טשוכעט זיך אויס פונעם דרעמל, דערלאַנגט מאַסליאַנקינען די האַנט.

— אַנאַטאָלי, מאַך זיך ניט טאַמעוואַטע. מע דאַרף הײַנט באַנעצן די „טעוועלעך" דײַנע...

מאַסליאַנקין קריכט ארײַן אין קאַבינע און מאַכט אַן אָרט פאַר מאַרגוליסן.

— רוק זיך אָפּ, זניקל, — שטופּט ער מיטן עלנבויגן שלוימען, — מיר וועלן נאָך אַזוי באַנעצן, אַז דער גאַנצער גאַראַזש וועט נאַס ווערן... דערווײַל לאָז נאָר מיך צו צום „בייגעלע". דו ביסט נאָך, פּאַצאַן, אַן רעכט.

מאַרגוליס פּאַרהאַלט זיך אַ רעגע באַם בופער, קוקט קלוימערשט ארײַן אין ראַדיאַטאָר, און, זעענדיק, אַז מאַסליאַנקין דריקט שוין אָן אַפן סטאַרטיאָר, שטעלט ער אים אָפּ:

— אײַל זיך ניט, מאַסליאַנקין, מירן באַלד פאָרן...

ער טוט אַ ווונק שלוימען, יענער זאָל אַרויסקריכן פון דער קאַבינע, און גייט מיט אים אָפּ אין אַ זײַט:

— זאָגסטו, הייסט עס, שלוימקע, אַז ראָכל איז שלאָף?

---

[1] רעכט. דאָ: רעכט אַף צו פירן אַן אווטאָמאָביל; [2] איך גיב דיר איבער די אינייאָנים (רוס.).

— זי פֿילט זיך עפּעס ניט מיט אַלעמען... די מאַמע האָט קוים אויסגעווײנט באַם דאָקטער א ביולעטען פֿאַר איר.

מאַרגוליס פֿאַרטראַכט זיך. ניט געכאַפּט נעמט ער אַרויס פֿון בוזעם־קעשענע א בלאָקנאָט, רײַסט אַרויס א בלעטעלע פּאַפּיר און שרײַבט אָן אַף דעם עטלעכע ווערטער.

— נאַ, גיב איר איבער, נאָר זע, די מאַמע דײַנע זאָל ניט אָנשמעקן...

שלוימע טוט מאַמזעריש א קוק אַף מאַרגוליסן, טאַנצט אַזש אונטער פֿון פֿאַרגעניגן, וואָס די מעלאָכע שאָפֿערײַ הייבט זיך אַזוי גרינג אָן פֿאַר אים.

— זאָרג זיך ניט, פֿרידל, איך וועל עס יאַקאָס באַוואָרענען.

אין א מינוט אַרום זיצט שוין מאַרגוליס אין קאַבינע און קוקט שטרענג אַף מאַסליאָנקינען, וואָס רײַסט שטיקער פֿונעם מאָטאָר, מאָרדעוועט מיט דער מאַשין און קוועטשט אָן ראַכמאָנעס אַף די פּעדאַלן.

— גרינגער, מאַסליאָנקין... ביסט שוין אַליין באַלעבאָס... זשאַלעווע די מאַשין...

ביידע שאָפֿערן, וואָס זיצן איצט אין קאַבינע, זײַנען אַרײַנגעטאָן אין איין מאַכשאָווע — אַפֿן וועג צום גאַראַזש וועלן זיי דורכפֿאָרן פֿאַרבײַ מאָטל דעם בלעכערס שטוב, ווו עס ליגט איצט א קראַנקע ראָכעלע, דער דיספּעטשער פֿון דער באַזע. מאַרגוליס טראַכט: „שלוימקע האָט איר שוין מיסטאָם אָנגעזאָגט די בסורע, אַז איך פֿאָר, קוקט זי אַוואַדע דורכן פֿענצטער אַרויס...“ מאַסליאָנקין בײַסט די ליפּ און טראַכט צו זײַנס א פֿאָרטל: באַ ראָכעלעס שטוב אָפּשטעלן די מאַשין און דורך דער הינטערטיר אַרײַנשפּרינגען בעטן אַן עמער.

מאַרגוליסן זאָגט ער גאָרניט, ווײַל ער ווייסט, מאַסליאָנקין, אַז פֿרידל שפּילט שוין לאַנג מיט ראָכעלען א ליבע... אים ציט דאָך אויך דאָס האַרץ צו איר, מאַכט ער אָן אָנשטעל, אַז ניט זיך מיינט ער, ער מיינט בלויז מאַרגוליסעס טויווע.

מאָטל דעם בלעכערס ווײַב, מאַלקע, דערזעט פֿאַר זיך דעם אויסגעמוטשעטן שאָפֿער מיט די שוואַרצע פֿאַרזשמורעטע אייגעלעך, מיטן ציגײַנערשן טשוב אַפֿן שטערן, פֿאַרלייגט זי די הענט אַף דער הויכער ברוסט און שיט אויס אין איין אָטעם, ווי זי וואָלט א צעבער אויסגעגאָסן:

— גייט פֿונדאַנען, שאָפֿערניאַ, איין עמער האָט איר שוין באַ מיר אַנטליגן, ווילט איר נאָך איינעם?

מאַרגוליס, דערזעט ער ראָכעלעס מאַמע, פֿאַרגראָבט ער זיך טיפֿער אין קאַבינע און פֿון פֿאַרדראָס הייבן אים אַזש אָן די אויגן וויי טאָן...

קאַפּיטל דרײַ

גיב אַהער די האַק...

אײַנגעקאָרניעט אין א צעוואַקסענעם סאָד, ווי א פּליאַם א רויטער אינמיטן טײַך, שטייט מאָטל דעם בלעכערס שטוב, די פֿענצטער אַרומגעפּלאָכטן מיט ווינעס, וואָס ציִען זיך — קריכן מאַמעש פֿון דער הויט — פֿון דער ערד צום הימל, פֿונעם הימל צו דער ערד.

דעם סאָד אַרום דער שטוב האָט מאָטל טאַקע אַליין מיט די אייגענע הענט פֿאַרזעצט א יאָר אַכצן צוריק, ווען ער איז פֿונעם שטעטעלע אַראָפּגעקומען אין דעם וואַקסנדיקן ראַיאָן־צענטער. פֿונקט דעמאָלט איז באַ אים געבוירן געוואָרן דער מיזיניק שלוימע.

„די סוקעוואַטע“ — אַזוי האָט מען אין שטעטל פֿון לאַנג שוין גערופֿן די בלעכערוקעס — האָבן, ניט הײַנט געדאַכט, געוווינט באַ א בלאָטע־ריטשקע, באַם סאַמע־סאַמע אָטשערעט. יעדער וועסנע שווענקט קאַלעמוטנע וואַסער די אונטערשטע באַלקעס, פֿוילט נאָך מער דאָס אַלטע יערושע־שטיבעלע, און באַלעבאַטים לאַכן אין די קולעקעס:

— ער האַלט זיך שוין אַף איין סוק, דעם בלעכערס מאַיאָנטעק...

איז אַוועק א צונעמעניש: „די סוקעוואַטע“, „מאָטל דער סוקעוואַטער“.

נאָר ניט געקוקט דערוף, געבירט די מאַמע מאַלקע אַלע יאָר צום זמאַן א קינד, קיין אײַנהאָרע, און מאָטל דער באַלבריסניק ענטפֿערט אָפּ א שטאָט מיט מענטשן בעקאָוועדיק און מיט גאַדלעס:

— מאַזלטאָוו! מיט מאַזל זאָלט איר לעבן!

באַטאָג שרײַט ניט די געווינערן אַזוי שטאַרק, נאָר באַדערנאַכט, ווען דער שליאַך הערט אויף צו רוישן, זשאַבעס זינקען טיפֿער אין דער געדיכטער בלאָטע — דערגייען אירע קוילעס ביזן זיבעטן הימל.

דער רויפּע מיט דער באָבען שטייען אונטערן „שיר־האמיַלעס“, סוידען זיך, דרייען זיך אפֿן קאָרעק, ווייסן ניט, מיט וואָס פֿאַר א גאַשרײַ ארויסנאַרן דעם אקשן פֿון מאַלקעס בויך: ניט אנדערש, ער גייט פּאַפּערעק, ניט מיטן קאָפּ, נאָר מיט די פּיסלעך.

— ביסט געגאַנגען שווער, פּיפּערנאָטער, — גיט אים די באָבע א פּלעצל און וואַרפֿט אים גלײַך אַרײַן אין מולטער.

אָן אנדער קינד, דערלאַנגט מען דעם נאָר א פּאַטש, און ביפּראַט נאָך, אז מע גיט עס א טוצע אין לעבלעכער וואַסער, — מאַכט עס גוואַלדן. שלוימע אָבער איז דאָך שלוימע, טוט ער אַלץ פֿאַרקערט — מאַכט א שווײַג, ליגט פֿאַרמאַלעכט, ניט גערעשט. מיינט די באָבע — ער איז כאַלילע טויט. עפֿנט זי נאָר דעם „שיר־האמיַלעס“, אָנזאָגן מאָטלען די שיינע בסורע, צע־רעוועט זיך דער סטאַטעק: „איך בין פֿון דער־זײַט, טאַטע!“

— באַלד ווערט זײַן א גלעזל וואָרעמס, — טרייסט דער טאַטע די קימפּעטאָרן.

דאָס רויטע קריגעלע שטעלט מאָטל טיפֿער אין אויוון אַרײַן. ער שאַרט צו א ביסל זשאַר — סע זאָל זײַן אָקרעפּ מיט מילך פֿאַר דער מאַמען.

איצט מאָסטעט זיך דאָס לעבן אײַן אינעם סוקעוואַטע שטיבל און גייט זיך אוועק מיט זײַן געוויינלעכן גאַנג. א גאַנץ יאָר עסט מען שטעכניש, נאָר קומט שוועס, באַקט מען מילכיקע קני־שעס, און שלוימע מיט ראָכלען פֿעסטען זיך אָן פֿאַר א גאַנץ יאָר. אבי געלעבט... דעם בלעכערס געזינדל ווייסט זיך שוין זײַן האַדיוולע.

די כלאָפּאָטעס אינעם קליינעם שטעטל זײַנען פֿאַרביטן געוואָרן אָף ניט קיין קלענערע כלאָפּאָטעס אינעם ראַיאָן־צענטער, ארום דעם פֿאַרטשאַדעטן גאַראַזש, ווו מאָטל איז איצט א שטאַטנע בלעכער, ראָכעלע — דער דיספּעטשער, און דאָס מיזיניקל שלוימעלע, זאָל לעבן, א סטאַזשאָר.

איז שוין, דאַכט זיך, גוט? נעמט אָבער ראָכעלע און פֿאַרליבט זיך אין בלינדן סאָלדאַט מאַרגוליסן. שײַעך — בלינד... ניט אין דעם גייט עס. מאַלקען הריזעט דער ייִכעס זײַנער: אוראָם מאָפּס, דעם סאָלדאַטס טאַטע, וואָס זשיפּעט נאָך ביז הײַנטיקן טאָג אין שטעטל, בא דער בלאָטיקער ריטשקע, איז ער איר דען א מעכוטן, דער סטעלמאַך?

אָף מאָרגן, נאָכדעם ווי מאַלקע האָט אזוי פֿײַן ארויסגעמעשאַלייעכט מאַסליאַנקינען, איז זי העט־פּרי אַראָפּ א צעקאָכטע פֿונעם בעט און מיטן הארצן דערפֿילט ארום זיך עפּעס א נײַ אָנ־שיקעניש: מאָטל איז שוין געווען אין סאָד און ארום אים האָט זיך שוין ארומגעדרייט ראָכעלע. עפּעס צו פֿרי איז דאָס טײַבעלע ארויס פֿון דער נעסט. מיט אָן איבערגעבונדענעם האַלדז, א קראַנקע, האָט זי ניט אומזיסט פֿונעם בעט זיך ארויסגעגאַנוועט.

מאַלקע צעעפֿנט דאָס פֿענצטער, און אין שטוב ווערט מעכײַעדיק פֿריש, ווי גלײַך א ראָ־שטשינע וואָלט אופֿגעגאַנגען אין קיך, אזוי שמעקנדיק פֿאַרגייט אין דער נאָז מיט רייכעס פֿון פּרוכטן און פֿון גראָזן.

מאָטל האָט הײַנט אין זינען אָפּצורייניקן א פּאָר פֿאַרטריקנטע עפּלביימער, שרײַט ער אין פֿענצטער אַרײַן, מאַלקע זאָל אים ארויסטראָגן די האַק. און ביזוואַנען מאַלקע וואָזגעט זיך אין פּאָדערהויז, רעדט ראָכעלע ארויס פֿאַרן פֿאָטער איר שווער האַרץ.

— טאַטע, איך האָב באַקומען א בריוול...

מאָטל ווייסט שוין, פֿון וועמען זײַן טאָכטער באַקומט בריוולעך:

— נו, נו, לייען, טעכטערל, די פּאָטשט דײַנע.

אויסגעהערט ביזן סאָף, לייגט מאָטל אוועק דעם זאַסטופּ און זעצט זיך צו אָף א פּניאָק.

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן, טאָכטער... איך קיין ייִכעס זוך ניט. מיינסט עפּשער, אז מיר שטאַמען פֿון עפּעס שענערס, ווי דער מאָפּס? די מאַמע איז א ייִדענע, זוכט זי פֿון א געפֿייגערט פֿערד פּידקאָוועס... און איך קען אים, דעם סאָלדאַט: א ייִכעס פֿון א פּראָנטאָוויק און פֿון א גוטן שאָפֿער אין גאַראַזש...

מאָטל האָט ניט באַמערקט, ווי מאַלקע איז שטיל צוגעגאַנגען מיט דער האַק אין דער האַנט, פֿון פֿאַרדראָס א פֿאַרפֿאַליעטע, ווי זי וואָלט ערשט פֿון באָד ארויס:

— באַהאַלט איר, הייסט עס, אויס פֿון א מאַמע אזעלכע בריוועלעך? דו זעסט אָט אָ־די שאַרפֿע האַק, מאָטל? — מאַלקע האָט זיך אינגאַנצן געביטן אין פּאָנעם. — איך וועל זיך ניט פּוילן מײַן אייגן קינד איבערהאַקן הענט און פֿיס, זי זאָל זיך ניט דערוועגן איבערשרײַבן מיטן מאָפּס!..

— גיב אַהער די האַק, מאַלקע...

ראָכעלע איז פּלוצעם ארויף אָף דער מוטערס האַלדז מיט א פֿאַרצויגענעם כליפּע:

— מאַמע, מאַמעניו...

מאַלקע צעכליפּעט זיך נאָך שטאַרקער:

— ניט דו ביסט שולדיק, טאָכטערוניו... דער טאַטע דײַנער מיט זײַנע גענגעלעך, ער וועט דיך פונעם וועג אַראָפּפירן...

אומגעריכט צעשאָקלט זיך דער בוים, אונטער וועלכן זיי שטייען, און צוזאַמען מיט צײַטיקע עפּל טוט זיך אַ וואַלגער אַראָפּ שלוימע.

מאַלקע הערט גלײַך אויף כליפּען, און, פּונקט ווי זי וואָלט דאָ אין סאָד נאָכאַמאָל מיט שלוימען געגאַנגען צו קינד, הייבט זי אויף אַ געשריי.

נאָר דער מיזיניק לאָזט זי לאַנג ניט גוואַלדעווען. ער שטעלט זיך אַוועק פּאַראַקשנט קעגן טאַטע־מאַמע און גיט אַ שנאָרך מיט זײַן גראָבער ניאָניע:

— וואָס שטופּט איר אײַער אַלטן ייִכעס!.. לאָזט אונדז דעכען!.. מירן שוין אַליין אונדזער שטעטל באַשטיין...

מאַלקע באַקוקט פון קאָפּ ביז פיס דעם בענאָק אירן, ווישט דערנאָך אויס מיטן פאַרטעך די פאַרווייַנטע אויגן און מיט אַ געפאַלן קאָל זאָגט זי צו מאָטלען:

— נאַ דיר די האַק דײַנע, נאַ!

קאַפּיטל פיר

אַ מיידל בלײַבט אַ מיידל

נאָך איידער מאַרינע איז געוואָרן אַ סטאַזשאָר בײַ באַלאַנדינען, איז שאָפערײַ שוין געווען איר גוט אײַנגעבאַקן אין דער נעשאָמע. ניט אומזיסט איז זי דאָך פּאַכאָמאָווס אייניקל!

אַ ווערטעלע אויסצורײדן — קוזמאַ וואַרלאַמאָוויטש פּאַכאָמאָוו! „פּראַוואַ“ האָט ער נאָך אין דער מאָסקווער דומע באַקומען. דעמאָלט איז אַ שאָפער געווען „קום קאָראָליו, בראַט מיניסטרו“[1]. פּאַכאָמאָוו האָט דעמאָלט „געפידלט“ אויפן לויזן „ראָלס־ראָיס“, און געפירט האָט ער די שענסטע לײַט פון דער שטאָט.

פון זיבן לאַנגע יאָרן באַם רודער איז שוין באַם אַלטן דער האַלדז־און־נאַקן אַוועק אַ ביסל אין אַ זײַט. פון אונטערן צעכראַסטעטן ברעזענטענעם רעקל — פּאַכאָמאָוו האָט אויף דער עלטער אָנגעפרענדעט אויף זיך אַ מאַלבעש פון אַ פײַערלעשער — סטאַרטשעט בײַ אים אַרויס דער רעכטער אַקסל, ווי בײַ אַ פערד די קלובעס.

נאָר געבראָכן האָט אים ניט אַזוי דאָס שאָפערײַ, ווי די שווערע ניסיוינעס, וואָס זײַנען אים אויסגעפאַלן אין לעבן. ווי אַן אַלטער גרוזאָוויק[2] פאַרלירט צוביסלעך זײַנע צעשרויפטע אייוורים — פריער אַ צאַפּפע, דערנאָך אַן אַקס, אַ ראָד און נאָך אַ ראָד, — אַזוי האָט אויך פּאַכאָמאָוו איינס נאָכן אַנדערן פאַרלאָרן זײַן ווײַב מיט זײַנע קינדער, און געבליבן איז אים איין אייניקל — מאַרינע. דער גרוזאָוויק האָט שוין אַלע אייוורים פאַרלאָרן, נאָר זײַן אײַנגעשפּאַרטער מאָטאָר הודיעט נאָך און קרעכצט, ווי ער וואָלט אַ גרויסע מאַסע געשלעפּט. אַזוי אויך קוזמאַ וואַרלאַמיטש: אויף זײַן געקנייטשט פּאָנעם ליגן שוואַרצע סימאָנים פון אויסגעבראָטענער הויט, נאָר פון אונטער די ברילן קוקן אַרויס ליכטיקע אויגן. עס פילט זיך אין אים דער אַמאָליקער קויעך פון אַ דורכגעספּירטעוועטן שאָפער, וואָס האָט געליטן פון פרעסט און זאַווערוכעס, פון רעגנס און שנייען, פון נעפּלען און פינצטערע נעכט און האָט פון אָט די אַלע פּוראַניעסן אַרויסגעטראָגן געזונטע לונגען און פעסטע, כאָטש אַ ביסל אויסגעדרייטע, פּלייצעס.

יעדער אַלטער שאָפער האָט אין דער היים זײַנס אַ פאַרמעגן עפּעס אַן אַנטיקל: איינער האָט צונויפגעשטוקעוועט אַ מאָטאָציקל פון זײַן אייגענער מאַרקע, אַ צווייטער שטעלט צו אַ כיטרע מאָטאָרל צו אַ וועלאָסיפּעד. קוזמאַ וואַרלאַמאָוויטש פּאַכאָמאָוו האָט אויך זײַן אַנטיקל — אַ מאָטאָציקל, וואָס אַמאָל איז ער געווען אַ „צונדאַפּ“, נאָר מיט דער צײַט האָט דער באַלעבאָס אין אים אַלע יאָצרעס פאַרביטן, האָט ער אַ פּאָנעם פון אַן אַלטער כאַליעווע מיט אַ סאַך נײַע לאַטעס. אָט אויף דעם דאָזיקן „צונדאַפּ“ פלעגט פּאַכאָמאָוו אַוועקזעצן מאַרינען און אַ פּאָר טאָג טאַקע צו אָט דעם דאָזיקן וועלדל, וווּהין זי איז איצט צום ערשטן מאָל מיט באַלאַנדינען אַראָפּגעקומען. דאָ פלעגט ער איבערשטעלן די פּעדאַלן, דאָס אייניקל זאָל מיט אירע קורצע פיסלעך צו זיי קאָנען דערלאַנגען:

— דעריקער, מאַרינקע, לערן זיך אַוועקזעצן. דערנאָך קויפן מיר אַ רויטינקן מאָטאָציקל, אַן „איזשיק“, איז ער צו דײַנע פיסלעך ווי אָנגעמאָסטן.

---

[1] דעם קיניגס אַ קאָרעוו, דעם מיניסטערס אַ ברודער; [2] אַ לאַסט־אַווטאָמאָביל.

זי איז דעמלט קוים אכצן יאָר אַלט געווען, מארינע, נאָר דער נאַטשאַלניק פונעם גאַראַזש מאַלינין האָט זיך שוין פאַרקוקט, ווען דאָס פייגעלע — די „סיניטשקע"[1], ווי דער זיידע האָט זי גערופן, פלעגט דורכפליִען פאַרבײַ דעם גאַראַזש און שפּילעוודיק איבערשרײַען דאָס הודיען פונעם „צונדאַפּ":

— זיידעניו, האַלט זיך פעסטער פאַר מײַנע אַקסל!

מאַלינין מאַכט אַ פּאָנעם פון אַ פאַרשוין, וואָס וואַרט שוין לאַנג, מע זאָל אים אונטערפירן, הייבט אויף די האַנט, נאָר דער מאָטאָציקל טוט אַ מאָדנע רעווע און פאַרטשאַדעט אים מיט אַ קנויל שוואַרצן רויך:

— פּריוועט, פּעכאָטאַ![2] — שרײַט פרייליך אויס דאָס בלויערל.

אַזוי גייען זיך די טעג מיט די וואָכן, ביזוואַנען קוזמאַ וואַרלאַמאָוויטשן פאַלט ניט אײַן אין קאָפּ אַ געדאַנק אײַנמאָסטען מארינען לעבן זיך אין גאַראַזש, זי זאָל זיך צוביסלעך צוגעוווינען צו דער מעלאָכע שאָפערײַ. פריִער זאָל עס זײַן אַ גרינגע אַרבעט, ווי פאַר אַ מיידל פּאַסט, דערנאָך וועט אויך דאָס „בייגעלע" פאַר איר שווער ניט זײַן.

ער האָט יאַקאָס אײַנגערעדט דאָס אייניקל, איז זי געוואָרן סעקרעטאַר באַם דירעקטאָר פון דער אַוטאָבאַזע.

מאַלינין, דאַרף ער נאָר אַרײַן אין קאַבינעט פון זײַן שעף און דורכגיין דאָס צימערל פונעם סעקרעטאַר, נעמט עס אים אָפּ דאָס לאָשן. וווּהין איז אַהינגעקומען זײַן געוויינלעכער האָנאָר? ערשט איז ער, אָסיף סערגייעוויטש, אַרומגעגאַנגען מײַסע־באַלעבאָס איבערן גאַראַזש, אַף וועמען געשריגן, מיט וועמען זיך דורכגעוואָרטלט, און דאָ שטייט ער אָן וואָרטער אַנטקעגן דעם מיידל, און דער גאַנצער געדאַנק דינט אים נאָר דערויף, ער זאָל אין קאָפּ אונטערעכענען מאַריינעס און זײַנע אייגענע יאָרן: „מיילע, בין איך אַף אַ יאָר צען עלטער פון איר, נאָר וואָס פאַר אַ מאַמאָשעס האָט עס?"

ווען ער גייט צוריק אַרויס פונעם דירעקטאָר, פילט זיך שוין, אַז דאָרטן האָט ער עפּעס פאַר זיך זייער וויכטיקס געפּויעלט.

— פּאַכאָמאָוואַ, — רעדט ער אויס קימאַט טרוקן, — דער „באַטיאַ"[3] האָט באַפוילן, דו זאָלסט מיר הײַנט סאָף טאָג אַ פּאָר בלאַנקען אַף דער מאַשינקע איבערדרוקן...

מארינע ווייסט, אַז שאָפערן גייען פאַר מאַלינינען אַף די שפּיץ פינגער, נאָר זי מאַכט זיך פון דעם אַ קליינעם צימעס.

— מע צאָלט מיר דען דערפאַר, וואָס כ'בין אַ מאַשיניסטקע? איך בין נאָר אַ סעקרעטאַר.

מאַלינינס אָנגעפּרעסן פּאָנעם צעשמעלצט זיך פון אַ געמאַכט כאַניפעלע:

— מאַלינין קומט ניט אָפּ מיט קיין שאָקאָלאַדקעלע. הײַנט, זאָגט מען, האָט דער אַקטיוו פונעם גאַראַזש אַ באַנקעטל אין „פילטער" — דער באַטיאַ פאָרט אַוועק אַף קורסן... גייען מיר מיט דיר אַהין?..

מאַלינין זיצט באַ איר רעכטער האַנט, מעקט עפּעס מיטן רויטן בלײַערל אַף די בלאַנקען און קוקט ביגנייווע, ווי מארינע קלאַפּט אויס אַף דער מאַשינקע וואָרט נאָך וואָרט, אָס נאָך אָס. פאָרזיכטיק שטעלט ער זיך אַוועק הינטער אירע פּלייצעס און נעמט זי אָן פאַר די מיידלשע פעסטע עלנבויגנס.

— גייען מיר, הייסט עס, אין „פילטער", סיניטשקע?

זי דרייט זיך פלינק אַרויס פון זײַנע הענט און ענטפערט אַ ביסל אָן איבערגעראַשטע:

— איך וועל פרעגן דעם זיידן, כאַווער נאַטשאַלניק פון גאַראַזש...

אַ מיידל בלײַבט אָבער אַ מיידל... מארינע האָט גאָרנישט ניט געפרעגט באַ דעם זיידן... מאַלינין האָט עס מיט זײַן פאַרשאַרפטן כוש גלײַך דערפילט: „זי וועט ניט פרעגן, זי וועט גיין..." — איז ער געוואָרן שטאַרק באַ זיך און מיט פרייד אַרײַן אַף אַ רעגע צו זיך אין דער באָכערשער קוואַרטיר זײַנער זיך איבערטאָן. צוריק אין גאַראַזש האָט ער זיך אומגעקערט שוין אָן אויסגעפּוצטער, אַ פראַנט.

שאָפערן דאַרף מען ניט פּיקן די צונג: ווײַבאַלד מאַלינין איז פאַרפּוצט אין זײַן אָנצוג פון ענגלישן באָסטאָן, וועט ער הײַנט מיסטאַמע זײַן אין „פילטער" מיט אַ מיידל.

אין רעסטאָראַן איז אַרום צוויי־דרײַ טישלעך געזעסן דער „אַקטיוו". איין גאָט ווייסט, פאַרוואָס מאַלינין האָט מיט אַזאַ נאָמען געקרוינט די שיקורים, וואָס זיצן דאָ. דער דירעקטאָר איז דאָ, פאַרשטייט זיך, ניט געווען, נאָר כעוורע שאָפערן האָט געטרונקען פאַר זײַן אָפּפאָרן אַף די קורסן. פאַר עפּעס מוז מען דאָך טרינקען.

---

[1] בלויערל; [2] אַ גרוס, פּוסגייער; [3] פאָטער, דאָ: דער שעף.

מאַלינין האָט אוועקגעזעצט דאָס מיידל וויַטלעך פונעם „אַקטיוו" און אַליין זיך צעגריַלצט מיט זיַין פֿאַרגרעבט קאָל, דער אוילעם זאָל וויסן, מיט וועמען מע האָט צו טאָן:

— צווײ עסקאַלאָפּן פֿון כאַזער־פֿלייש!

באַם אַלטן קעלנער ציטערן די קני̇עס:

— ברײזאָל פֿון הינערשער פּילע, מער איז גאָר ניטאָ...

מאַלינינען גייט עס גאָר ניט אָן:

— שעף! — שריַיט ער גלייַך אין קיך אַריַין.

די רעגע קוקט פֿון דאָרט אַרויס אַ גלאַנציק־פֿאַרשוויצטע צורע, שמייכלט פֿון פּענטצטערל, ווי אַ מאַלפּע.

— זיסע מיַיכאָלים פֿאַר מאַרינען... — ווינקט זיך מיט דער צורע איבער מאַלינין. — עפּל־סאַמבוק... סופֿלע פֿון שאָקאָלאַד...

— אַ פּאָרציע מאַראָזשענע, — בעט מאַרינע.

מאַלינין מעסט זי אָפּ מיט זײַנע פֿיַיכטע אייגעלעך, ווי איינער רעדט: אַ שיינע באַרישניע! און הייסט איר דערלאַנגען אַ שאַרלאָטקע פֿון עפּל און אַ האַלבן טוץ פּיראָזשנעס.

באַ אַ געלעגנהײַט גיט ער איר אַ זאָג:

— סיניטשקע, פֿון מאָרגן אָן פֿאַרבײַט איך דעם דירעקטאָר. פֿאַרשטייסט, וואָס דאָס הייסט, — דירעקטאָר פֿון דער גאַנצער באַזע...

אינעם וועלדל, ווו מאַרינע זיצט מיט באַלאַנדינען אין הויכן שמעקנדיקן גראָז, וואָלט עפּ־שער אַוואַדע שטיל און מעכיַיעדיק געווען מאַרינען אויף דער נעשאָמע, נאָר באַלאַנדין האָט איר דערמאָנט מאַלינינס נאָמען און מיט אַן איַינגעהאַלטענעם וויטעק אַ פֿרעג געטאָן: „וואָס פֿאַרא געשעפֿטן האָסטו מיט אים?.. אַבי איך האָב געמיינט, אַז דו האָסט שוין געמאַכט אַ סאָף..." קאַלט און אומעטיק איז איר אין דער מינוט געוואָרן אויף דער נעשאָמע... זי כאַפּט זיך ניט אַזוי גרינג עפֿענען פֿאַר סאַשען איר צעבראָכן האַרץ. ניין, ניט די געשיכטע מיט די בלאַנקען, מיטן רעס־טאָראַן קליַיבט זי זיך דערציילן. וועגן דעם ווייסט ער שוין לאַנג, באַלאַנדין. דער גאַנצער גאַראַזש ווייסט אויך, וויפֿל טרערן זי האָט פֿאַרגאָסן איבער מאַלינינען. אַ קנאַפּ יאָר איז זי גע־ווען מאַלינינס וויַיב, נאָר זי טראָגט איצט אין זיך אַזויפֿיל וויטעק, גלייַך אַ בייזער הונט וואָלט איר דאָס לײַב צעביסן.

זי פֿאַרמאַכט די אויגן און דערזעט מאַלינינען מיט עפּעס אַ פֿרעמד מיידל אויף אַ באַנק אין סעדל... שאָקלט זי זיך אָפּ פֿון אָט דער שוואַרצער דערמאָנונג, נאָר גלייַך גיט פֿאַר איר אַ שווינדל מאַלינינס רויט פּאָנעם, אַן איבערגעקרימטס פֿון רעציכע און סע שרײַט און סע שרײַט אַרויס שיקערע מיעסע זידלווערטער... נאָר אָט גיט דאָס פּאָנעם זײַנס אַ באַוויַיז זיך פֿאַר איר מיט פֿריקרע זיסקײַט אין די גנייוויִשע אייגעלעך: ער האָט זי ליב, ער וועט פֿאַר איר אַלץ טאָן, פֿאַר זײַן סיניטשקע... אָט, לעמאָשל, טראַכט ער גיין זיך לערנען אין אָוונט־אינסטיטוט, סע זאָל אים אַפּילע קאָסטן דאָס לעבן. נאָר מאַרינע ווייסט דען ניט, אַז אַזאַ מענטש, ווי מאַלינין, וועט זיך קיינמאָל ניט נעמען פֿאַרן ביכל, ער וועט ווי־עס־איז מיט פֿאַרשטעלטע גענג ערגעץ דער־ביווען פֿאַר זיך אַ דיפּלאָם... זי צעשמייכלט זיך אַפּילע, ווען עס קומט איר אויפֿן געדאַנק, מיט וואָס פֿאַר שיינע דריידעלעך ער שרײַבט זיך אונטער, ניט וויסנדיק, וואָס אין פּאַפּירל שטייט געשריבן. האָבן אים דען שאָפֿערן אַנומלטן ניט אָפּגעטאָן אַזאַ שפּיצל, אַז דער גאַנצער גאַראַזש האָט געקלונגען? מע האָט אים דערלאַנגט שוואַרץ אויף ווייַס אָנגעשריבן: „איך בעט מיך באַ־פֿרײַען פֿון דער אַרבעט, וויַיל איך שנאָרע באַ די טישלעך אין „פּילטער", ווו שאָפֿערן זשליאָקען בראַנפֿן. איך, מאַלינין אָסיפּ סערגייעוויטש, בעט אַוואַזשען מיַין ביטע". האָט ער עס דען ניט אונטערגעשריבן, דאָס פּאַפּירל?

— וואָס האָסטו זיך צעלאַכט, מאַרינע? — פֿרעגט אומרויִק באַלאַנדין. — פֿון מיר לאַכסטו, האַ?

— ניט פֿון דיר, סאַשע, — פֿון זיך אַליין לאַך איך: וואָס האָט עס מיך פֿאַרטראָגן צו אָט דעם מאַלינינען?..

זי האָט אים טאַקע ניט געענטפֿערט, וואָס פֿאַרא געשעפֿטן האָט זי איצט מיט מאַלינינען, נאָר דערפֿילט האָט ער, באַלאַנדין, אַז נאָך טיַיערער ווערט אים דאָס מיידל און נאָך שווערער דער האַס צום נעפֿעש, וואָס האָט אָקאָרשט זיי נאָכגעשפּירט.

קאַפּיטל פינף

באַם סטערטעלע הײ

ראָכעלע איז אַרויס פון סאָד קימאַט שוין אַ קאַלע: כאָטש באַ דער מאַמען אירער איז נאָך דאָס האַרץ ניט װײכער געװאָרן, נאָר פון דער געפּאַלנקײַט אַלײן, מיט װעלכער זי האָט אַ זאָג געטאָן צו מאָטלען: „נאַ דיר די האַק דײַנע“, — איז ראָכלען װאַרעמער געװאָרן אויף דער נעשאָמע.

שוין אָן באַהעלטערלעך, אָפן, װי אַ פײגעלע, װאָס האָט שוין פליגעלעך און װײסט אַלײן דעם װעג צו דער נעסט, איז ראָכעלע אַרויסגעגאַנגען פון דער פורטקע און זיך געלאָזט אין דער פרימאָרגן־קילקײַט אַראָפּ־גאַס צו די גערטענער, צום לאָנקעלע, װוּ אײן־אַלײן, װי גלײַך אַ פאַרגעסענער קאָשעק, ליגט אַ סטערטעלע הײ.

פרידלס בריװעלע האָט זי אַהינצו געפירט. אַזוי האָט ער איר טאַקע געשריבן, דער באָכער: װען ער זאָל קאָנען, װאָלט ער זי פרי באַגינען אַרויסגעגאַנװעט און זי אַװעקגעטראָגן אויף דער לאָנקע. נאָר ער װײסט דאָך, אַז פון אונטער דער מאַמעס פאָדעלעק זי אַרויסשלעפּן איז ניט פון די גרינגע זאַכן, װעט ער פּאָשעט אַזוי זיך דורכגײן צו דעם אָרט, זיך צולײגן אין פרישן הײ, ניט װײַט פון איר שטוב, פון איר באַסידקעלע.

ער דרײט זיך אויפן קאָרעק, דער טײַערער באָכער, נאָר ראָכעלע האָט פאַרשטאַנען, װאָס דאָס בריװעלע מײנט... שטיל, אויף די שפּיץ פינגער, מיט אַ קינדערש־פאַרטײַעטן אָטעם גאַנװעט זי זיך אונטער צום סטערטעלע און פאַרשטעלט פּלוצעם פרידלען די אויגן מיט אירע צװײ מײדלשע װאַרעמע דלאָניעס.

שפּילנדיק זיך קינדװײַז, האָט זי ניט אײן מאָל פאַרמאַכט מיט אירע הענט ייִנגלשע אויגן. נאָר דאָס מאָל האָט איר אַ נאָג געטאָן באַ דער נעשאָמע: זי האָט מאַמעש מיט די אײגענע דלאָניעס דערפילט, אַז אײן אויג באַ פרידלען איז אויסגערונען...

גלײַך װערט איר אויפן געמיט לײַכטער, װי זי װאָלט אָט ערשט איבערגעשװומען אַ ברײטן טײַך. אַזױפיל נעכט איז זי ניט געשלאָפן איבער דעם שװערן געפיל, אַז אַ בלינד אויג באַ אַ מענטשן איז עפּעס באַזונדערס אָפּגעפרעמדט, אַפילע מיט פּאַכעד פאַרצויגן. און איצט איז איר גרינגער אַרײַנקוקן אים, פרידלען, גלײַך אין די אויגן אַרײַן...

זיצט מען אַזוי אָנגעשפּאַרט אין סטערטעלע הײ, װי צװײ קינדער, און מע דערצײלט אײנער דעם צװײטן, װאָס פאַר דער צײַט, זינט זײ האָבן זיך ניט געזען, איז באַ בײדן פאָרגעקומען. דערנאָך שושקעט מען זיך נאָך לאַנג. עס װעבט זיך אַ דערמאָנונג פון אַ יאָר פינף צי זעקס צוריק, װען פרידל איז נאָך אַ שאָפער געװען אין שטעטל, און זי, ראָכעלע, אַ יונג אײפּעלע, שוין ניט קײן קינד, אָבער נאָך אויך קײן קאַלע־מויד ניט.

...נאָך פאַר דער מילכאָמע איז דאָס געװען, אין קלײנעם שטעטעלע, װוּ פרידל האָט געלעבט באַ זײַן טאַטן, אַװראָם מאָפּס, און װוּהין ראָכעלע האָט זיך אַנומלטן אַראָפּגעכאַפּט צוגאַסט פון דעם אויפגעקומענעם ראַיאָן־צענטער.

פרידל האָט געדרײט דאָס „בײגעלע“ אין דער אָרטיקער עמטעעס. געדענקט ער, װי ס'האָט אים געצויגן דורכפאָרן מיטן „גאַזיק“ גראָד פאַרבײַ דעם אַלקער־פענצטער פון זײַן טאַטנס שטוב, קעדײ באַװײַזן די מאַשין, און זיך, און די סכוירע, װאָס אין קוזאָװ.

דער „גאַזיק“ מאַכט אַזעלכע בײזע געשרײען, כאָטש פאַרשטופּ אים דאָס מויל מיט קלאָטשע. צװײ געצײלטע טריט אַנטקעגן אַלקער־פענצטער איז זי פאַרהריזנעט געװאָרן, די מאַשין, רעװעט װי אַ קאַלב, װײל בעשום־אויפן ניט אַרויסקריכן פון דער גרוב װאַסער. איבערגעברענטע רעזינע טשאַדעט, שלאָגט אין דער נאָז אַרײַן. „טשעפּע אונדז מער ניט, מאַרגוליס, מיר ברענען פון דײַן בוקסאָװוקע!“ — בעטן זיך ראַכמים די הינטערשטע שינעס...

באַ דער זײַט שטײט אַ שװאַרצכײנעװודיק מײדעלע פון אַ יאָר פופצן — ראָכעלע סמיקון, די אַראָפּגעקומענע צוגאַסט פונעם ראַיאָנע צענטער, — זי שטײט און קוקט מיט פאַרדראָס אויף דער פריטשמעליעטער מאַשין. פונקט דעמלט, װען איר װילט זיך אַזוי זיצן באַנאַנד מיטן שאָפער, זיך דורכפאָרן איבער די אַרומיקע פעלדער, שטעלט זיך אָפּ די קליאַטשע, כאָטש לײג איר אונטער הײסע קוילן.

— קינד מײַנס, — לויפט אַװראָם מאָפּס צו צום פענצטערל פון דער קאַבינע, — מוטשע זיך ניט אומזיסט... עפּשער ברענגען אַ פּאָר באַלקעס צי שפּענער?

צוריק מיט יאָרן האָט אַמאָל דער טאַטע דערלאַנגט פֿרידלען מיט אַ שטיק האָלץ איבער די קריזשעס פֿאַר קינדערשע שפּיצלעך, איצט אָבער ליגט בא פֿרידלען אין קעשענע אַ שליסל פֿון אַ מאַשין. קוקט אוורהם מיט אַפּשײַ אַפֿן זונס פֿאַרדײַגעט פּאָנעם, אַפֿן אויסגעניאַרעטן טוזשור־קעלע זײַנעם און פֿאַריינוועגס אויך אַפֿן „גאַזיק", וואָס ליגט אַזוי מיִעס־פּאַסקודנע אַף אַ זײַט:

— ביסט געוווינט צו די מאַנעוורעס, זון מײַנער...

און בא זיך אין האַרצן טראַכט ער זיך: שכיינים עפּענען די לאָדן, מע טוט אַ קוק אַף דער מאַשין, ווי זי זיצט ביזן גאַרטל אין בלאָטע, וועט מען כויזעק מאַכן פֿונעם מאַפּס:

„אַ פֿײַנער באַלמעלאָכע, דער קאַדיש דײַנער... וואָלסט אים שוין בעסער פֿאַר אַ סטעלמאַך געמאַכט... אַ מעכאַניקער זײַן איז אַן איידל שטיקל אַרבעט, רעב אוורהם... אַ קאָפּ פֿון אַ מיניסטער דאַרף מען האָבן, ניט קיין לאָקשנטאָפּ..."

און בעשאַס פֿרידל טײַנעט זיך פֿרייִלעך אויס מיט ראָכעלען, באַפֿאַלט דעם טאַטן זײַנעם אַ בעהאָלע פֿאַרן ביזאָיען, וואָס דאָס שטעטל וועט אים באַלד אָנטאָן. לויפֿט ער אַוועק צו יאַנקל „טאַראַראַם", דעם אָרטיקן באַלעגאָלע, בעטן די צוויי גניאַדע אַף צו העלפֿן אַרויסשלעפּן דעם פֿייגער.

ניט אַזוי גרינג פֿויעלט מען באַם „טאַראַראַם", ער זאָל אַרויספֿירן די פֿערד פֿון שטאַל:

— זיי האָבן גענוג טראַקטאָרס אין עמטעעס, מאַך ניט אַזאַ קרום פּאָנעם, מאַפּס.

הייבט מען זיך אָן דינגען:

— וויפֿל, אַשטייגער, קלערסטו מיר באַצאָלן פֿאַרן שטיקל אַרבעט?

— מירן יאַקאָס אויסקומען.

— אויסשאַליעווען דעם שליטן?

— אויסשאַליעווען דעם שליטן...

— אַ קופּילע אַרײַנשטעלן?

— אַפּילע אַלע פֿיר, אַבי שלעפּ אים אַרויס, דעם שלאַק...

גייט דער „טאַראַראַם" צו צום פֿענצטער און דערזעט: ראָכעלע זיצט אין קאַבינע און קוועטשט מיטן פֿוס אַפֿן גאַז, און פֿרידל מיט אַ רעציכעדיק פּאָנעם שטייט אין דער בלאָטע און דרייט דאָס הענטל אַף צו פֿאַרפֿירן די מאַשין. פּלוצעם הייבט דער „גאַזיק" אָן זיך מאָרדעווען, וואַרפֿט זיך פֿרידל אַרײַן אין קאַבינע, קוועטשט מיט דער שטיוואַליע אַף ראָכעלעס פּיצל פּיסעלע און הייבט אָן קערעווען דעם רודער. דאָס מיידל פֿליט אַרויס פֿון דער קאַבינע אַ דערשראָקענע... נאָר דאָס ווײַזט זיך נאָר אויס דעם „טאַראַראַם", ווײַל גלײַך זעט ער, ווי זי טוט אַ וואָרף אַ פּאָר ברעטלעך אונטער די רעדער, און דער „גאַזיק" טוט זיך עטלעכע הוידע: פֿאָרויס, צוריק, פֿאָרויס, צוריק... אַרויספֿאָרנדיק פֿון דער גרוב, פֿאַרשפּריצט פֿרידל מיט בלאָטע ראָכעלעס קליידל און פֿאַרפֿאָראָשעט איר אָן אויג...

צעלאַכט זיך באַם פֿענצטער דער „טאַראַראַם":

— פֿאַרפֿאַלן מײַן שליטן, מאַפּס... דײַן טאַכשיט איז שוין אַף אַ דערעך.

מיט אַ באַזונדער פֿאַרגעניגן טוט פֿרידל אַ פּאָר צום אַלקער־פֿענצטער, צו די צוויי ווער־בעלעך, שטעלט אָפּ דעם „גאַזיק" און לויפֿט צו צו ראָכעלען:

— וואָס איז דיר מיטן אויג?

פֿרידל האָט דעמלט קוים מיט בויכווייטיק געפּאַקט דאָס שטיקעלע קויל. דאָס אויג האָט געשניטן, און זי, ראָכעלע, האָט אַזוי געוויינט, אַז ס'איז שווער געווען צו פֿאַרשטיין, צי דער ווייטעק וויינט אין איר, צי דאָס ערשטע אופֿגעוואַכטע מיידלשע געפֿיל...

זיי וואָלטן לאַנג אַזוי געזעסן באַם סטערטעלע היי, פֿרידל מיט ראָכעלען, און ווי צוויי קינ־דער דערציילט איינס דעם צווייטן דאָס, וואָס ביידע געדענקען זייער גוט און וואָס איז דאָך פֿריש און שטענדיק נײַ פֿאַר זיי... ראָכל וואָלט נאָך אַ זאָג געטאָן, מיינענדיק פֿרידלס אויסגערו־נען אויג, וואָס איז שוין איצט איר ניט אָפּגעפֿרעמדט, נאָר עפּעס באַזונדערס אייגן: „זאָל זײַן אַ פֿאַרפֿאָראָשעט אויג צי אַפּילע אײַנגאַנצן אָן אויסגעשלאָגנס, — אַבי דער קאָפּ איז גאַנץ און דאָס האַרץ איז אַ האַרץ..."

זי האָט עס שוין געוואָלט זאָגן, נאָר אין דער פֿאַרטאָגיקער שטילקײַט דערגייט אַהער דער מאַמעס קאָל:

— ראַ־אָ־כ־ל־לו!..

דאָס מיידל לויפֿט אַהיים איבער דער שלאָפֿנדיקער גאַס, אַ גליקלעכע, מיט אַ צעלאָזט שאַלכל און פֿאַלט גלײַך דער מאַמען אַף דער ברוסט:

— איך האָב אים פֿאָרט ליב, דעם סאָלדאַט, מאַמעניו.

נו, גוט, האָט זי אים ליב, פֿאַרוואָס זשע איז אַן אייגענע מאַמע ניט זוכע צו זען אים, דעם

באשערטן?.. אז ער איז מיט א מום, — דאָס ווייסט זי, מאַלקע, נאָר, כאַסוועכאַלילע, וואָס איך לעבן מאכט זיך, עפשער איז גאָר דער כיסאָרן אין דער נעשאָמע זײַנער...

— מאַמע, טײַערע, ווייסט גאָר ניט, וואָס פאַר א באָכער דאָס איז. איך האָב אים נאָך פון שטעטל ליב...

איז געבליבן, אז מאַלקע וועט מיטן באָכער אַליין זיך דורכריידן...

קאַפּיטל זעקס

רוסלאַן איז אַפן פערד

יאָרנלאַנג, זינט מאַלינין דרייט זיך אַרום אין גאַראַזש, איז דער קאָפּ אים פאַרנומען מיט איין געדאַנק: ווערן דירעקטאָר.

אָפּגעדעזשורעט די נאַכט, פּלעגט אָסיפּ סערגייעוויטש ליב האָבן קלאַל אַזוי זיצן א פּאָר שאָ באַם דירעקטאָר אין קאַבינעט. „ליאַסי טאַטשיט"[1], — האָבן שאָפערן געטײַטשט מאַלינינס וויזיט.

אַצינד, אז אָסיפּ סערגייעוויטש איז, גאָט צו דאַנקען, טאַקע געוואָרן דירעקטאָר, שמועסט מען וועגן אים אַנדערע דיבורים:

— דערזשיס, רעביאַטאַ, רוסלאַן איז אַפן פערד![2]

בעטעווע איז מאַלינין גאָר ניט קיין שלעכטער מענטש. אויב א שאָפער האָט, לעמאָשל, א דראַפּע געטאָן די מאַשין, לויפט אָסיפּ סערגייעוויטש אַרום איבערן גאַראַזש, זוכט א ביסל פאַרב, שמירט אַליין מיטן בערשטעלע. פאַרנאַכט פּוצט ער זיך אויס אין ווײַסן ראָק מיטן מאָדנעם קאַ־פּעליושל, פאַלט אַרײַן אין „פּילטער" מיט אַזאַ פאַרשמאַכט פּאָנעם, גלײַך ער וואָלט שוין א גאַנץ יאָר אין מויל קיין טראָפּן ניט גענומען. דערבײַ עסט ער דעם אָנבײַסן ניט אַנדערש, ווי אין דיעט־זאַל, און פאַרבײַסט מיט א קאָמפּאָטל פון געטריקנטע עפּל.

אז שאָפערן זאָגן א ווערטל „רוסלאַן איז אַפן פערד", ווייסן זיי מיסטאָמע, וואָס זיי זאָגן. וועהאַרײַע, מאַלינין איז נאָר געוואָרן דירעקטאָר, האָט ער גלײַך אָנגעהויבן אײַנפירן נײַע פּאַראָנדקעס. דער ערשטער באַפעל זײַנער איז געווען — אַראָפּנעמען דעם אַלטן פּאַכאָמאָוון פון דער אַרבעט, ער טאָר קיין פײַערלעשער ניט זײַן.

נו, איז וואָס, אז ער איז אַלט, מאַרינעס זיידע, טאָר ער ניט לויפן אַלע פרימאָרגן מיט דער מאַסקע אַף מאַנעווערס? נאָך א מין לויפן!

זאָגט אים אָבער מאַלינין:

— געגנוג אין גאַראַזש מאַזאַליען די אויגן, רו זיך שוין אָפּ, אַף פּענסיע גיי, פּאַכאָמאָוו!

געגאַנגען איז ער, דער אַלטער שאָפער, צענדליקער יאָרן מיט אַן אויסגעטראָטענעם וועג אין גאַראַזש אַרײַן. איצט גייט ער אויך — ניט קליאַנטשען און ניט בעטלען, נאָר טאַקע אונ־טערשטעלן זײַן אויסגעבויגענע פּלייצע אונטער דער שווערער לאַסט, וואָס הונדערט צוואַנציק מאַשינעס פונעם גאַראַזש צעפירן טאָג און נאַכט איבער די גאַסן פון דער אויסגעוואַקסענער שטאָט. רעכנט ער זיך נאָך פּאַר א מענטשן — גיט מען אים אָפּ א גוטמאָרגן...

קוזמאַ וואָרלאַמאָוויטש כאַפּט א קוק אַף מאַלינינען דורך די ברילן, און יענער פאַרשעמט זיך אַף א רעגע, ווײַל ער קאָן ניט אויסמײַדן דעם אַלטנס פּאָנעם מיט די קנייטשן, די שוואַרצע סימאָנים פון אויסגעבראָטענע הויטן. נאָר ס'איז דאָך מאַלינין, כאַזערט ער מיט קאַס איבער:

— אַף פּענסיע! געגנוג די אויגן מאַזאַליען! וועסט מאָרגן באַקומען דעם באַפעל!

פּאַכאָמאָוו לאָזט ניט אַראָפּ פון מאַלינינען די אויגן:

— דאָ, אַף מײַן פּאָסטן, וועל איך שטאַרבן, אָסיפּ סערגייעוויטש. און די באַפעלן דײַנע — שרײַב זיי בעסער ניט...

הייבט זיך אָן א מײַסע מיטן געריכט, מיט שרײַבן אין אויספּירקאָם, אין מיניסטעריום, נאָר מאַלינינען אײַנבייגן איז ניט אַזוי גרינג, דערצו נאָך, אז דער אַלטער קער זיך אים אָן דורך מאַ־רינען א שטיקל קאָרעוו.

מאַרינע טאַקע לאָזט אים ניט צורו, מאַלינינען.

געוואָרן דירעקטאָר, האָט ער אויסגעקליאַנטשעט באַם אויספּירקאָם א שפּאָגל־נײַעם „מאָסק־וויטש", פעלט אים אָבער א פּערזענלעכער שאָפער. וועמען זשע נעמען?

„מאַרינען!" — פאַלט אים אַפן געדאַנק.

---

[1] פּלאַפּלען, שאַרפן די צינגער; [2] האַלט זיך, כעווריע, רוסלאַן (א לעגענדאַרישער גיבער) איז אַפן פערד.

פאַרטראַכט נאָר מאַלינין דאָס דאָזיקע שפּיצל, הייבט ער אָן אָנסטראַיען ראָכעלען, מאַרינעס כאַוועדטע. טאַקע דעם זעלבן אַפּדערנאַכט זיצט ער שוין אין דיספּעטשערסקע, דרייט זיך אַרום די מיידלעך, באַטײַלט זיי מיט קאָנפעטלעך.

— ראַיִסאַ מאַטוויייעווונאַ, וועמען נעמט מען אַפּן „מאָסקוויטש"?

ראָכעלע שווײַגט. שווער צו זאָגן, ווער פון די שאָפערן קאָן זיך באַ זיך פּויעלן אַרופנעמען אַפּן אייגענעם האַלדז אַזאַ יאָך.

— מע דאַרף איבעריידן מיט מײַן מאַרינען, — זאָגט בענעביי מאַלינין.

— געוועזן אײַערע, אָסיפּ סערגייעוויטש...

מאַלינינען ווערט נימאס די שפּיל, טוט ער אַ זאָג טרוקן און עפּעס צו דעליקאַט:

— סמיקון, מאָרגן, ווי נאָר פּאַכאָמאָווו וועט קומען פון דער ליניע, שיקט זי אַרײַן צו מיר. ניט געזאָגט קיין „זײַ געזונט", גייט ער אַרויס.

יאַוועט זיך נאָר מאַרינע אין גאַראַזש, אַזוי רינגלען זי אַרום די מיידלעך, באַקרעכצן, באַוויקען זי. מאַרינע הערט אויס אַ ביסל צעמישט די שיינע בסורע, און טיף אין האַרצן באַ איר טוט אַ צאַפּל איניינעם מיט מאַרעשכוירע אויך אַ ביסל פרוויִשע האָנאַע, וואָס ער רופט זי דאַפקע אַרויס, ווײַל מיט גוטן איר אײַנריידן זײַן מאַמזערישן פּאַרטראַכט.

דאָ ניט ווײַט פּאַרעט זיך מאָטל באַ אַ לאַסטמאַשין, גלײַכט אויס אַ צעקאַרדאַשעטן פּליגל. ער קלאַפּט מיטן העמערל און רעדט בעשאַסמײַסע צו פּאַכאָמאָוון, וואָס זיצט אין קאַבינע באַם אָפענעם טירל, די פיס אַרויסגעלאָזט אין דרויסן. מאָטל זאָגט, אַז מאַרינע זאָל בעפּיירעש יאָ אַרײַנגיין אויסהערן נאַטשאַלסטווע — בעקאָוועדיק, שטיל, פֿײַן, מיט קויעך וועט ער זי דאָך ניט נעמען, מיט אַ קאַנטשיק שלאָגן אַוואַדע ניט.

זיצנדיק אין מאַשין, כאַפּט פּאַכאָמאָוו אַ קוק אָף אַן אָפּגעריסענער ברעט אין פּלויט. פון יענער זײַט טשוכעט זיך אַ כאַזערל, וואָס די באַלעבאָסטע, אַ שכיינע פונעם גאַראַזש, האָט מיסטאַמע פאַרגעסן פאַרטרײַבן אָף נאַכטלעגער. זייער אַ ציכטיק כאַזערל, נאָר עס קוויטשעט, גלײַך מע וואָלט עס געקוילעט.

פּאַכאָמאָוו טראַכט זיך זײַנס: אָט מאַכט זיך אַ כאַזערל — אַ קײַלעכיק מאָרדעלע... איז אים, דעם אַלטן שאָפער, ליבער קוקן אָף דעם דאָזיקן דאָווראַכער, איידער מאַלינינס צורע אָנקוקן.

אַזוי טראַכט ער, פּאַכאָמאָוו, ווײַל פון זײַן קאַבינע זעט ער אויך מאַלינינען, ווי ער שפּאַצירט עס אַרום אין שיינעם גאַרניטער לעבן דער קאָלאָנקע, שטעלט זיך אָפּ, וואַרפט בליקן, זוכט עמעצן. ביידע אַלטע לײַט, קוזמאַ און מאָטל, ווינקען זיך איבער, ס'הייסט: מאַלינין זעט אויס ווי אַ קאָטער, וואָס איז אַרויסגעלאָפן פון שאָכנס בוידעם...

ניט אומזיסט נישטערט מאַלינין אַרום דער קאָלאָנקע. עס שטייט דאָ באַלאַנדינס מאַשין. קוקט ער זיך צו, צי עס פּוסט־און־פּאַסוועט ניט דאָ, לעבן באַלאַנדינען, פּאַכאָמאָווו.

נאָר מאַרינע, אַ פאַרמאַטערטע, גלײַך פון דער ליניע געקומען, עפנט די דיקטענע טיר פון דער דיספּעטשערסקע, באַגריסט זיך פונדערווײַטן מיטן זיידן און מיט מאָטלען און לאָזט זיך גיין צו דער קאָלאָנקע. זי בלײַבט שטיין צווישן ביידע מאַנצבלען, צווישן באַלאַנדינען און מאַלינינען, און, ניט אופהייבנדיק די אויגן, רופט זי זיך אָן צום דירעקטאָר:

— איר האָט מיך אַרויסגערופן... די מיידלעך זאָגן, אַז איר ווילט מיך זעצן אַפּן „מאָסקוויטש"...

מאַלינין מאַכט זײַן געווײנלעך כאַניפּעלע:

— געמיינט האָב איך דאָך, מאַרינע, ס'זאָל זײַן פאַר דיר גרינגער...

מאַרינע פאַרשפּיליעט דאָס בעקעשל און טוט אָף אים אַ בייזן קוק:

— אַפּן „מאָסקוויטש" וועל איך זיך ניט זעצן.

פון מאַרינעס ווערטער גיבן באַ באַלאַנדינען אַ ציטער די הענט. ער פאַרמאַכט ראַשיק דעם קאַפּאָט פון דער מאַשין און גייט צו נעענטער צו מאַלינינען. באַ אָסיפּ סערגייעוויטשן בײַט זיך די פאַרב אין פּאָנעם, און ער טוט אַ זאָג מיט אײַנגעהאַלטענער רעציכע:

— קאַפּריזן פיר מיטן זיידן דײַנעם. און איך בין דערווײַל דירעקטאָר, כאַוועדטע פּאַכאָמאָווו!

מאַרינע גייט אָפּ אַ פּאָר טריט צו באַלאַנדינען, ווי זי וואָלט געזוכט באַ אים אַן אָנשפּאַר. זי גיט אַ שיט מאַלינינען אין פּאָנעם אַרײַן:

— ווילסט זיך אין מיר נויקעם זײַן?..

באַלאַנדין שטייט מיטן לאָמיק אין איין האַנט, און מיט דער צווייטער נעמט ער אַרום מאַרינען פאַר דער פּלייצע.

— ביסט אַ באַלן זיך שלאָגן, באַלאַנדין? — דערזעט מאַלינין דעם לאָמיק.

אַלעקסאַנדער ניקיפּאָראָוויטש פּאַרקאַרבט נאָך שטאַרקער דעם שטיק אײַזן אין האַנט:
— אויב מע וועט דאַרפֿן, וועלן מיר זיך שלאָגן... ביז בלוט זיך שלאָגן... מאַרינען גיב איך דיר ניט אָפּ!

באַ מאַלינינען גיבן בײַז א ציטער די ליפּן:

— אין וואַלד אַרײַן!.. ביידע אין וואַלד אַרײַן!

מאַרינע האָט די לעצטע ווערטער ניט געהערט. א שווערע נאָגעניש איז איר אונטערגעגאַנגען אונטערן האַרצן. עס האָט א שווינדל געטאָן פֿאַר די אויגן: מאַלינינס אָנגעפּרעסן פּאַנעם, דאָס אײַזערנע לאָמיקל, די רויטע קאַלאַנקע און א שטיק אָנגעוואָלקנטער הימל. ביידע מאַנצבלען, וואָס שטייען ווי צוויי העגער איינער אַנטקעגן אַנדערן, דערזעען פּלוצעם, אַז מאַרינע זעצט זיך צו אַף דער ערד.

פּאַכאָמאָוו לויפֿט אַרויס פֿון דער קאַבינע, פֿאַרטשעפּעט זיך אין מאָטלס פּוס, שלאָגט אַרויס פֿון זײַנע הענט דאָס העמערל און לאָזט זיך לויפֿן צו דער קאַלאַנקע.

באַלאַנדין האָט שוין אופֿגעהויבן מאַרינען, און ביזוואַנען מאַלינין איז א צעטראָגענער אַוועק קלינגען אין טעלעפֿאָן, האָט ער מיט פּאַכאָמאָווס און מאָטלס הילף אַרײַנגעטראָגן זי אין דיספּעטשערסקע.

ראָכעלע גייט אַרום מאַרינען, גיט איר א טרונק וואַסער, סוידעט זיך מיט איר א רעגע און זאָגט פּאַכאָמאָוון מיט מיידלשער פֿאַרשעמטקייט:

— זיידעניו, ערגערט זיך ניט. סאַשע ווייסט דאָך, אַז מאַרינקע איז טראָגעדיק פֿון מאַלינינען...

— און מאַלינין אַליין? ער ווייסט?

— מאַלינין! — שרייט אויס ראָכעלע. — א מאַקע אים אין די געדערים, זיידעניו! און ווען ער ווייסט, וואָלט עס אים דען אָפּגעשטעלט, דעם סאַמאָדור?..

קאַפּיטל זיבן

אין וואַלד — איז אין וואַלד!

שאַפּערן שרעקן זיך גאָר ווייניק פֿאַר א וואַלד. נאָך גאָר ניט אַזוי לאַנג, אין די שווערע מילכאָמע־יאָרן, איז דאָרט געווען א היים: א בעט פֿון כוואָיע מיט א שינעל אַף זיך אײַנדעקן, א שײַטער, וואָס האָט געוואַרעמט ווי אַן אייגענע מאַמע. וואָכנווײַז האָט מען זיך געשפּײַזט דאָרט מיט ניסלעך, מיט ווילדע יאַגעדעס, פֿון וועלכע די צונג ווערט טערפּקע, כאָטש רײַב כריין אַף איר.

פּונקט ווי דאָרט, אין דער סאָלדאַטישער אויטאָקאַלאָנע, בינדט מען איצט צו מיט שטריק צו די באָרטן פּולע פּעסער מיט בענזין. באַלאַנדין שטאָפּט אָן א בלעכענע פּושקע מיט סאָלידאָל און שרײַט צו מאַסליאַנקינען, ער זאָל ברענגען צו שלעפּן דעם בוקסיר — מע פֿאָרט ניט קיין קרעפּלעך עסן באַ דער שוויגער...

מאַסליאָנקין האָט זיך זײַנס אין זינען: יאָ, אין וואַלד לעקט מען ניט קיין האָניק. די בריגאַדע שאָפֿערן, וואָס איז שוין דאָרט א פֿײַן שטיקל צײַט, האָט גאַנצע צוויי ציסטערנעס בענזין אויסגעברענט, נאָר עפּעס זעט מען ניט, זיי זאָלן א שײַטל האָלץ אין שטאָט אַרײַנברענגען... בלאָזט ער אָן די באַקן, מאַסליאַנקין, און מאַכנדיק אַן אָנשטעל, אַז ער גייט נאָכן בוקסיר, שאַרט ער זיך אָפּ אין „פּילטער" אַן אייצע האַלטן זיך מיטן קאַרעק פֿונעם פּלעשל.

אָט האָבן זיך שוין צונויפֿגענומען די כוואַרע שאָפֿערן: שפּעט־אָסיענדיק אָנגעטאָנענע אין וואַטניקעס און אין יוכטענע שטיוול, מיט אויסגעדינטע סאָלדאַטישע אושאַנקעס אַף די קעפּ. פֿאַרן אַרויספֿאָרן האָט מען געכאַפּט א דרעמל, איז מען איצטער א ביסל אָנגעכמורעט און פֿאַרשלאָפֿן, ווי די בערן נאָך דער בערלאָגע.

פֿרידל מאַרגוליס וואַרפֿט אַרײַן אין קוזאָוו א פּאָר באַלקעס, אויסגעווייקטע ברעזענטן, עמערס און לייקעס. אַלץ מאָסטעט ער אײַן באַרעכנט און באַלעבאַטיש, טראַכטנדיק דערבײַ, אַז אָט אינגאַנצן צוויי שפּאַן פֿונדאַנען איז איצט ראָכעלע שטאַרק פֿאַרנומען מיטן פֿאַרגרייטן די פּוטיאָווקעס און די בענזין־טאַלאָנען, ראָזעווע צעטעלעך — צום טויער, און ווײַסע צעטעלעך — פֿאַרן פֿראַכט.

נאָר ווו איז מאַסליאַנקין? ווו איז דער בוקסיר? באַלאַנדין מיט מאַרגוליסן נישטערן איבערן גאַראַזש, זוכן אונטער די מאַשינעס, און אַז זיי קומען אַרײַן אין קאָנטאָר, דערזעען זיי אַזא בילד:

אין צימערל זיצט מארינע לעבן ראָכעלען, זיי ריידן זיך אויס דאָס הארץ, גערזעגענען זיך, און פון יענער זײַט פענצטערל שטעקט ארײַן מאסליאָנקין א שיקערע צורע, וואָס פינקלט מיט ציגײַ־נערשע אייגעלעך, און האלט אין איין אײַנריידן מיט א פארפלאָנטערטער צונג ראָכעלען, זי זאָל אָף אים כאָטש א קוק טאָן און צווינטשן אים האצלאָכע אין וועג. אזוי, נודענדיק די נעשאָמע, ווערט ער מיטאמאָל מיד און אָפּגעשוואכט, כאָטש לייג אים קאלטע פריפארקעס.

שטייט מען אזוי ארום דעם „בארמינען" און מע ווייסט ניט, וואָס צו טאָן מיט אים: אָפּטויווי־לען דעם שיקער אין דוש צי גאָר בעטן פאכאָמאָוון, ער זאָל מיט דער פײַערלעשער־קישקע אים אָפּמינטערן.

— מאכן א „גוסאק", — אייצעט ראָכעלע.

א גוסאק — איז א גוסאק... מארגוליס שלעפּט ארויס פון דעם לײַבל א שטיקל וואטין, באלאָנ־דין רײַבט אוף א שוועבעלע, ווערט אזא געשטאנק, גלײַך מע סמאליעט א כאזער. דערפילט מאסליאָנקין בא דער נאָז דעם טשאד, טשוכעט ער זיך אויס, שעלט די שאָפערן מיט טויטע קלאָלעס און מאכט באלד א פּאָנעם פון אן אומשולדיק שעפעלע:

— פוסטע מײַסעס... באלד פאָרן מיר.

ראָכעלע דערלאנגט אים א קווערטל וואסער, טרינקט ער דאָס אויס מיט אזא האנאָע, גלײַך ער וואָלט ערשט א געזאלצענעם פיש אײַנגעשלונגען.

די מאשינעס זײַנען גרייט, מע דארף נאָר עפענען דעם טויער. אָבער דאָ איז נאָך דערווײַל באלעבאָס פאכאָמאָוו. און פאכאָמאָוו אײַלט זיך ניט. דורך די אראָפּגעלאָזטע ברעמען באטראכט ער שטרענג מארינען און רעדט איר אויס, פארוואָס זי האָט דאָס ווארעמע קאָפּטל ניט מיט־גענומען מיט זיך. דערנאָך גייט ער צו צו דער קאבינע און, גלעטנדיק דעם ערשט אויסגעפארבטן פײַערלעשער־באלאָן, טײַנעט ער אײַן דעם אייניקל:

— באנאכט זאָלסטו זיך צום רודער ניט זעצן! הערסט, וואָס מע רעדט צו דיר? זאָלסט זיך ניט זעצן... זאָלן די כעוורע פאָרן, און דו כאַפּ א דרעמל...

מארינע קושט אים, דעם זיידן, כאַפּט אָן די באָרד זײַנע, טוליעט זיך צו איר. זי דערזעט ראָכעלען מיט מארגוליסן, ווי זיי קושן זיך אויך, — צעקלינגט זי זיך איבערן גאנצן גאראזש:

— קום זיך בײַטן, ראָכל! דו מיטן זיידן, און איך מיט מארגוליסן...

באלאנדין נעמט, לאכנדיק, מארינען אָף די הענט און זעצט זי ארײַן אין קאבינע. דער סקריפּ פונעם אלטן טויער מישט זיך צונויף מיטן רויש פון די מאָטאָרן.

אין דרויסן פרירט שוין. דער טראקט איז פארצויגן מיט א דין אײַז־פליווקעלע — ניט אנ־דערש, די לעוואָנע, ליגנדיק אין איר נעסט אפן הימל, האָט זיך א שפּיגל געשטעלט. א באשאָ־טענער מיט ערשטע פראָסט־גרײַפּעלעך, פינקלט אזוי דער וועג, אז באם שאָפער אין קאבינע פארזשמורען זיך די אויגן, און ס'איז נאָך גאָט צו דאנקען, וואָס אנטקעגן טראָגן זיך ניט קיין אנדערע מאשינעס, — זײַנען נאָך גאנץ זייערע ביינער.

באנאכט איז שטיל אפן טראקט, נאָר ער אָטעמט שווער, ווי אין א היץ. אָט גיט א טרישטשע פון פראָסט דער אספאלט, גלײַך דאָס אײַז אפן טײַך. פון דער פינצטערניש שווימט ארויס א פײַערל. שאָפערן שטויסן זיך אָן: אָף א מאָטאָציקל טראָגט זיך ארום סטראכאָוו. ער זאָל נאָר וויסן, סטראכאָוו, וויפל ביטערע טראָפּנס מאסליאָנקין האָט הײַנט אין זיך ארײַנגעגאָסן, זעצט ער אים גלײַך איבער אין וויגעלע פון זײַן מאָטאָציקל און ברענגט אים, ווי א קראנק קינד, צו פירן אין קליניק, מע זאָל אים דאָרט ארײַנלייגן אין מויל ארײַן די סאָסקע פון ראפּאָפּאָרטס פּרעפּאַ־ראט. ווען די דאָזיקע סאָסקע פאלט ארײַן אין מויל פון א שיקער, גיט זי אָפּ א געגוויעם דיך־וועכעזשבן סטראכאָוון, און דער שיקער איז שוין קימאט אויס שאָפער — אָף אים ווארט שוין דער בעזעם אין גאראזש...

נאָר אומזיסט היצט זיך סטראכאָוו. מארגוליס און באלאנדין האָבן באוואָרנט, אז מאסליאָנ־קין זאָל זיך ניט ווארפן אין די אויגן. ליגט ער איצט אין קוזאָוו, אײַנגעדעקט מיט נאסע ברע־זענטן, ווי אין זײַנער אָן אייגענער אויסניכטער־קאמער אָף רעדער. זאָל אנאטאָלי זיך אויסשלאָפן, די נאכט איז גרויס — מע וועט נאָך האָבן קאלטס און ווארעמס.

אז מע פאָרט גיכער, פאלט מען ווייניקער אראָפּ אין ריוו ארײַן. א גליטשיקער וועג האָט פײַנט, אז מע גייט טריט־וואסער. פאָרט מען מיט אימפּעט. א טונקעלע בלויקײַט פארכאַפּט א האלבן הימל, צווי וואלד־מאסיוון ציִען זיך פון ביידע זײַטן, און אונטער די רעדער גלאנצט און וויקלט זיך דער טראקט, א באשאָטענער מיט טויען־פראָסט.

מארינע זיצט לעבן באלאנדינען אויסערלעך א רויקע, נאָר זי לאָזט ניט ארויס פון אויג ניט סטראכאָווס פײַערל, וואָס שווינדלט אין דער ווײַט, און ניט מארגוליסעס מאשין הינטער דעם אייגענעם קוזאָוו. מיטאמאָל דערזעט זי: מארגוליס ליגט שוין אין ריוו...

— סאשע! — שרײַט זי ארײַן באלאנדינען אין אויער. — שטעל זיך אָפּ!

באַלאַנדין פאַרשטייט: אויב אים איז שווער מיט ביידע אויגן, הײַנט מארגוליסן... ברעכט מען שוין צוויי פֿון צעוואַקסענע יאַדלעס, מע האַקט אונטער דאָס בערגל אין קיוועט: שאָפֿערן זײַנען געווונט צו אזעלכע מאַנעווורעס. איין מאַשין שלעפּט די צווייטע.

— פֿאָרן איז פֿאַרן! — שרײַט מאַסליאַנקין פֿון קוזאַוו.

מארגוליס רוט ניט: ער בינדט איבער דעם טראָס, קאַרבט אײַן א שטיק שטאָלענעם דראָט מיט די מאָזאָליִעדיקע הענט, מאכט א האטשיק, לויפֿט נאָך וואסער אָף אָנפֿאָיען דעם ראַדיאַטאָר.

— אנאטאָלי, ווו איז דער בוקסיר?

ווידער א מײַסע מיטן בוקסיר. שוין דאָס צווייטע מאָל גיט ער אים אויס, דער בוקסיר, מאַסליאַנקינען. מארגוליס זעט, ווי דער „קאָרעש״ זײַנער טאַנצט אראָפּ פֿון דער מאַשין, און ניט דעם בוקסיר טראָגט ער, נאָר א פֿליאַגע. וויל ער נאָר זי נעמען צום מויל, כאַפּט אים מארגוליס בא דער האַנט.

— טרינקסטו אויס כאָטש איין טראָפּן, מאַסליאַנקין, בינדן מיר דיך! וועסט זיך אָפּוואַלגערן אין קוזאַוו ביז וואַלד ארײַן. געדענקן!

— ס׳אַן עסעריקע קעלט... דערוואַרעמען דאַרף מען זיך...

— עד דו, העלד מיטן פֿלעשל אין די הענט... — שאָקלט מיטן קאָפּ באַלאַנדין, — מיר האָבן אזעלכע מאַשינעס, ווי די לייבן, און דו ווילסט, אז בראַנפֿן זאָל דיך אין וואַלד ארײַן ברענגען.

ווען די צוויי מאַשינעס פֿאָרן שוין ווידער איבער דעם פֿינקלדיקן טראַקט, לויפֿט ווידער אָן סטראַכאָוו אָף זײַן מאָטאָציקל. ער ווייסט ניט, וואָס פֿאַר א סכוירע די כעוורע שאָפֿערן פֿירן אין קוזאַוו אונטערן ברעזענט, שטעלט ער זיך אָפּ נאָר אָף א ווײַלע און שרײַט אויס מײַסע־באַלעבאָס:

— באַלאַנדין! אָף דער טראַסע איז אַלץ אין אָרדענונג?

— אין אָרדענונג, — ענטפֿערט מען אים אָפּ פֿון ביידע מאַשינעס.

קאַפּיטל אכט

סיניאַרן

דער וואַלד איז האַרבסטיק־אויסגעטאָן. מע הערט שוין ניט זינגען קיין פֿייגל, בלויז די שטאַמען סקריפּען פֿונעם ערשטן פֿראָסט.

ביימער אײַנגעזעסענע, אײַנגעפֿונדעוועטע האָבן ווי אָפּגעטראָטן דעם וועג פֿאַר די צוויי מאַשינעס, זיי פֿאַרנאַרט אין דער טיפֿעניש און אײַנגעשלונגען.

א וואַרעמקײַט האָט א זעץ געטאָן פֿון די רווישנדיקע מאָטאָרן. שאָפֿערן פֿון דער אַלטער וואַלד־בריגאַדע זײַנען געלאָפֿן אנטקעגן מיט אויסגעשטרעקטע הענט, פּונקט זיי וואָלטן צו די מאָטאָרן געלאָפֿן זיך אָנוואַרעמען.

מע ווייסט שוין דאָ פֿונעם סאָד: אַלעקסאַנדער ניקיפֿאָראָוויטש באַלאַנדין מיט זײַן בריגאַדע פֿאָרט אהער אין וואַלד ארײַן. קוקט מען אָף די ערשטע געקומענע — ווער מיט פֿרייד, און ווער מיט א כויזעק־שמייכעלע. מע באַקוקט די שטאָטיש אויסגעראַזירטע פּענעמער, מע דרייט זיך ארום מארינען, סטאַרענדיק זיך מיט פֿאַרגרעבטע דלאָניעס צודעקן די קויטיקע שטשעטינע אָף די אייגענע באַקן.

דער ערשטער שפּרינגט ארײַן אין קאָן מאַסליאַנקין. זיך גוט אויסגעכראָפּעט אונטערן ברעזענט, פֿילט ער זיך איצט בעקויעך זײַן דאָ, בא דער באַגעגעניש, דער גאַנצער מאכער. טוט ער זיך א שטעל פֿאַר די קאָלעגן, שאַרט זיי פּראָוואָרנע ארום מיט די ציגײַנערשע אייגעלעך, פֿאַרייכערט א לאַנגן „קאַזבעק״ און שיט ארויס:

— ווערדליק איר זעט אויס, סיניאָרן, איז דאָ נאָענט קיין גאַסטראָנאָם ניטאָ...

מארגוליס גיט אָף אים א קוק, ווי איינער רעדט: דער הון כאַלעמט זיך אַלץ פֿראָסע.

— ווי לעבט מען, כעוורע? — פֿירט ער איבער מאַסליאַנקינס פּוסטע רייד אָף געוויינלעך מענטשלעך לאָשן.

— מע לעבט, — ענטפֿערט מען. — איר האָט געבראַכט אינסטרוקציעס פֿון מאַלינינען?

און צו באַלאַנדינען, וואָס האָט זיך נאָך ניט צעקאַטשעט אָף זאָגן א וואָרט, שרײַט עמעצער אויס מיט אַן אזעספּאָנעמדיקער היימישקײַט:

— שפּאַן זיך שוין אויס פון דער שלייע, סאשע, און קוועטש ארויס א וואָרט.
און צווישן זיך שושקעט מען זיך מיט דערעכערעץ:
— באַלאַנדין איז געקומען.
— נו, איז וואָס, אז באַלאַנדין? א גאָט בא דיר?
— פּוסטע זײַנען זיי אהער מיט מארגוליסן ניט געקומען.
— מע זאָגט, אז ער האָט צוגעטראַכט: שליטנס אָף פּירן די קלעצער...
— מע ווייסט שוין דעם מעטאָד... אין טײַגע איז דאָס אן אָפּגעשלאָגענע הוישײַנע... מאסליאַנקין ווערט באַלד א פּאַניבראַט מיט אַלעמען. ער שפּײַט מיט קאַס אויס דעם „קאַז־בעק" און שטופּט זיך צו איינעם אין רעדל שאָפערן פּאַרדרייען א ציגאַר טוטין.
— באַלאַנדין האָט געשעמט און וועט שעמען... אליין דער סעקרעטאַר פונעם ראַיקאָם האָט אים ביזן סאָף שטאָט באַגלייט... סע שמעקט מיט אָרדענס...
שאָפערן קוקן זיך איבער. נאָר מע שיסט גלײַך אויס א געלעכטער. מארינע האָט שטיפע־ריש זיך א שטעל געטאָן פאר מאסליאָנקינען און מיטביידע הענט אים אָנגערוקט איבער די אויגן דאָס היטל. אפילע באַלאַנדין האָט באַקומען לאַשן:
— ווען מע גיט פאר פּלאַפּלערײַ אָרדענס, וואָלסטו, אנאַטאָלי, דער ערשטער באַקומען...
וויבאַלד באַלאַנדין האָט שוין אָנגעהויבן ריידן, דאַרף מען אים די צונג ניט פּיקן. ער זעצט זיך צו אף א פּניאַק און זאָגט מיט אזא געשטעלטקײַט, פּונקט ווי מער גאַרניט, אויסער דער דראָשע צו די שאָפערן, וואָלט ער ניט געבראַכט מיט זיך אין וואַלד ארײַן:
— ווער האָט עס אויסגעטראַכט, אז מע קומט אהער, ווי שטראַפניקעס פאר זינד?
— דאָס האָט מאַלינין צוגעטראַכט, — מישט זיך ארײַן מאסליאָנקין.
באַלאַנדין טוט אָף אים א מאַך מיט דער האַנט און זעצט פאָר:
— מיר קומען דאָ ניט אָפּ אין וואַלד. ס'א גרויסע זאַך — ברענגען דער שטאָט האָלץ אָף ווינטער...
— וועט מען געבן א פּאַטעפאָן מיט א זייגער? — פרעגט עמעצער פון רעדל.
— ניין, ס'וועט זײַן ווארעם אין די הײַזער! דאָס איז די בעסטע פּרעמיע...
באַלאַנדין הייבט זיך אוף פונעם פּניאַק און זעצט זיך ווידער אין קאַבינע ארײַן.
שאָפערן קריכן אומגעבעטען אין די קוזאָווס, פּונקט ווי זיי אליין וואָלטן אפּסנײַ ערשט איצט אין וואַלד ארײַן געקומען. די מאַשינעס, באַקלעפּטע מיט פרייליכע פּאַרשוינען, רירן זיך ווײַטער אין וועג — צו דער זעמליאַנקע.

שאָפערן זײַנען שטענדיק אָף די רעדער. די טראַסע איז זייער טיש און זייער בעט. און כאָטש דער גאַראַזש שטייט אין סאַמע ראָש פון שטאָט, איז דאָך די שטילקײַט פונעם וואַלד דעם שאָפערס סטיכיי.

ס'איז גוט אזוי צו זיצן באנאכט בא א שײַטער, טשאדען מיט מאכאָרקע, ארײַנדעכען אין זיך דעם סמאָלע־גערוך פון די נאָדלביימער. אין שײַן פון שײַטער ליגט דער וואלד, ווי אן אָטארע שאָף בא דעם פאסטעכס פיס. מאשינעס שטייען דאָ ניט ווײַט אין באלקע. פון דעם פײַער פארויט־לען זיך זייערע שטאָלענע פארצעפער, און זיי זעען אויס, ווי לעבעדיקע נעפאשעס, כאָטש פאר־פוץ זיי אין בלומען־קרענץ, כאָטש פיר זיי, ווי פערד, אָנפאַיען.

נאָר לאנג סטארטשען באם שײַטער טאָר מען ניט. שאָפערן זעען פאר די אויגן אָנגעוואל־גערטע קלעצער, כאפט מען זיך, אז קיין שניי שיט נאָך ניט און די בלאָטע איז נאָך ניט אזוי גרויס, דארף מען דאָך וואָס גיכער איבערפעקלען דאָס געהילץ. מעג פלאָצן א באלאָן, זיך אָפּ־שליסן א באָרט אינמיטן וועג, נאָר דער שאָפער פירט אקשאָנעסדיק זײַן מאשין און ס'איז אים קימאט אזוי גוט, ווי באם שײַטער, ווײַל אין וואלד, אין פארשיידענע ערטער, פינקלען איצט א סאך שײַטערס — די אָנגעצונדענע פארעס.

אז מע פאקט אָף א בלאָטיקן וועג, ציט מען אָן אָף הינטערשטע רעדער קייטן, צי מע לייגט אויס א הילצערן בריקל. שאָפערן זשאלעווען ניט די יוכטענע שטיוול, קריכן ביזן גארטל אין בלאָטע, קעדיי מיט דער לאָפּעטע אויסגראָבן דעם דישל פונעם „פריצעפּ"[1], פארקניפּן דעם טראָס און אָף די אייגענע פלייצעס ארויסשלעפּן דאָס גרינע גאָלד פונעם וואלד.

באלאָנדין ווייסט זייער גוט, ווי אײַנמאָסטען און אײַנקרעמפּעווען א הורבע קלעצער אין קוזאָוו. גרעבערע לייגט מען אפן דנאָ, דינערע בא די זײַטן, זיי זאָלן ניט קאליטשען די באָרטן.

— זשאלעוועט ניט קיין דראָט, — שרײַט ער צו די כעווריע, — קרעמפּעוועט בעסער אײַן — מע פירט ניט קיין מילך, און ס'איז אײַך ניט קיין שאָסיי, נאָר גריבער אָף גריבער...

דערפאר אָבער, אז מאשינעס רײַסן זיך ארויס פונעם וואלד, צעלאָזן שאָפערן די ווישקעס, און ביז דער סאמע אײַזנבאן פארט מען מיט א ווינט אין האלדז־און־נאקן, מע פארגעסט אפילע אין סטראכאָוון.

און בעשאס אָף דעם פארוואָרפענעם באצירק גייט אזא שווערע און פרייליכע ארבעט, פילט נאָר איין מענטש זיך געפאלן און דערנידעריקט. ניין, גלייבט ניט אין מארינעס שטיפערישן געלעכטער, ווען זי שפּרינגט מיט אזעספאָנעם ארויס פאר מאסליאָנקינען. מארינען פארקלעמט פארן הארצן, ווען זי בלײַבט אליין אין זעמליאנקע. אויסגעוואשן שוין א העמד פאר יעדן שאָ־פער, אופגעהאנגען דאָס גרעט אָף שטריק איבער דעם אייוועלע, גייט זי ארויס אין דרויסן, זעצט זיך צו אפן ערד־אָנשיט, ווי אָף א פריזבע, די פיס אונטערגעקליבן אונטערן בויך, און הערט זיך אײַן סײַ ווי עס רוישן אין וואלד די מאָטאָרן, סײַ ווי עס צאפּלט עפּעס אינעם אייגענעם לײַב אירן.

„מאלינינס קינד, — טראכט זי, — מאלינינס בלוט..."

באלאָנדין האָרעוועט מיט זײַנע אָדלערס אפן באצירק, און נאָר זי מוז איצט זיצן אָף דער זאוואלינקע. שאָפערן זײַנען איידעלע מענטשן, איז כאָטש מארינע האלט נאָך ניט אין די הויכע כאדאָשים און זי מעג אוודע נאָך ארבעטן, לאָזן זיי זי ניט צו צו דער מאשין. איז זי באלע־באָסטע אין זעמליאנקע — א שיינער טאכלעס פאר פאכאָמאָוס אייניקל...

„אין אלץ איז שולדיק מאלינינס קינד, מאלינינס...", — עגבערט זי ווײַטער דער געדאנק. פלוצעם פאלט אָף איר א סנאָפּ שײַן. זי דערהערט נאָענט דאָס רעוועט פון א מאָטאָר און דערזעט פאר זיך מאסליאָנקינען.

— אנאטאָלי, פאָרסט שוין פון יאריד?

מאסליאָנקין דרייט זיך אײַן אינדרײַען, שלעפּט נאָך א פוס, הויקעט און קרעכצט.

— האָסט שוין ווידער געפאקט דעם ראדיקוליט, אנאטאָלי?

מאסליאָנקין שאָקלט מיטן קאָפּ אָף יאָ.

מארינען ווערט מיטאמאָל פריילעך אפן הארצן. זי כאפּט ארום מאסליאָנקינען און רוימט אים אײַן אין אויער ארײַן:

— טאָליע, דו פארשטייסט... איך פאָר גלײַך מיט דיר... בא דער אײַזנבאן ווארף איך אראָפּ די קלעצער און דיך אויך פארײַנוועגס... איך קער זיך אום אין וואלד, און דו כאפּ זיך ביז מאָרגן אראָפּ צום דאָקטער, נאָר זע פארבלאָנדזשע ניט אין „פילטער". מיטן צווייטן רייס ברענג איך דיך צוריק א געזונטן אין וואלד ארײַן...

און בא זיך טראכט זי: „מאלינינס קינד... מאלינינס... הײַנט מוז איך פון דעם פאָטער ווערן!"

אין וואלד זיפט זיך דורך דער קאיאָר. מארינע, אָן מאסליאָנקינען, איז געקומען צוריק. זי פארקלײַבט זיך אין א פארוואָרפן ווינקל, ווו שטאבעלען האָלץ זײַנען פארוואלגערט מיט ווינטברוך. דאָ וועט קיינער ניט זען, ווי זי ארבעט. זי ווארפט אָפּ דעם באָרט פון דער מאשין, הייבט אוף א שווערע קלאָץ און דערפילט א שטארקן ווייטעק אין די קרייזשעס. נאָך א קלאָץ און נאָך א קלאָץ...

---

[1] א לאסטוואָגן, וואָס ווערט צוגעטשעפּעט צו א לאסטמאשין.

— וואָס טוסטו? — דערהערט זי פּלוצעם א געשריי. באַלאַנדין!

זי בלײַבט שטיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און אַקשאַנעס אין די אויגן.

— וואָס טוסטו, מאַרינע? — פֿרעגט איבער באַלאַנדין. — ווו איז מאַסליאַנקין?

מאַרינע ענטפֿערט מיט געמאַכטער רויִקייט:

— מאַסליאַנקין איז קראַנק. און איך... איך וויל מאַפּל זײַן...

— ביסט פֿון זינען אַראָפּ, מאַרינקע!

זי קערעוועט זיך אָפּ פֿון אים, נעמט אַראָפּ די פּאַטשיילע פֿונעם קאָפּ און ווישט מיט איר אויס די טרערן.

— סאַשע, — גייט זי צו האַרט צו באַלאַנדינען, — איצט ביסטו א ווייכינקער, סאַשע. נאָר וואָס וועסטו זאָגן אין צוויי־דרײַ יאָר אַרום? מיט מאַלינינס קינד וועסטו מיר די אויגן שטעכן...

— ס'איז דײַן קינד, מאַרינע, דײַנס! וועט עס אויך מײַנס זײַן. ווילסט מאַכן פֿון זיך א קאַליקע?

— איך בין אַזוי אויך א קאַליקע... אַלע אַרבעטן, און מיך פֿעסטעט איר.

באַלאַנדין האָט אָף איר א בייזן קוק געטאָן און אָפּגעשניטן:

— קריך אין קאַבינע אַרײַן!

ער האָט זיך געזעצט בא דעם רודער און אָפּגעפֿירט מאַרינען צוריק אין זעמליאַנקע.

ווען נאָך א שווערער נאַכט זײַנען שאָפֿערן געקומען עסן פֿרישטיק, איז באַלאַנדין א טויט־מידער געשלאָפֿן אָף דער נאַרע, און לעבן אים איז געזעסן מאַרינע, געגלעט אים די צעשויבערטע האָר און געוויינט.

קאַפּיטל נײַן

א טאַטע ווערן דאַרף מען זוכע זײַן

זינט מאַרינע איז אוועקגעפֿאָרן אין וואַלד, גייט מאַלינין אַרום ווי א שאָטן. מיטאַמאָל איז ער עלטער געוואָרן, גלײַך ווי אַנטרונען וואָלט די יוגנט זײַנע, איבערגעלאָזן יענע גאָלדענע צײַט, ווען ער פֿלעגט וואַרפֿן מיט צענערלעך אין „פּילטער":

— אַן עסקאַלאָפּ פֿון כאַזערפֿלייש!

— זיסע מײַכאָלים פֿאַר מאַרינען!

די נעשאָמע זײַנע פּיבערט פֿון פּאַרדראָס. מיט רוגזע הייבט זיך אָן דער טאָג אַרבעט אין גאַראַזש. שאָפֿערן זײַנען אופגעטראָגן אָף אים:

— א טראַגעדיקע שיקן אין וואַלד אַרײַן!..

— מע דאַרף גיין אין ראַיקאָם...

— שרײַבן נאַטשאַלסטווע...

— דאָרטן זיצט, ווײַזט אויס, דער פֿעטער זײַנער. וויפֿל יאָר מע נעמט אים אַראָפּ, און ער איז נאָך אַלץ אָפּן בענקל...

ווי א פּאַרסאַמטע מויז לויפֿט מאַלינין אַרום איבער די באָקסן, וויל כאָטש א שמעק טאָן אין ווינקל, ווו מאַרינעס מאַשין איז געשטאַנען. א מאָדנע זאַך איז געשען מיט אים: זינט מאַרינע קומט אָפּ איר אָפּקומעניש אין וואַלד, בײַסט אים אַזוי די הויט פֿונעם לײַב, גלײַך הונ־דערט עקזעמעס וואָלטן אים באַפֿאַלן. נאַריש, אַזוי נאַריש אָפּגעטאָן! ניט באַטראַכט: אַליין פֿאַר־האַקט טיר־און־טויער... אַזוי האָט ער כאָטש געהאַט א מינדסטע האָפֿענונג: זי וועט זיך נאָך איבערבעטן. אָבער דאָרטן, אין וואַלד, וווּהין ער האָט זי פֿאַרשיקט, וועט זי נאָך מער צוגעוווינט ווערן צו באַלאַנדינען, צו זײַן כאַליאַסטרע שאָפֿערן, נאָך מער זיך אַרײַנצײַען אין טאַבאָר זייערן. איצט ווייסט ער שוין, מאַלינין, אַז אָנגעהויבן האָט ער מיט אויסגעפּרוווטע שאָפֿערן — זוברען, וואָס קענען זייער שטעטל באַשטיין.

— געמיינט האָסטו אונדז אומברענגען, אָסיפּ סערגייעוויטש, — אומזיסט דײַן טירכע. וועסט אַליין בלײַבן באַם נאַר!

וואָס טראַכט מען צו, קעדיי אַרויסרײַסן מאַרינען פֿונעם וואַלד? ווען ער האָט זי אַרויס־געפּעקלט אַהין, האָט ער געמיינט, אַז זי וועט פֿאַלן פֿאַר אים אָף די קני, בעטן ראַכמים. איצט אָבער איז ער גרייט ווי א לעץ פֿאַר איר טאַנצן, ווי א נאַריש ציגעלע מעקען — זי זאָל נאָר אים מויכל זײַן.

מאַלינין קומט אָפּטער אַרײַן אין דיספּעטשערסקע. שאַענלאַנג דרייט ער זיך אַרום ראָכע־לען, ווײַל נאָר זי קאָן עפּשער איצט פֿילן זײַן האַרץ. זי האָט דאָך אויך ניט קיין קליינעם כיילעק

אין וואַלד... און קוים יאָוועט זיך דער אַלטער פּאַכאָמאָוו פאַר זײַנע אויגן, הייבט ער אָן, מאַלינין, פאַרשטעלט, געלאָסן ריידן מיט אים. זאָל דער זיידע וויסן, אַז דאָס, וואָס אָסיפּ סערגייעוויטש פלעגט אַמאָל מ׳עס זידלען מאַרינען, זי אַ רייץ טאָן, — איז עס בלאָטע! און אויב זיך דערמאָנען אַנדערע פאַרדראָסן, האָט דאָך מאַלינין דעם שלעכטן באַפעל וועגן פּאַכאָמאָוון אָפּגעשאַפן: זאָל ער שטיין באַם טויער ביז הונדערט מיט צוואַנציק יאָר. זיצט ער אַזוי, אָסיפּ סערגייעוויטש, אין דער אָנגעהייצטער דיספּעטשערסקע, רײַניקט דעם פאַרשטאָפּטן מונדשטוק און כאַנפּעט זיך אונ־טער צו ראָכעלען. באַזונדערס גיט אַ שניט דעם מיידל באַם האַרצן, ווען ער טוט אַ באַהאַלטענעם זיפץ און זאָגט מיט אַ פאַרדעמפּטן קאָל:

— ראַיִסאַ מאַטווייעוונאַ, אין מיר רעדט דאָס געפיל פון אַ טאַטן. איר מיינט, אַ מאַנצבל איז פון שטיין? עס לאָזט מיך ניט לעבן מײַן כאַרפע, ראַיִסאַ מאַטווייעוונאַ...

„קאַלופּעט דיך, הייסט עס, יאָ באַם האַרצן, צוירער איינער?״ — טראַכט ראָכעלע און טוט אַ פינקל אָף מאַלינינען מיט די אויגן:

— אַ טאַטע אָנגערופן ווערן דאַרף מען ווערט זײַן, אָסיפּ סערגייעוויטש!

נאָר ער קריכט אָף קאַראַטשקעס אַרום ראָכעלעס נעשאָמע, און זי איז שטאַרקער פון אײַזן, אַז זי דראַפּעט אים די אויגן ניט אויס. וואָס קריכט ער אין די גערערים אַרײַן, דער זוילעל־ווע־סױוועניק? און וואָס עפּעס צו איר גייט ער, צו ראָכעלען? שאָפּערן ברײַען דאָך שוין, צי נעמט ער זיך ניט, מאַלינין, באַנײַס אַ קאָן שפּילן אַ ליבע? עפּעס דרייט ער זיך שוין צופיל אַרום דעם דיספּעטשער — נאָך איין מיידל וויל ער פאַטערן?

און ראָכעלען אַליין איז דען ניט פריקרע דעם דירעקטאָרס פלירטעוווען? זאָל זײַן, אַז איר איז גוט באַוווּסט מאַלינינס מיין: ניט זי אינטערעסירט אים, נאָר מאַרינע. אָבער אַ גאַראַזש מיט שאָפערן וועלן איר ניט מויכל זײַן דאָס בעלעבעטשען מיטן פראַנטעוואַטן דירעקטאָר, ווען פרידל מאַרגוליס איז אין וואַלד.

דערצו נאָך גיט פון דער העלער הויט זיך אַ שטעל אַרײַן צו איר מאַסליאַנקין, בעשאַס מאַ־לינין זיצט אָן אומבאַמערקטער אין אַ זײַט.

— פונוואַנען ביסטו אַראָפּגעפאַלן, אַנאַטאָלי?

— פונעם וואַלד, ראָכעלע, פון אַ הויכן בוים.

— אויב דער פּאַראַשוט האָט זיך ניט צעעפנט, ביסטו שוין געוויס מיט אַ ביולעטען אין קעשענע?

— מיט אַ ביולעטען בין איך באַוואָרגט, נאָר צי גייסטו הײַנט מיט מיר אין קינאָ — דאָס ווייס איך נאָך ניט.

ראָכעלע גיט אָף אים אַ קאַלטן קוק:

— מאַך זיך ניט נאַריש, בלײַענער פויגל! האָסט מיר געבראַכט אַ בריוול פונעם וואַלד — איז גיב עס אָפּ.

מאַסליאַנקין שיט אין איין אָטעם אַרויס, אַז אין וואַלד איז מען פאַרנומען מיט בילכערע זאַכן, ס׳איז ניטאָ ווען צו שרײַבן בריוו. דערצו איז נאָך קאַלט און נאַס, מע וואַלגערט זיך, ניטאָ ווו דעם קאָפּ אוועקלייגן... באַמערקט אים, מאַסליאַנקינען, מאַלינין און ווערט מאַלע־רעציכע:

— דעזערטיר! איך וועל דיך מישפּעטן!.. אין אַ שאָ אַרום זאָלסטו זײַן בא מיר אין קאַבי־נעט... איצטער — גיי פונדאַנען!

אין אָוונט קומט מאַלינין אַרײַן צו מאָטל דעם בלעכער אין שטוב.

מאַלקע, די מאַמע ראָכעלעס, איז מאַלע־געדולע פון אָט דעם שיינעם אוירעך — מאַלינין איז דאָך ניט אַבי ווער, ניט פון דער כעוורע שאָפערניאַ, נאָר דירעקטאָר פון דער גאַנצער אוו־טאָבאַזע. אָפן זיבעטן הימל איז זי, וואָס ניט מאַרגוליס מאָפּס, ניט מאַסליאַנקין שיקער — אַליין אָסיפּ סערגייעוויטש מאַלינין איז בא איר טיש.

מיט אַ שטיקל פלאָדן, דערנאָך מיט אַ ווײַניק קאָמפּאָטל איז מאַלקע מעכאַבעד דעם אָדן. נאָר מאָטל סוקעוואַטע, ווי אָן אײַנגעוואַקסענער אין דער ערד פניאַק, טײַנעט זיך זײַנס אָף מאַמע־לאָשן, מאַלינין זאָל אים ניט פאַרשטיין:

— בעסער וואָלט ער צו זײַן טאַטנס קייווער געגאַן געווירע ווערן, וואָלט עס בא מיר מער אָנגעלייגט געווען, איידער זײַן פּאַרצעף באַם אייגענעם טיש אָנקוקן.

מאַלקע, פאַרקערט, רײַסט בלעך פונעם דאַך: איר טאַטע איז קיינמאָל מיטן גראַף דוכאָווסקי פּאָרוטש ניט געזעסן, און צום סקאַרב מיטן פּאָרעצעס בריטשקעס און קאַרעטעס האָט ער אוואַדע אַ קליינע שײַכעס געהאַט. און דאָ זיצט בא איר טיש דער באַלעבאָס פונעם גאַנצן שטאָט־אײַנפּאָר.

— סמיקון, — טוט אַ פרעג מאַלינין, — וויפל אַרבעטסטו שוין אין מײַן גאַראַזש?

מאָטל דרייט אויס א פאַרהאַרעוועטע האַנט מיט דער דלאָניע אַרויף און גראַבלט אָפּ מיט א פאַרשמאַלצעוועטן נאָגל איַינגעגעסענעם צינק.

דערנאָך נעמט ער פונעם טיש א טשוהונענעם פּאָלומעסעק, גלייַך ער וואָלט זיך געקליבן אים פאַרלייטן אָדער, באַהיט גאָט, מאַלינינען אַפּן קאָפּ אים אַנטאָן:

— וויפל איך אַרבעט בא דיר אין גאַראַזש? — פרעגט ער איבער. — א סאַך יאָרן אַרבעט איך דאָ. ביסט נאָך דעמלט, האָב קיין פאַריבל ניט, אין קורצע מייַטקעלעך געגאַנגען.

מאַלינין צעלאַכט זיך גוטמוטיק, נעמט דערבייַ פון דער קעשענע אַרויס א פלעשל ווערמוט און שטעלט עס באַלעבאַטיש אַוועק אַפן טיש.

— דערפאַר טאַקע, מאַטווײ מאַקסימיעוויטש, פּאַסט אַזאַ קאָוועד אַף די קינדער איַיערע... ראַ־כיל איז א דיספּעטשער, און שלוימקען וועל איך מיט דער צייַט מאַכן פאַר א דעזשורנע...

מאַלקע טוט א פּליעסקע מיט די הענט און שלעפּט ראַפּטום אַראָפּ א סלאָי ווייַנשל פון דער שאַפע:

— פאַרזוכט מייַן וואַרעניע, אַסיפּ סערגייעוויטש.

פון דער רעגע אָן זיצט שוין מאָטל מיט אָפּגעהאַקטע פליגל, וואָגט קיין וואָרט ניט אויס־ריידן, וויַיל מאַלקע איז אים גרייט אויסגראַבלען די אויגן. באַם טיש זיצט ווי א גלייַכער שלוי־מעלע און טרינקט מיט מאַלינינען ווערמוט. ראָכעלע האָט אויך אויסגעטרונקען א קעלישעקל און שפּירט נאָך מיט א פרייַלעכער מינע, ווי מאַלינין באַאַרבעט עס די מישפּאָכע אירע.

זי אַליין, ראָכעלע, האָט שוין דאַפקע געהאַט געגנוג צייַט באַטראַכטן דעם גאַנצן איניען. צוריק גערעדט, וואָס דאַרף זי זיך אַזוי היטן פון מאַלינינען? נעכטן האָט ער איר געזאָגט, אַז ער גיט איר דעם „מאָסקוויטש" זייַנעם, זי זאָל צופאָרן אין וואַלד. עמעס, ער וויל, זי זאָל דאָרט אָפּטאָן מיט מאַרינען א שוואַרץ שטיקל אַרבעט: זי איַינריידן, פּאַכאַמאָווען, זיך אומקערן אין גאַראַזש. דאָס וועט זי ניט טאָן, ראָכל! נאָר דורכפאָרן זיך אין וואַלד, א קוק טאָן אַף פרייַדלען און אַף די איבעריקע כעוורע — פאַרוואָס ניט?

אַסיפּ סערגייעוויטש האָט שוין באַוויזן אַרויסלייגן זייַן גאַנצן פּלאַן פאַר די סמיקונעס. ער גיט ראָכעלען דעם „מאָסקוויטש" און זעצט אַוועק באַם רודער מאַסליאַנקינען. אַלצייַנס דאַרף דאָך דער סימוליאַנט צוריק פאָרן אין וואַלד אַרייַן. אין גאַראַזש קערט זיך ראָכעלע אום אַף מאָרגן, און די מאַשין פירט שוין ניט דער נימעסער שיקער, נאָר מאַרינע פּאַכאַמאָווע.

מאָטל סמיקון טוט א באַלמעלאָכיש שמייכעלע:

— א קאָפּ פון א מיניסטער האָסטו, אַסיפּ סערגייעוויטש. איך האָב שוין לאַנג געזאָגט, אַז מע דאַרף דיך צונעמען פונעם גאַראַזש און אַרייַנזעצן אין די הויכע פענצטער...

ראָכעלע כאַפּט אַרום דעם טאַטן באַם האַלדז, אַז יענער שטיקט זיך שיר ניט:

— טאַטע, איך וועל פאָרן... איאָ, איך וועל פאָרן?.. נאָר צווישן מיר און מאַסליאַנקינען זעצן מיר אין „מאָסקוויטש" אַרייַן דעם געראָטענעם סטאַזשאָר אונדזערן — שלוימקען... זאָל ער אויך האַנאָע האָבן פון א נעסיִע אין וואַלד.

אין שלוימעלען צינדט זיך אָן דאָס סוקעוואַטע בלוט, גיט ער זיך פון פרייד א שטעל אַף די הענט, און, מעשונע וואָרפנדיק מיט די פיס אינדערלופטן, שרייַט ער מיט ווילדע קוילעס צו דעם פּאָל, ווי אין א קרענעצע אַרייַן:

— פיר פאָר פאַרצעלייַענע טעלער! מיר גאָזויען, ראַיִסאַ מאַטווייעוונאַ!

קאַפּיטל צען

מאַסליאַנקין פאָרט מיט הינטערגעסלעך

אין וואַלד ברענען שייַטערס סייַ באַטאָג, סייַ באַנאַכט. ס'איז סאָף אָקטיאַבער. מיט צווײ רויטע אַנגעשוואָלענע באַקן שטייט די זון אין הימל, אָבער דאָס איז נאָר א דאַכטעניש — זי איז שוין א מאָגערע, די זון, און אומזיסט וואַרפט זי איר גינגאָלדענע בעריעשאַפט אַנצוואָרעמען די ערד. עס ווייסן שוין אַפילע טונקל־פאַרגליווערטע וואָלקנס, אַז די זון, וואָס האָט אַזוי געטרייַ גע־וואַרעמט א לאַנגן זומער, גרייט זיך שוין מאַכן פּלייטע אַף ווינטער.

אייַלן שאַפערן: די שטאָט דאַרף האָבן האָלץ. דער אַלטער וועג פון וואַלד צום טראַקט איז צעוואַלגערט און פאַרלאָזט. נאָר דאָרט, ווו באַלאַנדין מיט זייַנע אָדלערס שפּאַרן אָן, לעבט אויף אַפילע א פאַרוואָרפענער וועג. שאָפערן טראָגן צווייַגן, בערוונעס, שטיינער, אַרבעטן מיט לאָם און לאָפּעטע, גלייַך מע זוכט דאָ אָן אויצער... עס מעג איצט אָן אופהער גיין א שניי מיט א רעגן, נאָר מאַשינעס וועלן לויפן צום טראַקט, פאַרסאָפּעטע און באַשפּריצטע מיט בלאָטע, באַלאָדענע ווי די פּליטן אַף א טייַך, מיט שווערע אַרומגעהאַקטע שטאַמען.

און בעשאס די בריגאַדע גייט אָפּ מיט שוויס אַף אָט דעם צעקאַרדאַשעטן וועג, זוכט דער־ווײַל מאַרגוליס אַן אַנדערן, א קירצערן און באַקוועמערן וועג, וואָס האָט מילכאָמע־צײַט געדינט די פּאַרטיזאַנער און איז איצט פאַרגעסן געוואָרן.

ס׳האָט ערשט אָנגעהויבן טאָגן אין וואַלד, ווען פרידל איז אַרויס פון זעמליאַנקע זוכן דעם וועג. טרוקענע צווײַגן טרישטשען אונטער די פיס, ביימער און קוסטעס זײַנען אומרויִק, בענקען נאָך אוועקגעפלויגענע פייגעלעך.

דערמאָנט זיך מאַרגוליס, ווי מיט יאָרן צוריק האָט דער טאַטע זײַנער, דער סטעלמאַך, אים געפירט דורך א פריילעכן אוקראַיִנער וואַלד אין שכיינישן דאָרף אַף א יאַריד. א זניקל איז ער דעמלט געווען, נאָר געטראָגן שוין דעם טאַטנס אָל פון אײַנהאַנדלען האָלץ אַף אָבאָדיעס, ספּיצעס און דישלעס. פרידל איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם פויגל־געזאַנג אין דער געהיימער וואַלדישער וועלט. פאַרמאַלעכט זיך אַזוי, האָט ער גאָר פאַרגעסן, אַז דער טאַטע שפּאַנט אָנגעשפּאַרט אין שטעקן, פאַרדײַגעט וועגן פּאַרנאָסע־זאַכן... א גאַנצן טאָג האָט פרידל איין־אַליין, פּונקט אַזוי ווי איצט, אַרומגעבלאָנקעט אין וואַלד. פאַרנאַכט איז ער געזעסן באַם וואַלד־וועכטער אין בײַדל, געקײַט פּלעצל מיט מאָן, פאַרטרונקען מיט מילך...

איצט גייט מאַרגוליס אויסזוכן א וועג פאַר די מאַשינעס, מע זאָל ביזן גרויסן שניי אַרויס־כאַפּן די עטלעכע טויזנט קובאָמעטער געהילץ פאַר דער שטאָט.

פּאַרטיזאַנער האָבן אין דער צײַט פון דער מילכאָמע אַף יענעם וועג געפירט אין וואַלד אַרײַן זייער דאָברע־מאָזל: ברויט, ביקסן, בעטלעך, קוילן, מאַכאָרקע. איז גיי געפין אים, דעם וועג, אַז פון יענער צײַט זײַנען שוין יאָרן פאַרלאָפן, און דער וואַלד איז טיף, ווי דער יאַם, און ס׳איז שפּעטער אָסיען — א פאַרפלייצונג פון פיטש־נאַסן גראָז און אַראָפּגעפאַלענע בלעטער.

מענטשן, איר זײַט גליקלעך, וואָס איר האָט ביידע אויגן, ציטערט ניט אַזוי אײַער נעשאָמע, אויב פון מידקײַט הייבט אָן שמאַרצן און נאָיען דאָס איינציקע אויג... פון זינט ראָכעלע האָט באַם סטערטעלע היי שטיפעריש פאַרשטעלט אים דאָס פּאָנעם, שרעקט אים עפּעס באַזונדערס, ער זאָל אינגאַנצן ניט בלינד ווערן. נאָר ניין, ער וויל ניט פּאַטערן דעם טאַם פון לעבן, ער וועט ניט אוועקזעצן זיך אײַנגעהויקערט אַפן פּידאַשעק. דעריבער באַהאַלט ער טאַקע אַזוי אויס דעם ווייַ־טעק אין די אויגן סײַ פון אייגענע כאַווירים, סײַ פון סטראַכאָוון.

נאָר דאָ אין טיפן וואַלד זעט דאָך אים קיינער ניט, זעצט ער זיך אוועק אַף א פּניאַק און דריקט צו מיט קויעך ביידע דלאָניעס צו די אויגן.

פּלוצעם דערטראָגט זיך צו אים דאָס שוואַכע הודיען פון א מאָטאָר. ער הערט זיך אײַן א ווײַלע און בלײַבט א פאַרלישעטער. געשיקט זיך, הודיעט אַזוי דער ווייטעק אין קאָפּ? ער איז, דאַכט זיך, אינגאַנצן קראַנק, פרידל, ווײַל ווי קומט אַהער א מאַשין?

ער שטייט שווער אוף פון אָרט און לאָזט זיך גיין אַהין, פונוואַנען עס דערטראָגט זיך דאָס זשומען פון מאָטאָר.

...די שענסטע פּאָרטלען וואַרפט אַרויס דאָס לעבן אַליין. ווײַל ווען, לעמאָשל, וואָלט גע־פאַלן אַפן זינען, אַז גראָד אָט דער פּויליאַק מאַסליאַנקין וועט אומגעריכט פאַר זיך אַליין אָנטאָפּן דעם פאַרלאָרענעם פּאַרטיזאַנישן וועג, וואָס מאַרגוליס איז איבער אים מאַמעש געפאַלן מיטן פּאָנעם צו דער ערד, נאָר טאַקע ניט געפונען!

און שולדיק איז אין דעם מאַסליאַנקינס שוואַכקײַט צו ראָכעלען.

ווי נאָר ער האָט פאַר זיך דערזען די טונקלקײַט פונעם וואַלד, האָט ער גלײַך אָפּגעקערעוועט פונעם טראַקט און געגנומען מיטן „מאָסקוויטש״ אַרומנישטערן איבער זײַטיקע וועגן.

— מיינסט, ס׳איז אַזוי פּאָשעט אַרײַן אין בערלאָגע? — האָט ער געענטפערט אַף ראָכעלעס באַאומרויִקטקײַט. — אַהער פירן ניט קיין פּראָספּעקטן, נאָר הינטערגעסלעך.

אַזוי לאַנג געדרייט איבער די הרודעס, ביזוואַנען ער האָט זיך אַליין פאַרכידעשט, דערזעענ־דיק אונטער די רעדער א צעשלאָגענע, נאָר אָן אויסגעבעטע קאָליע.

האָט ער דאָ זיך אָפּגעשטעלט, ווי אַף א פאַרשאָלטן אָרט, און קעדיי דער קונץ זײַנער זאָל ניט אַרויסרופן קיין כשאַד, אַרויסגעשלעפּט דעם קאַרעק פונעם ראַדיאַטאָר און אָנגעלאָזט א פולן מאָטאָר מיט פּאַרע. האָט אָנגעהויבן זידן דאָס וואַסער, ווי אין א פּאַראָוויק, און מאַסליאַנקין האָט א גנייוויִשן קוק געטאָן צו שלוימען:

— וועסט מוזן, ברודערקע, א לויף טאָן צום ריטשקעלע נאָך אַן עמער וואַסער.

ראָכעלען איז פאַרקילט געוואָרן דער מאַמעס מילך: בלײַבן אַליין מיט מאַסליאַנקינען אין וואַלד! שטעלט זי זיך מיטן בויך צום ראַדיאַטאָר, וואַרעמט קלוימערשט אירע הענטלעך, טריקנט די הענטשקעס, נאָר שלוימע איז נאָך אַלץ ניטאָ.

מאַסליאַנקין דרייט זיך אַרום ראָכעלען, ווי א בער אַרום א לאַקעמקע... מיטאַמאָל גלײַטשט

ער זיך ארויס פון אונטערן פליגל, טאַפּט קלוימערשט א פעדערשטע שינע און פאַלט אַרויף אַפן מיידל, קושט זי אין די באַקן, אין שטערן, אין דער נאַז:

— א בראַנד מיר אין די ביינער, ראַיסאַ, און לאַנג לעבן זאָל מאַלינין פאַר זײַן גלייבן אין מיר!..

ראַכעלע וויל זיך ארויסרײַסן פון מאַסליאַנקינס הענט, נאָר אנטקעגן אים איז זי דאָך א שפּעלע.

און אין דער דאָזיקער רגע גייט מארגוליס א מידער ארויס פונעם וואַלד און דערזעט: פונעם טראַקט ציט זיך אהער א צעשלאָגענע, נאָר אן אויסגעבעטע קאַליע — דער פּאַרטיזאַני־שער וועג! וואָס שטייט עס דאָרט אף דער קאַליע? א „מאַסקוויטש" שטייט דאָרט. און לעם „מאַ־סקוויטש"... מארגוליס פאַרזשמורעט דאָס אויג ביז וויטעק אין די שלייפן: לעבן „מאַסקוויטש" שטייען ארומגענומען אין א מאָדנער ראַנגלעניש ראַכעלע און מאַסליאַנקין...

ווען ער וואָלט גלײַך זיך ניט אויסגעדרייט אף צוריק, ווען ס'וואָלט אים ניט א שטויס געטאָן די אומדערוואַרטע איבעראַשונג, וואָלט ער אוודאי נאָך באוויזן זען, ווי צום „מאַסקוויטש" לויפט, צעפּליעסקענדיק דאָס וואַסער פונעם עמער, שלוימעלע. מאַסליאַנקין שאַרט זיך גלאָסן אָפּ פון ראַכעלען און שטעלט מיט באַהאַלטענעם פאַרדראָס צוריק ארײַן דעם קאַרעק אין ראַדיאַטאָר.

און ווען מארגוליס קערט זיך צוריק אויס צום וועג, גרייט א וואָרף טאָן זיך לויפן צו דער מאַשין, דערזעט ער נאָר א שוואַרץ רויכל פון דעם אוועקגעפאָרענעם „מאַסקוויטש". ער פּרוּווט נאָכלויפן, שרײַענדיק ניט מיט זײַן קאָל, נאָר עס העלפט ניט, און פרידל לאָזט זיך מיט א שווער געמיט אוועק צוריק אין וואַלד.

אין זעמליאַנקע שלאָפט א טויט־מידער נאָך דער שווערער נאַכט באַלאַנדין. מארינע האָט אים געטרײַ אײַנגעדעקט און איז אליין אוועק פאַרבײַטן אים אפן וואַלד־באַצירק.

— סאַשע, שטיי אוף, סאַשע!

— וואָס איז געשען, פרידל?

נאָך ניט קיין אויסגעטשוכעטער פון שלאָף, הערט אויס באַלאַנדין מארגוליסן, און, ארופציִענ־דיק די שטיוול אף די פיס, זאָגט ער מיט געמאַכטער האַפערדיקײַט:

— פרידל, ס'איז א גוטער סימען, אז דו ביסט אײַנגעליאַפּעט איבער די אויערן, ווײַל דו זעסט שוין ראַכעלען אפילע אין כאָלעם.

— דו גלייבסט ניט, סאַשע?

פון באַלאַנדינס אויגן גאַנוועט זיך ארויס דער אומרו, וואָס גייט ניט דורך אומבאַמערקט אויך פאַר מארגוליסן.

— דו ווייסט עפּעס, סאַשע, נאָר דו זאָגסט מיר ניט!

— וואָס ווייס איך? איך בין דאָך געשלאָפן.

— איך ווייס נאָר, אז מארינע האָט אָפּגעשיקט בײ־גנייווע מאַסליאַנקינען אין גאַראַזש... שטיי, שטיי... זי האָט אָפּגעשיקט מאַסליאַנקינען צו מאַלינינען... ער האָט זיך אומגעקערט אף מאַלינינס „מאַסקוויטש"... קום, פרידל, לאָמיר גיין!



אפן באַצירק, הינטער א געדיכטן קוסט, שטייט ראַ־כעלע אנטקעגן מארינען און טײַנעט איר אײַן:

— דער רעצייעך האָט מיך ספּעציעל געשיקט אהער, איך זאָל דיך אײַנריידן. וואָרן איך דיך, זאָלסט ניט אײַנ־גיין אף זײַן פרימאַנקעלע... מאַלינין, זאָלסטו וויסן, איז אן אײַנגעשפּאַרטער, און דו הער זיך גוט צו, וואָס איך אייצע דיר...

צו באַלאַנדינען און מארגוליסן דערגייען נאָר די לעצטע ווערטער ראַכעלעס: „מאַלינין... אײַנגעשפּאַר־טער... הער זיך גוט צו..."

באַלאַנדין קריצט מיט די ציין. מארגוליס שאַרעוועט איבער די קוסטעס, זוכט דעם „מאַסקוויטש". ראַכעלע און מארינע שושקען זיך.

פריי זיך, מאַלינין! האָסט זיך דײַנס דערשלאָגן: צווישן צעקריגטע פאַרלעך קאָן עפּשער דײַן מאַזל אויס־שפּילן...

(סאָף קומט)

מײַן אַלטער זײדע

1

עס איז נאָך קיין פויגל
געבוירן געוואָרן,
וואָס פליען ער זאָל,
ווי מײַן אַלטער זיקאָרן.

פאַראָסטעטע שלעסער,
פאַריגלטע טירן
צעפּראַלט ער און נעמט זיך
דורך יאָרן מיך פירן.

וווהין וועט ער ברענגען מיך,
קאָן איך ניט וויסן —
ער האַלט אין געהיימניס
זײַן גאָלדענעם שליסל.

איך זאָג ניט קיין דייעס,
איך וועל זיך ניט ווערן
און וועל, ווי א בלינדער,
אים פאָלגן, אים הערן.

אָט לאָזן אַראָפּ זיך
די אויגן די מידע,
און ס'עפנט דאָס האַרץ זיך
פאַר טפילע און ווידע.

און פונקט, ווי אין קישעף,
וואָס ווייסט פון קיין צאַמען,
דערזע איך, א יינגעלע
שפּאַנט מיט דער מאַמען.

וואָס ווײַנט ער, דער באָכער,
וואָס האָט זיך געטראָפן?
פאַרוואָס איז זײַן פּאָנעם
געשוואָלן, פאַרלאָפן?

מיט קראָפּעווע האָט אים
דער שאָכן געשמיסן —
ער האָט אין זײַן גאָרטן
הײַנט עפּל געריסן.

אין עפּעס א פינצטער,
פאַרכווישעכטן ווינקל
אַן עלנטער קאַנעץ
געטעאָן האָט א פינקל.

אהא, ס'איז דאָך ווידער
דאָס זעלביקע יינגל!

ער זיצט מיט א בוך
בא דער שײַן אָנגעבויגן,
און בלויליך עס לײַכטן
בא אים מײַנע אויגן.

א שמייכל עס כאַפּט זיך אַרויף
אַף די ליפּן,
א וואַרעמע טרער אינעם האַלדז
הייבט אָן שטיקן.

אָ, זאָל ער, דער קישעף,
א ווײַלינקע דויערן —
מע מעג דאָך אַמאָל
אויך א קאַפּעלע טרויערן.

2

פאַרמאַך איך די טירן,
פאַרוק איך די שטאָרן.
זאָל קיינער ניט קומען הײַנט,
כוץ מײַן זיקאָרן.

ווער גייט עס אַנטקעגן?
דער טאַטע, כ'מעג שווערן,
ער טראָגט אַפן אַקסל
א קאַסטן א שווערן.

אין קאַסטן א קעלניע,
א האַמער, א זעגל —
ס'מוליאַרסקע געצײַג
איז זײַן גוטס און פאַרמעגן.

ער גייט צו דער אַרבעט.
ס'איז פרי, און א ווינטל
וועקט אויף דאָס פאַרטרוימטע,
פאַרכאָלעמטע יינגל,

וואָס בלאָנקעט פון הינטן.

ווער איז דאָס?
איך קען דאָך דאָס מאָגערע יאַטל,
וואָס שפּאַנט צו דער אַרבעט
פאַרטאָג מיטן טאַטן.

די אויערן מײַנע כ׳דערקען,
די טשופּרינע,
די דינינקע הענטלעך,
די פיס מײַנע דינע.

איך זע זיך אַ קינד
אינעם שפּיגל פון יאָרן.
אַ דאַנק דיר, מײַן אַלטער,
מײַן גוטער זיקאָרן.

3

דאָס פענצטער אין סעדל
איז ווידער הײַנט אָפן,
ווײַל איך שוין בעמיילע
ניט ווערן אַנשלאָפן.

אין פינצטערניש
האָבן די פידלער די גרילן
פון אַלע שפּאַרונעס
גענומען מיר שפּילן.

אַ באָרוועסער בין איך אַראָפּ
פונעם בעטל,
אַנטלאָפן צום הויף
מיט די בלאָווע שטאַכעטן.

אין שטיבל, וואָס שטייט
אין דער טיף פונעם געסל,
אין סעדל פון ווײַנשל —
דאָרט וווינט מײַן פּרינצעסן.

איך ווייס ניט איר נאָמען,
איך רוף זי באַשערטע.
און זאָל זי מיך שטראָפן
דערפאַר, מײַן געדערכטע.

דאָס פאָרהענגל טוט זיך אַ ריס,
ווי אַ פליגל.
פון אָפענעם פענצטער
דערטראָגט זיך אַ ניגן.

ער רופט און ער מאָנט —
עס באַפאַלט אַזש אַ ציטער.
וואָס קלאָגסטו, מײַן טרוים,
אַזוי טרויעריק־ביטער?

דו האָסט ניט געוווּסט
און דו וועסט שוין ניט וויסן —
באַם באָרוועסן פּרינץ
האָט דאָס האַרץ זיך צעריסן.

כ׳האָב אויך ניט געוווּסט,
ניט געקענט האָב איך וויסן —
אַז ס׳ציט זיך מײַן בענקשאַפט
פון אָדאָם־האָרישן.

געמיינט, אַז מיט מיר נאָר
אַזוינס האָט געטראָפן,
און אַלץ נאָר דערפאַר,
וואָס דאָס פענצטער איז אָפן.

נאָך איצטער עס טרעפט,
ווען עס ווערט אַלץ דערעסן,
שווימט אויף פאַר די אויגן
דאָס סעדל, דאָס געסל.

אַ פינצטערע נאַכט
און אַ שטיבל באַם פּאַרקן...
איצט ווייס איך געוויס,
אַז געדאַרפט וואָלט איך וואַרטן.

4

איך שפּאַן מיטן אייניק,
מײַן קאָפּ איז אַ גראָוער.
איך שפּאַן מיט מײַן צוקונפט,
און ער מיט זײַן אָוער.

ער גלייבט ניט, מײַן בלאָנדער,
ער מיינט, ס׳אַ קאַטאָוועס —
ווי איז עס זײַן זיידע
געגאַן אַמאָל באָרוועס?

געזונגען באַם שײַטער
מיט די פּיאָנערן?
יאָ, בלאָנדעלע מײַנס,
דו ווילסט, ווײַל איך שווערן, —
און ס׳טוט זיך די דלאָניע
אַ צי צו דעם שטערן.

געווען איז דײַן זיידע
אַ יאַטל אַ קוואַטקע,
געוואַקסן באַם ברעג
פונעם טײַך גנילאָפּיאַטקע.

אָט שווימט דאָרט אַ שיפל —
עס טוט זיך אַ בויטע.
עס זוכן צוויי ייִדן
די ייִדלעך די רויטע.

היי, טשויִש! —
עס רופט אין פאַרצווייפלונג
בינימין.
(דו האָסט גאָר, מײַן קינד,
ניט געהערט אַזאַ נאָמען?)

בינימין־האַשלישי
הייסט אָט דער וואַנדערער,
סענדער די ייִדענע
רופט מען דעם אַנדערן.

שלימאַזלען און טרוימער
געווען זײַנען ביידע.

עס האָט אין דער רײַזע
געשיקט זיי דער זיידע.

רעב מענדעלע הייסט ער,
דער ייִדישער קלאַסיקער,
א גאָען, א כאָכעם,
א שארפער, א בײַסיקער.

איך שרײַ אין די דלאָניעס:
— היי, טשאַלאָוויטשו!
ווּהין, זאָגט, איך בעט אײַך,
אײַלט מען זיך איצטער?

און ס׳ענטפערט ביניאָמין:
— מע אײַלט זיך קיין יאַלטע,
מע דארף דאָך א הייל טאָן
די ביינער די אַלטע.

5

בישכיינעס באם טײַך,
בא די הויכע טשערעטן,
געוואקסן עס איז
א פּאָעט פון פּאָעטן.

מײַן כאוור געוועזן איז ער —
מאָטעלע הארצמאַן.
אוועק אפן פראָנט
און געפאַלן, ווי שווארצמאַן.

קאָן זײַן, ס׳איז געוועזן
אין באגינען אין קלאָרן.
דאָ קאָן מיר ניט העלפן
מײַן אַלטער זיקאָרן.

איך בין ניט געשטאנען
באם גויסעס געבויגן,
ניט צוגעמאכט אים
די פארגליווערטע אויגן.

איך וויס ניט דאָס אָרט,
ווו זײַן בלוט איז פארגאָסן,
דערפאר אָבער וויס איך,
ווער ס׳האָט אים געשאָסן.

דערפאר אָבער וויס איך,
ווי ס׳פאַלן פּאָעטן.
קיין בלײַ און קיין האק
קאָן דעם קאָפּ זיי ניט פלעטן.

דער קאָפּ, וואָס געבוירן האָט
לידער, געזאנגען,
מע קאָן ניט פארשנײַדן,
ווי פּאָשעטע זאנגען.

געזאנג האָט א טיקן,
א ליד איז אן אקשן —
מע אקערט זי אויס,
און זי נעמט ווידער וואקסן.

קאָן זײַן, אז מײַן פרײַנט
איז געפאַלן אין קאָרן,
צי עפשער באם דניעפּער
געפּלאצט האָט זײַן צאָרן,

געפּלאצט, און ער האָט
אפן פּײַנט זיך געוואָרפן...
— — — — — — — — — — —
ער ליגט קעגן הימל,
וואָס בלוי איז און אָפן.

אָט לאָזן אראָפּ זיך
די שטראַלכלעך פון וויִעס,
נאָר ס׳שוועבט אף די ליפּן
זײַן ליד פון נעוויִעס.

6

די ערד איז צעטאָפּטשעט,
ס׳איז קיִעוו אין שקיִע.
אין טאָל אף פּאָדאָל
הענגט א מענטש אף א טליִע.

אין טליִעס די ערד
און דער הימל פון קיִעוו.
(האָפשטיין האָט געגראַמט אמאָל
קיִעוו מיט איִעוו).

אָט הענגט דאָרט אין הימל
א ייִד, ווי מײַן טאטע,
מיט נאקעטע פיס, —
אפן הארצן א לאַטע.

פיר אויסיעס שרײַען,
פיר גאָטישע — Jude —
מע האָט דאָך מײַן טאטן
גערופן אויך יודל...

און דאָרט פונעם סעדל
מיט בלאָווע שטאכעטן
מע טרײַבט מײַן פרינצעסן.
— אין געטאָ, אין געטאָ!

די קינדער די קליינע
מע שלעפּט פון די בעטן,
די מאמעס, די זקיינים.
— אין געטאָ, אין געטאָ!

פון פרי, פון באגינען
ביז אָוונט דעם שפּעטן
מע טרײַבט מײַנע ברידער.
— אין געטאָ, אין געטאָ!

כ׳פארשטעל דאָס געלעגער,
ווו ס׳שלאָפט איצט מײַן איניק, —
דער מוילעך מאָנט בלוט —
ס׳איז אים ווייניק, נאָך ווייניק.

צעפּראַל איך די פענצטער,
צערוק איך די שטאָרן.
— געגנוג שוין, געגנוג שוין! —
איך טרײַב דעם זיקאָרן.

7

הײַנט איז א רו־טאָג
און מאָרגן — א צווייטער.
כ׳וועק אוף מײַן אייניק —
מײַן יונגן באגלייטער.

די סקי אף די אקסל —
זאָל בלאָזן און ווייען,
מיר לאָזן צום וואלד זיך,
אין שנייען אינצווייען.

עס סקריפּען די סאָסנעס,
די יאָדלעס זיך נויגן,
א בלוילעכער פאָרהאנג
די ווײַט האָט פארצויגן.

און אקשן א פיקהאָלץ
עס דויבלט די קאָרע —
א ווערעמל האָט ער
דערשפּירט דאָרט, א סוואָרע.

איך פלײַס זיך דעריאָגן
מײַן שרעטל, מײַן שנעקל,
ער לאכט, און זײַן קאָל,
ווי א זילבערן גלעקל,

צעבויטעט די שטילקײַט,
די ווײַסקײַט, דעם גליווער.
איך לאָז זיך פון בארג,
לאָז דעם אָווער דאָ איבער.

הײַנט איז א רו־טאָג
און מאָרגן — א צווייטער.
דער וואלד איז אין זילבער
פון שניי א באקליידטער.

בראָניק

אופטוען פונעם ביבליאָגראפישן קאבינעט

דער ביבליאָגראפישער קאבינעט פונעם צענטראלן ליטעראטן־הויז אין מאָסקווע פארמאָגט א קארטאָטעקע, וואָס כאַפּט ארום א קאָלאָסאלע רעשימע פון שרײַבערישע ווערק, ארײַנגערעכנט קריטישע ארטיקלען, פארעפנטלעכטע אין פארשיידענע זשורנאלן און צײַטונגען. סאכאקל ווערן דאָ אָנגעצייכלט בא אָנדערהאלבן מיליאָן אזעלכע קארטלעך. די ספּעציפישקײַט פון דעם דאָזיקן ביבליאָגראפישן קאבינעט באשטייט דערין, וואָס ער איז א מין ארבעטס־לאבאָראטאָריע פאר שרײַבער. אזא דעטאלע קארטאָטעקע פארמאָגט ניט קיין איין אנדערע ביבליאָטעק און אפילו די אלפארבאנדישע ביכער־פּאלאטע.

דער קאבינעט האָט געשאפן גרויסע ביבליאָגראפישע רעשימעס אף די טעמעס: דער ארבעטער־קלאס אין די ווערק פון די מאָסקווער שרײַבער; דער מיליטערישער מאָטיוו אין דער קינסטלערישער ליטעראטור; דאָס דאָרף אין דער סאָוועטישער פּראָזע און פּאָעזיע אא.

אין נײַעם יאָר וועלן די קאטאלאָגן סיסטעמאטיזירט ווערן לויט די אָפּטײלן: די רוסישע פאררעוואָליוציאָנערע און סאָוועטישע ליטעראטור; די ליטעראטור פון די פעלקער פון סאָוועטנפארבאנד; די אויסלענדישע ליטעראטור.

● ● ●

מענטשן גייען אינדערפֿרי צו דער אַרבעט

די דאָזיקע מענטשן קענט איר ניט. ס'הייסט, איר קענט זיי יאָ, און אַפֿילו זייער גוט, ווײַל איר טרעפֿט זיך מיט זיי יעדן טאָג פּאָנעם צו פּאָנעם, בײַס איר גייט אויף דער אַרבעט און זיי קומען אײַך אָן אַנטקעגן. זיי גייען אויך צו דער אַרבעט. יעדן גאַנצפֿרי, אַמאָל מיט אַ פּאָר מינוט פֿריִער אָדער שפּעטער, קומען זיי אײַך אַנטקעגן. איר ווייסט ניט, ווי זיי הייסן, וווּ זיי אַרבעטן און אין וואָס זייער טועכץ באַשטייט. נאָר יעדערן פֿון זיי קענט איר. נאָך מער: מיט פֿיל פֿון די אַנטקעגנקומענדיקע, ריכטיקער, קימאַט מיט יעדן איינעם פֿון זיי, האָבן פֿאַר די יאָרן, וואָס איר באַגעגנט זיך אַזוי, — פֿאַר די פֿרילינגס, זומערס, האַרבסטן און ווינטערס, — זיך אויסגעאַרבעט באַשטימטע באַציִונגען פֿון פֿרײַנטשאַפֿט אָדער אומפֿרײַנטשאַפֿט, און אַפֿילו מער.

איר קענט די דאָזיקע מענטשן און איר קענט זיי ניט, און דאַפֿקע דאָס איז ציקאַווע. ציקאַווע זיך פֿאָרשטעלן, פּרווון טרעפֿן, וווּ יעדער איינער פֿון זיי אַרבעט, וואָס ער טוט, ווי ער לעבט. אָט, אַשטייגער, אָט די הויכע, שטאַלטנע, ניט גאָר יונגע פֿרוי, וואָס זעט נאָך אָבער אויס זייער פֿײַן. אַ רויטלעכע פֿריזור לויט דער לעצטער מאָדע, טופֿליעס אויף דינע הויכע קנאַפֿל, זי שוועבט פֿאַרבײַ אַ גלײַכע, ווי אַ זײַל, און באַמערקט גאָר קיינעם ניט. ס'איז ניט העפֿלעך אַרײַנקוקן אַ פֿרעמדן מענטשן אין די אויגן, ביפֿראַט אַ פֿרוי. נאָר איר מעגט איר אַרײַנקוקן גלײַך אין די שוואַרצאַפּלען, סײַווי וועט זי אײַך ניט באַמערקן. אירע לענגלעכע, פֿון גרינבלעכן פֿלאַש־קאָליר אויגן קוקן גלײַך פֿאַר זיך אין איין פּינטל, מיט אַן אויסזען פֿון גלײַכגילט און אומצוטריטלעכקײַט. ווער איז זי? אין יענער זײַט, וווּהין זי גייט אַלע גאַנצפֿרי, איז פֿאַראַן אַ שול. זאָל זי זײַן אַ לערערן? אויב יאָ, איז גיכער פֿאַר אַלץ אַ מאַטעמאַטיקערן. נאָר דאָרט זײַנען פֿאַראַן אויך אַנשטאַלטן, קאָנטאָרן. עפּשער אַן אָנגעשטעלטע? אויב יאָ, איז אַ בוכהאַלטערן. עפּעס איז אין איר גאַנצן אויסזען פֿאַראַן זייער גראַדליניקס, טרוקנס, אויסגערעכנטס. מיר דאַכט, זי מוז זײַן איינזאַם. אויב געהאַט אַ מאַן, איז גאָר אַמאָל, שוין לאַנג. מעגלעך, ער האָט זי פֿאַרלאָזט, און זינט דאַן האָט זי אויסגעאַרבעט אין זיך אָט דעם אָנשטעל פֿון גלײַכגילטיקער אומצוטריטלעכקײַט.

וועגן אייניקע פֿון אָט די מענטשן, וועלכע איך באַגעגן יאָרנלאַנג, גייענדיק גאַנצפֿרי צו דער אַרבעט, ווילט זיך מיר שוין פֿון לאַנג דערציילן. נאָר אַלעמאָל, ווען איך קלײַב זיך דאָס טאָן, נעמט מיך אַ צווייפֿל. וואָס קאָן מען זאָגן וועגן מענטשן, וועלכע מע קען אַזוי ווייניק?

פֿאַראַן, פֿאַרשטייט זיך, צווישן די, וועמען איך באַגעגן, אויך באַקאַנטע, מיט וועלכע איך גריס זיך, — מיט וועמען האַרציק־פֿרײַנטלעך, מיט וועמען צוריקגעהאַלטן־העפֿלעך, מיט וועמען בלויז מיט אַ נייג פֿון קאָפּ, — אָפּהענגיק פֿונעם גראַד באַקאַנטשאַפֿט און פֿון די באַציִונגען מיט יעדערן פֿון זיי. דערציילן ווילט זיך אָבער גראָד וועגן די אומבאַקאַנטע, וועגן די, וואָס איך קאָן ניט זאָגן ניט ווי מע רופֿט זיי, ניט וווּ זיי אַרבעטן, ניט וועגן זייער פֿאַמיליען־לאַגע. אויך אומבאַקאַנטערהייט טראָגן דאָך מענטשן דורך פֿאַר אונדז זייער לעבן, כאַראַקטער, גורל. און אויב ניט אַלץ איז אונדז געניי באַוווּסט וועגן זיי, עס פֿעלן אויס פּראָטים, קאָן מען זיי דערמאָלן, דערויף האָבן מיר דאָך אַ קויעך־האַדימיען.

אָט, למשל, די יונגע בילד־שיינע פֿרוי, וועלכע איך האָב אַ לענגערע צײַט אַלע אינדערפֿרי באַגעגנט, און וואָס... נאָר ניין, וועגן איר שפּעטער. עפּשער דערציילן וועגן דעם יונגן פּאָרפֿאָלק? צי וועגן דעם סאָלידן פֿאַרשוין מיטן בייזלעך־פֿאַרקרימטן מויל, וואָס טראָגט דורך אַלע גאַנצפֿרי פֿאַרבײַ זײַן שווער אָנגעפּאַקטן פּאָרטפֿעל?

צוערשט וועלן, ווײַזט אויס, זײַן ניט איבעריק אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם וועג, אויף וועלכן מיר באַגעגענען זיך, וועגן די גאַסן, מיט וועלכע מיר גייען אַלע גאַנצפֿרי צו דער אַרבעט. פּונקט ווי מענטשן, האָבן דאָך אויך גאַסן ניט ווייניק וועגן זיך צו דערציילן.

■

מײַן וועג צו דער אַרבעט הייבט זיך אָן אינעם טויער פונעם פירשטאָקיקן געמויערטן הויז, ווו איך וווין. דאָס הויז שטייט פונקט אנטקעגן דעם אַלטן ברייט צעוואקסענעם שטאָטישן פארק. דער דאָזיקער פארק האָט זײַן געשיכטע. אמאָל, מיט א יאָר פערציק צוריק, איז אַף דעם אָרט, ווו די שטאָט האָט איצט פאנאנדערגעשפרייט אירע קווארטאַלן, גאסן, ראנדגעביטן, — אמאָל איז דאָ געווען דורכוויסיקע טײַגע. יענע ערשט געקומענע איבערוואנדערער האָבן זי גענומען אויסהאקן און פארלייגן אַף איר אָרט די קינפטיקע שטאָט. א שטיק טײַגע באם שטראָמיקן טײַך האָבן זיי באשלאָסן איבערלאָזן אַלס זייכער פון דעם, וואָס אמאָל איז דאָ געווען. און דאָס איז ער איצט — דער פארק, אנטקעגן וועלכן עס הייבן זיך די נײַע הויכע מויערן.

איך גיי אראָפ־גאס (פושקין־גאס הייסט זי), פארבײַ א צווייטן אזא פירשטאָקיקן מויער מיט א ברויט־קראָם אפן ערשטן שטאָק, פארבײַ א דריטן מויער, אזוי — ביזן סאָף קווארטאַל. דאָ וועט מיט דער צײַט שטיין געוויס א פערטער מויער. דערווײַל אָבער הויקערן זיך דאָ נאָך אַף יענער זײַט פון א קרומלעכן פלויט א פאָר אַלטע נידעריקע שלעכט אויסגעווײַסטע הײַזקעס. און אנטקעגן, איבערן וועג, בלאנקט מיט הויכע פענצטער די געמויערטע שול־געבײַדע, בא וועלכער עס פארקערעווען זיך פלינקע אווטאָבוסן, וואָס גייען צום וואָקזאַל. מע זעט אָן פונדאנעט דעם אײַזנבאן־אָנשיט מיט די אָפ און אוף דורכגייענדיקע צוגן אינדערווײַטנס.

ניט אריבערגייענדיק דעם וועג צו דער שול, פארקערעווע איך אַף לינקס און לאָז זיך אין דער ריכטונג צום מארק. דער וועג איז איצט דאָ גוט אספאַלטירט, נאָר איך געדענק נאָך, ווי נאָך א רעגן האָט מען דאָ ניט געקענט ארויסקריכן פון בלאָטע. אין יענער צײַט איז דאָ געשטאנען אפן ראָג א הילצערן צווייסשטאָקיק הויז, פון יענע, וואָס עס האָבן אויסגעבויט אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן די ערשטע איבערוואנדערער. דאָס הויז האָט שפעטער אָפגעברענט. א היפשע צײַט האָט די אָפגעברענטע כורווע געפאַטערט דעם אויסזען פון דער גאס, ביז מע האָט זי אראָפגעטראָגן און פארלייגט אַף דעם אָרט א פונדאמענט פון א גרויסן האָטעל. געבויט האָט מען דעם האָטעל זייער לאנג. אצינד שטייט ער שוין, דער נײַער האָטעל, מיט זײַנע ברייטע געמויערטע פלייצעס איבערנעמעריש פארהויבן איבערן גאנצן ארום. ער האָט אָפגעכאפט א היפשע שטיק פונעם שטאָטישן מארק, וועלכן מע קלײַבט זיך אריבערפירן אַף א צווייט אָרט. באנאנד מיטן האָטעל זעען איצט אויס נאָך נידעריקער, ווי זיי זײַנען אינדערעמעסן, די איינשטאָקיקע געבײַען ארום אים.

אמאָל גיי איך צו דער אַרבעט מיט דער זײַט גאס, ווו דער האָטעל, אמאָל מיט דער אנטקעגנדיקער, נאָר מיט וועלכער זײַט גאס איך זאָל ניט גיין, קום איך ארויס צום היפשן סקווער מיטן אָבעליסק צום אָנדענק פון די געפאַלענע אין דער לעצטער מילכאָמע. פון איין זײַט סקווער רופט צו זיך מיט גרויסע פארביקע רעקלאמע־בילדער אפן פאסאד דער שטאָטישער קינאָ־טעאַטער, פון דער אנדערער זײַט — דער קולטור־פאלאץ. מע האָט אים אויך געבויט זייער לאנג און לויט אן אַלטן פראָיעקט פון יענע צײַטן, ווען אָן א פארוואָס איז געווען אָנגענומען אונטערצושפארן די נײַע פאלאצן מיט קאָלאָנאדעס פונעם פאָריקן און פארפאָריקן יאָרהונדערט.

באם קולטור־פאלאץ שטעלן זיך אויך אָפ אווטאָבוסן. פון זיי טוען זיך ראפטום א שיט ארויס אָט די אַלע מאנצבלען און פרויען, וואָס די מערהײַט זייערע באגעגן איך אפן וועג צו דער אַרבעט. אַלעמאָל פארקוק איך זיך דאָ אַף די יונגע מאמעס. אָט איז איינע פון זיי. ניט הויך, דארלעך, אפן אויסזען נאָך אליין א מיידעלע. זי גייט אראָפ פון אווטאָבוס מיט איין קינד אַף דער האנט און דאָס אנדערע האַלט זי באם הענטל. ארומקוקנדיק זיך אין די זײַטן (צי יאָגט ניט א מאשין), לויפט זי אפגיך אריבער דעם וועג און לאָזט זיך צום קינדער־קאָמבינאט. זי דארף באשטאטן ביידע קינדער אין גאָרטן און אין די יאסליעס און ניט פארשפעטיקן צו דער אַרבעט. אַף דער האנט, אַף וועלכער זי האַלט דאָס קלענערע קינד, הענגט אראָפ א קוישל. זי דארף נאָך אונטערוועגנס פארלויפן אפן מארק עפעס אײַנקויפן. צי וואָלט ניט געווען בעסער, קלער איך, קוקנדיק אַף דער יונגער מאמע, זי זאָל די עטלעכע יאָר, ביז די קינדער וועלן זיך ניט שטעלן אַף די פיס, זיצן מיט זיי אין דער היים? נאָר איך שלאָג זיך אליין איבער דעם געדאנק: ווערן א שטוב־באַלעבאָסטע? און איך פרוּוו טרעפן, וואָס וואָלט וועגן דעם געזאָגט אָט די יונגע פרוי און פיל אנדערע פון איר גלײַכן...

נאָר איך האָב זיך אָפגעווענדט אין א זײַט. כאָטש די יונגע מאמע איז דאָך אויך איינע פון די, וועגן וועלכע איך קלײַב זיך דערציילן.

איידער איך וועל דערציילן וועגן באזונדערע מענטשן, ווילט זיך עפעס־וואָס זאָגן וועגן זיי אַלעמען צוזאמען — וועגן די, וועמען איך באגעגן אפן וועג צו דער אַרבעט. כ'האָב שוין פון לאנג באמערקט, אז זיי פארייניקט אַלעמען איינער אן אַלגעמיינער שטריך, וואָס ניט אַלע שטויסן

זיך אָן וועגן דעם. אויך איך האָב א לאַנגע צײַט ניט געקאָנט כאַפּן, אין וואָס אָט דער שטריך באַשטייט, ניט געקאָנט אָפּזוכן דאָס פּאַסיקע וואָרט פאַר אים, ביז איך האָב עס ענדלעך געפונען: באַפרידיקונג, און אויב איר ווילט, אפילע עפּעס ענלעכס אַף גאַדלעס. יאָ, גאַדלעס. דערמיט, וואָס מיר אַלע, די אײַנוווינער פון אָט דער נאָך גאָר ניט אַלטער און בעמיילע ניט זייער גרויסער שטאָט, וועלכע האָט אַנטלײַען די נעמען פון צוויי ווײַטמיזרעכדיקע טײַכן פאַר איר אייגענעם נאָמען, זײַנען ניט געקומען אַהער אַף גרייטן. אַלע האָבן מיר אונדזער כײלעק אין אַלץ — אין אָט די מויערן, סקווערן, פאַבריקן, בויונגען. דערפון — דער אָפּשײַ, מיט וועלכן מיר באַציִען זיך איינער צום אַנדערן, אפילע ניט זײַענדיק באַקאַנט. אַלע טוען מיר איין זאַך, און דאָס מאַכט אונדז היימיש, אפילע מיט עפּעס ליב איינע די אַנדערע. דאָס שליסט ניט אויס, פאַרשטייט זיך, אויך געפילן פון אַנטיפּאַטיע בענעגייע די, וואָס פאַרדינען עס.

כ'האָב שוין דערמאָנט וועגן א סאָלידן פאַרשוין מיט א בייזלעך־פאַרקרימט מויל, וואָס טראָגט יעדן אינדערפרי פאַרבײַ מיר זײַן אָנגעפּאַקטן פּאָרטפעל. איך געדענק ניט, אָט דער מענטש זאָל, פאַרבײַגייענדיק, אַף עמעצן אַמאָל אויפהייבן די אויגן. בלויז די שווערע ברוין־אָנגעבראַקנעטע אויגן־לעפּלעך זײַנע זעט מען. און די ברייטלעכע, עטוואָס צוגעפּלעטשטע נאָז. און דאָס מויל, וואָס זײַן קרומלעכע מינע האָט צו זאָגן, אַז אַף דער וועלט טוט זיך עפּעס ניט גאָר אַזוי, ווי אים, אָט דעם מענטשן, וואָלט זיך וועלן. ווי זשע וואָלט ער וועלן?

וועגן דעם האָב איך גאָר צופעליק זיך דערוווּסט פון מײַנעם א גוטן באַקאַנטן — א מענטשן פון א גאַנץ שווערן לעבנס־וועג. ניט געקוקט אָבער אַף אַלע אויסגעשטאַנענע צאָרעס, האָט דער דאָזיקער מענטש ניט אָנגעווירן, ווי עס וואָלט זיך געקאָנט מאַכן, זײַן אָפּשײַ צום מענטשלעכן מין. האָט ער אָבער אַף עמעצן געוואָרפן אַן אומכיין, האָט יענער עס קאָשער פאַרדינט. איז אָט וועגן דעם פאַרשוין מיטן פּאָרטפעל האָט מײַן באַקאַנטער זיך אָפּגערופן שלעכט. נאָר איידער ער האָט מיר וועגן אים גענומען דערציילן, האָב איך זיך א בעט געטאָן:

— וואַרט, כ'וויל אַליין א פּרוּוו טאָן טרעפן, ווער און וואָס ער איז.

— אַדעראַבע!

— א פאַרוואַלטער מיט א קאַדרען־אָפּטייל?

— געטראָפן מיט א פינגער אין הימל!

— א בוכהאַלטער?

— ס'הייבט זיך ניט אָן!

— אַן עקאָנאָמיסט?

און דערזען, אַז איך בין אַלץ ווײַט פונעם עמעס, האָט מײַן פרײַנט געזאָגט:

— אייסעך וואָס!

ניט געטראָפן די שטעלע, האָב איך געפּרוּווט טרעפן דעם כאַראַקטער פונעם פאַרשוין. דאָס איז מיר מער געלונגען.

— א ביוראָקראַט?

— נאָך א מין!

— האָט ליב, מע זאָל שטיין בא אים הינטער דער טיר?

— פאַרשטייט זיך.

— קאָן זיך אויסדינען פאַר נאַטשאַלסטווע?

— אַוואַדע. דאָס אַלץ איז אָבער געווען אַמאָל, מיט יאָרן צוריק.

— און איצט?

— איצט זײַנען פאַר אים אָנגעקומען גאָר ניט קיין וואַזשנע צײַטן.

און מײַן באַקאַנטער האָט מיר אינקורצן דערציילט די געשיכטע פון אָט דעם מענטשן, וואָס אַמאָל איז ער געווען גאָר אַף הויכע שטעלעס און ביסלעכווײַז זיך גענומען רוקן אַלץ נידעריקער.

— דעגראַדירט?

— אויסערלעך, יאָ, — האָט געענטפערט מײַן באַקאַנטער. — פאַקטיש אָבער ניט. ער אַליין איז אויך אַצינד פונקט אַזאַ, ניט ערגער און ניט בעסער, ווי ער איז געווען אַמאָל. נאָר די צײַט האָט זיך געביטן, די צײַט, ווען אַזאַ מענטש, ווי אָט דער, האָט געקאָנט פאַרנעמען הויכע שטעלעס, איז אַוועק. צוליב דעם דאַרף מען איצט פאַרמאָגן א סאַך מײַלעס, וואָס ער האָט זיי קיינמאָל ניט געהאַט.

איז אָט מיט וואָס אַזאַ פאַרשוין איז ניט צופרידן, — האָב איך א קלער געטאָן. — ער וואָלט וועלן, אַז אַלץ זאָל בלײַבן, ווי געווען.

ווען איך האָב עס אַרויסגעזאָגט מײַן באַקאַנטן, האָט ער א מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— אַזעלכע, ווי אָט דער, זײַנען איצט שוין אָפּגעשלאָגענע הוישײַנעס. לאָמיר ריידן פון פריילעכערע זאַכן!

דערוף האָט זיך פאַרענדיקט אונדזער געשפּרעך.

יאָ, לאָמיר ריידן פון פריליכערע זאַכן! דאָס יונגע פּאָרפאָלק.

צום ערשטן מאָל זײַנען זיי מיר אנטקעגנגעקומען אַף דעם אָרט, ווו אצינד שטייט דער האָטעל, דאַן איז ער נאָך ניט געווען. א שפּעטהארבסטיקער ווינט איז געקראָכן אין די ביינער. דער אוילעם איז שוין געווען אָנגעטאָן ווער קימאַט און ווער אינגאנצן ווינטערדיק. נאָר פּאַר זיי, פּאַר אָט די צוויי, איז, דאכט זיך, געווען נאָך פרילינג. ערשטנס, זייער קליידונג: א דינער, פון א שמוציק־ווײַסלעכן קאָליר דעמיסעזאָן־מאַנטל, פון די, וואָס מע זאָגט, אז זיי זײַנען אונטערגעשלאָגן מיט ווינט, — אַף אים. עפּעס אן אומקלאָר קורצע זאַך פון א מיסעמעשונע־קאָליר, האלבקאַפּטל, האלב־רעקל — אַף איר. אַפן קאָפּ נאָך א דינע אָפּגעבליאַקעוועטע פּאַטשיילקע, אַף אים א קעפּקעלע מיט א ברעקל דאַשעקל אַפן שפּיץ קאָפּ. און, צווייטנס, דער אויסזען זייערער, וואָס האָט זיך גאָר ניט געפּאָרט ניט מיט דער קליידונג, ניט מיטן וועטער — א בעגילופנדיק־דערהויבנער, א צופרידן־צעכראַסטעטער און א פריידיק־פּאַרהאָוועטער. ס'איז צו זען געווען — אָט די צוויי זײַנען איבערפול מיט זיך אליין און עס גייט זיי ניט אָן, צי זעט זיי עמעצער און וואָס מע קאָן זאָגן וועגן זיי.

ביידע — אין ברילן. זײַנע — אין ווײַסע רעמלעך, מע זעט זיי קימאַט ניט אָן באַ אים אַפן פּאָנעם, באַ איר שטעקן אַפן קורצן פּאַריסנעם נעזל צוויי טונקעלע רעדער, און דורך זיי קוקן ארויס אירע ניט־גרויסע שווארצע אויגן מיט אן אײַנגעשפּאַרטער זיכערקײַט, וואָס האָט צו זאָגן אַלעמען: „מײַנס אין לעבן וועל איך נעמען!". אָט האָט זי שוין גענומען אָט דעם לאַנגן דאַרלעכן קרעפּטיקן באָכער, וועלכן זי האלט אזוי פעסט אונטער דער האנט — אַף קיינמאָל שוין ניט אָפּלאָזן.

און אָט אזוי, שטײַף געאָרעמט, האָבן זיי פארבײַגעשפּאַנט אין האַפּעדריקער אײַלעניש, ווי איין מענטש.

מע האָט זיך לײַכט געקאָנט אָנשטויסן: אוואדע זײַנען זיי נעכטיקע סטודענטן, אָקאָרשט פאַרענדיקט די לער, געקומען אהער אין שטאָט אַף ארבעט. גיכער פאַר אַלץ לעבט מען נאָך ערגעץ אין א געדונגענעם ווינקל, מע פאַרמאָגט נאָך גאָרניט און מע פאַרמאָגט שוין אַלץ!

מיט דער צײַט בין איך געוווינט געוואָרן אַלע אינדערפרי צו באַגעגענען אָט דאָס האַפּערדיקע פּאָרפאָלק. און ווען עס האָט געטראָפן, אז איך האָב א פּאָר טעג נאָכאַנאַנד זיי ניט באַגעגנט, האָב איך געגומען איבערטראַכטן — וואָס איז געשען? אַפן דריטן טאָג האָב איך נאָך פונווײַטן באַמערקט (און דערפילט, אז דאָס פרייט מיך) — זי גייט! האַפּעדריק, שנעל, ווי געווײַנלעך. פּאַרוואָס אָבער עפּעס אַליין? ווו איז ער? נאָר ווען זי האָט זיך אויסגעגלײַכט מיט מיר, האָב איך זי קוים דערקענט. דאָס נעזל צווישן די טונקעלע האָרנברילן — בלאַס, די גראָבלעכע ליפּן (איך האָב ערשט איצט באַמערקט, אז זיי זײַנען גראָבלעכע און ניט קיין שיינע) — פאַרפּרעסט, די אויגן, בייז צונויפגעזשמורעטע, זײַנען גרייט דורכעס זײַן אַלץ ארום. א כאַראַקטער! — האָב איך א קלער געטאָן. און אָט איז ער, אויך ניט צו דערקענען. דעם קאָפּ אראָפּגעלאָזט, שפּאַנט ער האכנאָעדיק אַף א סאָלידער דיסטאַנץ פון איר, וויל און האָט זי, זעט אויס, מוירע אָנצוויאָגן.

עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד זײַנען זיי אזוי געגאַנגען צו דער ארבעט — באַזונדער. זי — א באַרויגעז־אָנגעשטויסענע — פון פאָרנט, ער — מיט א האכנאָעדיק־שולדיקן אויסזען — הינטער איר.

מיר איז שווער געווען צוזען אָט דעם ערשטן רויגעז פונעם יונגן פּאָרפאָלק, כאָטש נעם און לייג זיך ארײַן אין שאָלעם. אָבער שוין אַף מאָרגן, — עס האָט זיך גראָד אויסגעגעבן א זוניקער פרעסטיקער טאָג, — האָבן זיי ביידע אין זייערע לײַכטע מאַנטלען, שמייכלענדיק איינער צום אַנדערן, ווי עס זאָל גאָרניט האָבן געשען, ווידער געשפּאַנט שטײַף געאָרעמט, ווי איין מענטש.

נאָכדעם האָב איך זיי נאָך א סאַך מאָל געזען, אי באַזונדער, — ווען עמעצער פון זיי איז, ווײַזט אויס, געווען אין א קאָמאַנדירונג, — אי צוזאַמען. ס'איז צו זען געווען — מע האָט זיך ביסלעכווײַז ארופגעארבעט, ניט שלעכט פאַרדינט. מע האָט מיט דער צײַט ארופגענומען אַף זיך צוביסלעך לײַב און אויך אַפן לײַב. פרילינג־צײַט און אָנהייב הארבסט זײַנען זיי שוין אנטקעגנגעקומען אין מאַנטלען פון גלאַנציקער באָלאָניע, אין א טונקל־ברוינעם — ער, אין א ליכטיקבלויען — זי, ווינטער — ער אין א קורצן, לויט דער מאָדע, מאַנטל מיט אן איבערגעלייגטן פּוטערנעם קאָלנער, זי — אין זילבערדיקן סינטעטישן קאַראַקול. נאָכדעם האָב איך זי באַגעגנט אָן אָנזיכטיק שוואַנגערע, און מע האָט געדאַרפט זען, ווי פּאַמעלעך און מיט וואָס פאַר א צופרידןפאַרזאָרגטן אויסזען ער האָט זי געפירט אונטער דער האַנט.

ווי רופט מען זיי? ווו ארבעטן זיי? דאָס ווייס איך ביז איצט ניט, נאָר איך ווייס, עס גייט זיי גוט, און בין דערפון צופרידן.

■

און אצינד אויך וועגן יענער, דער בילד־שיינער, וואָס כ׳האָב דערמאָנט וועגן איר אין אָנהייב. נאָר דאָ ווייס איך ניט, דעם עמעס זאָגן, פון וואָס אָנצוהייבן, ווײַל אַז מע וויל, איז לאַכ־לוטן גאָרניט געווען און ס׳איז ניטאָ וועגן וואָס צו ריידן, און אַז מע וויל...

צום ערשטן מאָל, ווען איך האָב זי אָפּן וועג צו דער ארבעט באַגעגנט, איז גראָד געווען זייער א כמורנער, זומערדיקער אינדערפרי. דעם הימל האָט פאַרצויגן א דורכויסיקע גרויע וואָלקן־נעץ אַזש ביז צו די ווײַטע סאָפּקעס באַם האָריזאָנט. בלויז ווו־ניט־ווו איז די וואָלקן־נעץ געווען עטוואָס דינער, און דאָרט, האָט זיך געדאַכט, וועט אָט־אָט ארויסקוקן די זון. ווי געוויינ־לעך אינדערפרי, האָבן די פולגעפּאַקטע אויטאָבוסן, צוקומענדיק איינער נאָכן אַנדערן, פון זיך ארויסגעשטויסן מאַכנאָס מענטשן, וועלכע האָבן שוין ווײַטער פאָרגעזעצט דעם וועג צופוס. דער אַנטקעגנשפּאַנענדיקער אוילעם אינגאַנצן גענומען, און קימאַט יעדער איינער באַזונדער, זײַנען מיר פון לאַנג און גוט געווען באַקאַנט, קיינער האָט ניט אָפּגעשטעלט באַזונדערס מײַן אויפ־מערקזאַמקײַט, און, פאַרטאָן אין קאָלערליי געדאַנקען, בין איך, ווי געוויינלעך, ניט זייער געײַלט, געגאַנגען מײַן וועג. נאָר אָט האָט אינעם אַנטקעגנקומענדיקן מענטשן־שטראָם — און עפּשער איבער אים? — עפּעס אומגעריכט און זייער העל א לויכט געטאָן. כ׳האָב ניט גלײַך באַנומען — וואָס? האָט די זון ארויסגעקוקט? ניין. די וואָלקנס זײַנען געהאַנגען פּונקט אַזוי גרוי און נידעריק, ווי פריִער. ערשט אין א היפּשער ווײַלע ארום, ווען איך בין שוין געווען גאַנץ ווײַטלעך פון יענעם אָרט, איז צו מיר דערגאַנגען: דאָס זײַנען געווען — אויגן... א פּאָר צעשטראַלטע אויגן. פון די, וואָס דערלאַנגען אײַך פאַר א מײַל. באַ מיר אין זיקאָרן איז גאָרניט פאַרבליבן — קיין פּאָנעם, קיין שטאַלט, נאָר אָט די אויגן, ווי אליין פאַר זיך, זאָלן זיי האָבן געשוועבט אינדערלופטן.

אָף מאָרגן זײַנען אָט די אויגן מיר אַנטקעגנגעקומען ווידער. דאָס מאָל האָב איך שוין באַמערקט אי דעם איידעלן בלאַסלעכן שטערן, אי די טונקעלע קרויזן, אי דאָס גאַנצע מילדע געזיכט ארום זיי. און פון יענעם טאָג האָב איך אַלע אינדערפרי געטראָפן שוין אינעם אַנטקעגנקו־מענדיקן מענטשן־שטראָם די דאָזיקע אויגן, וואָס האָבן מיך פונעם ערשטן מאָל אַזוי איבעראַשט.

קלאָר, די דאָזיקע פרוי איז דאָ ניט לאַנג פון ערגעץ אַהער אריבערגעפאָרן. האָט זי על־טערן, א מאַן? דאָס איז מיר ניט אָנגעגאַנגען. מיר איז אָנגעגאַנגען איינס — זען זי, באַגעגענען.

און זי? ווי יעדער פרוי, וואָס וואַרפט זיך מיט איר שיינקײַט אין די אויגן, איז זי דערצו גע־וווינט געווען און ניט געמאַכט דערפון קיין ווען. „איר קוקט? געזונטערהייט, זאָל אײַך וווּל באַקומען“... און אוואַדע האָט זי ניט אויסגעטיילט קיינעם באַזונדער פון די, וואָס האָבן געקוקט אָף איר. און איך האָב אַלעמאָל, ווען זי איז מיר אָנגעקומען אַנטקעגן, ניט געקאָנט אָפּרײַסן דעם בליק פון איר. מיט יעדן טאָג האָב איך אַלץ לענגער (איך האָב געפילט — ביז כוצפּע) פאַר־האַלטן אָף איר מײַן בליק און ניט געקאָנט זיך באַפעלן ניט צו טאָן עס. ביז איינמאָל האָט זי ענדלעך אָף מײַן בליק געענטפערט. דאָס האָט געדויערט א רעגע, און עפּשער ווייניקער, באַלד האָט זי די אויגן אראָפּגעלאָזט און גיך פאַרבײַגעגאַנגען. צו מיר אָבער זײַנען מיטאַמאָל דערגאַנ־גען אַלע מיינען פון אָט דעם קורצן בליק. ערשטנס: זי האָט פון לאַנג באַמערקט, אַז איך קוק אָף איר; צווייטנס: עס כידעשט זי מײַן כוצפּע; דריטנס: לאָז מיך צורו!

באַ מיר האָט פריידיק א צאַפּל געטאָן דאָס האַרץ — סאַפּקאָלסאָף האָט זי מיך באַמערקט, אויסגעטיילט! איך בין, דאַכט זיך, אַפילע זויכע געווען א קאַפּעלע איר נײַגער. עמעס, זי איז, קענטיק, ניט צופרידן, אָבער אויך אָט די ניט־צופרידנקײַט — לאַכט ניט — האָט מיך געפרייט, ווײַל דאָס איז געווען עטוואָס דירעקט אַדרעסירטס פון איר צו מיר.

וואָס זשע טוט מען ווײַטער? אופהערן קוקן אָף איר? דאָס איז געווען איבער מײַנע קויכעס.

זי פלעגט איצט דורכגיין אַלע אינדערפרי פאַרבײַ מיר מיט אראָפּגעלאָזטע וויִעס, ווי ניט זי מיינט מען. נאָר אויך אָט די אראָפּגעלאָזטע וויִעס אירע האָבן צו מיר אָף שטומלאָשן גערעדט: „איך ווייס, סײַווי הערסטו ניט אוף אָף מיר צו קוקן, נאָר דאָס גייט מיר לאַכלוטן ניט אָן“.

ניט באַלד, אין א צײַט ארום, האָט זיך מיר אָנגעהויבן דאַכטן, אַז עפּשער האָבן אָט די אַקשאָנעסדיק־אראָפּגעלאָזטע וויִעס אירע געהאַט צו זאָגן נאָך עפּעס. „גלאָמפּ איינער! — האָבן זיי עפּשער געוואָלט מיר זאָגן. — אויב דו האַלטסט שוין יאָ אין איין קוקן און האָסט אַזאַ אינ־טערעס, געפינען ווי־ניט־איז א מיטל זיך באַקענען, כ׳וועל דיך דען אופעסן?..“

לײַכט צו זאָגן: באַקענען זיך. מיט טויזנט אַנדערע — יאָ, אָבער מיט איר? איין־איינציקער צופעליקער בליק אירער אין מײַן זײַט מאַכט מיך אויס מענטש. שטיין אין אירע דאַלעדאַמעס, קוקן נאָענט איר אין פּאָנעם, וואָס וואָלט איך טאָן מיט אַזויפיל גליק?

איך האָב אָבער פאַרשטאַנען, אַז מײַן טאָגטעגלעך גלאָצן די אויגן אָף אָט דער אומבאַקאַנטער פרוי איז נאַריש און פּאַשעט ניט פײַן. זי האָט מיסטאַמע שוין לאַנג אָף מיר זיך באַליידיקט און איז גערעכט.

ווי שווער דאָס איז ניט געווען פאר מיר, נאָר באַגעגענענדיק זיך אינדערפרי, האָב איך איצט גענומען אָפּקערן דעם בליק אין א זײַט, פונקט ווי גראָד אין יענער זײַט זאָל זײַן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל מיך זייער אינטערעסירן. אַזוי איז עס א לענגערע צײַט אַוועק, און אַלץ איז, דאַכט זיך, געוואָרן גוט. ביז איינמאָל האָב איך, פאַרבײַגייענדיק, מיט א ווינקל אויג איבערגעכאַפּט אירן א בליק, א בליק, בעפּיירעש א געווענדטן צו מיר, און אין אים, אין אָט דעם איבערגעכאַפּטן בליק אירן, — א שטומע פראַגע: „וואָס איז געשען?“

בא מיר האָט גענומען צאַפּלען דאָס האַרץ: האָט זי באַמערקט, הייסט עס, אַז איך קוק מער ניט אין איר זײַט? און, דאַכט זיך, אַז דאָס פאַרדריסט זי?

אויפן וועג, וווּ מיר פלעגן זיך אַלעמאָל באַגעגענען, געוויינלעך ערגעץ צווישן דעם „גאַסטראָ־נאָם“ און מאַרק, האָב איך זיך געסטאַרעט גיין אינעם מענטשן־שטראָם אַזוי, איך זאָל זײַן פון איר וואָס ווײַטער, אַלנפאַלס, כאָלילע, ניט דורכגיין איינס לעבן אַנדערן. נאָר אָט וואָס עס האָט איינמאָל פּאַסירט. עס איז געווען אין רעכטן מיטן ווינטער. א גאַנצע נאַכט האָט געדרייט א זאַווערוכע, און צו אינדערפרי זײַנען אַלע גאַסן געלעגן פאַרזונקען אין הויכע הורבעס שניי. צו יענער צײַט, ווען מע האָט געדאַרפט גיין צו דער אַרבעט, האָבן די הויף־אויפראַמער אויף אונדזער וועג באַוויזן דורכגראָבן בלויז א שמאָלע לאַנגע טראַנשיי. אין איר האָבן צוויי אַנטקעגנקומענדיקע מענטשן זיך קוים געקאָנט פאַנאַנדערגיין. און אָט אין דער דאָזיקער טראַנשיי, פונקט אַנטקעגן מאַרק, האָב איך זיך אָנגעטראָפן פּאָנעם צו פּאָנעם מיט איר. איר אָטעם האָט באַרירט מײַנע ליפּן. אירע צעשטראַלטע אויגן האָבן נאָענט לעבן מײַנע געשמייכלט און עפּעס ווי געמאָנט. אַזאַ געלעגנהייט... נאָר איך בין פון גרויס אומגעריכטקייט געבליבן שטיין געפּלעפט, ניט אַרויסצורייטן קיין וואָרט. אַלע געדאַנקען זײַנען פון מיר אַנטרונען. איך האָב נאָר געפילט, ווי עס קלאַפּט דאָס האַרץ, און נאָענט, נאָענט — אירע שמייכלענדיקע אויגן. הינטער איר האָבן זיך שוין אָנגעקליבן מענטשן, געוואַרט, מע זאָל זיי דורכלאָזן. הינטער מיר אויך. בין איך שטומערהייט אַוועקגעקראָכן אין א זײַט, אין שניי, קעדיי באַפרײַען דעם וועג. מיט וואָס פאַר א בליק זי האָט מיך דערבײַ א מעסט געטאָן — ווי אָפּגעשמיסן מיט א רוט! און אַוועק. נאָך איר האָבן פון ביידע זײַטן זיך א לאָז געטאָן די מענטשן, וועלכע מיר האָבן מיט אונדזער קורצן אָפּשטעל פאַרהאַלטן. און איך בין געשטאַנען טיף אין שניי, ניט אַהין, ניט אַהער, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע ווייסן, ווי איך האָב זיך באַנאַרישט, און לאַכן פון מיר.

דערנאָך האָב איך זיך אָבער געטרייסט: דער ווינטער איז נאָך גרויס, עס וועט אויספאַלן נאָך אַזאַ שניי, און דעמלט וועל איך שוין מער זיך ניט באַנאַרישן. נאָר יענעם ווינטער איז מער אַזאַ טיפער שניי ניט אויסגעפאַלן.

און אינגיכן איז זי ניט געוואָרן. פונקט אַזוי אומגעריכט, ווי זי האָט זיך באַוויזן בא אונדז אין שטאָט, אַזוי — ניט געוואָרן. צוערשט האָב איך געמיינט, זי איז ניט געזונט, און עפּשער אין א קאָמאַנדירונג, עפּשער אין אורלויב — מאַלע וואָס! עס וועט דורך א וואָך, צוויי, און זי וועט ווידער, א צעשטראַלטע, מיר אָנקומען אַנטקעגן. נאָר כוידעש נאָך כוידעש זײַנען געגאַנגען, און זי האָט זיך מער ניט באַוויזן.

ערגעץ לויכטן איצט אירע אויגן אין אַן אַנדער אָרט. האָבן זיי דאָרט געפונען נאָך איינעם אַזאַ מעשוגענעם, ווי איך, אָדער ניט?

אָט דאָס איז די געשיכטע.

— איז דאָך גאָרניט געווען, — זאָגט איר?

כ׳האָב אײַך פון אָנהייב וועגן דעם געוואָרנט.

— אָבער טאַקע גאָר גאָרניט?

נו, יאָ.

— וואָס זשע איז פאָרט געווען?

אויב איר ווילט — גאָרניט. און אויב איר ווילט — א סאַך...

■

מענטשן גייען אינדערפרי צו דער אַרבעט. כ׳האָב ניט דערציילט ניט ווו, ניט ווי זיי אַרבעטן, אָט די מענטשן, בלויז וועגן די מינוטן, ווען זיי גייען צום אָרט פון זייער מי.

מענטשן גייען אַלע אינדערפרי צו דער אַרבעט, און דאָס איז גוט. אויף דעם שטייט די וועלט.

שימען גאָלדענבערג

דער דיכטער און פּראָזע־שרײַבער שימען גאָלדענבערג איז אומגעקומען אין די שלאַכטן קעגן פאַשיסטישן דײַטשלאַנד בייס דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע. איצט וואָלט ער אַלט געוואָרן 60 יאָר. געבוירן איז ש. גאָלדענבערג אינעם שטעטל קופּעל אַף פּאָדאָליע. זײַנע ערשטע לידער האָט ער פאַרעפנטלעכט אין דער צײַטונג „יונגע גוואַרדיע". אין 1927 איז ער אָנגעקומען זיך לערנען אין אָדעסער פּעדאַגאָגישן טעכניקום.

אין די ווײַטערדיקע יאָרן דרוקט ש. גאָלדענבערג זײַנע ווערק אין די צײַטונגען „אָדעסער אַרבעטער", כאַרקאָווער „שטערן", מינסקער „אָקטיאַבער", אין די זשורנאַלן „פּראָליט" און „רויטע וועלט". אינעם מינסקער ליטעראַרישן זשורנאַל „דער שטערן" פאַרעפנטלעכט ער זײַן פּאָעמע „מאַקאַר", ווי אויך אַ גרויסן לידער־ציקל „לעבן מײַנס".

גאָלדענבערגס ערשטער לידער־בוך „אין אומרו געבויְרענע" איז דערשינען אין 1932. שפּעטער זײַנען אַרויס די זאַמלונגען „לידער און באַלאַדעס" און „היימלאַנד".

אַ רײַזע צו דער אָזערע ריצאַ

אַ דערפל אַ קליינס
מיטן נאָמען קאָלכידע,
ווײַט פון מײַן היים —
אַף קאַווקאַזער ערד,
באַגלייט אונדז אַרויס
פון באַנאַכטיקער נידער
צו ראַשיקער הויך
פון די זוניקע בערג.

דער קרום־טיפער טאָל —
אַ פאַרצויגענער בויגן.
אונדזער שמאָלער אויטאָ —
ווי אַ שפּיציקע פײַל,
און ס'שווינדלען פאַרבײַ
מײַנע דאָרשטיקע אויגן
אַלץ שנעלער און שנעלער
אַ מײַל נאָך אַ מײַל.

אָט זײַנען די ווײַנטרויבן
ערגעץ פאַרשוווּנדן.
ניטאָ שוין דאָס פּעטע
פאַרטרונקענע פעלד.
דער וועג קריכט אַרויס
פון די פינצטערע גרונטן
און קלעטערט אַרויף
אַפן ליכטיקן פעלדז.
אַרום און אַרום
גלײַכן בערג אויס די רוקנס.
סע גלאַנצט יעדער באַרג־שפּיץ,
ווי שאַרף פון קינזשאַל.
און ס'ווערן ניט מיד
מײַנע אויגן צו קוקן,
ווי ס'צינדט דאָרט די זון אָן
איר וואַרעמען שטראַל.

דער וועג, ווי א קנויל,
הערט ניט אויף זיך צו וויקלען,
בארג־אראָפּ, בארג־ארויף —
א קרײַז נאָך א קרײַז,

און ס׳יאָגן זיך בערג,
און עס ברעכן זיך שפּיגלען
פון קאַלטן, פארגליווערט־
געשליפענעם אײַז.

שוין לענגער די נעכט

שוין לענגער — נעכט און קירצער — טעג,
די רעגנס זײַנען אָפּגעגאנגען.
מיט לעצטע סטײַעס איז אוועק
דער הארבסט, די פויגלשע געזאנגען.

גאנצפרי דעקט צו א יונגער פראָסט,
ווי ווײַסער האפט, די טונקלע דעכער.
און ווען־ניט־ווען א ווינטל בלאָזט,
די הימלען ווערן טיפער, העכער.

און יונגע טאטעס טראָגן גרינג
שוין שליטעלעך פאר קליינע קינדער.
די לופט אליין — זי שמעקט אצינד
מיט רייכעס קרעפּטיקע פון ווינטער.

איך האָב זיי ליב אזוי, די טעג,
ווען ערד ארום ליגט שטיל פארטײַעט:
אָט וועט מען באלד פון ווײַטן וועג
א דעקטוך ברענגען איר א נײַעם.

איך האָב אים ליב, דעם ערשטן שניי,
וואָס ציטערדיק ער פאלט פון אויבן.
די שטאָט ווערט פול מיט ווײַסער פרייד,
מיט שטילער וואָרקעניש פון טויבן.

שוין שפּעט באטאָג, נאָר ס׳דאכט זיך אויס:
עס איז גאָר ערשט גאנצפרי געוואָרן,
און ס׳קוקט די גאנצע וועלט ארויס
מיט בליק מיט ניכטערן און קלאָרן.

אָנהייב זומער

קוים דו שלעפּסט ארויף זיך
אָף די הויכע טרעפּ,
ס׳ווערט דײַן פּאָנעם גרין
און אלערליי קאָלירן.
אין דרויסן איז שוין נאכט,
אין דרויסן איז שוין שפּעט,
עס זײַנען שוין אין הויף
פארשפּארט איצט אלע טירן.

גיב מיר נאָר דײַן האנט
און לאָז זיך מיט מיר גיין,
דו שרעק זיך ניט אזוי
און האָב ניט מער קיין מורא.
איך האָב, ווי דו, דערפילט
דײַן ערשטן שטארקן ווײ,
דײַן גרויסע שיינע פרייד
פון אָנהייב און געבוירן.
און ווי דער יונגער עפּלבוים,
וואָס שטייט באדעקט מיט צוויט,
כאפּט זיך פּלוצעם אויף
אינמיטן שטילן שווײַגן,

ווען ס׳גיבן זיך די ווײַסע
בלעטעלעך א שאָט
און ס׳בלײַבן נאָר די אויסגעפּיקטע
פּרוכטן אָף די צווײַגן, —
אזוי גיסטו א כאפּ זיך
פאר דער טיר אצינד,
דערפילט דו האָסט זיך פּלוצעם
וואקלענדיק און מאכטלאָז.
דאָס פּיקט זיך אויס דײַן פּרוכט —
דײַן ערשטלינג איצט, דײַן קינד,
און גיסט זיך אָן מיט פרישע
פרילינגדיקע זאפטן.

איך מאך דאָס פענצטער אויף
און דריי ארויס די שײַן.
דו פרייסט זיך מיט די טראָפּנס
פערלדיקן רעגן.
איך זאָג צו דיר אזוי:
מײַן טײַערע, מײַן פרײַנט,
עס הייבט זיך אָן דער זומער
פון אונדזער ביידנס לעבן.

■ ■ ■

שירע גאָרשמאַן

דערציילונגען

דער פעטער נאַפּטאָלע

ז'ינט מײַן מאַמע, עליה־השלום, איז געשטאָרבן, האָב איך אים ניט אָנגעקוקט. פּלוצעם, אין סאַמע סעזאָן, ווען איך דאַרף מאַכן זויערס, פּאַרדרייען אַבריקאָסן, קאָכן פּאָווידלע, וואָרעם די קינדער, זאָלן לעבן, ווייסן נאָר דאָס לערנען, מײַנער ווייסט נאָר די אַרבעט און ווײַטער גאָרניט, — איך רײַס זיך אויף שטיקער! — בקיצור, אָט דאַן האָט זיך אַרײַנגעשטעלט דער פעטער נאַפּטאָלע פון יאַמפּאָל.

ווײ איז מיר! ס'איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן!.. איר האָט אים שוין געמעגט אָנקוקן: דער וועלוועטענער פּידזשאַק איז אַזוי קורטיק — אײן אויסגוס, קײן פּאַסיקלעך זעט מען ניט. דאָס היטל אויפן קאָפּ איז דאַפּקע אַ נישקאָשעדיק היטל, נאָר אַז ער האָט עס גענומען אַ נעם אַראָפּ, האָב איך מיך שיר ניט דערהאַרגעט — פאַרשמאָלצן אינווייניק, כאָטש נעם עס מיט צוויי שפּענדלעך און וואַרף עס אַרויס... הײַנט די שוואַרצע וואָליקעס! אין דרויסן איז אַ היץ, עס ברענט, און ער אין די וואָליקעס!

מײַנער האָט מיר אַרײַנגעפירט אַ קויש בלאָווע באַקלאַזשאַנעס, דאַרף מען דאָס מאַכן. נאָר דאָ איז דאָך שוין אַלע אַרבעט אָן אַ זײַט. די ערשטע זאַך האָב איך דעם פעטער געגעבן אָנבײַסן. ער האָט געגעסן, און פון מיר האָט זיך געגאָסן בלוט. איצטער זאָל אַ מענטש זײַן אַזוי הונגעריק! אַ מענטש? אַן אַלטער טאַטע פון עטלעכע און זיבעציק יאָר, וואָס האָט געלערנט קינדער, אַז ווי איז שוין צו זיי! איך האָב דאָך אויך אַן אַלטן טאַטן. אַז ער גייט אַרויס פון שטוב, קוק איך אים אַרום, ווי אַ באַרישניע, בערשטל אים אויס די הויזן, דעם פּידזשאַק, פּוץ אים אויף די שיך. וועגן עסן איז דאָך אָפּגערעדט. פונעם בעסטן און פון דעם שענסטן! וואָרעם, ערשטנס, איז דער טאַטע אַלײן באַלעבאָס. ער האַלט הינער און קאַטשקעס, האָט, קײן אײַנהאָרע, אַ גוטע פּענסיע. אַז ער זעצט זיך צום טיש, וואַרט אויף אים אַלץ. ווי זשע אַנדערש? ס'איז דאָך אַ טאַטע!

דער פעטער נאַפּטאָלע האָט פריִער טאַקע געוווינט מיט דער טאָכטער. זי איז אַ לערערקע. נאָר אַז זי האָט כאַסענע געהאַט און האָט שוין אַלײן, דאַנקען גאָט, צוויי קינדער, האָט מען איר געגעבן אַ דירע אין סאַמע צענטער יאַמפּאָל. האָט זי געגעבן דעם טאַטן אַן אײצע, ער זאָל אַרײַנלאָזן אַ שכנה, קעדיי די שכנה זאָל אַכטונג געבן אויף אים. די שכנה האָט אַ מאַן און קינדער, ליגט איר דער פעטער נאַפּטאָלע אין קאָפּ! זיצט ער אויף טרוקנס, זעט ניט אַ ביסל געקעכטס אין די אויגן! כ'זאָג אײַך, איך האָב ניט געקאָנט קוקן, ווי ער עסט.

נאָכן אָנבײַסן האָט אים דער טאַטע גענומען צום דניעסטער. ניט אַזוי גרינג איז דאָס אָנגעקומען. דער טאַטע האָט אים קוים אײַנגערעדט. נו, ער גייט שוין, אָבער דעם פּידזשאַק טוט ער ניט אויס. מײלע, אַוועק אין פּידזשאַק. פאַרשטייט זיך, כ'האָב אים געגעבן אַן אויבערהעמד, גרעט און גרינגע טאַפּאָטשקעס. ס'היטל האָב איך אים אויך אויסגעוואַשן באַנאַכט. ס'וואַסער איז געווען נאָר אַזוי ווי טינט. אויף מאָרגן האָב איך דעם פעטער ניט דערקענט. ער האָט מאַמעש געשײַנט. ער איז אַזוי אויך, קײן אײַנהאָרע, אַ שײנער, אַ וווּקסיקער. געקומען די צײַט זיך לייגן שלאָפן, ער לייגט זיך אין פּידזשאַק. זאָג איך: „פעטער, איך האָב אײַך געגעבן אַ ריין געלעגער, דעם פּידזשאַק טוט אויס". מאַכט ער: „דיר, ליייִנקע, וועל איך זאָגן, כ'האָב מיר אין פּידזשאַק אויף דער לעצטער הויצאָע. כ'וויל ניט באַלעסטיקן מײַנע קינדער".

קיצער, איך האָב צוגענומען בא אים די הונדערט קערבלעך און אַף מאָרגן אויסגעוואַשן דעם פּידזשאַק אויך. איך זאָג — צוגענומען, ס׳איז מיר ניט אזוי גרינג אָנגעקומען, ביז איך האָב דאָס דאָביוועט פון דעם אונטערשלאַק. אזוי איז דער פּעטער נאַפּטאָלע געווען צוויי כאַדאָשים בא מיר צוגאַסט. ווען ער האָט זיך געקליבן אהיים, שטייען מיר אזוי באַם אויטאָבוס, זאָגט ער פּלוצעם צו מײַן טאַטן:

— שמועל, איך קאָן עס מיט זיך ניט מיטנעמען. ווײַסט אַף מיר קיין פּאַריבל ניט האָבן? דו האָסט מיר געשריבן אין דײַנע בריוו, אז לייע באַגייט זיך מיט דיר ניט לײַטיש, האָב איך דיר געטרויט, אָבער איצט, ווען איך האָב אַלץ געזען מיט מײַנע אייגענע אויגן, זאָג איך דיר, אז דו טוסט א גרויסע אוולע — אזא קינד, אזא לייעלע באַרעדסטו? זאָל דאָס דיר ניט פאַרעכנט ווערן!

אז איך האָב דאָס דערהערט, האָבן מיר זיך די טרערן א גאָס געטאָן. מײַן טאַטע זאָל אזוינס שרײַבן. ווו נאָר א געשמאַקער ביסן, איז פּריִער פון אַלעמען דעם טאַטן. ניט פאַר די קינדער, ניט פאַר מײַן כאַיִמען, זאָל לעבן.

אז דער פּעטער נאַפּטאָלע האָט דערזען, ווי איך באַגיס זיך מיט טרערן, זאָגט ער צו מיר:

— כ׳וועל שוין הײַנט ניט פאָרן, כ׳וועל פאָרן מאָרגן.

אין אָוונט, ווען איך בין געקומען פון דער ארבעט און כוץ מיר איז קיינער אין שטוב ניט געווען, זאָגט צו מיר דער פּעטער נאַפּטאָלע:

— לייעלע, איך שרײַב דיר אַף מײַן שטוב, און איך קום זיצן צו דיר. איך בין דאָך, כאַ־לילע, ניט קיין כאַלוש. די הענט און די פיס דינען מיר, איך וועל דיר העלפן וויפל איך וועל נאָר קאָנען.

זאָג איך:

— די שטוב שרײַבט אַף אײַערע קינדער, און ווינען זאָלט איר בא מיר.

אז איך האָב דאָס דערציילט כאַיִמען מײַנעם, האָב איך געמיינט, אז ער וועט מיך איך ווייס ניט וואָס. „ס׳איז דיר ווינציק, וואָס דער טאַטע, זאָל לעבן, איז מיט אונדז? האָסטו זיך געמומען נאָך א שטריק אַפן האַלדז?״ נו, בעקיצער, איך האָב מײַנעם ניט געפאָלגט. דער פּעטער נאַפּ־טאָלע איז קיין יאַמפּאָל ניט געפאָרן.

ביז הײַנט רײַסט מיר אויס דאָס האַרץ. קיין ייִנגערע פון אים זאָלן ניט שטאַרבן! נאָר אז ס׳איז זים געקומען צום לעבן... ער האָט געהאַט דאָס ריינע געלעגער און דאָס ביסל וואַרעמס, אַלץ ווי פאַרן טאַטן, צו לאַנגע יאָר זאָל אים זײַן. ווען דער פּעטער איז געשטאָרבן, ניט פאַר אונדז גערעכט, זײַנען געקומען צו פּליִען די גוטע קינדערלעך. נאָך דער לעוויִע זאָגן זיי צו מיר: „ווו איז די צאַוואַע?״ זאָג איך, אז עס איז דאָ א ווערטל: ווער עס זוכט יערושע, צאָלט קוואָרע־געלט. ווו זײַט איר, זאָג איך, געווען פריִער? און איך דערלאַנג זיי די צאַוואַע מיט די הונדערט קערבלעך, וואָס דער פּעטער נאַפּטאָלע, אָלעווהאַשאָלעם, האָט געהאַט אַף דער לעצטער הויצאָע. מיינט איר, זיי האָבן ניט גענומען? גענומען, איך זאָל שוין אזוי לעבן און זען נאַכעס פון מײַנע קינדער! און דער טאַטע, דער טאַטע איז גאָר א פאַרביטענער געוואָרן. איך באַוויַיז נאָך ניט אַרײַנצוגיין פון דער ארבעט, ווי ער טראָגט מיר אנטקעגן די גלאָז מיט דער מילך — „לייינקע״, און „טאָכטערל״, און „כ׳יִעס מײַנס״, און העלפט. און אמאָל טוט ער אַף מיר א קוק, ווי ער וואָלט בא מיר בעטן מעכילע פאַר די בריוו, וואָס ער האָט געשריבן דעם פּעטער נאַפּטאָלע. צו לאַנגע יאָר זאָל שוין זײַן דעם טאַטן און אונדז אַלעמען. און ווער האָט דעם טאַטן איבערגעמאַכט? קאָניעטשנע, דער פּעטער נאַפּטאָלע!

מײַן ניידער איז מעקויִעם געוואָרן

גאַנץ סאָראָקע וואונדערט זיך: פאַרוואָס און פאַר ווען, און גלאַט אזוי קאָן עס דאָך ניט זײַן. וועל איך גיין יעדערן דערציילן מײַסעס? פאַר יעדערן עפענען דאָס האַרץ? און זיי וועלן דאָס גאָרניט פאַרשטיין אויך... וואָרעם איך האָב זיך געגעבן א ניידער — אויב נאָר איך וועל אויס־געלייזט ווערן און מײַנע הענט וועלן מיר דינען, וועל איך פאַר יעדער קאַרטאָפליע, פאַר יעדער לעפל מאַמאַליגע געבן טאָרט מיט די בעסטע זאכן. און ווי איר זעט, האָט זיך דאָס מאַזל אזוי אויסגעדרייט בא מיר, אז מײַן ניידער איז מעקויִעם געוואָרן, און ניט נאָר איצטער, ווען אַלע זײַנען זאַט, נאָר גלײַך נאָכן אומגליק, בייס מע האָט געשניטן דאָס שטיקל ברויט פון דער קאַר־טעטשקע, האָב איך זיך מיט דווירעלען געטיילט מיטן לעצטן ביסן!

ווי קאָן מען דאָס גאָר פאַרגעסן? אז איך נעם זיך דערמאָנען דעם לאַגער, גליוועט אין מיר דאָס בלוט. מענטשן זײַנען געוואָרן ערגער פון כײַעס. מע פלעגט זיך באַהאַלטן, פאַרהענ־

גען מיט שמאַטעס, אבי נאָר מע זאָל אַראָפּשלינגען דעם באַשערטן ביסן! מײַן כאַווערטע דוווירעלע האָט אַזוי ניט געטאָן. כאָטש אירע טאַטע־מאַמע, אירע שוועסטער און ברידערלעך זײַנען אַלעמאָל געוועזן זאַט, וואָרעם איר טאַטע איז געווען אַ שוסטער און איז אין לאַגער אַרײַן מיט לעדער. האָבן זיי שוין געהאַט אַ שטיקל ברויט, אַ קאַרטאָפליעס, אַפילע רײַז.

די רומענער האָבן ליב געהאַט גוטע שטיוועלעך. אַז דער נאַטשאַלניק פֿון לאַגער האָט דערשמעקט בא דוווירעלעס טאַטן לעדער, האָט ער שוין געהאַט אַ פּאָר שטיוועלעך מיט לאַקירטע כאַליאַוועס און כראָמעווע סאַיוזקעס. און דוווירעלעס טאַטע מיט דער גאַנצער פֿאַמיליע איז ניט געגאַנגען האַרעווען אַפֿן ניכטערן האַרצן. דעמלט האָב איך זיך דערוווּסט, וואָס פֿאַר אַ כאַווערטע איך האָב. וואָרעם איך האָב זיך דערוווּסט, אַז דוווירעלע האָט געזאָגט: „מאַמע, ביז איך וועל ניט אָוועקטראָגן פֿאַר לייעלען מיט איריקע, וועל איך ניט נעמען אין מויל גאָרנישט“. אָבער טראָגן דורכן לאַגער עפּעס עסן איז געווען ניט פֿון די גרינגע זאַכן. פֿלעגט זי קומען און אונדז נעמען פֿאַ אַטשערעדי אַלעמען — פֿריִער אונדז, די קינדער, נאָכדעם דעם טאַטן מיט דער מאַמען. און זי פֿלעגט אונדז נאָך אײַנריידן: „עסט, עסט, ס׳וועט קלעקן פֿאַר אַלעמען...“

און אַזוי האָט זי אונדז דערהאַלטן באַם לעבן. וויפֿל איך גיב, איז אַלץ ווינציק, וואָרעם געבן איצט און געבן אין לאַגער, פֿאַרשטייט איר אַליין, איז ניט קיין פֿאַרגלײַך.

דער אומגליק איז געווען אַזוי גרויס, אַז וויפֿל מע זאָל ניט דערציילן און ריידן, איז דאָס שווער צו באַנעמען. מײַן ברודערל איז אויסגעגאַנגען, ווי אַ ליכט. ער האָט אָפּגעפּרווירן די פֿיס, בייס ער איז געגאַנגען עפּעס אויסבײַטן. בייס זײַן אומשולדיק נעשאָמעלע איז אויסגעלאָשן געוואָרן, האָב איך געמיינט, אַז כ׳וועל דאָס ניט איבערטראָגן, כ׳וועל דאָס אייביק ניט פֿאַרגעסן! און דער טאַטע איז אויך געווען אַזוי קראַנק, מעסוקן... מיר האָבן דען געהאָפּט, אַז דער טאַטע זאָל בלײַבן לעבן? אָן רעפֿועס, אין הונגער, אין קעלט. און פֿונדעסטוועגן, זעט איר דאָך... בעשאַס מע האָט אים דאַן געזאָגט, אַז דאָס ברודערל איז געשטאָרבן, האָט ער עס גאָרניט באַנומען. ער האָט נאָר געזאָגט צו דער מאַמען: „דריי מיר ניט קיין קאָפּ, אַלע וועלן מיר שטאַרבן“. אַז די מאַמע, אָלעהאַשאָלעם, האָט נאָך געלעבט, האָב איך געטײַנעט, מע דאַרף נעמען פֿאַר דער מאַמען אַ פּוטיאָווקע, האָט דער טאַטע פֿראָסט־פּאָשעט געזשאַלעוועט דאָס געלט. איצט איז ער שוין קליגער געוואָרן, פֿאָרט אַליין אין אַ סאַנאַטאָריע און מוסערט מיך ניט, ווען איך טראָג אַוועק דוווירעלען, וואָס איך פֿאַרשטיי.

בעשאַס מײַן דוווירעלע האָט זיך פֿאַרשריבן אין זאַגס, האָב איך אַלץ געמאַכט אויף דער כאַסענע. אַז זי האָט געהאַט דאָס ערשטע קינד, איז דאָס געווען מײַן קינד. איך בין געלאָפֿן אין שפּיטאָל דרײַ מאָל אַ טאָג. מיט אַ יויך, מיט אָף, מיט סמעטענע, מיט פֿרישינקן קעז. און אַז איר שוועסטער איז געקומען, האָט זי געטראָגן צוריק, וואָס זי האָט געבראַכט! דאָס קינד האָב איך געבאָדן. געכאָוועט. אײַנגעשטילט. נאָר קיין ברוסט ניט געגעבן. און אַז ס׳איז אויסגעוואַקסן, האָב איך עס באַגלייט אין שקאָלע אַרײַן. ביז הײַנט רופֿט מיך סאַלאָמאַנטשיק „מאַמע“. איצט איז ער שוין אַפֿן צווייטן קורס מעדינסטיטוט, מעגט איר שוין לייענען די בריוולעך, וואָס ער שרײַבט מיר. ווי זשע? איצטער האָב איך שוין אַליין קינדער! נאָר אַז מײַן כאַים פֿאָרט ערגעץ, ווייסט ער, אַז ווי ער ברענגט פֿאַר די אייגענע קינדער, אַזוי דאַרף ער ברענגען פֿאַר סאַלאָמאַנטשיקן, און פֿאַר דוווירען מוז ער אויך ברענגען עפּעס, וואָרעם, ער ווייסט, אַז אויב ער וועט ברענגען אַ פֿולאָווער נאָר פֿאַר מיר, וועל איך אים ניט אָנטאָן. און דוווירעלע, מיינט איר, וועט אָן מיר אופּעסן אַ ביסן? און אַז איך דאַרף ערגעץ צופֿאָרן, וועט זי ניט אויסקאָכן און אויסבאַקן פֿאַר מײַן סעמיאַ, ווי פֿאַר איר אייגענער? און אַז מײַן עלטערע האָט געענדיקט די צען קלאַסן, איז דוווירעלע ניט געקומען צו לויפֿן די ערשטע מיט שאַמפּאַניער, מיט אַ טאָרט, מיט אַ קעסטל שאָקאָלאַדע?

אײַ, די סאָראָקער יאַכנע־טרײַנעס זאָגן... זאָלן זיי זאָגן! איך וועל זיי גיין דערציילן, אַז ווען מיר זײַנען געווען אין לאַגער, האָט דוווירעלע אויסגעלערנט מײַן יינגער שוועסטערל, וואָס איז אַלט געווען דאַן דרײַ יאָר, אַזאַ מין בראָכע: „גאָטעניו, לייז אויס מײַנע טאַטע־מאַמע, אַלע ייִדן פֿון פֿאַשיסט...“ ביז הײַנט קען די בראָכע מײַן שוועסטערל, מע זאָל שוין זײַן באַהיט פֿון לאַגערן און פֿון מילכאָמעס!..

האַלעווײַ ווײַטער

הײַנט איז ניט נאָר שאַבעס באַם דאָקטערס שוויגער. הײַנט איז בא איר יאָמטעוו, ווײַל זי גייט מיטן איידעם אין קינאָ. די טאָכטער האָט שוין געקויפֿט בילעטן, אָנגעזאָגט דעם מאַן:

— גיב אַכטונג, ווי די מאַמע וועט זיך אָנטאָן. כ׳האָב איר אויסגעפּרעסט דאָס קלייד, אויס־

געפּוצט די טופֿליעס. זע, אַז זי זאָל דאָס קלייד ניט איבערדרייען, ווײַל עס איז שוין איבער־געדרייט.

די אַלטע הערט עס, שמייכלט, דערווײַל זיצט זי אַפֿן שטול באַם טיש, און דאָס גראָע קעצל רוט באַ איר אַפֿן סאַמע שפּיץ קאָפּ לעבן דער גראָער קוקסע. ווען ניט דעם קעצלס בלישטשענ־דיקע אייגלעך, וואָלט מען עס ניט באַמערקט, ווײַל עס איז רויכיק־גראָ, ווי דער אַלטערס האָר. דער איידעם קאָן אָבער ניט שווײַגן.

— מאַמע, — זאָגט ער, — פֿאַרשפּאָרסט צו טראָגן אַ שיניאָן. גיב אַ קוק אין שפּיגל, ווי די פּריטשאָסקע קליידט דיר.

— דאָס, וואָס מע האָט ליב, דאָס קליידט טאָמיד.

דער איידעם ווערטלט זיך מער ניט, ווארעם ער האָט נאָך געגוג צו טאָן. ער דאַרף נאָך צולויפֿן אין שפּיטאָל אַ קוק טאָן, וואָס דער כוילע מאַכט. דעם כוילע האָט מען גאַנצפֿרי געבראַכט אין אַ שווערן צושטאַנד. אין שפּיטאָל זאַמט ער זיך היפּש, און ווען ער קומט, זאָגט ער:

— מאַמע, טו זיך אָן, באַלד צײַט צו גיין. דו האָסט געהערט, אַז דאָס קלייד איז אויף דער רעכטער זײַט? דריי עס ניט איבער, אַניט וועט זײַן, ווי מיט יענעם ייִדן.

— וואָס איז געווען מיט יענעם ייִדן?

— אַלע פּרײַטיק פֿלעגט אים דאָס ווײַב געבן דאָס גרעט אויף דער רעכטער זײַט, פֿלעגט ער עס ניט באַמערקן, קומען אין באָד און איבערדרייען אויף דער לינקער זײַט.

— אַבי אַ ייִד און ניט קיין ייִדענע, — זאָגט די אַלטע.

— ביסט פּאַרטיק? איך וואַרט! מירן פֿאַרשפּעטיקן דעם זשורנאַל.

— ניט גערעדט!..

בײַס זיי גייען אַרויס פֿון שטוב, ווערטלען זיך די שכיינעס:

— זי וואָלט אים בעפּיירעש געמעגט פֿאַרשפּאָרן אַ גאַנג, אַלציינס זעט זי גאָרנישט. אַ זון וואָלט ניט געטאָן, וואָס דער איידעם טוט.

אין קינאָ זיצן זיי אין די ערשטע רייען, זי האַלט שטײַף דעם איידעם אונטער דער האַנט און פֿרעגט דערשראָקן:

— וואָס איז דאָס? עפּעס קײַקלט זיך אויף מיר אַ גראָמאַדנע זאַך...

— שטילער, מאַמע, האָב קיין מוירע ניט. דו געדענקסט דאָך, אַלעמאָל איז אין זשורנאַל אַ גרויסער פֿאַראָוואָז.

— נו, גוט, גוט, איך וועל פֿאַרמאַכן די אויגן. וועסט מיר אָנזאָגן, ווען דער זשורנאַל וועט זיך אויסלאָזן.

אין אַ ווײַלע אַרום דערציילט דער איידעם פּינקטלעך אַלץ, וואָס עס קומט פֿאָר אין קאַ־דער:

— איצט זעסטו, מאַמע, די אַפּאַרטאַמענטן אין גראַף ראָסטאָווס אָסאָבניאַק. איצטער הערסטו, ווי נאַטאַשע זינגט, — און אַזוי קעסיידער. — איצטער האָט פּיער צוגעפּירט צו אַנדריי וואָלקאָנסקין נאַטאַשען. ער נעמט זי טאַנצן אַ וואַלס.

— מאָלאַדיעץ, אַנדריושאַ, אַזאַ טײַער מיידל, שטייט, נעבעך, און וואַרט. באַ מיר פֿלעגט דאָס האַרץ צעגיין, ווען איך פֿלעג עס לייענען, — זאָגט די אַלטע שטיל.

— ש־ש־שאַ, — בעטן זיך די נאָענט זיצנדיקע צושויער.

ווען זיי קומען פֿון קינאָ, פֿרעגט די טאָכטער:

— מאַמע, די קאַרטינע איז דיר געפֿעלן געוואָרן?

— ווען איך וואָלט געווען אַ פֿאַרשפּאָרעקע, וואָלט איך געזעסן און געוואַרט, ביז מײַן גוטער איידעם וועט קומען און מיר אַלץ דערציילן. וואָס איז די נאַפּקעמינעץ?

— פֿאַרוואָס זשע טוסטו טאַקע ניט אַזוי?

— ווײַל איך וויל ווײַזן פֿאַר לײַטן, אַז מאַדאַם, ווייסט דאָך שוין ווער, זאָל ווידער צו מיר זאָגן: „איר דאַרפֿט וואַשן דעם איידעמס פֿיס און טרינקען דאָס וואַסער".

— און וואָס זאָגסטו אויף דעם דער מאַדאַם?

— איך זאָג, אַז דאָס איז ניט קיין גוטער רעצעפּט.

— זאָגסט ריכטיק, — באַמערקט דער איידעם.

— איך זאָג טאַקע ריכטיק, אָבער דיר געפֿעלט, וואָס די מאַדאַם זאָגט, דו ביסט צופֿרידן, וואָס דו ביסט אַ גוטער איידעם? — פֿרעגט די אַלטע און פֿאַרגייט זיך אין אַ שטילן געלעכטער.

מאדאם גרינבלאַט טראָגט פון מארק א קויש אַלערליי אויבס אין דער רעכטער האַנט, א בוקעט יונגע אויפּעס האַלט זי פאר די פיסלעך מיט די קעפּ אראָפּ אין דער לינקער האַנט. די אויפּעס טוען אַלע ווײַלע א פּאַך מיט די פליגל, בייגן אויס די העלדזער, עפענען די שנאָבלען און לאָזן ארויס א הייזעריקן קרעכץ. מאדאם גרינבלאַט טוט א טרייסל דעם „בוקעט" און שפּאַנט ווײַטער.

עס איז זייער הייס. די מאדאם שוויצט. דאָס סאראפאַן־שולטערל האָט זיך אראָפּגעגליטשט פון לינקן ראַזן אקסל קימאַט ביסקל עלנבויגן. אירע געפארבטע רויטע האָר זײַנען ארומגעכאַפּט מיט א העל־גרינער געדיכטער סעטקע, די פארב אונטער די אונטערגעפּירטע אויגן האָט זיך א קאַפּל צעשמירט, די לאַנגע רויטע אוירינגלעך באַמבלען זיך, די ברייטע פּיאַטעס גליטשן זיך אַלעמאָל ארויס פון די העכסט מאָדערנע טופל. נאָך יעדערע עטלעכע שפּאַן שטעלט זי זיך אָפּ פאריכטן. אָט איצטער שטייט זי אויך א רעגעלע, און גלײַך ווי זי טוט א שפּאַן צו גיין ווײַטער, קומט איר אנטקעגן מאדאם בארנבוים.

— זדראַסטיע... איר זײַט, מיסטאַמע, אופגעשטאַנען פינף דעם זייגער.

— פינף ניט, נאָר האַלב זעקס יאָ.

— די אויפּעס זײַנען קאַלכאָזנע?

— וואָס זשע? מע קאָן זיך הײַנט צורירן צו א מאָלדאוואַנקע ליטשנע? איר מעגט מיר שוין מעקאָנע זײַן. אזא גרויסאַרטיקער אָטשערעד איז אפילו אין סאָראָקע א רעדקאָסט! — זאָגט מאדאם גרינבלאַט און וויל שוין גיין.

— וואָס אײַלט איר זיך? קומט א רעגעלע אין שאָטן, — זאָגט מאדאם בארנבוים און שטעלט זיך אין שאָטן אונטער די אקאַציעס. אירע קורץ געשוירענע געדיכטע האָר זײַנען אויך געפארבט און אויך רויט. אָנגעטאָן איז זי אויך זייער שיין. איר ניילאָן־קלייד איז ארופגעצויגן אף א קאַנאַריי־קאָמבינאַציע אזוי, אז עס איז אויך א ביסל גאָלדיק. אַלע אירע פינגער זײַנען אָנגערייפט מיט רינגען. זי בײַט די פיס, ווי א פערד, וואָס איז לאַנג געשטאַנען אף איין אָרט, און פרעגט בא מאדאם גרינבלאַט:

— אײַערע איז שוין זאַטשיסליעט?

— יאָ. זי איז שוין אוועקגעפאָרן.

— אַליין?

— ווי לאָזט מען דאָס א קינד אַליין? מײַנער איז מיט איר געפאָרן.

— מע האָט איר שוין געגעבן אַן אָבשטשעזשיטיע אויך?

— דאָס איז ער דאָך טאַקע געפאָרן. די ספּראַווקעס אַליין איז נאָך האַלב ארבעט.

— וואָסערע ספּראַווקעס?

— טשטאָ זנאַטשיט? איר ווייסט ניט, אז אויב עס מאכט אויס מער ווי פערציק רובל אף א מענטש, גיט מען קיין אָבשטשעזשיטיע ניט?

— וואָס הייסט, איך ווייס ניט? אונדזערן האָט מען דאָך טאַקע ניט געגעבן קיין אָבשטשע־זשיטיע, ווײַל מיר האָבן ניט געקענט קריגן קיין ספּראַווקע, אז די מאמע איז אף אונדזער איזשדעווענייע...

— אײַער מאמע האָט דאָך א פּענסיע!

— וויפל האָט זי? אינגאַנצן פופציק קערבלעך!

— וויפל דאַרף אַן עלטערער מענטש אין סאָראָקע?

— וויפל ער דאַרף, דאַרף ער. מיר האָבן געהאַט אזא הארצווייטעק. ס'איז איצטער אזוינע קאָמנאַטעס אין די אָבשטשעזשיטיעס — כּאַלאָדילניקעס מיט טעלעוויזאָרס... און אינגאַנצן צוויי מענטשן אין א קאָמנאַטע.

— אונדזערע שרײַבט טאַקע, אז ס'איז ניט קיין קאָמנאַטעס — א ראָסקאָש. מײַנער וועט קומען, וועט ער שוין דערציילן... — זאָגט מאדאם גרינבלאַט און שפּאַנט אוועק.

מאדאם בארנבוים קוקט איר נאָך, טוט א קנייטש מיט די אקסלען און מורמלט צו זיך אַליין: „א מאזל פון א פּאָפּוגײַכע, האָט איר טאַטע קיין פּענסיע ניט"...

מע זאָל באַהיט ווערן

עס איז דאָ א ווערטל: וואָס א מענטש טוט זיך אליין, וועט אים קיין סוינע ניט טאָן. די אלטע ריווע וואָלט קיין שום דײַגעס ניט געהאט: זי האָט דרײַ זין אין סאָראָקע, און אלע דרײַ זין טראָגן ארײַן אלץ, וואָס מע דארף, די שניר פארגעסן זי אויך ניט. אָבער ריווע פארגינט זיך ניט דעם ביסן. נאָר זי שפּאָרט. זי האָט שוין א סלאָי איבערגעקאָכטע פּוטער מיט האָניק, און זי רירט זיך צו דעם ניט צו. אין שטײַג האָט זי עטלעכע הינער מיט א האָן און פארגינט זיך ניט אָפּצוקאָכן א יויך. זעען די זין, אז די אויפעס זײַנען גאנץ, ברענגט מען דער מאמען א שטיקל פלייש. נעמט די אלטע דאָס פלייש און גייט צו שכיינים. ווען ריווע גייט אוועק, פרעגט איין שכיינע בא דער צווייטער:

— די אלטע ריווע איז בא אײַך סלוטשײַנע ניט געווען מיט א מעציִע?

— ווי זשע! דאָס קניפּל איז, מיסטאמע, בא איר דאר געוואָרן. פאר וועמען קלײַבט זי? אָן אָנשיקעניש אף א מענטשן! גייט ארײַן און זאָגט: „דער ייִנגערער, זאָל לעבן, האָט מיר געבראכט א שטיקל ברוסט, האָב איך פון א העלפט געמאכט א יויך מיט א זשארקאָיע, און די אנדערע העלפט נעמט איר". האָב איך טאקע ניט גענומען.

— אָן אָנשיקעניש. די אלטע וואָלט געקאָנט לעבן, ווי ס'האָט זיך איר אפילע קיינמאָל ניט געכאָלעמט, קארגט זי דעם ביסן ברויט.

— שטילער, שטילער. אָט גייט זי שוין מיטן קויש! — וואָרנט איין שכיינע די אנדערע.

אפן טראָטואר גייט די אלטע ריווע. דער ווינט פארשמײַסט דאָס שווארצע סאטינענע ברייטע קלייד אף די דארע פיס, איר הויכער לאנגער גוף איז געבייגט צו דער רעכטער לאנגער האנט, אין וועלכער דאָס קוישל הוידעט זיך, די לינקע האנט פאָכעט זיך א ליידיקע, נאָך א לענגערע, ווי די רעכטע, וואָס טראָגט דאָס קוישל. זי שטעלט ברייטע טריט אין די צעשפּאָלטענע טאפּקעס. איר גאנץ געשטאלט אין דעם שווארצן סאטינענעם לאנגן קלייד, אין דער שווארצער קאשעמי־רענער פאטשיילקע זעט אויס דאָרשטיק, אײַלנדיק, ווי אָפּגעטונקט אין גײַציקײַט.

דער מאדאמס קינדער

אויב איר וועט באגעגענען די מאדאם ראָזענבערג, וועט זי גלײַך ארויסנעמען א פאָטאָ־גראפיע פון רידיקיול און זי וועט אײַך ווײַזן איר זון. איר וועט דערזען אן אטלעט אין שווים־הייזלעך, ער זיצט מיט צענומענע פיס, אין איין האנט האלט ער א גלעזל, אין דער צווייטער — א פלאש. אפן ראנד פון דער פאָטאָגראפיע וועט איר איבערלייענען א גרויסארטיקע ווידמונג: „דאָראָגאָי מאמאָטשקע נא וועטשנויו פּאמיאט אָט וואָוואָטשקי"[1]. דערנאָך וועט די מאדאם ראָ־זענבערג ארײַנלייגן די פאָטאָגראפיע אין רידיקיול און זי וועט אײַך דערציילן:

— מײַן קינד איז דאָס כּיעס בא זײַנע קאָמאנדירן. כ'האָב פון אים אזוינע בריוו, אז דאָס הארץ צעגייט אין מיר. כ'האָב אים אנומלטן געמאכט א פּאָסילקע א כאריפעס! איר וואָלט עס שוין געמעגט אָנקוקן! די ווארעניע האָב איך ארײַנגעגאָסן אין פּאָליטילענווע זעקעלעך. דאָס איז זייער אודאָבנע און גרינג אין וואָג. אויב איר וועט פרעגלען ווארעניע אף נעמען מיט זיך, זאָלט איר אויך אזוי טאָן. דאָס קינד האָט מיר באלד אָנגעשריבן א בריוול: „כ'האָב אלץ פּאָלו־טשעט. איצטער, מאמאָטשקע, בעט איך דיך, זאָלסט מיר ארויסשיקן צוקאטן און פּעטשעניע".

וועל איך גיין זשאלעווען, אז דאָס קינד בעט? כ'האָב געמאכט די צוקאטן, האָט יעדער באר דורכגעלויכטן, ווי בורשטין. ס'איז טאקע א גרויסע מאָראָקע. פריִער דארף מען די בארן פרעגלען אין צוקער, און אז זיי ווערן פארטיק, זײַט מען אָפּ דעם צוקער־זאפט, מע שפּרייט אויס פּערגאמענט אין א בלעך, נאָכדעם לייגט מען אויס די בארן און מע שטעלט זיי ארײַן אין א לינדער דוכאָווקע. האָב איך געקראָגן א בריוו פון וואָוואָטשקען, זאָל אים דאָס נאָר זײַן צו געזונט. און זײַנער א כאווער האָט מיר אויך אָנגעשריבן א פּאָר ווערטער, אז ער האָט נאָך אזעלכע בארן אף זײַן לעבן ניט געגעסן.

דאָ ניט לאנג האָב איך אים געמאכט פּאכלאווא, ווײַסן לעקעך און קאָרזשיקלעך מיט מאָן, האָט עס אזוי געשמעקט אפילע פארקלאָפּטערהייט אין קעסטל, אז די זשענשטשינע פון פּאָטשט האָט געגנאָסן ווי פון א קאטער.

מײַן צווייט קינד — די טאָכטער מײַנע — זיצט אין קעשענעוו, האָט א מאן, איז אין זײַן

---

[1] דער טײַערער מאמעלען אָף אייביקן אָנדענק פון וואָוועטשקען (רוס.).

צורע ניט צו קוקן. און א יינגעלע איז נאָך אזוינס אונטער דער זון ניט געווען! צו איר פּאָר איך אַלע צוויי וואָכן. כ׳נעם בא איר דאָס קוויטיקע גרעט, פיר אָפּ ריינס, פיר איר אוועק א פּאַרטיקן ראָסלפלייש, א פּאָר אָפּגעקאָכטע אויפּעס, וועגן געבעקס איז דאָך אָפּגערעדט! ווער וועט אָפּבאקן און ווער וועט טאָן, אז ניט די מאמע?

מיינער איז טאַקע ניט צופרידן, האַלעמײַ איך פּאָר אַלע צוויי וואָכן. „וואָס, זאָגט ער, דארפסטו זיך טרייסלען אין אויטאָבוס? אין קעשענעוו וווינט דאָך זײַן מאמע אויך". א טאַטע איז ניט קיין מאמע! איך וועל אים גיין דערציילן, אז די מעכוטענעסטע איז מער אין פּאָליקלי־ניק, ווי אין דער היים? נאָר זי האָט דאַוועניע, און דער מעכוטן טראָגט אַלץ אַרײַן אין שטוב. זי ווייסט ניט, וואָס הייסט קויפן צוויי הונדערט גראם צוקער. זאָל איך זיך גיין פּאַרלאָזן אָף איר! ס׳איז דאָך מײַן קינד.

ווען איר קוקט זי נאָר אָן, די טאָכטער מײַנע! דאָס פּאָנעם אירס, די קאָרע ליכטיקע אויגן, דאָס שטאַלטנעקײַט פון דער פיגור, איר האָט נאָך אזוינס ניט געזען... איך מוז שוין לויפן, איך האָב געקראָגן פון איר א בריוול. שרײַבט זי מיר: „מאמאָטשקע, פון סאַראָקע האָט מען צוגעשיקט מײַן שכיינע ווײַסע שטיוועלעך. א ווײַסע פּאַלטאָ האָב איך, א ווײַס היטעלע אויך". מיינט איר, כ׳האָב ניט געקראָגן? זאָל זי דאָס ניצן געזונטערהייט! כאָטש איצט זײַנען מיר א ביסעלע פּארענגט... דער איידעם, זאָל געזונט זײַן, האָט זיך פּארשריבן אָף א „מאָסקוויטש", האָט מײַנער געזאָגט: „איינמאָל נייַן, איך גיב א גראָשן ניט!" קיצער, כ׳האָב געפּויעלט... אז די קינדער ווילן, זאָלן זיי האָבן! און זאָל דער איידעם ניט שטעכן מײַן קינד די אויגן: „דײַן מאמע, מײַן מאמע"... נעכטן האָב איך געגנומען פאר איר א „דוואָיקע" — א קאָפּטל מיט א זשאַקעטל — האַלב וואָל, האַלב לאַווסאַן, א קאָליר — שפּילט עס, ווי גראָז אונטער דער זון. ווי זשע? אז מע האָט שוין אַן אייגענעם „מאָסקוויטש", קאָן מען זיך ניט שפּאָרן אין אויטאָבוס, ווו מע איז אָנגע־פּאַקעוועט, ווי סאַרדינקעס אין א פּודעלע. מע דאַרף זײַן לײַטיש אָנגעטאָן! זאָל זיי דאָס נאָר ניט פארשטערט ווערן!

מיידלעך

בעלע די בלאָנדע

צוויי דיקע, אַש־קאָלירענע צעפּ ליגן בא איר אָף דעם קאָפּטל. אירע בלאָ־גראָע אויגן האָבן אזוינע געדיכטע פרענדזלדיקע ווִיעס, אז ווען זי טוט א פינטל, דוכט זיך — אירע אויגן פליִען צו אײַך. ביז דער קינסטלער גרייט זיך צו דער אַרבעט, זיצט זי און לייענט. זי לייענט אויך, בייס זי פּאָזירט. און זי פאַרגעסט אָפּט, אז זי דאַרף ניט באַוועגן דעם קאָפּ הין־און־הער.

ווען דעם קינסטלערס ווײַב גייט אַרײַן אָף א ווײַלעטשקע, זאָגט דער קינסטלער צו איר: „גיב נאָר א קוק, ווי שיין זי איז!" זיי באַמערקן ניט, ווי בעלע טוט אַזש א ציטער. זיי ריידן צווישן זיך ווײַטער. זיי ריידן יידיש, און אַלץ וועגן דעם מיידל. זיי זײַנען זיכער, אז זי פאַר־שטייט עס ניט. אין איבערײַס גייט בעלע אַרויס אין סאַד, דער קינסטלער פילט, אז דאָס מיידל איז עפּעס צערודערט. און ווען דאָס מיידל גייט אַרײַן און זעצט זיך ווידער פּאָזירן, זאָגט ער צום ווײַב:

— איך ווייס ניט, וואָס מיט דעם מיידל איז? זי וויל ניט זיצן אָדער זי איז מיד?

בעלע לייענט, פּאָזירט. ווען די אַרבעט איז געענדיקט, פרעגט דער קינסטלער:

— בעלע, איר זײַט הײַנט זייער מיד?

— אפילו א האָר אויך ניט. אָבער כ׳האָב זיך קוים אײַנגעהאַלטן פון געלעכטער, ווען איר האָט געזאָגט צו אײַער ווײַב, אז איך בין א שיינע. אין קלאַס רופן מיך אַלע „די לאַנגע נאָניע".

— פונוואַנען קענט איר אזוי גוט ריידן יידיש?

— מײַן באָבע נעכע רעדט יידיש. און דער טאַטע מיט דער מאַמען ריידן אויך יידיש, — זאָגט בעלע און צעלאַכט זיך.

— וואָס זשע לאַכט איר? — פרעגט דער קינסטלער.

— ווי זאָל איך ניט לאַכן, אז איר זײַט אזוי פאַרוווּנדערט, וואָס א יידיש קינד רעדט יידיש.

בעלע די שעמעוודיקע

אין סאַראַקע איז זייער אַ פאַרשפּרייטער נאָמען בעלע. פּונקט איצט איז געקומען בעלע די שעמעוודיקע. ווי נאָר זי זעצט זיך פּאַזירן, וואַרפט זי גלײַך אַראָפּ די ווײַסע טופליעלעך, וואָס קוועטשן, אַפּאָנעם. זי רויטלט זיך, ציט נאָכאַנאַנד דאָס קורצע קליידעלע און פרעגט שטיל:

— איר האָט גאָרנישט קעגן מײַן קליידל? עפּשער וואָלט געווען בעסער, ווען איך טו אָן שאָרטעס?

— דאָס קליידל געפעלט מיר זייער. קיין שאָרטעס דאַרף מען ניט, — זאָגט דער קינ־סטלער.

דאָס ווײַסע דינע קליידל מיט די בלויע קוויטעלעך פּאַסט בעלען זייער. דאָס וויכע קראַ־געלע טוליעט זיך אַזוי כיינעוודיק צו איר הויכן האַלדז, אירע טונקל־גרויע אויגן מיט די שמאָלע ברעמען זײַנען צאַרט, אומשולדיק־ריין און זײַנען איצט אַראָפּגעלאָזט. דער קינסטלער שטייט מיטן אופגעהויבענעם פּענדזל אין האַנט, קנייטשט דעם שטערן. ער איז אַ ביסעלע פאַר־לאָרן. ער ווייסט נאָך ניט, ווי צוצוטרעטן צו אַזאַ שיינקייט.

די אַרבעט גייט מיט איבערײַסן, ווײַל אין צימער טריקנט זיך די אַקוואַרעל שלעכט. אַלע האַלבע שאָ טראָגט דער קינסטלער אַרויס דאָס בילד אין דרויסן, שפּאַרט עס צו צו דער זוני־קער וואַנט. בעלע די שעמעוודיקע פאַרגעסט זיך צו שעמען און זי זאָגט מעווינעס:

— ס׳איז שוין זייער, זייער פּאַכאָזשע. אָבער עס געפעלט מיר ניט, וואָס דאָס קליידל איז געלב־ראָז.

— כ׳קאָן אײַך ניט טרייסטן. עס וועט זײַן נאָך ראָזער. איך וועל אײַך נאָר בעטן, איר זאָלט זיצן אינגאַנצן רויִק. איר ווייסט דאָך שוין, וויאַזוי מע דאַרף זיצן. איר האָט דאָך פּאַראַיאָרן אויך פּאַזירט.

— פּאַראַיאָרן בין איך געווען ייִנגער, איז מיר געווען גרינגער צו זיצן.

— כאָטש איר זײַט שוין האַיאָר אין נײַנטן קלאַס, זעט איר נאָך אויס גאַנץ יונג, — לאַכט דער קינסטלער.

ווען די אַרבעט איז געענדיקט, קוקט זי בעלע אָן און דריקט אויס איר מיינונג:

— דאָס בילד געפעלט מיר מער, ווי די פּאַראַיאָריקע בילדער מײַנע. אויב איר האָט ניט קעגן, וואָלט איך געקומען מיט מײַן מאַמען. זי האָט נאָך פּאַראַיאָרן געוואָלט גיין באַקענען זיך מיט אײַך, נאָר איך האָב זי ניט מיטגענומען.

— וואָס האָט איר זי געדאַרפט מיטנעמען? איר האָט נאָר געדאַרפט זאָגן, וווּ מיר וווינען, און מער גאָרניט.

— וואָס רעדט איר? מײַן מאַמע גייט אומעטום מיט מיר אָדער מיט דעם טאַטן.

— אויב אַזוי, קומט מיט איר שאַבעס. איך וועל וואַרטן אויף אײַך, — זאָגט דער קינסטלער.

בעלעטשקע אײַלט זיך ניט אַוועקצוגיין. זי זיצט אויף איר פריִערדיק אָרט, גלײַך ווי זי וואָלט פּאַזירט, און אַ שמייכל פלאַטערט איבער איר שיין פּאָנעם. דער קינסטלער פרעגט:

— בעלעטשקע, וווּ וועט איר זיך לערנען, אַז איר וועט ענדיקן די צעניאָריקע שול?

— איך וויל ניט זײַן קיין דאָקטער, ווי מײַן מאַמע, קיין לערער, ווי מײַן טאַטע.

— פאַרוואָס?

— ווײַל ווי נאָר זיי צעוואָרטלען זיך, זאָגט דער טאַטע, אַז די עסקולאַפּן זײַנען עמעסע באַגרעבער, און די מאַמע זאָגט, אַז די „שקראַבעס" גרייטן גײַסטיקע קאַליקעס.

דער קינסטלער האַלט זיך קוים אײַן פון געלעכטער. נאָר בעלעטשקע לאַכט הויך, אירע פּלייצעס טרייסלען זיך און איבער אירע באַקן רינען טרערן.

בעלע די שוואַרצכיינעוודיקע

בעלע די שוואַרצכיינעוודיקע קומט אינדערפרי. זי שטייט אַ ווײַלע באַם בײַשטידל מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן. זי איז דין און שלאַנק, אירע געדיכטע שוואַרצע האָר זײַנען אויסגעלייגט פון אַקן ביז צום שטערן, ווי אַ גראָבער פלאָכט. ווי דער שווערער שוואַרצער פלאָכט האַלט זיך, איז ניט צו פאַרשטיין, ווײַל קיין שפּילקעס זעען זיך ניט. אַ שמאָלער ווײַסער שרונט ציט זיך פון אויער ביז אויער. אַ קורצע געדיכטע גריווקע דעקט צו נאָר אַ שטיקעלע פון טונקעלן הויך־געוועלבטן שטערן. איר הויכער האַלדז איז זייער בייגעוודיק, די דינע הענט מיט די גריי־בעלעך באַ די עלנבויגנס קוקן אַרויס פון דער קלאָר־ווײַסער בלוזקע פול מיט כיין. דאָס בלויע קליידל כאַפּט אַרום די דינע טאַליע. זי זיצט פינקטלעך, ווי דער קינסטלער הייסט. זי שטריקט, בייס זי פּאַזירט. אירע דינע פינגער מיט די שמאָלע בלייך־ראָזע נעגל פלאַטערן איבער דער

וויַסער וואָל, ווי שמעטערלינגען איבער קווייטן־לעפּלעך. זי איז פאַרטיפט אין שטריקן, און דעריבער וווּנדערט זי זיך, ווען דער קינסטלער זאָגט: „איצט רוט אָפּ“.

פאַרן אוועקגיין זאָגט זי שטיל:

— אַנטשולדיקט מיר, אויב איך בין געזעסן ניט אַזוי, ווי איר האָט געוואָלט.

— איר זײַט געזעסן זייער גוט, בעסער דאַרף מען ניט.

ווען בעלע גייט אוועק, שטייט דער קינסטלער, קוקט און קוקט, ביז זי ווערט פאַרשוווּנדן אַהינטער די אַקאַציעס.

א מיידל פון פּראָווינץ

אין א מאָסקווער זײַטיק געסל האָט זיך שטיל און באַשיידן געלעבט א מישפּאָכע — א מאַן מיט א ווײַב און זייער איינציקער זון. איצט איז זייער זון גראַד געווען אויף לערן־פּראַקטיק, און, ווי דאָס פּלעגט אָפט טרעפן, זײַנען מאַן און ווײַב געזעסן זאַלבעצווייט, און דער מאַן האָט פאַרגעלייענט פּערעצן.

מע האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. דער מאַן האָט אוועקגעלייגט דאָס ביכל. נאָר איידער ער האָט באַוויזן ברייט צו עפענען די טיר, איז שוין געשטאַנען א ווויקסיק אומבאַקאַנט מיידל בא דער שוועל. זי איז געווען אָנגעטאָן אין א שוואַרצן מאַנטל מיט א זילבער־פוקסענעם שאַל־קראַגן. דער דאָזיקער קראַגן וואָלט פאַר דעם באַשיידענעם פּאָרפאָלק געדאַרפט קלינגען ווי א וואָרענונג. נאָר דאָס האָט ניט געטראָפן. דאָס מיידל האָט פון שוואַרצן רידיקיול אַרויסגענומען א קאָנווערט, אוועקגעלייגט אויפן טיש און געזאָגט:

— איר וועט איבערלייענען דאָס בריוול, וועט אַלץ זײַן קלאָר.

פונעם בריוול איז קלאָר געוואָרן, אז אן אַלטער פרײַנט פון כאַרקאָוו בעט דאָס פּאָרפאָלק, ס'זאָל פרײַנטלעך באַגעגענען דאָס מיידל. ער שרײַבט: „איך בין זיכער, אז מײַן פרײַנטס טאָכטער וועט איר באַגעגענען, ווי די אַלע, וואָס טרעפן אין אײַער שטוב“.

כאָטש דער געוועזענער פרײַנט האָט זייער זעלטן צוגעשיקט אַמאָל א בריוול, האָבן זיי ביידע מיטאַמאָל גלײַך געפרעגט:

— ווו צו נעכטיקן האָט איר?

— א דאַנק. איך נייטיק זיך ניט אין דעם. כ'האָב נאָר געוואָלט האָבן ווו אַרײַנצוגיין.

— ביטע זייער. אויב אונדזער שטוב וועט אײַך נאָר זײַן צום האַרצן, — האָט די באַלע־באָסטע גאַסטפרײַנטלעך געזאָגט.

דאָס מיידל איז געזעסן ביז שפּעט אין אָוונט. זי האָט גערעדט שפּאַרעוודיק, אָבער גאַנץ געדיכט. פאַר די עטלעכע שעה, וואָס דאָס מיידל האָט פאַרבראַכט, האָט זיך דאָס פּאָרפאָלק דער־וווּסט, אז דעם מיידלס מוטער איז א סאַניטאַר־דאָקטער, אז זי האָט א שטיפפאָטער, אז זי אַליין איז אן אינזשעניער, און אז זי איז געקומען קיין מאָסקווע מיט א קלאָרן ציל — זיך אײַנאָרדע־נען אויף אַרבעט.

דאָס מיידל האָט אויך גערעדט וועגן ליטעראַטור, וועגן טעאַטער, נאָר ווען די באַלעבאַ־טימס קאַץ האָט זיך א שאַר געטאָן בא דעם מיידלס פיס, האָט עס מיט דעם מיידל אַזאַ שלײַ־דער געטאָן, אז די באַלעבאָסטע איז אויפגעציטערט געוואָרן און האָט באַמערקט:

— וואָס טוט איר?

דאָס מיידל האָט זיך א ביסעלע פאַרלאָרן און שפּעטער געזאָגט:

— כ'האָב ניט ליב קיין הינט, קיין קעץ און קיין אַנדערע באַלעכײַיִים.

ווען דאָס מיידל איז אוועק, האָט דער מאַן געזאָגט:

— פאַרן ערשטן וויזיט איז זי, דאַכט זיך, צו לאַנג געזעסן, און א ביסעלע צופיל דער־ציילט. — ער האָט צוגעגעבן: — דאָס דאָזיקע מיידל וועט איר שטעטל באַשטיין.

— פונוואַנען ווייסטו שוין, צי זי וועט באַשטיין, צי ניט? זי מאַכט ניט קיין שלעכטן אײַנ־דרוק. אויף יעדן פאַל איז זי גאָרנישט קיין נאַריש מיידל, — האָט דאָס ווײַב געזאָגט.

— און דאָס, וואָס זי האָט פײַנט באַלעכײַיִים? — האָט דער מאַן געפרעגט.

דאָס מיידל האָט אויף מאָרגן אָנגעקלונגען, מיט שיינע ווערטער געדאַנקט פאַר דער גאַסט־פרײַנטלעכקײַט, געבעטן אַנטשולדיקונג, וואָס זי איז אַזוי שפּעט געזעסן, און אויסגעדריקט איר האָפענונג, אז אויך אויף ווײַטער וועט מען זײַן צו איר אַזוי האַרציק און גאַסטפרײַנטלעך.

זי האָט טאַקע געגומען אַרײַנגיין גאַנץ אָפט. און איטלעך מאָל מיט א קליינער מאַטאָנע. איינמאָל איז דאָס געווען א קווייטל אָדער צוויי. אן אַנדערשמאָל — א רעפּראָדוקציע אָדער א ביכל. אָט אַזוי צוביסלעך איז דאָס מיידל געוואָרן א היימישער מענטש. ווען זי פּלעגט ברענ־גען קווייטן, האָט זי אַלעמאָל דערמאָנט:

— מײַן מאמע זאָגט, אַז אין וואַזע דאַרפֿן זיך די קווייטן פֿילן אַזוי פֿרײַ און לופֿטיק, ווי אויף דער בייט.

די באַלעבאָסטע איז מסכּים געווען:

— פֿאַרשטייט זיך, מע דאַרף ניט אַרײַנשטעלן אין וואַזע אַ גאַנצן בלומען־בעזעם.

וואָס ווײַטער, איז דאָס מיידל אַלץ מער געפֿעלן געוואָרן דער באַלעבאָסטע, אָבער ניט דעם באַלעבאָס. ער איז בכלל געווען ניט קיין בייגעוודיקער מענטש. זײַן ווײַב האָט עס געוווּסט, און דערפֿאַר האָט זי דערוווידערט:

— דו ביסט פֿון די מענטשן, וואָס באַשליסן עפּעס מיט פֿערציק יאָר צוריק אויף פֿופֿציק יאָר פֿאָרויס. וואָס געפֿעלט זי דיר ניט? עפּשער איז זי אַ ביסעלע צו וווּקסיק, האָט שוואַרצע הענט, אָבער אין אַלגעמיין איז זי אַ האַרציק מיידל.

— אַ האַרציק מיידל? צי דען זעסטו ניט, אַז די האָר זײַנען באַ איר שטײַף, ווי דראָט, און זיי האָבן פֿאַרנומען איר גאַנצן שטערן קימאַט ביז צו די ברעמען? צו דערצו איז אַ געשטאַרבע־נער דער אָוונט, ווען זי קומט. רעדט און רעדט. וואָס דאַרף מען ריידן וועגן קונסט? אָדער וועגן ביכער? די בעסטע זאַך, אַז מע נעמט דאָס בוך, וואָס מע האָט ליב, און מע לייענט עס.

— איך האָב ניט קיין קויעך זיך צו שפּאַרן מיט דיר. דיר געפֿעלט זי ניט, מיר יאָ, וואָס פֿאַרא טײַנעס קאָנסטו האָבן?

כאָטש דאָס מיידל האָט ניט געהערט די דאָזיקע רייד, איז זי געווען צוריקגעהאַלטן מיטן באַלעבאָס און צוגעלאָזט צו דער באַלעבאָסטע. זי האָט שוין אַ פּאָר מאָל אַ פֿרעג געטאָן: „ווען וועט קומען אײַער זון פֿון דער פּראַקטיק?“ און ווען דער זון איז געקומען, האָט ער זיך ניט באַוויזן אַרומצוקוקן, ווי זי האָט געבראַכט בילעטן אין קינאָ, אַ צווייט מאָל בילעטן אין קאָנ־סערוואַטאָריע, דערבײַ האָט זי דערקלערט:

— איך האָב גענומען פֿאַר זיך און פֿאַר מײַנער אַ באַקאַנטער, האָט זי זיך פּונקט צוגע־קילט, כ׳האָב פֿײַנט צו שטיין לעבן דער קאָנסערוואַטאָריע און פֿרעגן, ווער דאַרף אַ בילעט. עס איז זייער אַ גוטער קאָנצערט. עס דיריזשירט קאָנדראַשין.

פֿאַרשטייט זיך, אַז אַ צווייט מאָל האָט דער זון געקראָגן בילעטן. דאָס מיידל איז וואָס ווײַטער געוואָרן אַלץ היימישער און היימישער. איצט פֿלעגט זי אַפֿילע אַמאָל בלײַבן נעכטיקן, און פֿאַרשטייט זיך, אַז אָן פֿרישטיק פֿלעגט זי די באַלעבאָסטע ניט אַרויסלאָזן. אנומלטן איז דאָס מיידל געקומען מיט אַ פֿולן קויש. זי האָט אַרויסגעלייגט אויפֿן טיש געררייכערטן ווורשט, קעז, רויטן רויג און נאָך פֿאַרשיידענע גאַסטראָנאָמיע. אָבער דאָס מאָל איז די באַלעבאָסטע אַפֿילו אין קאַס געוואָרן אַ ביסעלע.

— דאָס אַלץ, — האָט די באַלעבאָסטע געזאָגט, — וועט איר נעמען מיט זיך.

— מײַן מאַמע האָט עס צוגעשיקט, און זי האָט געשריבן, אַז דאָס איז פֿאַר אײַך.

— איך גלייב, אַז אײַער מאַמע האָט אַזוי געשריבן, אָבער איר וועט דאָס פֿונדעסטוועגן צוריק אַרײַנלייגן אין קויש, ווײַל אײַנדערוואַכן עסן מיר ניט אַזוינע טײַערע זאַכן.

אין איינעם אָן אָוונט, ווען דאָס מיידל איז געקומען, האָט זי געזען, ווי די באַלעבאָסטע ליגט עפּעס אין אַ קליינעם טשעמאָדאַנטשיק.

— איר פֿאָרט ערגעץ? — האָט דאָס מיידל געפֿרעגט.

— יאָ, קיין קאַלינין. אויף עטלעכע טעג. מע האָט מיר געגעבן אַ קאָמאַנדירונג.

— אויב איר האָט גאָרניט קעגן, וואָלט איך אכטונג געגעבן אויף אײַערע מאַנצבלעך. ווי וועלן זיי זיך באַגיין אָן אײַך?

— זיי וועלן זיך באַגיין אויסגעצייכנט. איך האָב זיי אַלץ צוגעגרייט. דאָס איז, ערשטנס. צווייטנס, אַ דאַנק אײַך פֿאַר אײַער גוט האַרץ.

דער באַלעבאָס האָט ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, וויאַזוי דאָס מיידל קומט און זיצט אויף שאָענ־לאַנג. ער האָט אַפֿילו געפּרוּווט זאָגן, אַז דער זון דאַרף גרייטן די לעקציעס. נאָר דאָס מיידל האָט עס ווי ניט געהערט. זי פֿלעגט קומען, אַ ביסעלע זיצן און נאָכדעם אַוועקגיין מיטן זון שפּאַצירן. אין איינעם אַ טאָג האָט דער זון געזאָגט:

— טאַטע, דו ווייסט, בעקי געפֿעלט מיר זייער.

— ווער איז דאָס בעקי?

— דאָס מיידל פֿון כאַרקאָוו.

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ נאָמען? איר באָבע איז געווען פֿון ענגלאַנד?

— ווער איר באָבע איז געווען, ווייס איך ניט, איר נאָמען איז בערטע, נאָר אין דער היים רופֿט מען זי בעקי.

— אזוי גאָר? געפעלט דיר, הייסט עס, בעקי? און מיר בעקעט זיך ניט. דאָס איז, ערשטנס. צווייטנס, ביסטו אפן פערטן קורס. דריטנס, איז זי עלטער פון דיר אוואדע מיט גוטע פינף יאָר.

— דאָס איז ניט וויכטיק. ביסט דאָך אויך עלטער פון דער מאמען אף זעקס יאָר.

— ערשטנס, בין איך עלטער פון דער מאמען אף דריי יאָר. צווייטנס, האָבן מיר כאַסענע געהאט, ווען מיר האָבן געענדיקט דעם אינסטיטוט. דריטנס, זיינען מיר געווען באַקאַנט פיר יאָר פאַר דער כאַסענע.

— איך פאַרשטיי, זי געפעלט דיר ניט. זאָג זשע אזוי.

— עמעס. זי געפעלט מיר ניט.

ווען די מאמע איז געקומען, איז גראָד בעקי געזעסן בא זיי. און טאַקע זי, בעקי אַליין, האָט געמאָלדן וועגן דער זאַך:

— ראַכעל מענאַסיעוונא, איך מיט אייער אַרקאַשען האָבן באַשלאָסן זיך פאַרשרייבן.

— שוין לאַנג, אַז איר האָט אָנגענומען דעם באַשלוס? דאַכט זיך, אַז איצט איז די ריכטיקע צייט, איך זאָל וויסן, ווי מע רופט אייך.

— מיין נאָמען איז בערטע, נאָר מע רופט מיך בעקי.

— הערט מיך אויס, בערטע, וואָס איך וועל אייך זאָגן. מיין אַרקאַשע איז נאָך א יינגל. נאָר ניט דאָס איז די הויפּט־זאַך. איר דאַרפט וויסן זיין, אַז ער איז גאָר א קליינער פּאַרזאָרגער. אונדזער שטוב זעט איר? בא אונדז איז גאָר נישטאָ פון דעם, אָן וואָס עס קאָנען זיך ניט באַגיין א סאַך מענטשן. מיר האָבן אַרקאַשען דערצויגן אזוי, ער זאָל זיך אויך קאָנען באַגיין אָן א סאַך איבעריקע זאַכן. אויב איר פאַרשטייט, זעט איר געוויס, אַז ער איז אָן אַנטוויקלט יינגל, טראַכט, פאַרשטייט א בוך, אָבער קיין פּראַקטישער מענטש איז ער ניט. און איך מיין, אַז איר דאַרפט גראָד דאָס זייער האָבן.

— ראַכעל מענאַסיעוונא, איך האָב אייך אופמערקזאַם אויסגעהערט. מיר איז שווער צו ריידן וועגן דעם, נאָר אַרקאַשע געפעלט מיר אזא, ווי ער איז. און דאָס אַלץ, וועגן וואָס איר רעדט, האָט פאַר מיר קיין באַדייטונג ניט. איר ווייסט, אַז מיין מוטער האָט א גוטע שטעלע, מיר נייטיקן זיך אין גאָרנישט ניט. מיין מוטער אַכטעט מען זייער אין דער האַנדלס־נעץ.

— דאָס איז מערקווירדיק! און עפשער איז ניט שלעכט, וואָס אייער מאַמע איז א סאַני־טאַר־דאָקטער. אָבער איר דאַרפט וויסן, אַז ניט אַרקאַשע, ניט זיינע טאַטע־מאַמע קאָנען דער־וואַרטן אַכטונג פון דער דאָזיקער נעץ, וואָס איר האָט אָנגערופן.

...עס האָט גאָרניט געהאָלפן. אַרקאַשע מיט בעקין האָבן זיך פאַרשריבן. און אינגיכן איז געקומען בעקיס מאַמע, דער סאַניטאַר־דאָקטער. און ווען די דאָזיקע מוטער איז געקומען צו דעם באַשיידענעם פּאַרפאָלק אין צימער, איז זיי אַלץ קלאָר געוואָרן. און ראָכל האָט געזאָגט צום זון:

— קינד מיינס, צי דען זעסטו ניט, פון וואָס פאַר א נעסט בעקי איז אַרויסגעפלויגן? פאַר־וואָס האָסטו זיך ניט באַטראַכט? ווי איז צו מיר!

נאָר אַלע רייד זיינען שוין געווען איבעריק. אינגיכן איז בעקיס מאַמע אוועקגעפאָרן. עס האָט ניט לאַנג געדויערט, און בעקי האָט זיך האָט זיך איינגעאָרדנט אף אַרבעט. אף אורלויב, וואָס איז צונויפגעפאַלן מיט אַרקאַשעס קאַניקולן, זיינען זיי געפאָרן קיין כאַרקאָוו. פון דאָרטן האָבן אַרקאַשעס טאַטע־מאַמע געקראָגן אזא בריוו:

„טייערע מיינע, דאָ אין כאַרקאָוו האָט מען מיך נאָכאַמאָל כאַסענע געמאַכט מיט בעקין. עס זיינען געווען איבער פופציק געסט. די מענער און די דאַמען זיינען געווען גרויסאַרטיק גע־קליידט. איך האָב ניט פּינקטלעך אויסגערעכנט, נאָר מיר דוכט, אַז איך וועל ניט גרייזן, אויב איך וועל אייך שרייבן, אַז דאָס, וואָס עס האָט געקאָסט די כאַסענע, איז אונדזער יערלעכער ביודזשעט. א גאַנצע נאַכט האָט מען געטרונקען, און קימאַט א גאַנצע נאַכט האָט מען געשריִען „גאָרקאָ". יעדער גאַסט האָט מיין שוויגער אָנגערופן „דאָקטער", און איך האָב געהאַט א געפיל, אַז קעדיי די סימכע זאָל קלינגען ווי ס'באַדאַרף צו זיין, פעלט דאָ דער געוויסער העלד פון די „צוועלף שטולן". דערוויילע קאָן איך אייך מער גאָרניט זאָגן. איך דאַרף אייך נאָר זאָגן, אַז ס'איז מיר עפּעס מאָדנע ביטער און פּוסט אף דער נעשאָמע. אף קיין בריוו וואַרט מער ניט, וואַרט אף מיר. כ'האָב א געפיל, אַז איך וועל קומען פריִער, ווי די קאַניקולן וועלן זיך ענדיקן. זייט געזונט, מיינע טייערע. אייער זון".

אזוי איז טאַקע געווען. אַרקאַשע איז אינגיכן געקומען. ער האָט געזאָגט, אַז ווען בעקי וועט קומען, ווייסט ער ניט, ווייל זי האָט זיך צוגעקילט, און די מאַמע אירע — פאַינאַ איליני־טשנאַ — וועט שוין איינאָרדענען א ביולעטען, אזא ווי מע וועט דאַרפן.

אַרקאַשעס טאַטע־מאַמע האָבן אויסגעזען שלעכט. און אין זייערע אויגן איז געווען אומרו און שרעק, אַקוראַט ווי זיי וואָלטן געוואַרט אף א שטראָף, וואָס דאַרף זיך אָט־אָט אף זיי אויס־

גיסן. זיי האָבן אָבער בעשום־אויפן ניט געקאָנט וויסן און ניט געקאָנט וואַרטן אויף דעם, וואָס עס איז געשען.

בעקי האָט געשריבן צאַרטע בריוו צו אַרקאַשען, וואַרעמע גרוסן צו זיי, זי האָט אָבער קיין וואָרט ניט געשריבן וועגן דעם, אַז זי וועט קומען מיט דער מאַמען. די איינציקע זאַך, וואָס האָט דערפרייט אַרקאַשעס טאַטע־מאַמע, איז געווען דאָס, וואָס די מעכוטענעסטע איז געקומען אָן שום גאַסטראָנאָמיע. ראַכעל מענאַסיעוונאַ האָט זיך באַמיט, אַז איר טיש זאָל ניט פאַרשעמט ווערן, אָבער די מעכוטענעסטע האָט ווינציק געגעסן, און אַז זי האָט שוין יאָ געגעסן, האָט זי געגעבן אָנצוהערעניש, אַז בא איר אין כאַרקאָוו איז די פוטער פרישער, דער וווּרשט געשמאַקער, דער קעז וויכער. אַנומלטן אין אָוונט האָט זי פּלוצעם געזאָגט:

— אייַער אַרקאַשע איז שלעכט דערצויגן. ער האָט ניט העפלעך באַהאַנדלט די געסט, אונדזערע פרייַנט, וועלכע זייַנען געקומען אויף דער כאַסענע בא בעקין מיט אים. אַנטשולדיקט מיר, אייַער אַרקאַשע איז זייער גראָדליניק. איך וואָלט אַפילע געזאָגט, ער איז פול מיט גייַווע. איך האָב זיך געשעמט...

אַרקאַשעס פאָטער האָט זיך אַ הייב געטאָן פון שטול, אַ רוק געגעבן דעם ברויט־טעלער איבערן טיש און שטיל געזאָגט:

— אייַער טאָכטער איז געקומען צו אונדז מיט אַ בריוו פון אונדזערן אַ פרייַנט. איר פּערזענלעך נייטיקט זיך ניט אין קיין שום רעקאָמענדאַציעס. זאָגט קלאָר, וואָס איז די סיבע, וועלכע האָט אייַך געצוווּנגען צו באַגלייטן אייַער טאָכטער צו אונדז? אַרקאַשע, ס׳וואָלט געווען גוט, ווען דו גייסט אַרויס.

— אַנטשולדיקט, טאַטע, נאָר איך וועל גראָד בלייַבן דאָ. פאַינאַ איליניטשנאַ וועט זיך קלאָר אויסדריקן אויך אין מייַן קעגנוואַרט.

— איך זע, אַז איר פילט און איר פאַרשטייט, צוליב וואָס איך בין אַהער געקומען. איר דאַרפט וויסן, אַז בעקיטשקע וויל אַ געט.

— דאָס איז דאָס בעסטע, וואָס איר קאָנט פאָדערן בא אונדז. איך מיין, אַז דו, אַרקאַשע, וועסט ניט דערווידערן, — האָט געזאָגט אַרקאַשעס טאַטע.

ס׳האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. בעקי האָט אָפּגעזיפצט. פאַינאַ איליניטשנאַ האָט צוגעטראָגן איר טיכעלע צו די אויגן. אַרקאַשעס טאַטע האָט הויך און דייטלעך געזאָגט:

— באַגלייט אַרויס דייַן געוועזענע געליבטע מיט איר מוטער...

ווידער איז שטיל געווען. ווען בעקי מיט איר מאַמען זייַנען אַוועק, האָט זיך ראַכעל מענאַ־סיעוונאַ צעוויינט. דער מאַן איז צו איר צוגעגאַנגען, האָט זי געגלעט איבערן קאָפּ און גע־טרייסט:

— דאַרפסט זיך פרייען, ניט וויינען. עס האָט אונדז אויסגעמיטן אַ גרויסע סאַקאָנע.

די מאַמע וויל

די שכיינים לאַכן אין די הויפנס, לאָזן ניט אַרויס דעם באָכער, וואָס איז געקומען צו עטלען, פון מויל. עטלען אַליין רייַסט אויס דאָס האַרץ. זי האָט קוים געפּויעלט בא איר העניכן, ער זאָל נעמען דעם באָכער און גיין מיט אים אין פּאַרק שפּאַצירן. וויפל זי האָט ניט אייַנגעטייַנעט מיט דער טאָכטער, העלפט ניט.

— אַלטעשקע, טאָכטער מייַנע, אַ מענטש האָט אויסגעבראַכט הויצאָעס, איז געקומען צו דיר — יאָ, ניין, ווייַז אים אַרויס אַ קאַפּל ווּנימאַניע. ער זיצט און לייענט, לייענט און לייענט, און דו האָסט אויף אים קיין ראַכמאָנעס ניט.

— איך האָב ראַכמאָנעס אָפּן טאָטן, ניט אויף אים. דער טאַטע דאַרף אים דורכלויפטערן! וואָס קוקסטו אויף מיר, ווי אויף אַ קאָרבן? בא דיר איז רעכט, איך זאָל די מינוט גיין אין זאַגס, צודעקן מיט אַ שטיקל טיול מייַנע זיבן און צוואַנציק יאָר. מאַלע וואָס מיר האָבן זיך איינעם געלערנט! איך וועל מיט אים ניט גיין אין זאַגס, מאַמע!

עטל האַלט קוים אייַן די טרערן. זי דערפרייט זיך, וואָס איר שוועסטערקינד לייע איז אַרייַנגעקומען.

— ווו איז אַלע? — פרעגט לייע.

— זי איז אַוועק. דאָס האַרץ פּלאַצט מיר שיר ניט. אַ וואָרט טאָר מען ניט זאָגן. געכאַפּט די באַלאַניע מיטן זאָנטיק און אַרויס ווי אַ ווינט.

— וואָס עסטו זיך אויף? זי וויל ניט, דאַרף מען ניט!

— ס׳איז איר נעכטן געוואָרן אַכצן יאָר?

— אַכצן, אַכט און צוואַנציק, הייַנט נעמט מען ניט איבערגעוואַלד!

— זאָל זײַן, אַלע איז טאַקע גערעכט. ער איז ניט קיין איבערגעשפּיצטער, אָבער קיין נאַר איז ער אויך ניט. וואָס פאַר א באָכער וואָלט דאָס געקומען היינטיקע צײַטן? און וואָלט ער שוין יאָ געקומען, וואָלט ער זיך אָפּגעטראָגן. קיין איין מינוט איז זי מיט אים ניט געזעסן, קיין צוויי ווערטער האָט זי מיט אים ניט אויסגערעדט.

— כ׳פאַרשטיי פאַרט ניט, וואָס דו ווילסט. אַלע וויל ניט, קאָנסטו גאָרניט העלפן.

— דיר איז גרינג צו ריידן. איך זע דאָך, אַז דער באָכער שטאַרבט נאָך אירע טריט. ער וויל זי פון טיפן האַרצן. הענעך גייט מיט אים אַרום שפּאַצירן, איז מיר א בושע און א כאַרפּע.

— וואָס האָסטו געדאַרפט אײַנריידן הענעכן, ער זאָל מיט אים גיין? מיילע, גענוג. זאָג מיר בעסער, עטל, אַף וויפל אייער האָסטו פאַראַכטאָגן שאַבעס געמאַכט דעם ווײַסן לעקעך?

— אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, אַף פופצן אייער, — דערמאָנט זיך עטל, טוט א קוק אין פענצטער און זאָגט שטיל: — זעסט, אָט גייט ער. ער איז שוין טאַקע איבער דרײַסיק. אָבער ער איז גאָר ניט קיין מיִעסער, און אזא סקראָמנער, גאָר ניט קיין הײַנטיקער באָכער. רייד זיך דורך, לייִנקע, מיט אַלען.

— ניין, טײַערינקע, האָב קיין פאַריבל ניט אַף מיר, אָבער דאָס ניט, — זאָגט לייע און וויל שוין אוועקגיין, נאָר עטל נעמט זי בא דער האַנט, קוקט אַף איר מיט פולע אויגן ראַכ־מאָנעס און זאָגט:

— איצטער וועט ער אָפּעסן און וועט זיך ווידער זעצן לייענען. פון גרויס אומעט האָט ער שוין, נעבעך, איבערגעלייענט עפּשער גאַנץ „וואָינאַ אי מיר“, און זי, אַלקע, זי זאָל דאָס קוקן אין זײַן ווינקל!..

א מאַמע — אַן אויצער

ווען דאָס וואָלט געטראָפן מיט אן אנדערער, וואָלט מען עס גלײַך דערקענט, אָבער ראָזע לוואָוונע איז אויסערלעך רויק, אויסגעהאַלטן, העכערט ניט דאָס קאָל, נאָר אָפּן האַרצן האָט איר איצט געמעגט זײַן בעסער. ראָזע לוואָוונע איז אויס מענטש. די ערד וויגט זיך אונטער אירע פיס. איר טאָכטער, איר פאַניטשקע זאָל אַזוינס... וויפל טירן האָט ראָזע לוואָוונע געעפנט, אין וויפל טעלעפאָנען האָט זי געקלונגען, מיט וויפל אומבאַקאַנטע, ווילד־פרעמדע מענטשן האָט זי געשמועסט ווארעם און האַרציק, ביז זי האָט באַוואָרנט איר פאַניטשקען נאָכן אינסטיטוט אין מאָסקווע. הײַנט קריגן א שטעלע איז אויך געווען ניט גרינג. און איצט איז פאַניטשקע אַזוי אומגעלומפּערט נאַריש, אַזוי ניט דערלאָזבאַר...

ווען ראָזע לוואָוונע האָט געפונען אין פאַניטשקעס רידיקיול דאָס צעטעלע, האָט זי דער־פילט, אַז זי מוז גלײַך כאַלעשן. אָבער דאָס האָט געדויערט קורצע רעגעס. זי האָט זיך גלײַך באַהערשט, און אין א רעגע אַרום האָט איר ניכטערער מויעך שוין געהאַט א קלאָרן באַשלוס. דעם זעלביקן טאָג אין אָוונט האָט זי געזאָגט צו איר מאַן:

— קאַטיק, דו פאַרסט אָפּרוען. איך האָב פאַר דיר א פּוטיאָווקע.

דער מאַן האָט עפּעס געוואָרטשעט, און ראָזע לוואָוונע איז אַרײַנגעגאַנגען צו דער טאָכטער.

— גאָרנישט וואָס דו ביסט! נא דיר דאָס צעטעלע, וואָס דו האָסט אים געשריבן.

— ווי האָסטו געוואַגט צו נישטערן אין מײַן רידיקיול?

— ווי האָב איך געוואַגט? — האָט ראָזע לוואָוונע אויסגעשריִען, און ווען זי איז ניט ראָזע לוואָוונע, וואָלט זי זיך צעוויינט, ווי א פּאַשעטע ייִדענע. נאָר זי האָט ניט געוויינט. זי האָט פלינק אַרויסגעכאַפּט דאָס צעטעלע פון פאַניטשקעס האַנט און געזאָגט:

— הער, וואָס דו שרײַבסט: „מײַנע ווייסן גאָרניט. אָבער דו ווייסט דאָך, אַז עס איז שוין באַלד צוויי מאָנאַט, האָסטו דאָך צוגעזאָגט געלט אַף אן אַבאָרט, ריטער!“

פאַניטשקע האָט זיך ביטער צעכליפּעט. ראָזע לוואָוונע האָט אויסגעשריִען:

— שטיל זאָלסטו מיר זײַן! צעקראָכענע! — און זי איז אַרויס פון צימער.

ניט אַזוי גרינג איז איר אָנגעקומען, דער מאַן זאָל פאָרן. ער האָט געטײַנעט:

— איך וועל ניט פאָרן. איך האָב מײַנע פלענער...

— דײַנע פלענער קאָנסטו ניט שטערן צוליב מיר? אָבער צוליב מאַרײַען קאָנסטו דאָך! קאַטיק, פּאָלג מיך, אין פאַנסיאָנאַט וועסטו ערשט גוט מאַכן דעם באַלאַנס, — האָט ראָזע לוואָוונע גע־זאָגט, און „קאַטיק“ איז טאַקע געפאָרן.

ווי נאָר ער איז אַרויס פון שטוב, האָט ראָזע לוואָוונע זיך אָנגעטאָן, צוגעקעמט די שוואַרץ־געפאַרבטע האָר, אַרײַנגעקוקט אין צימער צו דער טאָכטער און געזאָגט:

— פאַניטשקע, לייג אויף צונויף דעם טשעמאָדאַן. קיין סאַך זאַכן נעם ניט. וואָס און ווען וועל איך דיר נאָכדעם דערקלערן.

דערנאָך האָט זיך ראָזע לוואָוונע צוגעפּודערט, א ביסעלע אָנגעפּאַרבט די ליפּן און איז ארויס פון שטוב. וויַט פאָרן האָט זי ניט געדאַרפט. זי איז אריַין אין א הויז אנטקעגן א געווי־סער סטאַנציע פון מעטראָ, דאָרטן אין איינער פון די דירעס איז זי לאַנג געזעסן אין א קאַבי־נעט, ווו אפן טיש זיַינען געלעגן מאָדנע אָפּגעניצטע אַלטע זשורנאַלן. נאָכדעם האָט מען זי א רוף געטאָן, און דער שמועס מיטן דאָקטער האָט בא ראָזע לוואָוונען געדויערט ווינציקער, ווי זי האָט געמיינט.

ערשטנס, האָט דער דאָקטער געלאָזט וויסן, אזא זאַך:

— איך בין קעגן דעם. א מיידל איז טראַגעדיק געוואָרן? קיין בייז ניט! זאָל זי האָבן, זאָל זי האָדעווען דאָס קינד... ווי אַלט איז איַיער טאָכטער? צוויי און צוואַנציק יאָר? וואָס זשע זיַיט איר אזוי צעטראָגן? איר וואָלט געדאַרפט זיַין צעטראַגן, ווען איַיער טאָכטער וואָלט יאָ געהאַט אזא אָפּעראַציע. איך אזוינע פאַלן טרעפט, אז מע ווערט א גזזעצלעכע שוויגער, אָבער מע ווערט שוין קיינמאָל קיין באָבע ניט.

ראָזע לוואָוונע האָט געפילט, אז דער שמועס דארף זיַין געענדיקט. און דער פּלאַן, וואָס האָט נאָך נעכטן דורכגעבליצט בא איר אין געדאַנק, איז איצט געוואָרן א זיכערע זאַך. ווען זי איז אריַינגעגאַנגען אין שטוב, איז זי שוין געווען א ביסעלע רויִקער. פאַניטשקע איז נאָך אַלץ געלעגן אפן דיוואַן און האָט געוויינט. ראָזע לוואָוונע האָט זיך צוגעזעצט לעבן דער טאָכטער, האָט זי געגלעט איבערן ארבל, שטיל און מילד געזאָגט:

— דו געדענקסט, מיַין קינד, האָסט מיר דערציילט, אז ווען דו האָסט פאַרטיידיקט דעם דיפּלאָם, האָט ליאָניע זילבערשטיין פון דיר קיין אויג ניט אראָפּגענומען? מיר דוכט, אז דו האָסט פון אים אף ניַייאָר באַקומען א באַגריסונגס־קאַרטל?

— כ'האָב באַקומען. וואָס זשע איז פון דעם געדרונגען?

— פון דעם איז געדרונגען, אז דו וועסט צו אים פאָרן. און פון דיר איז אָפּהענגיק, אז דו זאָלסט דאָרט בליַיבן. פאַרשטייט זיך, — מיט אים.

— מאַמע, וואָס רעדסטו? — האָט פאַניטשקע געזאָגט. אָבער ניט אומזיסט איז זי געווען ראָזע לוואָוונעס א טאָכטער. כאָטש איר אויסגעשריי „וואָס רעדסטו?“ איז געווען זייער אומיטל־באַר, האָט זי פונדעסטוועגן אף מאָרגן צונויפגעלייגט דעם טשעמאָדאַן, און ראָזע לוואָוונע האָט זי באַגלייט אין יענער ריכטונג, ווו מע האָט געדאַרפט.

ווי נאָר ראָזע לוואָוונע האָט באַגלייט די טאָכטער, האָט זי באַשטעלט א טעלעפאָן־שמועס. ערשט אף מאָרגן אינדערפרי האָט זי געשמועסט מיט ליאָניע זילבערשטיין. כאָטש ראָזע לוואָוונע האָט געהאַט א גוטע דיקציע און האָט זייער קלאָר פאָרמולירט אירע געדאַנקען, האָט דאָס מאָל ליאָניע בעשום־אויפן ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס זי וויל.

— ווּהין איז געפאָרן פאַניע? ווער רעדט עס מיט מיר? צוליב וואָס איז זי געפאָרן צו מיר? ווען איז זי ארויסגעפאָרן?

ענדלעך, האָט דער באָכער פאַרשטאַנען, אז מיט אים רעדט פאַניעס מאַמע, און ווען ראָזע לוואָוונע האָט אים דורכגעלייענט אין טעלעפאָן אזא מין צעטעלע, וואָס פאַניע האָט, קלוימערשט, געלאָזן, האָט ליאָניע זילבערשטיין פּאוואָליע, ווי ער וואָלט מוירע געהאַט ארויסצורייִדן די ווער־טער, געזאָגט:

— נו, פאַרשטייט זיך, כ'וועל זי באַגעגענען. אָבער איך בין מאַמעש דערשיטערט. פאַרוואָס האָט זי איַיך געשריבן אין צעטעלע, אז זי קאָן אָן מיר ניט לעבן, און מיר פערזענלעך האָט זי וועגן דעם קיין איין וואָרט ניט געזאָגט? וואָס זאָגט איר, זי איז אוועקגעפאָרן א קראַנקע, מיט א קליינער טעמפּעראַטור?

— יאָ, יאָ... איך וועל איַיך זיַין אזוי דאַנקבאַר! עפּשער וועט איר זי קאָנען איַינאָרדענען בא באַקאַנטע אָדער אין א האָטעל? איצטיקע מיידלעך רעכענען זיך מיט א מאַמען? איך קען מער ניט ריידן, ס'איז מיר שלעכט! — האָט ראָזע לוואָוונע ארויסגעקרעכצט און אופגעהאַנגען דאָס טרײַבל.

ווען ראָזע לוואָוונעס מאַן, איסאַק דאַווידאָוויטש, איז געקומען פון פאַנסיאָנאַט, איז ער גע־ווען זייער פאַרוואונדערט, וואָס פאַניטשקע האָט אזוי גרינג געוואָרפן די ארבעט, און נאָך מער האָט ער זיך געוואונדערט, ווען זיי האָבן אין א פּאָר וואָכן ארום געקראָגן א טעלעגראַמע: „פּאַ־זדראַוויטיע זאַגסאָם. פאַניא, ליאָניא, צעלויעם“[1].

ראָזע לוואָוונע האָט דעם מאַן גאָרנישט ניט דערקלערט, זי האָט אים נאָר קורץ געזאָגט:

---

[1] גראַטולירט מיטן זאַגס. פאַניע, ליאָניע. מיר קושן איַיך. (רוס.)

— דאָס עפּעלע פאַלט ניט ווײַט פון בוים. די טאָכטער איז געראָטן אין טאַטן.

עמעס, דער טאַטע האָט ניט זייער געפרעגט. ער האָט געוווּסט, אַז זײַן ווײַב וועט איר שטעטל באַשטיין אָן אים. און אַזוי איז עס טאַקע געווען.

אינגיכן איז ראַזע לוואָוונע א באָבע געוואָרן, און זי האָט א גליקלעכע דערציילט פרײַנט און באַקאַנטע:

— די דאָקטוירים וווּנדערן זיך, די דאָקטוירים זײַנען פאַשעט אויסער־זיך, זיי פירן פּראַק־טיקאַנטן צו מײַן פאַניטשקען, וואָרעם אַזאַ זיבעטל האָבן זיי נאָך ניט געזען. וועגט דרײַ קילאָ מיט הונדערט גראַם, הערעלעך נאָר צו קוקן אויף זיי, און די נעגעלעך ווי אויסגעטאָקט!..

נאָר ליאָניעס מאַמע, וועגן וועלכער ראַזע לוואָוונע האָט אַלע אירע באַקאַנטע און פרײַנט געזאָגט, אַז זי איז א קלײנבירגערן איינע אין דער וועלט, אָט די מעכוטענעסטע האָט געקנייטשט מיט די אַקסלען און שטיל אַנומלטן געזאָגט צו ראַזע לוואָוונען:

— איך האָב קיין אינסטיטוטן ניט געענדיקט, איך בין אינגאַנצן א בוכהאַלטער. נאָר איך וואָלט אײַך געייצעט, איר זאָלט ווינציקער דערציילן וועגן די ניסים, וואָס האָבן געטראָפן מיט אײַער אייניקל...

ג ע ס ט

אַן אייגענער גאַסט

דער געוויזענער קאָמונאַר איז מערסטנטייל מײַן גאַסט ווינטער. זײַן גרינלעכער קורצער מאַנטל איז איבערגעניצעוועט פון דער שינעל, אין וועלכער ער איז געווען אויף מילכאָמע. דער ציגיי־קראַגן איז אין פליכעס. איך זאָג צו אים:

— דײַן אויבערבעגעד וואָלט מען שוין בעפיירעש געמעגט ניצעווען אויף דער דריטער זײַט.

ער קוקט אויף מיר, שמייכלט, שאָקלט מיטן קאָפּ און באַמערקט:

— זאָלסט עס אפילע ניצעווען אויף דער צענטער זײַט, וועסטו ניט אויסניצעווען דאָס, וואָס דער בעגעד האָט געזען און געהערט.

נאָכדעם נעמט ער אַרויס פון דער „אוואָסקע" די פּאַפּקע, אין וועלכער עס ליגט דאָס, וואָס ער האָט געבראַכט פאַרן קאָמיטעט פון אויטאָמאַטיק, און ער זעצט זיך צום טיש.

— וואָס קוקסטו? — זאָג איך. — עס.

— איך ווייס ניט, וואָס פריִער צו עסן.

— אַלץ, וואָס ס'שטייט אויפן טיש, איז פאַר דיר, און זאָל דיר זײַן צו געזונט.

— אַזויפיל קאָן ניט זײַן צו געזונט.

— עס, וויפל דו ווילסט. ביסט געקומען אָן גריקע־גרויפּן?

— אין אוואָסקע ליגט א זעקעלע מיט גרויפּן. מײַן קאָמאַנדיר בעט, דו זאָלסט קיין פאַריבל ניט האָבן, וואָס זי האָט אַזוי ווינציק געשיקט.

— וואָס מאַכט זי?

— אַזוי וואָלט געווען נישקאָשע, נאָר עס איז שווער, זאָגט זי, צו זײַן א ייִדענע, נאָך שווע־רער איז צו זײַן א באָבע.

— מאַריאַנע אַרבעט שוין?

— אַז די באָבע מיטן זיידן זײַנען אונטער דער האַנט, קאָן מען גיין אַרבעטן. איך וועל דיך בעטן, די קאַשע זאָל זײַן ניט קיין געדיכטע.

— איך וועל זיך באַמיִען. קום כאָטש א ביסל פריִער. מיר זעען זיך אַזוי זעלטן!

— עס איז אָפּהענגיק פון דעם, ווי די זאַך וועט דורכגיין.

— וואָס דאַרף דורכגיין?

— איך האָב געבראַכט א בויגן פאַר א געוויסן אויטאָמאַט.

— אין דער צייכענונג ביסטו זיכער?

— זיכער וועל איך זײַן, ווען דער קאָמיטעט וועט באַשטעטיקן, — זאָגט ער. ער טוט אָן דעם גרינלעכן בעגעד און גייט אַוועק.

איך נעם אַרויס דאָס זעקעלע מיט די גרויפּן פון דער אוואָסקע, שיט עס אויס אויף א צײַ־טונג, טו אָן די ברילן. נאָר ס'איז אָן אומזיסטע טירכע, די גרויפּן זײַנען איבערגעקליבענע. אַז

די קאשע דארף זײַן א שיטערע, געדענק איך, און ביז ער וועט קומען, האָב איך נאָך גענוג צײַט. דערווײַל קאָן איך עפּעס טאָן.

זיץ איך מיר אזוי און טו. מיטאמאָל דערמאָן איך זיך, אז ס'איז שוין צײַט אוועקצושטעלן די קאשע. איך גיי ארײַן אין צווייטן צימער — מײַן גאסט זיצט און לייענט.

— שלימאזל, מעלאמעד, ביסט שוין לאנג דאָ?

— וואָס איז די נאפקעמינע? אבי דו האָסט ניט געזען, ווי איך האָב גענומען דעם שליסל און האָסט ניט געהערט, ווי איך האָב אופגעמאכט די טיר.

— די מינוט שטעל איך צו די קאשע.

— הער אוף, איך האָב געגעסן א פּרעכטיקע קאשע מיט מילך אין דער גאָרקיך פונעם קאָמיטעט.

— דײַן אווטאָמאט איז דורכגעגאנגען?

— איך האָב זיך אליין ניט געריכט. דו ווייסט דאָך, אז איך האָב נאָך דער קאָמונע געענדיקט דעם פאקולטעט פון לאנדווירטשאפטלעכער מאשינבויונג. ער איז דורך ווי א מיזמער.

— קאָנסטו דאָך זײַן א גאסט עטלעכע טעג.

— וואָס רעדסטו? ווער וועט ארײַנשלעפּן און ארויסשלעפּן דאָס וועגעלע? מיר ווױנען דאָך אפן דריטן שטאָק. פלעגן די ווינדעלעך קאָן איך אויך. מײנסט, אז א זיידע איז שוין גאָר קיין מענטש ניט?!

אין אָוונט פאָרט ער אוועק. איך שטיי לעבן קיך־טיש און קוק אף דעם קופּקעלע גרויפּן. דערבײַ ליגט א קליין זעקעלע, א ווײַס זעקעלע אין בלויע שטרײַפעלעך. אין מײַן באלעבאטישקײַט האָב איך שוין אלערליי זעקעלעך, אין וועלכע מײַן גאסטס ווײַב גיט אים מיט גרויפּן. אזעלכע ריינע זעקעלעך מיט געטרײַע פארבויגענע נעט.

א פּארנומענער גאסט

כוץ דעם, וואָס וויגדער שרײַבט בריוו די געוועזענע קאָמונארן, קומט ער צוויי מאָל אין יאָר קיין מאָסקווע צו די עטלעכע אלמאָנעס — געוועזענע קאָמונארקעס. ווי נאָר ער גייט ארײַן צו מיר אין שטוב, זעצט ער זיך באם טעלעפאָן.

— ליבע, דו ווײסט אין א שאָ ארום זײַן אין שטוב? יאָ, יאָ, דו האָסט דערקענט, דאָס בין איך... איך קאָנטראָליר די פּאָסטנס. פארוואָס איז מערע ניט געקומען? אקוראט איצט ארבעט זי צוויי כאַדאָשים. דאָס איבעריקע, בייס מיר וועלן זיך זען. אין א שאָ ארום בין איך בא דיר. באשטעל אן אָרקעסטער און הענג ארויס פאָנען!

— נעכטיקן ווײַסטו קומען? — פרעג איך.

— אויב ליבע וועט אײַנגיין.

— איך פארשטיי ניט, איך בין דאָך אויך א דאמע!

— דאָס איז איבעריק צו באשטעטיקן. אָבער צו דיר קום איך גלײַך פון עקספּרעס. נו, זײַ זשע געזונט, איך וועל קלינגען.

ער גייט אוועק. איך געפין זיך קיין אָרט ניט. „געדארפט זאָגן", — טראכט איך. אָבער ווי האָב איך אים געקאָנט זאָגן אזא זאך? ווי האָב איך געקאָנט ארויסברענגען פון מײַן מויל, אז מאניע איז געשטאָרבן? „עפּשער וועט אים ליבע זאָגן?" — טראכט איך ווידער. עס איז שוין אָוונט. עלף אזייגער, צוועלף, איינס. ניטאָ! א גאנצע נאכט מאך איך קיין אויג ניט צו. דער רועך ווײַסט, וואָס עס קריכט אין קאָפּ. אינדערפרי קלינג איך ליבען. זי זאָגט:

— וויגדער איז אוועקגעפאָרן צו מאניען.

— דו ביסט מעשוגע? וואָס רעדסטו?

— נו, פארשטייט זיך, צו איר זון, צו סאשען.

— האָסט אים געזאָגט?

— וואָס פעלט דיר אײַן?

שפּעט באנאכט קומט וויגדער. ער איז פאר דעם מעסלעס ווי עלטער געוואָרן מיט עטלעכע יאָר. ער שפּאנט איבערן צימער און טײַנעט שטיל:

— וויאזוי טעלעגראפירט מען ניט?

— מיר האָבן זיך אן אייצע געהאלטן און מיר האָבן זיך באטראכט, אז מע דארף ניט טעלעגראפירן.

— איר האָט זיך באטראכט? איך זאָל ניט זײַן אף מאניעס לעווײַע? פארשטייט זיך, אז דאָס איז שוין א פארפאלענע זאך! ייִדישע פוכקע לעוואָוועס. מיר האָבן, דוכט זיך, ניט ווינציק איבער־

געלעבט. ווען כ׳האָב געלאָזט מײַן צווייט אויג אױף דער מילכאָמע, עס זאָל שטענדיק קוקן, צי א סוינע רוקט זיך ניט, האָב איך געטראַכט מער װעגן מאַניען, ווי וועגן מײַן מערען. וואָרעם מערע האָט געהאַט איין קינד, און מאַניע — דרײַ קינדער. געוועזענע קאָמונאַרן זײַנען אויך מענטשן און זיי זײַנען שטערבלעך! אָבער מאַניע האָט נאָך געדאַרפט א ביסל לעבן... אין יעדן בריוו פלעגט זי מיר שרײַבן: „איך פלאָנטע קוים מיט די פיס, קום מיט א כוידעש פריִער, וויגדער, אז ניט, קאָנסטו פאַרשפּעטיקן...״ גייט איר און איר באַשליסט פאַר מיר!..

ער שפּאַנט און שפּאַנט איבערן צימער. נאָכדעם טוט ער א שפּרײַז, נעמט אַראָפּ זײַן בעגעד פונעם הענגער און זאָגט:

— כ׳וועל צופאָרן צו אײדען אַפן „שאַריקאָפּאָדשיפּניק״. אויך אַן אַנגעוויִיקטע נעשאָמע. אַלט געוואָרן א יאָר אַכט און צוואַנציק, ווען ער איז אַוועק פון איר.

— ווען ווּעסטו קומען? — פרעג איך.

— הײַנט, יעדנפאַלס, ניט, מאָרגן ערשט, שפּעט אין אָוונט, ווײַל איך האָב זיך צונויפגעֿרעדט מיט סאַשע מאַניעס. ער וועט וואַרטן אױף מיר אין קאָלומבאַרי. און דו באַשטעל פאַר מיר א בילעט. אױף איבערמאָרגן.

ער גייט אַוועק. עס קלינגט פונקט אײדע.

— ער איז שוין אַוועקגעפאָרן צו מיר? אַלעמען שרײַבט ער. וועגן אַלעמען טראַכט ער. פאַרט ער פון איין עק מאָסקווע אין א צווייטן! ווען ניט ער, וואָלטן מיר איינע מיט די אַנדערע קיין וואָרט קיינמאָל ניט אויסגערעדט.

— ביסט גערעכט, אײדע. זײַ געזונט און הענג אוף דאָס טרײַבל, ווײַל איך דאַרף באַשטעלן וויגדערן א בילעט.

א באַריידעוודיקער גאַסט

ווי נאָר זי קומט, שטעלט זי אַרויס די מאַטאָנעס: א סלאָיִק האָניק, צוויי סלאָיִקעס מאַרינירטע פלוימען און א ווערטוטע, און וועלכער זי טוט אַרײַן אזויפיל בוימל, אז מע קאָן אים אויסקוועטשן צום פּרעגלען לאַטקעס. דערנאָך נעמט זי א לינדע וואַנע. פון דער וואַנע טאַקע מאַכט זי א קורצן רעפּאָרטאַזש וועגן די מאַרק־מעקאָכים אין יענעם מאָלדאַווישן שטעטעלע, וווּ זי וווינט. באַם פרישטיק דערציילט זי, אז זי האָט שוין געקויפט בולבע, ציבעלע און קנאָבל אױף ווינטער. נאָכדעם שפּאַרט זי זיך צו א ביסעלע. זי שטייט אוף א מונטערע, שטעקט אַרײַן דעם קאָפּ אין דער טיר פון צימער, ווו איך אַרבעט, און וווּנדערט זיך:

— איר זיצט נאָך אַלץ באַם טיש?

איך שווײַג.

— באַ אײַך איז א שלעכטע שטימונג?

עס ווערט מיר ניט גוט, איך האָב פײַנט, אז מע פרעגט מיך אַזעלכע קאַשעס. וואָרעם אויב די שטימונג איז א געהאַרגעטע, העלפט ניט דאָס פרעגן; אויב די שטימונג איז א גוטע, ווערט פון דעם ניט בעסער. מײַן גאַסט מאַכט מיר אַן אָנגענעמען פאָרשלאָג:

— קומט אַרויס אַפן באַלקאָן, דער וועטער איז הײַנט א מעכײַעדיקער.

איך ריר זיך ניט פון אָרט.

— איר זיצט אַלע טאָג אזוי לאַנג? דאָס איז זייער שעדלעך פאַרן געזונט. איך, אז איך שרײַב אָן א בריוו, מוז איך זיך גלײַך אָפּרוען. לייענען האָב איך גראָד ליב. אָן א ביכל קאָן איך ניט אײַנשלאָפן.

ס׳טוט מיך א הייב פון שטול, איך פרעג:

— וואָס פאַרא ביכלעך לייענט איר?

— איך לייען פאַנטאַסטיק און אפילע טשעכאָוון. נאָר טשעכאָוו געפעלט מיר ווינציקער.

— פאַרוואָס געפעלט אײַך טשעכאָוו ווינציקער?

— ווי זאָל איך אײַך דאָס געבן צו פאַרשטיין? ער איז עפּעס א ביסל צו מילד. ער איז ניט קיין באַרעץ.

— קיין וואָס איז ער ניט?! — שרײַ איך אויסער־זיך.

איך קוק אױף אירע קורצע, שטײַפע, גראָווע געשוירענע האָר, אױף איר פאַריסן נעזל, אין אירע שוואַרצע טיף־אַרײַנגעזעצטע אויגן, און איך פיל, אז די בעסטע זאַך איז איצט פאַר מיר — שווײַגן.

— וואָס זייַט איר אַזוי רויט געוואָרן? — וויל זי וויסן.

ענדלעך, קומט די זעליגע שאָ. מיר לייגן זיך שלאָפן. איך וואַרף אַרויף דאָס טונקל־גרינע טיכעלע אויפן אַבאַזשור און זעץ זיך צום טיש. לעכאַטכילע איז שטיל, שטיל. נאָר פּלוצלינג דערלאַנגען זיך אַ שאָט אומקלאָרע, אויף זילבן צעריסענע ווערטער. וואָס זי רעדט, איז אוממעגלעך צו פאַרשטיין, נאָר עס שיט זיך און שיט זיך, ווי שרויט.

דאָס בעסטע איז, ווען מייַן מאַן פרעגט אויף מאָרגן:

— וואָס האָט איר אַזוי שפּעט געשמועסט?

— וואָס וווּנדערט איר זיך, מיר האָבן דאָך זיך אַזוי לאַנג ניט געזען... — ענטפערט דער גאַסט.

א שטרענגער גאַסט

גלייַך ווי ער קומט קיין מאָסקווע, קלינגט ער פון וואָקזאַל און פרעגט:

— וואָס הערט זיך מיטן ביסל געזונט? קלינגערס האָט איר? נו, גוט. זייער פייַן. כ׳וועל זיך אַ ביסל פאַרווייַלן מיט מייַן דאָקטער, און אין אַ צוויי־דרייַ שאָ אַרום בין איך בײַ אייַך.

כאָטש ער רופט אָן זייַן קומען צום דאָקטער „פאַרווייַלונג״, איז ער קראַנק. ער האָט געהאַט אַ קאָמפּליצירטע אָפּעראַציע, און צוליב דעם טאַקע קומט ער צוויי־דרייַ מאָל אַ יאָר קיין מאָסקווע. אַז ער קומט, ברענגט ער אָפּטער פון אַלץ ווייַן. ער שטעלט די פלאַש אויפן טיש און פאַרענטפערט זיך:

— כ׳האָב געוואָלט צינאַנדאַלי, איז ניטאָ. האָב איך גענומען מוסקאַט. אויך נישקאָשע פון ווייַן.

בײַם טיש גיסט ער אָן דרייַ גלעזלעך און זאָגט:

— אַלץ, וואָס מע טאָר ניט, מעג מען צוביסעלעך. פאָלג מיך, ס׳עסט זיך גאָר אַנדערש.

אויב זייַן קומען פאַלט צונויף מיט שאַבעס־זונטיק, נישטערט ער אין די ביכער־אַלמערס, געפינט, וואָס ער זוכט, און גאַנצע שאָען הערט מען פון אים אַ וואָרט ניט. ערשט, ווען מע זעצט זיך צום טיש עסן מיטיק, באַמערקט ער:

— אַ טשיקאַווע זאַך די קונסט. ראַק דעם עמעס האָט עס ליב.

— וועמען לייענסטו? — פרעג איך.

— דעם פאַרצייַטיקן פּערעצן.

— וואָס פאַר אַ דערציילונג?

— „פון קייווער אַרויס״.

— אַזאַ פּיקייעך, אַזאַ ערלעכקייַט, זעלטן הייַנט אַזוינע. איינער איז קליגער אין געברויך, ווי אין זייַן שרייַבן. אַ צווייטער וויל פאַרענטפערן אַלע קאַשעס. נאָר מער פון אַלץ קלאָגט מען. כ׳האָב זיך באַקענט מיט אַ שרייַבער, ווען איך האָב אָפּגערוט, האָט ער מיר פאַרקלאָגט דעם קאָפּ. נאָכדעם האָט ער, אָפּאָנעם, פאַרגעסן, וואָס ער האָט מיר געזאָגט, און האָט מיר געשענקט אַ ביכל, וואָס איז נאָרוואָס דערשינען. פאַרן אוועקפאָרן פון אָפּרו־הויז האָט זיך בײַ אים אַרויסגעכאַפּט, אַז ער האָט שוין אַ פּענסיע אויך. כ׳האָב דיר ניט געוואָלט זאָגן, נאָר כ׳בין בײַ אים פאַראייאָרן געווען. כ׳האָב זיך קוים אָפּגעטשוכעט פון דעם פּאָלירטן מעבל, פון די טעפּיכער מיט די איבעריקע שמאָכטעס. דער מיטיק איז געווען אַ גוטער, נאָר קיין האַנאָע האָב איך ניט געהאַט, ווייַל דער שרייַבער האָט געגעסן אַ שטיקל גוט פלייש און האָט ניט אויפגעהערט צו קלאָגן אויף זייַן ביטער מאַזל, ביז עס האָט מיר געפּלאַצט דאָס געדולד: איך געדענק ניט פּינקטלעך אַלץ, וואָס איך האָב געזאָגט, נאָר דאָס געדענק איך: איך האָב אים געזאָגט, אַז ער פאַרשעמט זייַן באַגאַבונג. מער לאַדט ער מיך צו זיך ניט אייַן.

דער גאַסט האָט נאָכאַמאָל אָנגעגאָסן די גלעזלעך, צוביסעלעך געזופּט און געזאָגט צו מיר:

— האָב אויף מיר קיין פאַריבל ניט, נאָר דו אייַלסט זיך אויך אַמאָל צו. איך פאַרשטיי דאָס ניט. ווייַל, ווי איך ווייס, וועסטו שוין ניט רייַך ווערן פון ליטעראַטור. פאָלג מיך, כאַפּ זיך ניט דרוקן...

— וואָס האָט דיר געזאָגט דער דאָקטער?

— ער האָט געזאָגט, אַז איך קאָן טרינקען און עסן, וואָס איך וויל, און איך מעג אַרבעטן. און דיר זאָג איך, אַז דו קאָנסט אויך עסן און טרינקען, וואָס דו ווילסט, נאָר שרייַבן זאָלסטו דאָס, וואָס דו קאָנסט און דו ווייסט, און ניט דאָס, וואָס דו ווילסט.

— אַ־אַ־אַ, אַ גאַסט!.. — זאָגט זי.

— איך קלײַב זיך און קלײַב זיך צו דיר, און ניט פון אָרט!

— ווען דו וואָלסט געוווינט ערגעץ אין אַן אַנדער שטאָט, וואָלט איך דיך מער געזען. וואָס מאַכט דײַן באַסיע?

— באַסיע אַרבעט אין צוויי פּאָליקליניקעס. פילט זיך ניט זייער גוט, האָט נאָך האַיאָר קיין אורלויב ניט גענומען.

— אי ניט אָפּגערוט, אי אין צוויי פּאָליקליניקעס!.. נאָר וואָס שמועסן מיר שטייענדיק? קום, זיץ.

— דעם עמעס געזאָגט, בין איך געקומען, ווײַל באַסיע איז אומרויִק, וואָס דו קלינגסט ניט. מיר האָבן זיך דערוווסט פון באַקאַנטע, אַז דאָוויד איז געלעגן אין שפּיטאָל, און איצט איז ער שוין אין סאַנאַטאָריע.

— גוט, וואָס איר האָט זיך כאָטש דערוווסט פון באַקאַנטע!

— באַליידיק זיך ניט. איך און באַסיע פאַרשטייען ניט, וואָס דו ביסט אַזוי אָפּגעפרעמדט געוואָרן.

— איך וועל דיר דאָס געבן צו פאַרשטיין אין אַ צוטריטלעכער פאָרם. פרײַנטשאַפט איז גאָר אַן אַנדער זאַך, ווי גיין העכער דרײַסיק יאָר איינער צום אַנדערן אָף סימכעס אָדער פראָסט אָף אַ גלאָז טיי. די לעצטע צײַט איז דאָוויד אָפט קראַנק. סימכעס מאַך איך זעלטן. האָט איר טאַקע פאַרגעסן דעם זײַ־געזונט! בייס איך האָב אוועקגעפירט דאָווידן אין שפּיטאָל, האָב איך דיר אָנגעקלונגען, און איך האָב דיך געפרעגט: „שלוימע, ווו איז דײַן ברודער העוול?“ געדענקסט?

— איך געדענק. אָבער וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? כ׳האָב דאַן געדאַרפט מאַכן אַ קאָמ־פּליצירטן שפּעטישן פּראָיעקט.

— אַז דער פּראָיעקט איז געווען קאָמפּליצירט, צווייפל איך ניט, איך מיין אָבער, אַז גע־טרײַע פרײַנטשאַפט פאָדערט אויך שפּעטישקײַט.

— כ׳וועל זיך ניט פאַרענטפערן. נאָר דערנאָך האָבן מיר געמוזט אוועקפאָרן אָפּרוען. מיר זײַנען געווען מוירעדיק אויסגעמאַטערט.

— איך ווייס. ווען איר זײַט צוריקגעקומען, האָט באַסיע אָנגעקלונגען, פרעג איך: „ווי האָט איר אָפּגערוט?“ זאָגט זי: „ס׳האָט אונדז אַזוי אָפּגעגליקט, אַזוי אָפּגעגליקט, עס איז זיך גראָד צונויפגעפאָרן אַן אינטערעסאַנטע אויסגעזוכטע געזעלשאַפט“.

— באַסיע איז טאַקע גערעכט. מיט אונדז באַם טיש זײַנען געזעסן אַן אַרכיטעקטאָר מיט זײַן פרוי, אַ דאָקטער מיט זײַן פרוי און אַ זשורנאַליסט, העכסט קולטורעלע מענטשן.

— איך האָב דאַן געזאָגט באַסיען: „עס פרייט מיך זייער, וואָס איר זײַט געווען אין אַזאַ גרויסאַרטיקער געזעלשאַפט. נאָר איך האָב די האָזע צו טראַכטן, אַז איר האָט זיך געפונען אין אַ נישקאָשעדיקער געזעלשאַפט אויך דאָן, ווען איר פלעגט קומען צו אונדז“.

— באַסיע האָט עס מיר דערציילט, און איך זאָג דיר דעם עמעס, אַז די לעצטע צײַט איז אומעגלעך געוואָרן צו ריידן מיט דיר. גיסט אַ שנײַד אָפּ, אַז מע ווייסט ניט, וואָס דיר צו ענטפערן.

— איך דריק דיר אויס מײַן מיטגעפיל. נאָר וואָס האָסטו טײַנעס צו מיר? גיב זיך אָפּ אַ רעכענונג: אפילו אין די בעסטע צײַטן פון אונדזער פרײַנטשאַפט, ווען דו און באַסיע האָבן געהאַט איין דײַגע — קריגן אויסלענדישע זאַכן פאַר זיך און פאַרן זון, האָט מיר דער קאָפּ געדאַרט גאָר וועגן אַנדערע זאַכן. ווען דיר פאַלט דאַן אײַן צו זאָגן: „איך לײַ דיר אַלע כוידעש אַ פינף־און־צוואַנציקער, ווען האָבט, ווען האָבסטו מיר אָפּגעבן“.

— פאַרוואָס האָסטו דאָס אַליין ניט געזאָגט?

— ווײַל איך בין געווען זיכער, אַז דו האָסט דאָס געדאַרפט זאָגן. איר האָט דען ניט געזען, וואָס איך שטעל אַרויס אָפּן טיש? אָדער אין וואָס איך, דאָוויד און אונדזערע קינדער זײַנען אָנגעטאָן? באַ יעדער באַגעגעניש פלעגסטו מיט באַסיען נעמען שיטן באַרימטע נעמען פון מענטשן, מיט וועלכע איר האָט זיך באַפרײַנדעט.

— מיר דוכט, אַז איך קאָן שוין גיין. גריס דאָווידן.

— איך האָב אויך אַן ענלעך געפיל. גריס פרײַנטלעך דײַן באַסיען.

אן אומגעריכטער גאסט

איך האָב זיך מיט אים צונויפגערעדט אין דער סיבירער שטאָט, ווו איך בין געווען, אז ער זאָל קומען אין צוויי כאדאָשים ארום. נאָר ער איז געקומען פונקט דאַן, ווען מיר זײַנען אריבער־געפאָרן אין דער נײַער דירע. אין בײדע צימערן זײַנען געווען אָנגעוואָלגערט פעק און פעק־לעך, דעריקער פעקלעך איבערגעבונדענע ביכער. קיין שום מעבל האָבן מיר נאָך ניט געקויפט. דער גאסט האָט אויסגעלייגט די פעקלעך ביכער אזוי, אז עס האָט זיך באקומען ווי א פלאכער ברונעם. אָט אין דער פלאכקײַט האָב איך אים געמאכט דאָס געלעגער. אינדערפרי איז ער אופגעשטאנען א פרישער, א ראָזער. ער האָט גענומען א וואנע, און ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז עס איז מעגלעך, ער זאָל אויסזען נאָך פרישער. כאָטש ער איז געווען א סיביריאַק, איז ער געווען קליינוווּקסיק, זײַן שמאָלע פלייצע איז געווען א ביסל אויסגעבויגן. הענט האָט ער געהאַט בלייכע, קליינע. באם פרישטיק האָט ער געגעסן מיט גרויס אפעטיט און ס'איז אים זייער געפעלן געוואָרן מאָסקווער שווארץ ברויט. פארן אוועקגיין האָט ער פאָרגעלייגט:

— אויב איר ווילט, וועל איך ברענגען ברויט פון שטאָט. דאָ זײַנען דאָך נאָך קיין קראָמען ניטאָ.

ער האָט עס געזאָגט און איז שטיין געבליבן בא דער טיר מיטן פּאָרטפעל אונטערן אָרעם. נאָך גוט, וואָס איך האָב פארשטאנען, אָף... וואָס ער ווארט. ער האָט גענומען דעם גילדן, וואָס איך האָב אים געגעבן. אין אָוונט איז ער געקומען, האָט ארויסגעלייגט אפן נײַעם קיך־טיש א קײַלעכדיק ברויט און צוויי צווייקאָפּעקענע. מאָסקווע איז אים זייער געפעלן געוואָרן. אָף מאָרגן אינדערפרי איז אים אויך געפעלן געוואָרן מאָסקווער גערייכערטער הערינג. אָבער ער האָט ניט צוגעזאָגט, אז ער וועט ברענגען הערינג. פונעם גילדן, וואָס איך האָב אים געגעבן, האָט ער זיך ניט אָפּגעזאָגט. מײַן מאן האָט זיך געוואונדערט: ערשטנס, וועט אים אונדזער הערינג אָפּשטעלן בא אַלע וואסער־אויטאָמאטן אין גאס, צווייטנס, בעט איך דיך זייער, אז אויב דו וועסט איבעראיאָר פאָרן אין א קאָמאנדירונג, זאָלסטו אונדזער נײַעם אדרעס קיינעם ניט אויסזאָגן.

אין אָוונט איז געקומען דער גאסט. ער האָט ווידער אוועקגעלייגט אפן קיך־טיש א קײַלעכדיק ברויטל, מיט צוויי צווייקאָפּעקענע — דעם כעזשבן האָב איך ניט פארשטאנען, — דערבײַ האָט דער גאסט אויסגעדריקט זײַן מיינונג וועגן אונדזער מיקראָראַיאָן.

— אַלץ איז גוט. נאָר ס'איז ווײַט צום צענטער. פינף קאָפּעקעס מיט דעם אויטאָבוס ביסקל מעטראָ, פינף קאָפּעקעס אין מעטראָ. מע דארף דאָ האָבן גוואַלדיקע פארדינסטן.

פאר דער צײַט, וואָס דער גאסט האָט פארבראכט אין מאָסקווע, האָט זיך אָנגעקליבן א היפש סטויפיקל מאטבייעלעך אף דער פענצטער־ברעט, און כאָטש מיר האָבן זייער געדארפט צווייקאָפּעקענע פארן טעלעפאָן־אויטאָמאט, האָבן מיר זיך גאנץ לאנג צום סטויפיקל ניט צו־גערירט.

א שמעקנדיקער גאסט

זי איז געווען מײַן איידעמס ברודערס ווײַבס א שוועסטער. דאָס איז געווען א יונגע פרוי, שטײַף געפּאַקט, רונד, מיט א זאפטיקן געדיכטן קאָליר אין די באקן, מיט גרויסע קײַלעכיקע געלע אוירינגלעך, גראָבע רינגען, אויך געלע, אף די קורצע פינגער מיט די טונקל־רויט גע־פארבטע נעגל. א ברייטער בראסלעט אף דער רעכטער האנט און א זייגער מיט א שמעלערן בראסלעט אף דער לינקער האנט, א גראָבע קייט מיט א מעדאליאָן אפן האלדז. אזוי, אז ווען איך האָב זי דערזען צום ערשטן מאָל, האָב איך זיך גלײַך דערמאָנט אין דזשעק לאָנדאָנס א פערסאָנאזש, וואָס האָט דורכגעצויגן דורך די נאָזלעכער א נײַינקן טשוואָק, האָט געטראָגן א האלדזבאנד פון פלודערן־קנעפּלעך, אין די אויערן שרײַפלעך פון א וועקזייגער.

גלײַך ווי מײַן גאסט האָט אראָפּגעוואָרפן איר קאָווערקאָטענעם קאָסטיום, ארופגעוואָרפן א לײַכט כאלאטל, האָט זי זיך באשפריצט מיט אזא מין סאָרט אָדעקאָלאָן, פון וועלכן עס האָט מיר אופגעריסן דער קאָפּ. אין די קומענדיקע טעג האָט דער דאָזיקער אראָמאט דורכגעזאפּט דאָס ברויט, דעם צוקער, די פוטער, אזוי אז מיר האָט זיך אויסגעוויזן, איך דערנער זיך מיט פארפומעריע. מײַן גאסט האָט זיך געפילט פרעכטיק. זי האָט געהאַט א שטענדיקע באדערפעניש ארויסצוזאָגן געדאנקען. קײַענדיק ווײַס ברויט מיט פוטער און וווּרשט, האָט זי פלוצלינג געזאָגט:

— איך גלייב ניט, אז אײַער איידעם איז טאקע אזוי טאלאנטפול.

— פארוואָס צווייפלט איר? — האָב איך געפרעגט.

— ווי זאָל איך ניט צווייפלען, אז מײַן שוועסטער האָט מיר אליין געזאָגט, אז איר מאַן, דאָס הייסט אײַער איידעמס ברודער, האָט איר דערציילט, אז קינדווײַז איז אײַער איידעם געווען א פארכאָלעמטע טאָלעפּעטע. קינדער האָבן פון אים געוווײַכט. ער האָט זיך געשפּילט נאָר מיטן הונט.

איך האָב ניט געפּרוּווט דערווידערן, און, ווי עס האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזן, האָב איך ריכטיק געטאָן, ווײַל זי איז געווען פון יענע מענטשן, וועלכע ווייסן ניט דאָס ווערטל, אז א מענטש האָט צוויי אויערן און איין צונג, קעדיי ער זאָל מער הערן און קנאַפּער ריידן. נאָר מײַן גאַסט האָט געהאַט נאָך א פּרעכטיקע אייגנשאַפט. זי האָט ליב געהאַט צו לערנען, וויאַזוי מע דאַרף לעבן. פּלוצעם האָט זי צו מיר געזאָגט:

— איך זע, ווי איר לעבט, וווּנדער איך זיך אַזש. איר זאָגט, אז אײַער מאַן איז אוועקגעפאָרן אין א קאָמאַנדירונג. וואָס זשע פאַרברענגט איר ניט די צײַט? מײַן מאַן איז א שאָפער. ער איז אָפט אונטערוועגס. און איך פאַרברענג מיר די צײַט, ווי מיר געפעלט. וואָרעם מע לעבט איין מאָל אויף דער וועלט! איך ארבעט אין אטעליע. כ'פאַרדין ניט שלעכט. בא אונדז איז א גוטער, א געזונטער קאָלעקטיוו. אָבער מײַן פּערזענלעך לעבן דאָס איז מײַן זאַך. כ'קויף מיר גוטע קאָנפעטן, ווײַן, איך רוף, ווער עס געפעלט מיר. מיר פאַרברענגען זייער אינטערעסאַנט די צײַט. איך קוק אויף אײַך, טוט מיר אַזש ווי דאָס האַרץ. איר זײַט דאָך ניט אַזוי אַלט, מאַכט זיך פּערמאַנענט, מאַניקיור.

איך האָב געשוויגן. אַלץ, וואָס מײַן גאַסט האָט איבערגערעכנט, האָב איך טאַקע ניט געהאַט. און דעם עמעס געזאָגט, האָב איך געוואָלט נאָר איין זאַך: זי זאָל גיכער אוועקפאָרן. אָבער ניט אַזוי גיך טוט זיך, ווי עס ווילט זיך. זי האָט פאַרוואַלגערט דעם צימער מיט פּעק און פּעקלעך. דערפאַר, ווי ליב איז מיר געווען דער קאַזאַנער וואָקזאַל, ווען איך האָב זי באַגלייט...

געקומען פון וואָקזאַל, האָב איך אַרויסגעטראָגן די זאַכן פונעם צימער, אַלץ אויסגעלופטערט, אויסגעוואַשן די פּאָדלאָגע. פונדעסטוועגן, ווען מײַן מאַן איז אין צוויי וואָכן אַרום געקומען פון דער קאָמאַנדירונג, האָט ער גלײַך געפרעגט:

— מיט וואָס פּילט זיך אַזוי בא אונדז?

ווען איך האָב אים געזאָגט, וואָס און ווען, האָט ער גאַנץ זאַכלעך באַמערקט:

— ערשטנס, איז שוין בעסער דער איידעם, ווי זײַנע קרויווים. צווייטנס, זע איך, אז איך האָב גוט געטאָן, וואָס איך האָב זיך ניט אָפּגעזאָגט פון דער קאָמאַנדירונג.

וועגן אײגענע מענטשן

די מעדיצין פאַרשטייט

איצט האָט סאָרע גענוג צײַט. זי ליגט גאַנצע טעג. מיט א שמייכל נעמט זי דאָס, וואָס עס ברענגען באַקאַנטע און פרײַנט, מיט א שמייכל שטרעקט זי אויס די האַנט אָדער אַנטבלויזט דעם טייל קערפּער, וווּ די שוועסטער דאַרף מאַכן אַן אײַנשפּריצונג, מיט א שמייכל נעמט זי דעם טערמאָמעטער, קוקט קיינמאָל ניט, וויפל ער ווײַזט, אָפּט גליטשט ער זיך אַרויס פון אונטער דער פּאַכווע און ליגט אין געלעגער. דערנאָך וווּנדערט זיך די שוועסטער:

— סאַרא מאַרקאָוונא, וואָס טאַנצט בא אײַך אַזוי די טעמפּעראַטור? נעכטן איז געווען אַכט און דרײַסיק, און הײַנט איז פינף און דרײַסיק מיט פינף.

— איך בין פאַר מײַן טעמפּעראַטור ניט פאַראַנטוואָרטלעך. איר זעט דאָך, אז איך ליג רויִק. די רעפּועס נעם איך, — זאָגט סאָרע און טראַכט דערבײַ: „זיי לאָזן מיך ניט האַנאָע האָבן פון מײַן קראַנקײַט“.

פונדעסטוועגן האָט סאָרע גענוג צײַט צו טראַכטן. גראָד איצט טראַכט זי גאָר וועגן אירע טאַטע־מאַמע. וואָס איז, נעבעך, די מאַמע געווען שולדיק, אז זי האָט געהאַט נײַן קינדער און זי האָט ניט געוווּסט, צו וואָס איר סאָרקע טויג?

— גיט א האַנט, — זאָגט די שוועסטער, — כ'וועל אײַך אײַנשפּריצן קאַרדיאַמינטשיק.

— קאַרדיאַמינטשיק? ביטע זייער, — זאָגט סאָרע, שטרעקט אויס א האַנט און טראַכט

5*

װײַטער: „װען ניט די רעװאָליוציע, װאָלט איך מישען ניט באַגעגנט; װען ניט די מילכאָמע, װאָלט איך אים מיט מאַריקן ניט אָנגעװוירן. װען ניט די רעװאָליוציע, װאָלט איך פֿאַרבליבן א קלײנשטעטלדיקע יענטע־טרײַנע. װען ניט די מילכאָמע, װאָלט מישע געלעבט, אונדזער מאַריק װאָלט שױן געענדיקט אַספּיראַנטור. ער װאָלט כאַסענע געהאַט, און איך מיט מישען װאָלטן געװאָרן באָבע־זײדע".

— סאַראַ מאַרקאָװנאַ, מיר װעלן מאַכן א קאַרדיאָגראַמע, — זאָגט דער דאָקטער.

סאָרע פֿאַרנעמט די האָר און װערטלט זיך:

— מיט עטלעכע טעג צוריק האָט מען דאָך שױן געמאַכט א קאַרדיאָגראַמע, קאָן דען א האַרץ אַזױ גיך טרײסטן דעם אַפּאַראַט?

— סאַראַ מאַרקאָװנאַ, ליגט רויִק. װיפֿל מאָל דאַרף מען זאָגן, איר זאָלט ניט הייבן די הענט? די שװעסטער װעלן פֿאַרטיק װערן מיט די פּראָצעדורן, װעט מען אײַך צוקעמען.

סאָרע ציט אױס די הענט, האַלט זײ לענגאױס דעם גוף, קוקט, װי מע פּאָרעט זיך מיטן אַפּאַראַט, דערמאָנט זיך: „בײס מאַריק איז געבאָרן געװאָרן, בין איך שטענדיק געװען הונגעריק. אָבער מילך האָב איך געהאַט אָן א שיר. איזי פֿלעגט זיך אַרײַנכאַפּן, נישטערן מיט זײַנע שװאַרצע אױגן, געפֿינען דאָס ביסל הירזשענע קאַשע, פֿלעגט זײַן א ראַכמאָנעס צו קוקן אױף אים. מישע פֿלעגט קומען פֿון פֿאַרלאַג, האָב איך אים ניט געהאַט װאָס צו געבן. אױב זעליק איז געװען אין מאָסקװע, איז דאָס געװען אַקוראַט גוט. ער פֿלעגט זיך מיט מישען זעצן שפּילן א שאָך, און זײ פֿלעגן פּראָװען א װעטשערע אױף אױסװײניק: „א גוט שטיקל אָפּשניט װאָלסטו געגעסן, מישע? אָדער עפּשער װאָלסטו פֿריִער אָפּגעגעסן א צװײ סאַרדינעס? אָדער עפּשער גאָר פּאָזשאַרסקע קאָטלעטן?" — „נײן, איך װיל הײסע פּאָנטשיקעס מיט קאַװע", — פֿלעגט זאָגן מישע. נאָכדעם האָבן זײ געלײענט לידער. װאָסערע לידער האָבן זײ דאַן געלײענט? זײ האָבן דאָך געלײענט עפּשער צװײ שאָ?" אירע געדאַנקען שװעבן פֿון זעליקן צו איזין, פֿון איזין צו שמועלן. נאָכדעם דערמאָנט זי זיך, װי אױך זי האָט געאַרבעט אין פֿאַרלאַג. און פּלוצעם דערמאָנט זי זיך אין ליובען. „אַך, א שײנע געװען! און אַרקע האָט זי ליב געהאַט מױרעדיק. און איז, נעבעך, שטענדיק אומגעלאָפֿן כאַפּן א גמילעסכעסעדל".

װידער איז דאָ די דאָקטערן.

— סאַראַ מאַרקאָװנאַ, — זאָגט זי שטרענג, — װאָס דרײט איר זיך אױפֿן געלעגער? קוקט זיך אײַן, װי אַלע קראַנקע ליגן רויִק, נאָר איר אײנע הערט ניט, װאָס מע זאָגט אײַך, און איר פֿאָלגט קײנמאָל ניט.

סאָרע שמײכלט שולדיק, דרײט זיך אױס צו דער װאַנט, זי ליגט און מורמלט שטיל מישעס א ליד. און מיטאַמאָל דערמאָנט זי זיך, װי זי לױפֿט צו דער אַרבעט אין פֿאַרלאַג, װי עמעצער טוט אױס דעם מאַנטל און כאָכמעט זיך דערבײַ: „אַך, גײט א גוטער שנײ אױפֿן גאַס, װען מע קאָן אים אױסטריקענען אױף זומער!". און װידער דערמאָנט זי זיך מאַריקן און נאָכדעם מישען... און װידעראַמאָל פֿליִען אירע געדאַנקען, און אַזױ ביז פֿאַרנאַכט.

טונקעלע, בלאָע שײַן קוקט דורך די פֿענצטער פֿון שפּיטאָל. די שװעסטער טײלט טערמאָמעטערס. זי גיט א טערמאָמעטער סאָרען אױך. סאָרע קוקט זי אָן, מורמלט עפּעס שטיל. די שװעסטער נעמט סאָרעס האַנט, האַלט איר דעם דופּעק און זאָגט:

— אָט איצטער איז בא אײַך א גוטער פּולס. אַזױ ליגט איר אָן אומעטיקע, א בלאַסע, און איצטער האָט איר א גוטע פֿאַרב אין די באַקן און אײַער פּולס איז א ריטמישער. ס'איז גוט, װען א מענטשן איז פֿרײלעך אױפֿן האַרצן.

איצטער שמײכלט ניט סאָרע. זי לאַכט. די שװעסטער קוקט אױף איר, שאָקלט מיטן קאָפּ און באַגיטיקט:

— מאָלאָדיעץ, סאַראַ מאַרקאָװנאַ, אָט אַזױ, העכער די נאָז!

ניטאַ בליומע

אײדער מיר פֿלעגן זיך זעצן אַרבעטן, האָט זי טאָמיד געהאַט צו מיר הונדערט פֿראַגעס: װאָס מאַכט מײַנער, און װאָס מאַכן די קינדער, און װאָס הערט זיך אין שטוב, און צי האָב איך א סאַך אָנגעשריבן, צי האָב איך װײניציק אָנגעשריבן. אָבער בא דער אַרבעט זײַנען אָפֿט געװען אַמפּערנישן: „עס געפֿעלט דיר ניט, װי איך זאָג? טראַכט אַלײן, און איך גײ אין „לאַנדיש", — פֿלעגט בליומע זאָגן.

זיץ איך און טראַכט, איך באַװײַז זיך ניט אַרומקוקן, איז שױן בליומע דאָ. אירע גראָ־בלױלעכע אױגן קוקן צו מיר מיט האָפֿענונג.

— האָסט עפּעס צוגעטראַכט? — פרעגט זי.
— כ׳האָב צוגעטראַכט, אַז יעדעס מאָל, ווי צום ערשטן מאָל, טויג ניט.
— און איך זאָג, אַז אַנדערש וועט ניט זײַן.
— כ׳האָב ניט קיין קויעך זיך צו שפּאַרן מיט דיר.
— כ׳האָב גאָרניט געוווּסט, אַז דו ביסט אַזאַ פּאָלגערקע.
— זיבן יאָר באַ דער שוויגער און ווייסט ניט, אַז די קאַץ איז אָן אַן עק. ס׳איז דרײַסיק יאָר מיט אַ שמיציק, ווי דו ווילסט מיך אויסמענטשלען.
— איז טאַקע אַז אָך און ווי צו מיר! וואָס מאַכט דײַנער?
— עס מאַכט שוואַכקײַט.
— וואָס איז אים אָבער פּאָרט?
— פרעג בעסער, וואָס איז אים ניט?
— ער וועט לאַנג ליגן אין שפּיטאָל? איך וואָלט זיך אויך אַ ביסל געדאַרפט צולייגן אין שפּיטאָל. ביז איך וועל זיך דעררוואַרטן די פּענסיע, וועלן מיר אויסגיין די יאָרן. און ווי פילט זיך דײַן זון?
— ער וואָלט זיך געמעגט פילן בעסער.
— אַבי מע זאָגט, אַז טובערקוליאָז היילט מען איצט איינס און צוויי. מע זאָל ניט וויסן פון קראַנקײַטן, וועלכע מע היילט יאָ... האָסט עפּעס פון די טעכטער?
— אַמאָל קלינגט מען אָן. נאָר די לעצטע צײַט שווײַגט מען.
— נו, אַז מע שווײַגט און מע קלינגט ניט, איז דאָך גוט. איך וואָלט איצט אַקוראַט עמעצן געדאַרפט אָנקלינגען. ס׳איז מיר אַזוי פּאַסקודנע. טיילמאָל ווײַזט זיך מיר אויס, אַז די אויגן קריכן מיר פון קאָפּ. אַזאַ ווייטעק האָב איך. כ׳האָב מוירע, לאַנג וועל איך די ליטעראַטור ניט באַלעסטיקן. מײַן פּלעמעניצע איז אויך זייער קראַנק. איך זאָג דיר, אַז ס׳איז ניטאָ קיין קויעך צו לעבן. און איך האָב דאָפּקע ליב אַ לעב צו טאָן. איך גיי אַרויס פון רעדאַקציע, גיב אַ קוק אויף דער גאַס, מענטשן לויפן הין און הער, לויף איך אויך. מיטאַמאָל גיב איך זיך אַ שטעל אָפּ, וואָרעם איך פיל, אַז דאָס האַרץ שפּרינגט מיר אַרויס. ווייסט וואָס: דער קאָפּ טוט מיר אַזוי וויי! גיי צו דײַנעם אין שפּיטאָל, איך וועל שוין מאָרגן אַליין מאַכן.
אַזוי זאָגט בליומע. איך קוק אויף איר און איך גלייב ניט, אַז זי איז טאַקע אַזוי מעסוקן קראַנק.
און איצט?
...איצט איז בליומע ניטאָ. זי האָט שוין ניט קיין דײַגעס וועגן קיינעם. זי האָט קיין שום פראַגעס ניט צו מיר.
פאַרוואָס? פאַרוואָס האָב איך ניט געוווּסט, אַז זי וועט אַזוי גיך אַוועק? פאַרוואָס האָב איך קיינמאָל איר ניט געבראַכט קיין איין קוויטעלע? און פאַרוואָס האָט מען זי באַדעקט מיט אַ באַרג היאַצינטן, בעז, נאַרציסן, בייס זי איז אַזאַ שטרענגע שווײַגנדיקע געלעגן אין אָרן?

קינסטלער הערש אינגער

דער פידלער לעאָניד קאָגאן

טשארלי טשאפלין

אילוסטראַציעס צו שאָלעם־אַלייכעמס ווערק
„מאָטל פּייסי דעם כאַזנס״ און
„דער פּאַרקישעפּעטער שנײַדער״

פּיניע און עליע

שימען־עליע און זײַן ווײַב
ציפּע־ביילע־רייזע

מאָטל: „ייִדן, א דערקוויקעניש!“

דער יונגער דאָוויד בערגעלסאָן.
איליוסטראַציע צו דווירע
כאַראַלס זיכרוינעס

שעפּטל קאַבילעץ און עלקע רודנער.
איליוסטראַציע צו נאָטע לוריעס
ראָמאַן „הימל און ערד“

לידישע לידער

...

אינעם לויטערן באַגינען
שוועבט א ניגן זילבער־שטיל.
דארף איך ווארטער נאָך געפינען
דאפקע יענע, וואָס איך וויל,
כ'האָב א נאכט זיך אָפּגעמאטערט,
אָפּגעבערענט אין ווילדער פּלאָג,
הונדערט בייגלעך געפּאטערט —
ביז ס'איז אופגעגאַן דער טאָג!

פונעם לויטערן באַגינען
פליט צו מיר א גאָלד'נער שטראַל —
אין זיַין ליכט וועל איך געפינען
פאר מיַין ליד דעם ריינעם קוואַל.
ס'קומט דער שטראַל, מיַין ליבסטער
אוירעד,
און ער שטעלט זיך אף מיַין שוועל.
— קום אריַין און ווער געוווירע:
כ'האָב דעם לעצטן אָס געשטעלט!

...

אין א גראָוון הארבסט־טאָג,
צווישן דריבנע רעגנס צווײַ,
כ'האָב געזען, ווי ס'וויינט א בוים אין
וואלד —
מיסטאמע דערפאר,
וויַל די שווערד פונעם ערשטן פראָסט
האָט פון זיַינע צווײַגן
די בלעטער
אראָפּגעהאקט מיט געוואלט,
זיי א וואָרף געטאָן
אף דעם זשוכלען גראָז.

און עס שטייט
א נאקעטער בוים
און ציטערט
אלעמאָל, ווען ס'פליט אָן א ווינט.
ליבער בוים,
כ'ווייס, פארוואָס ס'איז דיר
אזוי קאלט, —
כ'בין אליין
א בוים
אין הארבסטיקן וואלד.

צום סקולפּטאָר

פ. קריוואָרוצקין

מיט די הענט, ווי פייגל פלינקע,
קלעפּט דער סקולפּטאָר א בילד
פון מיַין פריַינט, דעם ייִדישן דיכטער,
און מיר דוכט, די פינגער קלינגען,
ווי די גלעקלעך קליינע, מילד,
שפּילן טרוימעריש און ליכטיק.

סקולפּטאָר,
הער זיך איַין:
מיסטאמע קלעפּסטו מיַין פריַינט
פון דער זעלבער ליים,

וואָס ליגט אין זיַין אלטער היים,
איבער וועלכער טאָמיד
עס שטייט א רעגנבויגן.
מער פאר אלץ, — דו ווייסט? —
כ'האָב אין אים ליב זיַינע אויגן,
טיפע, ווי א ברונעם,
פון וועלכן דאָס וואסער
ווערט קיינמאָל ניט אויסגערונען.

שטילער... שטילער... וועסט באלד
דערהערן,

ווי דאָרט שפּיגלען זיך אַף די שטערן,
וואָס אין זײַנע לידער שײַנען;
יעדער שטערן —
פון ליד א קערן.

אזעלכע אויגן
זאָלסט אים מאכן
מיט געבענטשטע פינגער
דײַנע!

אן אויסגעהאקטע רעגע

בא יעדן זומערדיקן פארטאָג
איז פאראַן א ציטעריקע רעגע,
וואָס צאַפּלט באַם שפּיץ פונעם צונג
פון א דרעמלענדיקן בלאַט אַפן בוים,
ווי א טראָפּן אנטלאָפענער רעגן,
וואָס זײַנע ציטעריקע טריט אין דער נאכט
הערן זיך קוים.

און הײַנט
כ׳האָב געעפנט דאָס פענצטער אין באַגינען
און צוריק עס באַלד פארהאַקט —
ס׳האָט באַנאַכט
עפּעס א שלימאַזל
מײַן בוים אונטערן פענצטער
אויסגעהאַקט!

קאַיאַר

די וואָלגע איז פארנעפּלט מיט דער נאכט,
נאָר ערגעץ הינטער ווײַטע בערג זיך גאַנוועט שוין דער טאָג.
די טריבע שטילקײַט האָט זיך ווי פארטראַכט,
און זעלטן־ווען א כוואַליע טוט א קלונג, ווי אין א גלאָק.

פון הינטער בערג זיך רוקט און רוקט דער העלער וווּנדער
אַף אָנגעשטרענגטן נעפּל פון דער נאכט,
און פּלוצעם
שאַרף און מונטער
אין הימל טוט א שאָל
א הילכיק־רויטער שטראָל —

און אַלץ ארום באַגאָסן ווערט מיט בלוט!

און ס׳פּליסטערט עמעצער אין מײַן פארטויבטן אויער:
— האָסטו אצינד געזען,
ווי שווער,
אין קאַמף,
אין מוט
ווערט יעדער נײַער טאָג געבוירן?

קליינינקע פּאָרטרעטן

לונאַטשאַרסקי

אויף דער פאָטאָגראַפיע, וואָס איז דאַטירט 1914, — אַ גרופּע קינדער און דערוואַקסענע. דאָס איז די רוסישע שול אין פּאַריז. צווישן די קינדער דערקען איך בלויז מײַן עלטערן ברודער קאָליען אין אַ וויַיסינקן העמדעלע מיט אַ שניפּס און אַ ברייטן פּאַסיק — דאָס האָט ער זיך געלערנט אין דער דאָזיקער שול, — מײַן „פּריַינט״ טאַטאָשקען און זיך אַליין. איך בין אַלט דריַי יאָר. לעבן מיר איז מײַן ניאַנקע די ברעטאָנערן סעסיל. צווישן די דערוואַקסענע — מײַן באַבע און די מאַמע מיט עפּעס אַ מעשונעדיקער פריזור פון יענע יאָרן, וואָס פאַרדעקט די אויערן. די מאַנצבלען זיַינען אַלע מיט בערדלעך און אין פּענסנע. צווישן זיי — אויך מיט אַ בערדל און אין פּענסנע, אין אַ שטרויענעם קאַפּעליוש, וואָס האָט דעמלט געהייסן „קאַנאָטיע״, — אַנאַטאָלי וואַסיליעוויטש לונאַטשאַרסקי. זיַין זון — אָט ער איז עס טאַקע מײַן פּריַינט טאַטאָשקע, — אַ בלאָנדער פּעמפּיק מיט קיַילעכדיקע באַקן, זיצט אַף די קני בא זיַין ניאַנקע.

געלעבט האָבן מיר דעמלט אין פּאַריז אין איין הויז מיט די לונאַטשאַרסקיס. די מאַמע האָט געאַרבעט אין אַ שפּיטאָל, וואָס איז, גליַיך ווי די מילכאָמע איז אויסגעבראָכן, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מיליטערישן האָספּיטאַל.

לעבן אונדזער הויז איז געווען דער פּאַרק מאָנסורי — ער איז אַצינד אויך דאָ, דעמלט אָבער איז עס אויסגעקומען אין סאַמע עק פּאַריז, — באַלד פון יענער זיַיט פּאַרק האָבן זיך אָנגעהויבן די אַזויגערופענע פאָרטיפיקאַציעס, עפּעס אַזוינע ערדענע אָנשיטן פון פאַר מעסושעלעכס ציַיטן, ווו מע פלעגט אַלע טאָג מושטרירן אונדזערע ליבלינגען — די סאָלדאַטן. איבעריקנס, זיַינען מיר געווען אויך זייערע ליבלינגען, און ס׳האָט זיי לאַכלוטן ניט געקימערט, אַז מיר פלעגן זיך ארופוואַרפן אַף זיי בעשאַס די איבערריַיסן אַף צו פאַררייכערן.

מיר — דאָס זיַינען טאַטאָשקע לונאַטשאַרסקי, באַבאַס קריסטי און איך. די „ניאַנקע״ אונדזערע איז געווען אַנאַטאָלי וואַסיליעוויטש. אין דער ציַיט, וואָס מיר האָבן געקאָמאַנדעוועט און זיך געשלאָגן — און שלאָגן, זאָגט מען, האָבן מיר זיך געשלאָגן מיט טאַטאָשקען ניט אַף קיין קאַטאָוועס, געריסן איינער דעם אַנדערן פאַר די האָר, — און באַבאַס פלעגט אונדז צעגעמען, איז אַנאַטאָלי וואַסיליעוויטש זיך רויִק געזעסן אַף אַ בענקעלע און געשריבן אָדער אויסגעפּאַרכטט זיַינע אַרטיקלען.

פון יענע יאָרן זיַינען פאַרבליבן נאָך עטלעכע פאָטאָגראַפיעס און צווישן זיי איינע אַזאַ — אונדזער דריַיליַינג און מײַן שוועסטערקינד לענע. איך האָב אַ לאַנגע ציַיט געטראַגן אין זיך אַ שטילע סינע צו דער דאָזיקער פאָטאָגראַפיע — די ייִנגלעך זיַינען ווי אַלע ייִנגלעך, אין הייזלעך און אין רעקלעך, דאָס מיידעלע איז ווי אַלע מיידעלעך, און נאָר איך בין עפּעס ניט דאָס און ניט יענץ — אַ סאַמעטן קליידעלע(!), אַ קעלנערל מיט שפּיצן, און לאַנגע גילדענע לאָקנס ביז די אַקסל. טפו! אַ מיִעסקיַיט צו קוקן...

אין דעם זשורנאַל „נאָווי מיר״ נומ. 9 פאַרן פאַריקן יאָר איז אָפּגעדרוקט אַ ציקל פאַרצייכענונגען פון וויקטאָר נעקראַסאָוו „אין לעבן און אין בריוו״, אין וועלכע עס גייען אַריַין צוויי פון די דריַי פאַרצייכענונגען, וואָס מיר פאַרעפנטלעכן הײַנט. אָף וויפל אָבער דער אווטאָר האָט אונדז זיַינערציַיט איבערגעגעבן די פאַרצייכענונגען אונטערן נאָמען „קליינינקע פּאָרטרעטן״, פאַרהיטן מיר דעם פריִערדיקן נאָמען פונעם ציקל. — רעד.

וויאַזוי אנאטאָלי וואסיליעוויטש האָט אַף יענעם בענקעלע געשריבן זײַנע ארטיקלען, געדענק איך עפּעס ניט זייער, אונדז איז מער אָנגעגאנגען זיך שלאָגן אָדער האָדעווען אין דער אָזערע די שוואנען און די ענטלעך, וואָס האָבן דעמלט בא אונדז א נאָמען געהאַט „לע־גא־גא“. דערפאר אָבער געדענק איך בוילעט ביז הײַנט לונאטשארסקין, ווען ער האָט אויסגעזען ווי א מין היבריד פונעם דעד־מאָראָז[1] און א שעד אַף איינער פון די קינדער־„יאָלקעס“. ער האָט אָנגעפּרענדעט אַף זיך דער מאמעס פּעלץ פון ציגן־פוטער, האָט זיך געמאכט עפּעס א מינע הערנער און אפילע, ווי מיר דאכט, אן עק און האָט אונדז זייער געסטראשעט און פריילעך געמאכט.

דערנאָך איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע. די סאָלדאטן זײַנען פון די פאָרטיפיקאציעס פארשוונדן, און אין הימל האָבן זיך באוויזן דײַטשישע צעפּעלינען. אין איינער א נאכט האָט מען מיר אפילע געוויזן א צעפּעלין — איך האָב אַלץ געקליאנטשעט, מע זאָל מיר ווײַזן, — אָבער כוץ די שטראַלן פון די פּראָזשעקטאָרס האָב איך גאָרנישט ניט דערזען. נאָר אויך דאָס איז געווען גאַנץ גענוג.

ערגעץ אין אָנהייב 1915 האָבן מיר דורך ענגלאנד און שוועדן זיך אומגעקערט אהיים און זיך באזעצט אין קיִעוו. די לונאטשארסקיס און קריסטי האָבן פארלאָזט פראנקרײַך עטוואָס שפּעטער, זיי זײַנען אויך געפאָרן מיטן יאַם, אָבער מיטן דאָרעמדיקן וועג, דורך גריכנלאנד, און זיי האָבן זיך פארפונדעוועט אין מאָסקווע.

באגעגנט האָב איך זיך דערנאָך מיט אנאטאָלי וואסיליעוויטשן בלויז איין מאָל, אין פופצן יאָר ארום נאָכן פּארק אין מאָנסורי, אין 1929. ביז דעם בין איך געהאט ארײַנגעגאנגען צו אים, ריכטיקער צו טאָטאָשקען, ווען מיר ביידע זײַנען אַלט געווען צו פערצן־פופצן יאָר. געלעבט האָבן זיי דעמלט אין קרעמל, ווו איך בין געווען צום ערשטן מאָל און ווו איך האָב אונטער דער גינציקער אָנפירונג פונעם היגן אבאָריגען טאָטאָשקען צום ערשטן מאָל דערזען דעם „צאר־קאָלאָקאָל“ און די „צאר־פושקא“[2]. טאָטאָשקעס טאטע איז יענעם טאָג ניט געווען אין דער היים. איך מיט טאָטאָשקען זײַנען אוועקגעלאָפן אין דער טרעטיאקאָווקע — דאָרט בין איך אויך געווען צום ערשטן מאָל — און דאָרט, געדענק איך, האָבן מיר לאנג, ביז טרערן געקײַכט פון געלעכטער, קוקנדיק אַף קאָניאָנקאָווס זקיינימלעך — וואלד־שרעטעלעך. קיין אנדערע דערײַנערונגען וועגן מײַן באקאנטשאפט מיט דער טרעטיאקאָווקע האָב איך ניט פארהיט.

אין 1929 בין איך געפאָרן צו לונאטשארסקין, ווײַל דערויף זײַנען באשטאנען מײַנע עלטערן. די מײַסע איז געווען אזא: אין דעם דאָזיקן יאָר האָב איך ניט אויסגעהאלטן אין קונסט־אינסטיטוט. מײַנע גוטווינטשער, וואָס האָבן געזוכט א זכוס אַף מיר, האָבן דערקלערט מײַן דורכפאל דערמיט, וואָס די סאָציִאלע אָפּשטאמונג בא מיר איז, אזוי צו זאָגן, ניט אזא פויגלדיקע, איך אָבער האָב גוט געוווּסט, אז געשען איז עס איבער אן אנדער סיבע. פּאָשעט, מע האָט אַף דעם עקזאמען געדארפט אָנמאָלן מיט אייל־פארבן א פּאָרטרעט, איך האָב אָבער געקענט בלויז צייכענען, און דער איין־און־איינציקער און ערשטער אין מײַן לעבן לימעד פון מאָלן (א טאָג פארן עקזאמען) האָט קוים געקאָנט ראטעווען די לאגע. עפּעס אזוינס עקלהאפט־גרינס, וואָס איז געווען אומבאהאָלפן צעשמירט איבערן לײַוונט, האָט געקאָנט בלויז ארופווארפן א גרויל אַף דער אופנאם־קאָמיסיע (דאָס, ווארשײַנלעך, איז טאקע געשען) און פאר מיר אַף אייביק פארמאכן די טירן פונעם קונסט־אינסטיטוט.

און אָט דעמלט, קענטיק, האָבן די זעלבע גוטווינטשער געייצעט מײַנע עלטערן זיך ווענדן נאָך הילף צו אונדזער געוועזענעם שאָכן אַף רי ראָלי, 11. דאָס צעטעלע, אין וועלכן עס זײַנען אָפּגעמערקט געוואָרן מײַנע „אויסערגעוויינלעכע ארכיטעקטור־פייִקײַטן“, וואָס איז געווען אדרעסירט דעם רעקטאָר פונעם אינסטיטוט, האָט זיך פארהיט בא מיר ביז הײַנט און האָט אָפּגעשפּילט, מיין איך, זײַן ראָל אין א יאָר ארום, ווען איך האָב געהאלטן עקזאמען שוין ניט אין קונסט־אינסטיטוט, נאָר אין בוי־אינסטיטוט.

דאָס דאָזיקע צעטעלע טאקע האָט געדינט אַלס א טערעץ פאר מײַן וויזיט צו אנאטאָלי וואסיליעוויטשן. מע האָט באדארפט, באנוצנדיק זיך מיט א נעסיִע קיין מאָסקווע (איך האָב דעמלט געארבעט אַף דער בויונג פונעם קיִעווער וואָקזאל און האָב געהאט אן אומזיסטיקן באן־בילעט), ארײַנגיין און אָפּדאנקען מײַן געוועזענער „ביאנקע“ פאר דער טויווע. אגעוו, פאר דעם נאָך האָט לונאטשארסקי צוויי מאָל (אין 1924 און אין 1928) געגעבן מײַן באָבען רעקאָמענדאציעס

[1] דעד־מאָראָז — בוכשטעבלעך: דער זיידע־פראָסט. א פאנטאסטישע באשעפעניש, וואָס פּערזאָניפיצירט דעם ווינטער. אן ערעך דאָס זעלבע, וואָס דער יידישער פעטער־שנייער.

[2] נעמען פון א ריזיקן גלאָק און א ריזיקן הארמאט, וועלכע געפינען זיך אין מאָסקווער קרעמל און ווערן אָפּגעהיט ווי היסטאָרישע דענקמעלער.

אַף צו פאָרן אין דער שווייץ צו איר יִינגערער טאָכטער ווערע, וואָס האָט דאָרטן כאַסענע געהאַט און איז שוין מער קיינמאָלֿ אין רוסלאַנד ניט געווען. איך געדענק, אַז אין די דאָזיקע רעקאָמענדאַציעס האָט מיך מער פאַר אַלץ איבערראַשט, וואָס אין דער כאַראַקטעריסטיק, וועלכע אַנאַטאָלי וואַסילִיעוויטש האָט געגעבן דער באָבען, איז געווען געזאָגט, אַז זי איז „לאָיאַלֿ“ לעגאַבע דער ראַטנמאַכט. לאָיאַלֿ? דאָס הייסט דאָך בלויז טאָלעראַנט, ניט מער... אַרייַנגעקוקט אין דאַלס ווערטערבוך און מיט פרייד אַנטדעקט, אַז אין אָט דעם באַגריף ווערט אויך אייַנגעשלאָסן „ווינטשן גוטס“, האָב איך זיך באַרויִקט.

האַקלאַלֿ, דעם 25 דעקאַבער 1929 בין איך מיט האַרצפּלאַטערניש אַרייַנגעשטיגן אין אַ לִיפט פון אַ גרויסן זעקס־ אָדער זיבנשטאָקיקן מויער אַף דענעזשני גאַסלֿ, זיך אופגעהויבן ביז אַרויף און אָנגעדריקט דאָס גלעקלֿ אַף אַ טיר מיט אַ שילדלֿ: „פאָרזיצער פונעם פאַרוואַלטונג־קאָמיטעט פון וויסנשאַפט־ און לערן־אַנשטאַלטן אַנאַטאָלי וואַסילִיעוויטש לונאַטשאַרסקי“.

די טיר האָט מיר געעפנט אַ שטוב־מיידלֿ. איך האָב זיך אָפגערעקאָמענדירט, און בוכשטעבלעך אין אַ מינוט אַרום האָט אין פאָדערצימער זיך באַוויזן דער באַלעבאָס מיט אַ סערוועטלֿ אַפן האַלדז.

— אַ, וויקטאָר! — מיטן אַקצענט אַפן „אָ“, אַפן פראַנצויזישן אויפן, האָט ער גאַסטפרייַנטלעך און לוסטיק געזאָגט: — זייער גערן! און זייער צו דער צייַט! מיר עסן פונקט מיטיק...

איך בין פאַרבעטן געוואָרן צו אַ טיש מיט אַ שניי־ווייַסן סערוועט און מיט אָן אַ שיר טעלערס און טעלערלעך, בין פאָרגעשטעלט געוואָרן דער פרוי, נאַטאַליאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ ראָזענעלֿ, וועלכע איז מיר געווען גוט באַקאַנט לויט די קינאָפילמען „מיס מענד“ און „די בערן־כאַסענע“, און אָנגעהאָדעוועט געוואָרן מיט אַ ביז גאָר געשמאַקן מיטיק. דערנאָך, אין דער היים, האָט מען מיך, נאַטירלעך, געפרעגט, וואָס זשע אַזוינס האָט מען דערלאַנגט צום טיש, נאָר איך האָב גאָרנישט ניט פאַרגעדענקט, אויסער דעם, אַז ס'איז געווען אַ סאַך פאָרצעלייַ, פאַרשיידענע מעסערלעך און גאָפעלעך, און אַז מער פאַר אַלץ האָב איך מוירע געהאַט, כ'זאָלֿ כאָלילע ניט אויוועך זייַן אַפן עטיקעט און נעמען עפּעס ניט דאָס און ניט אַזוי, ווי מע דאַרף.

דער שמועס באַם טיש איז געווען אַ לעבהאַפטיקער, נאָר געגאַנגען אַ רייד איז דעריקער וועגן דער באָבען און דער מאַמען.

— דו מאָלֿ זיך נאָר אויס, — האָט אַנאַטאָלי וואַסילִיעוויטש לאַכנדיק געזאָגט צו זייַן פרוי, — באַ דעם דאָזיקן יונגנמאַן, ווען איך האָב אים געפּיטערט אין מאָנסורי, זייַנען דאָך געווען אינגאַנצן גאָלדענע לאָקנס, ווי באַם קלײנינקן לאָרד פאַונטלעראָי.

מיך, כאָטש איך בין שוין אַלט געווען אַכצן יאָר, האָט דער דאָזיקער פאַרגלייַך בעפיירעש פאַרדראָסן — ווייניקער פון אַלץ האָב איך געוואָלט ווען־ניט־איז און מיט וואָס־ס'ניט־איז זייַן ענלעך אַף אַ לאָרד, דערפאַר בין איך ניט אָן אַ מיין אפילע געקומען צום פאָלקס־קאָמיסאַר אין עפּעס אַן אָפּגעבליאַקעוועטער בומאַזייענער בלוזע מיט אַ פּאַסיק פון אויבן, און דערמיט האָב איך פאָשעט דערשיטערט מייַנע עלטערן. „צי דען האָסטו ניט געקאָנט אַ ביסלֿ מער אָנשטענדיק זיך אָנטאָן? וואָלסט געגומען באַ עמעצן אַ ווייַס העמדעלע, אַ רעקלֿ? אַף דעם איז דאָך אַ ביזאָיען אַ קוק צו טאָן...“

דערנאָך האָט מען גערעדט וועגן מייַנע ווייַטערדיקע פלענער — איך האָב פעסט באַשלאָסן צו ווערן אַן אַרכיטעקטאָר, — וועגן דעם, אַז דאָס איז זייער אַן אינטערעסאַנטער פאַך און אַז ביכלאַלֿ וואָלטן סטודענטן פון דעם דאָזיקן פּראָפילֿ — נאַטאַליאַ אַלעקסאַנדראָוונעס ווערטער — זיך געדאַרפט באַקענען מיטן פּאַרטענאָן און מיטן רוימישן פאָרום אין דער נאַטור, און ניט בלויז לויט אַלבאָמען.

— מיר וועלן אויך דערצו דערלעבן אַמאָלֿ, — האָט וויַיך, צי עפּשער ביטער אַ שמייכלֿ געטאָן בלויז מיט די אויגן דורך די פּענסנע לונאַטשאַרסקי, — און דערווייַלֿ דאַרף מען נאָך אָנקומען אין אינסטיטוט. „ניט אַזוי דען, וויקטאָר?“

איך האָב גוט פאַרגעדענקט אָט דעם „ניט אַזוי דען?“ — ס'איז גיכער אַ פראַנצויזישער ווי אַ רוסישער רעדנסאַרט — זייער אַ טיפּישער פאַר די פראַנצויזן.

איך האָב מיט טקיפעס דערקלערט, אַז איך וועלֿ אומבאַדינגט אָנקומען און, פאַרשטייט זיך, אפילע קיין וואָרט ניט געלאָזט פאַלן וועגן צעטעלע, וועגן יענעם צעטעלע, וואָס, אייגנטלעך, צוליב דעם בין איך אַהער געקומען.

דער מאָלצייַט האָט זיך געענדיקט. אַנאַטאָלי וואַסילִיעוויטש האָט מיך אוועקגעפירט צו זיך אין קאַבינעט — זייער אַ קלײנינקן, אינגאַנצן, פון דעם דילֿ ביזן סופיט, אָנגעשטעלט מיט ביכער. די קלײנע מאַסשטאַבן פון דעם דאָזיקן קאַבינעט האָבן מיך פונקט אַזוי איבערראַשט, ווי די גראַנדיִעזע מאַסשטאַבן פון דעם גאַסטצימער, מיטן גרויסן, שיר ניט די גרייס ווי די גאַנצע וואַנט, האַלבקייַלעכיקן פענצטער, און, וואָס דאָס איז מיר באַזונדערס געפעלן געוואָרן, מיט

אינווייניקסטע טרעפּ, וואָס פירן אַף עפּעס אַזעלכע כאָרן[1], וועלכע זײַנען, פּונקט ווי דער קאַבי־נעט, אָנגעשטעלט מיט ביכער. עפּעס ענלעכס האָב איך דערנאָך געזען אין קאָקטעבעל, אין וואָלאָשינס הויז. אויב איך וועל ווען־ניט־איז זיך אויסבויען אַ דאַטשע אָדער אַ ווילע, וועל איך אומבאַדינגט זיך אויך מאַכן אַזעלכע טרעפּ און כאָרן.

אין קאַבינעט זײַנען מיר באַוויזן געוואָרן אייניקע אַזוינע ביכער וועגן קונסט, פון וועלכע איך בין געבליבן געפּלעפט, און דערנאָך איז אַנאַטאָלי וואַסיליעוויטש צוגעגאַנגען צו אַ פּאָ־ליצע, געגעבן דאָרט אַ נישטער, אַרויסגענומען אַ קליין ווײַס ביכעלע און עס מיר דערלאַנגט מיט אַ ווידמונג. דאָס ביכעלע האָט זיך אויך פאַרהיט בא מיר. עס הייסט „וועגן אַנטיסעמיטיזם".

פאַרוואָס האָט ער מיר געשאָנקען גראָד אָט דאָס ביכל און ניט קיין אַנדערס, קאָן איך ביז הײַנט ניט פאַרשטיין, נאָר קימאַט אין פערציק יאָר אַרום האָב איך אומגערן זיך דערמאָנט עטלעכע שורעס פון דאָרטן.

דאָס איז געווען דעם 29 סענטיאַבער 1966, אין טאָג פונעם 25־טן יאָרצײַט זינט דער ערשטער מאַסן־צעשיסונג אין באַבי יאַר. פון דעם יאַר אַלס אַזעלכן איז שוין קיין זייכער ניט פאַרבליבן: ער איז צעוואַשן געוואָרן און זיך פאַרוואַנדלט פּאַשעט אין אַ פּוסטן פּלאַץ, פאַרוואַקסן מיט בוריאַן. און אַף אָט דעם וויסטן אָרט האָבן אין יענעם טאָג זיך פאַרזאַמלט טויזנטער מענטשן, קעדיי צו באַערן דעם אָנדענק פון צעשאָסענע דאָ עלטערן, פרײַנט אָדער פּאַשעט אומגעקומענע. מענטשן האָבן געוויינט אָדער מיט אַ שווער געמיט געשוויגן, פאַנאַנדערגעוואָרפן בלומען פּאַשעט אַזוי, אַף דער ערד — קיין שום דענקמאָל איז אַף אָט דעם אָרט ניט געווען.

עפּעס האָט מיך געצווונגען זיך צו ווענדן צו אָט די יאָמערנדיקע מענטשן, זיך ווענדן מיט אַ קורץ וואָרט וועגן דעם, אַז אַף דעם אָרט, אַף אָט דעם אָרט, ווו עס זײַנען דערשאָסן געוואָרן הונדערט טויזנט לאַכלוטן אומשולדיקע מענטשן, וועט שטיין אַ דענקמאָל! ער קאָן נישט ניט אוועקגעשטעלט ווערן טאַקע גראָד דאָ, ווו צום ערשטן מאָל פאַר דער גאַנצער מילכאָמע האָט דער פאַשיזם אין אַזעלכע אומגעהערטע ביז איצט מאַסשטאַבן פאַרווירקלעכט אין דער פּראַק־טיק זײַן „ראַסן־טעאָריע". דערנאָך איז דאָס דאָזיקע אָרט געפעלן געוואָרן און זיי האָבן אָנגע־הויבן צו דערשיסן אַלעמען נאָכאַנאַנד, ניט רעכענענדיק זיך מיט דער נאַציאָנאַליטעט.

דערמאָנענדיק דאָס, האָב איך געבראַכט די ווערטער פון לונאַטשאַרסקיס בוך: „אַנטיסעמי־טיזם איז די סאַמע באַקוועמע מאַסקע, וואָס עס קאָן נאָר אַף זיך אָנטאָן אַ קאָנטררעוואָלוציאָ־נער". מיט די דאָזיקע ווערטער הייבט זיך אָן דאָס בוך. דערשינען איז עס אין 1929, היטלער איז נאָך ניט געווען, און אַנאַטאָלי וואַסיליעוויטש האָט דעמלט ניט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַרא פאָרמען עס קאָן אָננעמען די דאָזיקע גרויזאַמע דערשײַנונג. מיט פיר יאָר שפּעטער האָט ער עס דערזען מיט די אייגענע אויגן, ווען ער, באַשטימט אַלס אַמבאַסאַדאָר אין שפּאַניע, איז דורכגעפאָרן דורך דעם שוין פאַשיסטיש געוואָרענעם דײַטשלאַנד. אָבער אָנשרײַבן וועגן דעם איז אים שוין ניט באַשערט געווען. ניט דערפאָרנדיק ביז מאַדריד, איז ער געשטאָרבן אין פראַנקרײַך, אין מענטאָן, אין 1933.

...געזעגענענדיק זיך שוין אין קאָרידאָר, האָט ער זייער פרײַנטלעך, לאַכלוטן ניט גרויס־האַלטעריש, מיר געדריקט די האַנט און געבעטן, אַז ווען איך וועל זײַן אין מאָסקווע, זאָל איך זיך ניט זשענירן און פּאַשעט און פּראָסט אַרײַנקומען — ער און נאַטאַליאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ וועלן שטענדיק זײַן צופרידן מיך זען.

— איך האָף, — האָט ער געזאָגט שמייכלענדיק, — אַז דאָס קומענדיקע מאָל וועט צו מיר אַרײַן שוין אַ סטודענט פון אָן אַרכיטעקטור־אינסטיטוט... ניט אַזוי דען? (ווידער „ניט אַזוי דען?" — «Nést ce pas?»). און גיי אומבאַדינגט אַרײַן צו טאַטאַ. ער וווינט מיט דער מו־טער אין לעביאַזשי געסל. פאַרשרײַב דעם אַדרעס.

דעם אַדרעס האָב איך פאַרשריבן, נאָר ניט אַנאַטאָלי וואַסיליעוויטשן, ניט טאַטאָשקען האָב איך שוין מער קיינמאָל ניט געזען. איך ווייס נאָר, אַז טאַטאָשקע האָט אָנגעהויבן שרײַבן — צוערשט צוזאַמען מיט דער מוטער, אַנאַ אַלעקסאַנדראָוונען, אונטערן פּסעוודאָנים „ברידער זאַנ־זיבער", דערנאָך אונטער זײַן אייגענער פאַמיליע. בעשאַס דער מילכאָמע איז ער געווען אַ קאָ־רעספּאָנדענט אַפן שוואַרציאַמישן פלאָט. ער איז געפאַלן מיט אַ העלדן־טויט אין סענטיאַבער 1943 בייס דעם נאָוואָראָסיסקער דעסאַנט, וואָס האָט קיין גלײַכן ניט געהאַט צו זיך, אַזוי שווער און האָזעדיק דרייסט איז ער געווען.

אינעם זשורנאַל „מאָסקווע" נומ. 5 פאַרן יאָר 1967 איז אָפּגעדרוקט זײַן פאַרצייכענונג — „אַף יעגער־קאַטיערס", נאָטיצן פונעם פראָנט־טאָגבוך און עטלעכע בריוו צו דער מאַמען, וואָס ער האָט ניט בלויז ליב געהאַט, נאָר ער איז געווען מיט איר אַפּאַנעמען באַפרײַנדעט. דאָרטן,

[1] אָן אינווייניקסטע אָפענע גאַלעריי אָדער אַ באַלקאָן פאַזע די ווענט.

אין זשורנאל, איז אויך דאָ זײַנע א פאָטאָגראַפיע פונעם 1940 יאָר. א שיינער, יונגער מענטש, מיט א לענגלעך פּאָנעם, מיט קלוגע, עטוואָס טרויעריקע אויגן און קליינינקע וואָנצעלעך. איך האָב אים אזא ניט געקענט. דעמלט, אין דער טרעטיאַקאָווקע, זײַנען בא אים קיין שום שפּורן פון טרויער ניט געווען, און קינדווײַז, ווען מיר האָבן איינער דעם אנדערן געשלעפּט בא די האָר, אוואדע ניט.

און אין אנאטאָלי וואסיליעוויטשעס ווינונג (דאָרט איז איצט א מוזיי) איז מיר אויסגעקומען נאָכאמאָל צו זײַן שוין נאָך דער מילכאָמע, דאָס מאָל — צוגאסט בא נאטאליא אלעקסאנדראָוונען, מיט וועלכער כ׳האָב צום צווייטן מאָל זיך באקענט צוליב איר ברודער י. א. סאַץ, וואָס איז אמאָל געווען לונאטשארסקיס ליטעראַרישער סעקרעטאַר.

און ווידער בין איך געזעסן בא דעם זעלבן טיש, אפילע אָף דעם זעלבן אָרט און, דורכגייענדיק דורך דעם גאסטצימער מיט די אינווייניקסטע טרעפּ, האָב איך ניט ווילנדיק ווידער א טראכט געטאָן וועגן מײַן קינפּטיקער דאטשע אָדער ווילע. און אָנטועענדיק דעם מאנטל אינעם פּאָדערצימער, האָב איך זיך דערמאָנט, ווי אנאטאָלי וואסיליעוויטש האָט דאָס לעצטע מאָל מיר געדריקט די האנט, איך האָב זיך דערמאָנט אין זײַנע אויגן, וואָס האָבן געלאכט דורך די ניט אײַנגעפּאסטע גלעזלעך פון די פּענסנע, און אין זײַן לעצטן „ניט אזוי דען?“ — «Nést ce pas?»

וואסילי גראָסמאַן

אין סטאלינגראַד, ניט אָפט, נאָר עס פלעגן פונדעסטוועגן זיך באווײַזן זשורנאליסטן און שרײַבער. וועגן איינעם פון זיי, וואָס איז דעם ברייטן לייענער ווייניק באקאנט, האָב איך אָנגעשריבן ניט קיין גרויסע דערציילונג „דער נײַיִנקער“. אָבער דאָס איז געווען, אזוי צו זאָגן, א פּאל אן עקסטראָאָרדינאַרער, געוויינלעך אָבער פלעגן „פען־מענטשן“ זיך באווײַזן ניט אָף לאנג און ניט שטענדיק האָבן זיי זיך אראָפּגעלאָזט נידעריקער פונעם ארמיי־שטאב.

וואסילי סעמיאָנאָוויטש גראָסמאן פלעגט זײַן ניט בלויז אין די דיוויזיעס, נאָר אויך אין די פּאָלקן און אָף דער פּאָדערליניע.

געווען איז ער אויך אין אונדזער פּאָלק. גענוי ווען — געדענק איך ניט, יעדנפאלס, נאָך דעם, ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער אָנגריף, ווײַל צו יענער צײַט, ווען ער איז אראָפּגעקומען צו אונדז, האָבן מיר שוין געהאט געלייענט „מיט די אויגן פון טשעכאָוון“ און „די ריכטונג פונעם הויפּט־קלאַפּ“.

צו אונדז איז ער אראָפּגעקומען ניט בלויז דערפאר, וואָס מיר זײַנען געזעסן הארט לעבן די באַרימטע „קעסלען“ אפן מאמײַעווער קורגאן, דעם סאמע „מײַרעוודיקן“ באצירק פונעם סטאלינגראדער פראָנט, נאָר אויך דערפאר, וואָס זײַן פּלעמעניק, דער קיעווער יאט בעניאש, א שטאלטנער, שווארץ־קוטשעראווער העפקערדיק־פריילעכער און פריילעך־העפקערדיקער יונג, דער ליבלינג פונעם גאנצן פּאָלק, איז געווען דער קאָמאנדיר פון אונדזער ערשטן באטאליאָן. אָבער באגעגענען זיך מיט אים איז גראָסמאנען ניט געלונגען — בעניאש איז אומגעקומען נאָך איידער דער אָנגריף האָט זיך אָנגעהויבן, אומגעקומען נאריש, מעגלעך פון א ווילדער קויל, צי עפשער פון א צופעליקן שפּליטער אין יענער זעלטענער שאָ, ווען אפן פראָנט איז גראָד געווען שטיל.

מיר האָט אין יענעם טאָג, ריכטיקער, אין יענער נאכט, ווען גראָסמאן איז געקומען, ניט אָפּגעגליקט: ס׳איז מיר ניט געלונגען זיך צו טרעפן מיט אים, כאָטש עס האָט זיך זייער געוואָלט, — די צײַטונגען מיט זײַנע, פּונקט ווי מיט ערענבורגס, קאָרעספּאָנדענצן האָט מען בא אונדז געלייענט, ביז ס׳פלעגט פון זיי קיין פּיצל ניט בלײַבן. גראָד אין דער נאכט בין איך געווען אָף דער פּאָדערליניע, און ווען איך האָב זיך אומגעקערט, איז ער שוין ניט געווען: אוועק אין א שכיינעסדיקן פּאָלק.

באגעגנט האָב איך זיך מיט וואסילי סעמיאָנאָוויטשן שוין נאָך דער מילכאָמע אינעם שטילן, נאָך דאן ניט פּאָפּולערן, ניט אלפארבאנדישן קאָקטעבעל, ווען אינעם שרײַבער־הויז האָבן געלעבט ניט קיין צוויי — דרײַ הונדערט מענטשן, ווי אצינד, נאָר דרײַסיק — פערציק, ניט מער.

צוערשט האָבן מיר זיך פּאָשעט געגריסט, ווי געוויינלעך, אז מע רוט אָפּ אין איין הויז, — מיט זײַן גאנצן מאָרעשכוירעדיק־שווײַגנדיקן אָנבליק האָט ער ניט ארויסגערופן קיין כיישעק,

מע זאָל װעלן נעענטער מיט אים זיך טרעפֿן. שפּאַצירן פֿלעגט ער אַלײן, באָדן זיך פֿלעגט ער אפן סאַמע ראַנד פֿונעם באַרימטן מיט זײַנע צירשטײנדלעך ברײטן און לאַנגן קאָקטעבעלער פּליאַזש. געװען אָפּגעװײַטערט פֿון מענטשן און אײנזאַם. איך האָב געקוקט אף אים פֿונדערװײַטנס מיט אָפּשײַ, אָבער צוגײן צו אים האָב איך זיך ניט אַנטשלאָסן.

נאָר עפּעס אײנמאָל באַנאַכט, װען גאַנץ קאָקטעבעל איז אַנשטילט געװאָרן און בלױז די ציקאַדעס האָבן מעשוגענערװײַז געקלונגען, האָב איך זיך פֿון ערגעץ אומגעקערט אַהײם און אף דער אונטערשטער װעראַנדע פֿון דעם גרױסן גרױען הױז, װוּ מיר האָבן דעמלט געװױנט, דערזען זיצן אין אַ לעדערנעם פֿאָטעל אַ מענטשן, װאָס האָט געלאָסן זיך גערײכערט אַ ציגאַר.

פֿאַרבײַגײענדיק — איך האָב דערקענט, אַז ס׳איז גראָסמאַן, — האָב איך אַ זאָג געטאָן עפּעס אַזױנס װי „עס שלאָפֿט זיך ניט?“, צי „מע רײכערט?“. ער האָט עפּעס געענטפֿערט, מעגלעך עפּעס װעגן די שטערן צי עפּשער װעגן די ציקאַדעס, און דאָ האָט מיטאַמאָל זיך אָנגעקניפּט אַ שמועס. מיר זײַנען אַזױ אָפּגעזעסן אַ שאָ, אַנדערהאַלבן. נו, נאַטירלעך, מילכאָמע, סטאַלינגראַד, טרעבלינקע. פֿון אָט דעם באַנאַכטיקן שמועס ציט איר אָנהײב אונדזער פֿרײַנטשאַפֿט, אױב מע קאָן אַזױ אָנרופֿן באַציִונגען צװישן מענטשן, װאָס װױנען אין פֿאַרשײדענע שטעט און טרעפֿן זיך ניט גאָר אָפֿט.

אָבער אין יענעם קאָקטעבעלער זומער האָבן מיר זיך באַגעגנט טאָג־אײַן, טאָג־אױס, און גערעדט האָבן מיר שױן ניט נאָר װעגן סטאַלינגראַד און די דײַטשישע קאָנצלאַגערס. קײן שום מאָרעשכױרע האָט באַ װאַסילי סעמיאָנאָװיטשן זיך ניט אַרױסגעװיזן, בלױז די אױגן זײַנע הינטער די פֿאַרגרעסער־גלעזער פֿון די ברילן פֿלעגן אָפֿט זײַן אומעטיק און פֿאַרטראַכט. אָבער זײ האָבן אױך געקאָנט שמײכלען, װײך און איראָניש. ער האָט ליב געהאַט און פֿאַרשטאַנען הומאָר — אַ מײַלע, װאָס אָן איר איז שװער און ניט פֿרײלעך צו לעבן אף דער װעלט.

אַנומלטן האָט עמעץ־װער פּירגענומען אַן עקסקורסיע קײן סודאַק, אײנעם באַרימטן זאַװאָד פֿון שאַמפּאַניער װײַנען „נאָװי סװעט“. דאָרטן, האָט מען געהערט זאָגן, אַרבעטן אױס די שפּאַנישע קינדער, װעלכע מע האָט בעשײַטע עװאַקוִירט און װעלכע זײַנען איצט געװאָרן דערװאַקסענע, אַזאַ שאַמפּאַניער װײַן, װאָס דעם „סעקרעט“ זײַנעם װײסן נאָר זײ. װיִאַרום און פֿונװאַנען האָבן זײ צו זײערע פֿינף — זיבן יאָר, װען מע האָט זײ אַרױסגעפֿירט פֿון שפּאַניע, געקאָנט דערװיסן זיך דעם דאָזיקן „סעקרעט“, — האָט קײנער קײן אַנונג ניט געהאַט, פֿונדעסטװעגן האָבן מיר אַלע זיך אַרײַנגעזעצט אין אױטאָבוס און זיך געלאָזט פֿאָרן קײן סודאַק.

געקומען. אַ זאַװאָד װי אַלע זאַװאָדן. אונטער דער ערד קעלערס. אין די קעלערס פּעסער. אין די פּעסער שאַמפּאַניער. װאָס שײַעך די שפּאַניער, קאָן איך גאָרנישט ניט זאָגן, עפּעס האָב איך זײ ניט באַמערקט. װאָס שײַעך אָבער דעם שאַמפּאַניער... אפֿן װעג צו די קעלערס, פֿאַרבײַגײענדיק עפּעס אַ „טרינק־שטיבל“, האָט װאַסילי סעמיאָנאָװיטש אָנגעהױבן פֿאַמעלעכער שטעלן די טריט און, טוענדיק אַ לײַכטן שמײכל מיט די אױגן, געזאָגט ניט הױך:

— נו, און װי װעט זײַן, אױב מיר װעלן ביז יענעם שאַמפּאַניער...

ביז צו די קעלערס זײַנען מיר טאַקע אַזױ ניט צוגעקומען. דערנאָך האָט מען אונדז געזאָגט, אַז דאָרט איז געװען זײער אינטערעסאַנט.

— אַגעװ, איז שאַמפּאַניער װײַן קלאָל ניט מײַן געטראַנק, — האָט זיך מוידע געװען װאַסילי סעמיאָנאָװיטש.

— און אױך ניט מײַן געטראַנק, — האָב איך מאַסקים געװען, און מיר האָבן זיך אַרײַנגעלאָזט אין אַ שמועס װעגן די אױסשליסלעכע מײַלעס פֿונעם פּױלישן סאַמאָהאָן „בימבערא“. װאַסילי סעמיאָנאָװיטש, װי יעדער שעמעװדיקער מענטש (און ער איז געװען אַ בײַשן, דאָס הײסט ער האָט מוירע געהאַט אױסזען, װי אײנער, װאָס דערקוטשעט יענעם, עסט זיך אײַן), פֿלעגט נאָך אַ קעלישעקל זיך פֿילן עטװאָס פֿרײַער און שױן ניט מוירע געהאַט צו „פֿאַרײדן“ יענעם — די דאָזיקע מוירע, אַגעװ, איז געװען מער װי אומבאַגרינדעט.

גערעדט האָט ער שטענדיק ניט הױך, האָט ניט ליב געהאַט קײן פֿראַזעס און דעם סופּערלאַטיװ — די איבערשטײַגיקע שטופּע, און װי אױסטערליש עס זאָל ניט זײַן, נאָר ער האָט ניט זײער ליב געהאַט צו דערמאָנען זיך דאָס איבערגעלעבטע, װאָס דאָס איז דער גורל פֿון דער מערהײַט מענטשן, װאָס האָבן אַריבערגעשפּאַנט די פֿופֿציקער און האָבן אַ סאַך זיך אָנגעזען אין זײער לעבן (בלױז אין דער ערשטער נאַכט האָבן מיר זיך דערמאָנט אין סטאַלינגראַד), — אין די פֿראַגן צו זײַן מיטשמועסער איז ער געװען געצױמט און דעליקאַט. טאַכלעס־סינע פֿײַנט געהאַט פֿאַלשקײַט, ליגן, צװיִעס. אפֿן אײגענעם רוקן אױסגעפּרװװט די קראַפֿט פֿון קריטיק און אַלע אירע קאָנסעקװענצן, האָט ער קײנמאָל זיך ניט געקלאָגט, כאָטש ער איז געװען אופּגעבראַכט, און האָט װײַטער געגלײבט אין דעם, אין װאָס ער האָט פֿריִער געגלײבט.

איך האָב שוין געהאַט געזאָגט, אַז מיר פלעגן זיך טרעפן מיט אים ניט אָפט — נאָך יענעם זומער איז אונדז ניט אויסגעקומען צו פאַרברענגען דעם אָפרו צוזאַמען, בייס מײַנע נעסיִעס קיין מאָסקווע פלעגן מיר זיך באַגעגענען איין מאָל אָדער צווי מאָל, ניט מער, פלעגן זיך אַראָפּריידן פון האַרצן און שוין. קיין קיִעוו פלעגט ער ניט קומען. דערנאָך איז ער קראַנק געוואָרן, געלייגט זיך אין שפּיטאָל, און מער האָב איך אים ניט געזען.

אָפט שטעל איך זיך אַ פראַגע: וואָס האָט אונדז דערנעענטערט מיט וואַסילי סעמיאָנאָוויטשן און וואָס גיט מיר די רעכט צו זאָגן, אַז ער איז געווען מײַנער אַ פרײַנט?

אַנומלטן האָבן מיר מיט אים פאַרפירט אַ שמועס וועגן „שרײַבערײַ" — אַגעוו, ניט ער, ניט איך פלעגן מיט דער דאָזיקער טעמע באַזונדערס ניט מיסברויכן. אָבער דאָס מאָל, ריידנדיק וועגן עפּעס אַ ביכל, וואָס ס'האָט אָנגעשריבן אַ מענטש אַ טאַלאַנטלאָזער, און וואָס איז דערשינען מיט אַ הונדערטטויזנטדיקן טיראַזש, האָט וואַסילי סעמיאָנאָוויטש פלוצלינג געזאָגט:

— אָט זאָגט מען אַלץ: טאַלאַנט, טאַלאַנט... און וואָס איז דאָס אַזוינס? דאַכט זיך, מאַטיס האָט געזאָגט, אַז טאַלאַנט — דאָס איז אַרבעט. איז עס טאַקע אַזוי? דאָס, וואָס מיר מיט אײַך האָבן נאָרוואָס איבערגעלייענט, — איז דאָך אָן סאָפּעק אָן „אַרבעט". אָנשרײַבן פיר און צוואַנציק דרוקבויגן (און ער האָט זיי אָנגעשריבן, איך ווייס עס; אָן אַנדער זאַך איז, ווי ס'האָט אָף זיי זיך געמאַטערט דער רעדאַקטאָר), נאָר דאָס איז דאָך אָן אַרבעט, אָף דעם דאַרף מען פונדעסטוועגן אוועקגעבן צײַט. דערנאָך דאַרף מען פאַרגלײַכן דאָס איבערגעדרוקטע אָף דער שרײַבמאַשין מיטן קסאַוויאַד, מע דאַרף לייענען די אָפּצוגן. וועגן דעם אינהאַלט רייד איך ניט, דאָס איז אַ באַזונדער פראַגע, איך רייד, אַזוי צו זאָגן, וועגן דער אויסערלעכער זײַט, וועגן דער טעכניק, וועגן דעם, וואָס עס גיט אַזעלכע מענטשן די מעגלעכקײַט... איבעריקנס, אַנטשולדיקט, איך הייב שוין אָן, דאַכט זיך, צו ריידן שטוס, באַנאַליטעטן...

— איז לאָמיר טאַקע אַ שמועס טאָן וועגן באַנאַליטעט, וועגן שונד. דער דאָזיקער „טיפּ", וואָס האָט אָנגעשריבן דאָס ביכל, איז דאָך טאַקע אַ שונדאָוניק!

— אַ הונדערטפּראָצענטיקער דערצו... ס'איז אַ „פּאָשליאַק" פונעם וואָרט „פּאָשלאָ"[1] — ס'איז אַוועק. אַזוי איז עס אַוועק, אַוועק, אַוועק. און פון אים וועט עס קרײַזנווײַז — ווײַטער אַוועק, אַוועק, אַוועק... און ער רײַבט זיך דערווײַל אויס, ווערט אַ פּראָפעסיִאָנאַל, נו און אַזוי ווײַטער.

אַ פּראָפעסיִאָנאַל? איך האָב זיך אָנגעשפּיצט. און וואָס הייסט עס אַ פּראָפעסיִאָנאַל, פּראָפעסיִאָנאַליזם? צי מוז מען אים האָבן אין דער קונסט? אין דער שרײַבערישער קונסט, יעדנפאַלס. צי שטערט ער ניט, צי שטאַמט ער ניט פון גראַפאָמאַניע, וואָס ווערט דערנאָך באַרײַכערט מיט טעכניק, מיטן וויסן שרײַב־מאַנירן, געשמאַקן, פּאָדערונגען?

דאָס אַלץ האָב איך געזאָגט וואַסילי סעמיאָנאָוויטשן און אַלס אַ בײַשפּיל געבראַכט די אַרויסזאָגונגען פון איינעם זייער אַ גוטן מענטשן און שרײַבער, וועמען איך וואָג אויך צו האַלטן פאַר מײַנעם אַ פרײַנט, ניט געקוקט, וואָס דער אונטערשייד אין די יאָרן איז נאָך צווישן אונדז אַ גרעסערער, ווי מיט וואַסילי סעמיאָנאָוויטשן.

איז אָט, דער דאָזיקער באַזילבערטער מיט גראָווע האָר און געניטער מענטש, וועלכער האָט אָנגעשריבן אַ סאַך גוטע ביכער, האָט מיר אַנומלטן געזאָגט:

— ווייסט איר כאָטש, פאַרוואָס איז אונדז איינעם מיטן אַנדערן ניט לאַנגווײַליק? ניט דערפאַר, וואָס מיר ביידע — איך אײַך און איר מיר — קאָנען אויסדערציילן אַזוינס, וואָס אַן אַנדערער האָט ניט געוווּסט אָדער ניט געזען. ניין, ניט דערפאַר. פּאָשעט — אָבער דערציילט קיינעם ניט, וואָס אַ זאָקן, וועלכער האָט ניט ווייניק אין זײַן לעבן געזען, האָט אײַך געזאָגט, — פּאָשעט דערפאַר, וואָס מיר מיט אײַך זײַנען אין דער ליטעראַטור ניט קיין פּראָפעסיִאָנאַלן, נאָר דילעטאַנטן. יאָ, יאָ, כאָטש מיר לעבן זיך אויס אַלס פּראָפעסיִאָנאַלן, אינטערעסירן זיך מיט האָנאָראַר.

און דער דאָזיקער שרײַבער האָט געגומען ריידן וועגן פּראָפעסיִאָנאַליזם. דאָס איז, קאָן זײַן, אַפילע ניט שלעכט, אַפילע נייטיק, מעגלעך אַפילע, ער אַליין וואָלט אויך געוואָלט זײַן אַ פּראָפעסיִאָנאַל... כאָטש עס פּאַסירט אויך אַזוי, אַז דער שרײַבער שרײַבט, שרײַבט יעדן טאָג, נאָר אַלץ מיט בלוטיקן שווייס. ניט מיט קיין טינט, ניט מיט קיין בלײַשטיפט, ניט מיטן בלוט פון האַרצן, נאָר בעפּיירעש מיט בלוטיקן שווייס!..

— „קיין טאָג ניט אָן אַ שורע" — איז ניט מײַן דעוויז, ניט אונדזערער, מײַנער און אײַער דעוויז. דאָס אַלץ, וואָס איז געזאָגט געוואָרן, איז, פאַרשטייט זיך, אַפּיקאָרסעס, נאָר וואָס קאָן מען דאָ העלפן: מיר ביידע, איך און איר, זײַנען אַפּיקאָרסים, הערעטיקער.

---

[1] אין אָריגינאַל איז אַ ווערטערשפּיל — „פּאָ'שלאָ" — הייסט באַנאַל, טריוויִאַל, און „פּאָשלאָ" — ס'האָט זיך געלאָזט גיין, ס'איז אַוועק.

וואסילי סעמיאָנאָוויטש האָט זיך צעלאַכט, און איך האָב זיך געײַלט צוגעבן, אַז איך האַלט זיך אויך באַם שטאַנדפּונקט פון מײַן פריַינט — דעם הערעטיקער. איך וואָג, הייסט עס, ניט צו פאַרורטיילן ניט דאָס און ניט יענץ — ניט דעם פּראָפעסיאָנאַליזם, ניט דעם דילעטאַנטיזם, — פּאַשעט דאָס צווייטע איז מיר, ווײַזט אויס, נעענטער. „קיין טאָג ניט אָן אַ שורע" — דאָס איז, מעגלעך, גימנאַסטיק, טרענאַזש, אויב איר ווילט — פּרימאַרגן־גימנאַסטיק, אָבער איך בין פונדעסטוועגן דערפאַר, אַז שרײַבן דאַרף מען, ווען עס ווילט זיך אָדער ווען, ווי דיר דוכט זיך, מע קאָן נישט וועגן דעם ניט אָנשרײַבן.

— מיט דעם צווייטן בין איך מאַסקים, — האָט ערנסט געזאָגט וואסילי סעמיאָנאָוויטש, — אָבער דאָס ערשטע — „ווען עס ווילט זיך"... — דאָ באַהערשט מיך עפּעס אַ צווייפל. און אויב „עס ווילט זיך ניט", אָבער מע דאַרף, מע טאָר נישט ניט אָנשרײַבן? אָט אין דעם פאַל קומט, זעט אויס, טאַקע צוהילף דער פּראָפעסיאָנאַליזם אָדער, אויב דאָס דאַזיקע וואָרט שרעקט אײַך, די באַדערפעניש צו שרײַבן. איך בין פאַר אָט דער באַדערפעניש און פאַר דעם, זי זאָל טאָמיד זײַן.

— און אויב זי שטערט אַן אַנדער באַדערפעניש? אָט האָב איך איצט אַ באַדערפעניש וואָס ווײַטער אַוועקשווימען אין יאַם, און ניט צו שרײַבן. אָדער אַרופשטײַגן אַפן סיורו־קאַיאַ. עפּשער בין איך גאָר אַן ערשטקלאַסיקער אַלפּיניסט און וועל אַמאָל באַהערשן דעם עווערעסט. וואָס איז אַזוינס אַ פּראָפעסיע און צי איז אַ מוז דאַפקע האָבן בלויז איינע? טשעכאָוו דעם שרײַבער האָט דען געשטערט זײַן צווייטע פּראָפעסיע פון אַ דאָקטער? אָדער געהאָלפן? און וואָס פאַר אַ באַרוף אָט די צוויי האָט ער, טשעכאָוו, געהאַלטן, איז מער וויכטיק? און וואָס איז געוועזן גאַרין — אַן אײַזנבאַן־אינזשעניער אין דער ערשטער ריי צי אַ שרײַבער? און באַראַדין? איינער פון די באַדײַטנדיקסטע כימיקער צי דער אוטאָר פון „פירשט איגאָר"?

— איך, אַגעוו, — האָט מיך איבערגעשלאָגן וואסילי סעמיאָנאָוויטש און אָנגעהויבן, כ'ווייס ניט פאַרוואָס, ריידן שטילער, — בין אויך אָט אַ כימיקער לויט דער בילדונג. עמעס, ניט גאָר קיין באַדײַטנדיקער. און איר זײַט אַן אַרכיטעקטאָר און, אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, געשפּילט טעאַטער...

— געוועזן אויך אַזוי. און וואָלט ניט אויסגעבראָכן די מילכאָמע, וואָלט איך איצט געבויט הײַזער אָדער פאַרגעשטעלט אויסוווּרפן אַף דער בינע — כ'ווייס ניט פאַרוואָס, מע פלעגט זיי שטענדיק נאָר מיר אײַנטיילן. די מילכאָמע אָבער האָט געשטערט...

— און עפּשער געהאָלפן?

— וואָס? ווערן אַ סאַפּיאָר — אַ פּראָפעסיאָנאַל?

— אײַ־אײַ־אײַ, אײַך פּאַסט ניט צו קאָקעטירן, — וואסילי סעמיאָנאָוויטש האָט מיך אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע. — אַגעוו, איינע ניט קיין דעליקאַטע פראַגע, איך האָב ניט ליב, אַז מע פאַרגיט זי מיר, — איר אַרבעט איצט איבער עפּעס וואָס?

— יאָ, כ'אַרבעט, — איך האָב דעמלט געשוויצט איבער מײַן בוך „די היימשטאָט".

— נו, איז אָט, אַרבעט. און דערנאָך — אין יאַם אַרײַן אָדער אַפן עווערעסט... און טראַכט ווייניקער וועגן באַראָדינען און גאַרינען.

מיט אָט דער דידאַקטישער פראַזע, וועלכע איז געוועזן אַזוי ניט כאַראַקטעריסטיש פאַר וואסילי סעמיאָנאָוויטשן, האָט זיך פאַרענדיקט אונדזער שמועס, וואָס האָט זיך מיר פאַרגעדענקט וועגן פּראָפעסיאָנאַליזם, און פון וועלכן כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז ער איז אַבסאָליוט „פאַר"...

און אָט איצט, ווען וואסילי סעמיאָנאָוויטש איז שוין ניטאָ צווישן אונדז, איז אַנטשטאַנען בײַ מיר אַ פראַגע — פאַרוואָס זשע איז אונדז, מיר מיט אים — איך כאָזער איבער די ווערטער פונעם „הערעטיקער, וואָס האָט ניט ווייניק געזען אין זײַן לעבן", — ניט געוועזן לאַנגווײַליק איינעם מיטן אַנדערן בײַ אַזאַ פאַרשיידענער באַציִונג צו אונדזער אַרבעט? וויאַזוי וואָלט דערויף געענטפערט וואסילי סעמיאָנאָוויטש — ווייס איך ניט און וועל קיינמאָל זיך ניט דערוויסן. איך אָבער פון מײַן זײַט קאָן זאָגן: מיר איז „ניט לאַנגווײַליק" געוועזן מיט וואסילי סעמיאָנאָוויטשן פּאַשעט דערפאַר, וואָס עס קאָן ניט זײַן לאַנגווײַליק מיט אַ מענטשן, אין וועלכן עס האָט אײַך באַצויבערט פריִער פאַר אַלץ ניט בלויז זײַן קלוגשאַפט און זײַן טאַלאַנט, ניט בלויז זײַן פייִקײַט צו אַרבעטן און אַרויסצורופן לויט זײַן אייגענעם פאַרלאַנג „וועלעניש" — נאָר אויך זײַן אומגעהייער ערנסטע באַציִונג צו דער אַרבעט, צו דער ליטעראַטור. און איך וועל צוגעבן: פּונקט אַזאַ ערנסטע באַציִונג צו זײַן, נו ווי זאָל מען עס זאָגן, — צו זײַן... לאָמיר עס אָנרופן, אופירונג אין דער ליטעראַטור, צו יעדן וואָרט, וואָס ער זאָגט. און דעריין איז ניט געוועזן קיין שמעץ פון גרויסהאַלטערײַ, קיין שמעמץ פון פאַרייסן די נאָז. שרײַבן — דאָס האָט ער געהאַלטן פאַר זײַן כויוו, און אָט דעם כויוו האָט ער אויסגעפילט ביזן סאָף.

אז איך נעם אין דער האַנט דעם בלײַשטיפט און הייב אָן צו פירן מיט אים איבערן פּאַפּיר, שטעל איך זיך אָפּט די פראַגע: און ווי וואָלט צו דער דאָזיקער שטעל זיך באַצויגן וואַסילי סעמיאָנאָוויטש? און אויב, לויט ווי איך מיין, ער וואָלט עס ניט אָנגענומען פאַר גוט — מעק איך אויס אָן ראַכמאָנעס.

* * *

קעדיי צו פאַרענדיקן וועגן „פּראָפּעסיאָנאַליזם“. זינט אונדזער שמועס זײַנען פאַרבײַ פופצן יאָר, אויב ניט מער. א סאַך זאַכן זײַנען פאַר דער דאָזיקער צײַט אָפּסנײַ באַזיניקט געוואָרן. און אָף „פּראָפּעסיאָנאַליזם“ קוק איך עטוואָס אַנדערש, — ער איז אומבאַדינגט נייטיק, אָבער, אויב מע מעג זיך אַזוי אויסדריקן, מע דאַרף ניט זײַן מיט אים צופיל פאַרכאַפּט. צום באַרימטן „קיין טאָג ניט אָן א שורע“ וואָלט איך צוגעגעבן: „אָבער מאַך ניט סײַ פון דעם טאָג, סײַ פון דער שורע קיין קולט“. קולט — דאָס איז א זאַך א געפערלעכע.

זשאַק סטעפען אַלעקסיס

האיטי... וואָס ווייסן מיר וועגן האיטי?

זאָל מיך עמעצער געווען פרעגן וועגן דעם נאָך גאָר ניט לאַנג, מיט א יאָר צוויי צוריק, און איך וואָלט געענטפערט, אַז דאָס איז אָן אינדזל ערגעץ ניט ווײַט פון קובע, אַז ס'איז צעטיילט אָף צוויי טיילן: איינער פון זיי איז די דאָמיניקאַנער רעפּובליק (דאָרט איז געווען טרוכילאָ), דער צווייטער איז האיטי (דאָרטן איז אויך א דיקטאַטאָר דיוואַליע, „פּאַפּאַ דאָק“). כוץ דעם, איז האיטי — די ערשטע אין דער וועלט נעגערשע מעלוכע, און אין נאַפּאָלעאָנס צײַטן איז דאָרט געווען „דער שוואַרצער קאָנסול“, וועגן וועלכן כ'האָב קינדווײַז געלייענט א שפּאַנענדיק בוך. אָט איז, דאַכט זיך, אַלץ, וואָס איך וואָלט געקאָנט זאָגן. און שוין יעדנפאַלס, ווייניקער פאַר אַלץ, האָב איך זיך געקאָנט פאָרשטעלן, אַז מיר וועט ווען־עס־איז זײַן באַשערט זיך באַפרײַנדן מיט א האיטיאַנער.

ס'איז אָבער געשען. און ניט פּאָשעט גלאַט אַזוי מיט איינעם פון האיטי, נאָר מיטן אורייניקל פונעם אימפּעראַטאָר זשאַק I, און איך שטאָלציר זייער מיט אָט דער פרײַנטשאַפט.

דעם אימפּעראַטאָרס אורייניקל — א הויכער, א שטאַלטנער, מיט אויסערגעוויינלעך לעבעדיקע, קלוגע אויגן — האָט זיך באַוויזן אין מײַ פון נײַן־און־פופציקסטן אין יאַלטער שרײַבערהויז און האָט גלײַך אויסגענומען בא אַלע זײַנע טוישווים. גערופן האָט מען אים זשאַק סטעפען אַלעקסיס.

דער מערהײַט פון אונדז האָט דעמאָלט דער דאָזיקער נאָמען גאָרנישט ניט געהאַט צו זאָגן. מיר האָבן נאָר געוווּסט, אַז אונדזער גאַסט איז א שרײַבער, אָן אַקטיווער קעמפער פאַר דער פרײַהײַט פון זײַן פאָלק, אַז אינעם ראַטנפאַרבאַנד איז ער דאָס ערשטע מאָל: ער איז געקומען אָפן דריטן שרײַבער־צוזאַמענפאָר. בלויז מיט אַנדערהאַלבן יאָר שפּעטער איז בא אונדז דערשינען די איבערזעצונג פון זײַן ראָמאַן „דער גוטער גענעראַל — די זון“. „ביימער — מוזיקאַנטן“ — דער צווייטער ראָמאַן פון זשאַק סטעפען אַלעקסיס, וואָס איז אַרויס אין פּאַריזש אין 1957, איז אָפּגעדרוקט אין ערשטן נומער „אינאָסטראַנאַיאַ ליטעראַטורא“ פאַרן 1962 יאָר.

איך קלײַב זיך ניט צו אַנאַליזירן אַלעקסיסעס שאַפונג. זײַנע ראָמאַנען וועגן דעם לעבן פון א לאַנד, וואָס איז אונדז קימאַט אומבאַקאַנט, ריידן אַליין פאַר זיך, און זײַנע אַרטיקלען און אַרויסטרעטונגען (אין 1956 איז ער אַרויסגעטרעטן אין פּאַריזש אָפן ערשטן קאָנגרעס פון די נעגערשע שרײַבער און מאָלער מיט א פאָרטראָג וועגן רעאַליזם פונעם ראָמאַן אין האיטי) זײַנען מיר, צום באַדויערן, ניט באַוווּסט. עס ווילט זיך פּאָשעט זאָגן וועגן אים עטלעכע ווערטער ווי וועגן א מענטשן.

אין מײַן לעבן האָב איך געוויס ניט באַגעגנט קיין סאַך אַזעלכע באַצויבערנדיקע, פּאָשעטע, אַזעלכע פריילעכע און אין דער זעלבער צײַט ערנסטע מענטשן, ווי זשאַק אַלעקסיס. פון די ערשטע מינוטן, ווי דו באַקענסט זיך מיט אים, דוכט זיך, אַז אָט דער יונגער, טאַקע גאָר יונגער (כאָטש ער איז שוין דעמאָלט אַלט געווען נײַן און דרײַסיק יאָר) מענטש מיט דעם גאָלדן־ברוינעם

קאָליר פון דער הויט און מיט די זייער שווארצע, בלויז א ביסעלע איראָנישע אויגן, איז דייַנער אן אלטער הארציקער פרייַנט. אָט דאָס, יעדנפאלס, האָב איך דערפילט שוין פון דער ערשטער מינוט, כאָטש ער האָט קיין איין וואָרט רוסיש ניט געקענט, און איך בין גאנץ ווייַט פון ריידן פליסיק פראנצויזיש.

דער סאָד פון זייַן כיין איז געווען פארבאָרגן, ווי איך מיין, אין עפּעס א מין וואונדערלעכער פייַקייַט לאכלוטן פרייַ, ניט געצווונגען, און איך וואָלט געזאָגט, שיין, עלעגאנט זיך האלטן אין יעדער געזעלשאפט — זאָלן עס זייַן קינדער צי דערוואקסענע, כאָשעווע ליטעראטאָרן צי האפן־ארבעטער. ער האָט מיט אלעמען זיך געהאלטן אלציינס — מילד, פּאָשעט, פריילעך, אפילע א ביסל געלעצעוועט. אָבער הינטער דעם אלעמען האָט זיך געלאָזט שפּירן אויך עפּעס אנדערש — גרויסע מענטשלעכע ווירדע, קלוגשאפט און א טעמפּעראמענט, וואָס אנטפּלעקט זיך פּלוצעם אפילע בייס א פּאָשעטן שמועס, א טעמפּעראמענט פון א מענטשן, וואָס האָט א קלאָרן ציל אין לעבן, א טעמפּעראמענט פון א קעמפער.

אָט אזא — א פריילעכער, אן ענערגישער און א צילגעווענדטער — שטעל איך זיך פאָר, איז געווען אויך זייַן אורזיידע זשאן־זשאק דעסאלין, דער זעלבער, וואָס איז אין 1803 געשטאנען בעראָש פון דעם באוואָפנטן קאמף פאר דער אומאָפּהענגיקייַט פון האיטי און האָט אָפּגעשלייַדערט צום יאם די פראנצויזישע ארמיי פונעם גענעראל לעקלערק. לאָמיר ניט טאדלען דעם אורזיידן, וואָס ער האָט שפּעטער זיך פּראָקלאמירט אלס אימפּעראטאָר — ער איז געווען א שקלאַף א נעגער, וואָס האָט זיך צעבונטעוועט, האָט אופגעהויבן זייַן פאָלק צום קאמף, און דאָס איז איבערגענוג, מע זאָל האָבן אָפּשייַ פאר אים.

אלעקסיס האָט אין זיך גאָרנישט ניט, וואָס גייט פונעם שקלאַף, כאָטש זייַן פאָלק איז אויך איצט אונטערדריקט. איך האָב ניט געזען, ער זאָל האָבן אין זיך וועלכע־ניט־איז אָנזיכטיקע שטריכן פון א פירער אָדער א מעלוכע־טוער, כאָטש די פרייַהייַט פון זייַן היימלאנד איז פאר אים טייַערער פון אלץ, און אויב אורטיילן לויט די ווייַטערדיקע געשעענישן, האָט די רעגירונג פון האיטי גראָד פאר דעם זיך דערשראָקן.

זשאק האָט אונדז א סאך דערציילט וועגן זייַן היימלאנד, וואָס איז אמאָל געווען באזעצט פון אינדיאנער, וועלכע מע האָט פארטיליקט נאָך אין XVI יה., וועגן זייַן פאָלק, די קינדס־קינדער פון די נעגערן שקלאפן, וואָס מע האָט געבראכט פון אפריקע. מיט פארביטערונג האָט ער גערעדט וועגן דער שווערער לאגע פון דעם פירמיליאָניקן פאָלק איצט. דערציילט האָט ער אויך וועגן זיך. ווייַזט זיך ארויס, ער איז ניט בלויז א שרייַבער, נאָר אויך א געזעלשאפטלעכער טוער, ער האָט אויך א פּראָפעסיע, דערצו איז עס זייַן גרונט־בארוף — ער איז א דאָקטער א נעוראָפּאטאָלאָג.

כ׳האָב אים א שפּאס אים געפרעגט:

— און וואָס לוינט בעסער צו זייַן: א דאָקטער צי א שרייַבער?

ער האָט אונטערגעוווּנקען מיט א פריילעך אויג:

— בעסער פון אלץ לוינט האָבן אזא ווייַב, ווי איך האָב. זי בייט...

זשאק האָט ניט לאנג פארבראכט אין יאלטע, סאכאקל עטלעכע טעג. אינגיכן איז ער אוועקגעפאָרן, און ס׳איז מיטאמאָל געוואָרן לאנגווייַליק. אפילע אפן פּליאזש, וווהין מיר זייַנען עטלעכע מאָל געפאָרן מיט זשאקן און ווו ער האָט אויסגענומען בא דער יוגנט, דעריקער ווי א שווימער, איז מען צו אונדז צוגעגאנגען און געפרעגט:

— און ווו איז זשאק? ער האָט זיך ניט צוגעקילט? בא זיי דאָרטן איז געוויס הייסער, ווי בא אונדז.

דערנאָך האָב איך אים באגעגנט אין מאָסקווע. אין יענע טעג איז ער געווען זייער פארנומען, אָבער אונדז האָט זיך פּאָרט אייַנגעגעבן אויסגעפינען אן אָוונט. אין האיטי איז געווען אומרויק, אָבער מאָסקווע, ווי ער האָט געזאָגט, ווירקט אף אים „טאָניזירנדיק“, און ער איז געווען לוסטיק, שארפזיניק, היציק. פּונקט אזוי ווי אין יאלטע. ער האָט פולשטענדיק פארליבט אין זיך אלע די, וואָס זייַנען געזעסן באם טיש, באזונדערס דאָס צעניאָריקע ייִנגעלע פון אונדזערע באלעבאטים, פּאווליקן, וועמען מע האָט דערלויבט בא אזא געלעגנהייַט, וואָס אין שטוב איז געקומען „א הויכער גאסט“, ניט צו מאכן הייַנט די לימודים און זיך לייגן שלאָפן שפּעטער ווי געוויינלעך. ער האָט געבראכט צו טראָגן א גלאָבוס, און זשאק האָט אוועקגעשטעלט א צײלעמל אף דעם אָרט, ווו ער וווינט, אין פּאָרט־אָ־פּרענס. דערנאָך האָט זשאק אים געשענקט אן אווטאָגראף — עטלעכע שורעס מיט א ווונטש, אז פּאווליק זאָל וואקסן אזא און אזא. פּאווליק איז מיט א סוידעספּולן אויסזען אוועקגעלאָפן, און אין א האלבער שאָ ארום האָט ער זיך אומגעקערט מיט א בייגעלע פּאפּיר, צונויפגעלייגט אינפּירן. מיט גרויסע אויסיעס איז אף דעם געווען אָנגע־

שריבן אף פראנצויזיש: „טײַערער זשאקי! איך זאָג דיר צו, אז כ'וועל דאָס גאנצע לעבן ליב האָבן דעם עמעס, זײַן ערלעך און דרייסט. דײַן פאָל“.

איך ווייס ניט, ווי בא אנדערע, נאָר בא מיר האָט עפּעס א קיצל געטאָן אין האלדז. בא זשאקן, מיין איך, אויך. און פּאווליק ווידער, ווען זשאק איז אוועקגעגאנגען, האָט ניט אויסגע־האלטן, ער האָט זיך א וואָרף געטאָן צו דער מוטער אפן האלדז און, בײַקומענדיק די שלוכצן פון אנציקונג, זיך מודיע געווען פאר איר, אז דאָס איז געווען דער סאמע, סאמע גליקלעכער טאָג אין זײַן לעבן...

אוועקפאָרנדיק, האָט זשאק צוגעזאָגט שרײַבן. ווער גלייבט אין אזעלכע צוזאָגענישן? אָבער ער האָט ניט אָפּגענארט — אין א קורצער צײַט ארום איז אָנגעקומען פון אים א לאנגער בריוו, געשריבן מיט אן אקוראטן, קײַלעכיקן קסאוו מיט קאָמישע דריידלעך. ער האָט אין דעם בריוו געשריבן וועגן א ראָמאן, וואָס ער קאָן אלץ ניט ארויסענדיקן, וועגן דעם, ווי עס איז שווער איצט צו ארבעטן און ווי מע דארף פונדעסטוועגן ארבעטן, ניט געקוקט אף דער שווערער אטמאָספער, פון וועלכער עס איז אויסגעוועבט דאָס לעבן.

„ווו איז זי, יענע צײַט, ווען כ'האָב צווישן די סאָוועטישע פרײַנט געקאָנט אמפערן זיך וועגן דעם ארטיסטישן גורל פון אונדזער אלגעמיינעם פרײַנט — דעם מענטש פון קונסט, פון יענער קונסט, וואָס געבוירט די שיינקײַט פונעם לעבן און דאָס גליק פון עקזיסטענץ? ווו איז יענע צײַט, ווען אלע אין יאלטע האָבן מיך ארומגערינגלט מיט אופמערקזאמקײַט, און רוענדיק אפן שטיינערנעם קרימער פּליאזש, האָב איך געעטעמט מיט דער ריינער לופט פון פרײַער ערד, ווו עס לעבן פרײַע מענטשן? ווו איז זי?“

דער בריוו האָט זיך פארענדיקט מיט א רירנדיקער באקאָשע:

„ענטפערט מיר און „גיט איבער“, אויב מ'קאָן, א ביסל ווארעמקײַט (un pen de la temperature) פון אײַער לאנד, וואָס לעבט איצט איבער טעג פון ענטוזיאזם נאָך דעם, ווי ס'האָט זיך „צוגעלעוואָנעט“ א ראקעטע, וואָס עפּנט, ענדלעך, די טויערן אין אלוועלט“.

שפּעטער האָט זיך אין דער אויסלענדישער און דערנאָך אויך אין אונדזער פּרעסע באוויזן א באומרויִקנדיקע ידיעה, אז זשאק סטעפן האָט מען אין זײַן אייגענעם היימלאנד געכאפּט, ארײַנגעשלײַדערט אין טורמע, אז מע האָט אים געפּײַניקט, געשלאָגן. ענטפערנדיק אף דער אָנ־פראגע פון דער פראנצויזישער צײַטונג „לעטער פראנסעז“, האָט די אמבאסאדע פון האיִטי אין פּאריזש ברוטאל דערקלערט, אז ס'איז איר גאָרניט באוווּסט וועגן דעם און אז ווענדן דארף מען זיך צו די רעגירונגען פון יענע לענדער, וווּהין ער פלעגט פאָרן.

די לעצטע ידיעס וועגן גורל פון אלעקסיסן צווינגען זײַן נאָך אומרויִקער — מע זאָגט, אז מע האָט אים דערהארגעט. מיר ווילן דערין ניט גלייבן, ווײַל מיר ווייסן, אז דאָס פאָלק פון האיִטי וועט ניט דערלאָזן קיין גוואלדטאט איבער אים. ס'איז איינער פון זײַנע בעסטע זין.

און מיר גלייבן, אז מיר וועלן נאָך האָבן א באגעגעניש מיט אים. מיר גלייבן, אז מיר וועלן דריקן זײַן טונקל־ברוינע האנט, אז מיר וועלן נאָך ניט איין מאָל זען דעם פריילעכן, אין קיין שום טורמעס ניט פארגעפלטן גלאנץ פון זײַנע שווארצע, עטוואָס איראָנישע אויגן. מיר גלייבן, אז מיר וועלן נאָך לייענען ניט איין בוך זײַנעם.

1961

P. S. ס'איז ניט באשערט געווען, אז אונדזערע האָפענונגען זאָלן מעקויעם ווערן. מע האָט זשאקן דערהארגעט. געמאטערט, געפּײַניקט, און דערהארגעט. אין די קעלערס פון דעם נאציאָ־נאלן פּאלאץ אין פּאָרט־אָ־פּרענס, לעבן דער רעזידענץ פונעם דיקטאטאָר. ווו ער איז צו קווורע געבראכט געוואָרן — איז ניט באוווּסט.

ווי־אזוי איז דאָס געשען?

זײַנע פרײַנט דערציילן א טרויעריקע און טראגישע געשיכטע. דאָס לעצטע מאָל האָט מען אים געזען פרילינג 1961 אין פּאָרט־דע־פּע, א קליינינקער שטאָט אין האיִטי. געטראָפן אהין האָט ער, אומקערנדיק זיך געהיים פון אייראָפּע, אף א קליינינקן קאטער, נאָך דעם, ווי ער איז איבערגעקומען דעם זעכציקקילאָמעטערדיקן דורכגוס, וואָס טיילט אָפּ האיִטי פון קובע. ער און זײַנע פרײַנט האָבן געזאָלט קומען אין זשאקס היימשטאָט, נאָר זיי האָבן פארלוירן דעם וועג און זיך ארויסגעזעצט אף א ווילדן ברעג, ניט ווײַט פון פּאָרט־דע־פּע. וויסנדיק, אז דיוואַליעס גע־היים־פּאָליציי זוכט אים, האָט ער זיך ניט אײַנגעשטעלט צו גיין אין שטאָט ארײַן. אפן ברעג האָט זיך אים געטראָפן עפּעס א מענטש, און זשאק האָט אים געגעבן א באנקנאָט פון 100 הורד (אן ערעך 200 אמעריקאנער דאָלערס) און געבעטן אויסבײַטן זיי אין נאָענטסטן קלייטל. דערזעענ־דיק אזא גרויסע סומע, האָט דער באלעבאָס פון דעם קלייטל ארויסגערופן פּאָליציי. צערעכנט

האָט מען זיך אָפּגעגעבן. דאָס מעשאָרסים האָבן אַרויסגעפירט זשאַקן און זײַנע פרײַנט אַפן פּלאַץ און זיי פאַרוואָרפן מיט שטיינער. זשאַקן האָט מען אויסגעשלאָגן אַן אויג. בײַקומענדיק דעם ווייטעק, האָט ער אויסגעשריגן צו זײַנע כאַוויירים, אַז מע דאַרף זיך נאָך האַלטן... דערנאָך האָט מען אים געבראַכט אין דער הויפּטשטאָט, ווו ער איז אומגעקומען אין דער פּײַניקונג־קאַמערע.

וועגן דעם אַלץ — און וואָס מיר האָבן ניט געגלייבט, ניט געוואָלט, מוירע געהאַט צו גלייבן — האָבן מיר זיך דערוווּסט אין עטלעכע יאָר אַרום פון נ. מאַרס אַרטיקל אין דער „ליי־טעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ“ — „דער מאָרד אין פּאָרט־אָ־פּרענס“.

דאָס דאָזיקע אַרטיקל ענדיקט זיך מיט די ווערטער, וואָס געהערן צו איינעם פון די פירער פון דער פּאַרטיי פון פאָלקס־איינײקײַט אין האַיִטי, וועלכער האָט גוט געקענט זשאַקן:

„אונדזער פּאַרטיי און דאָס פאָלק פון האַיִטי וועט שטענדיק שטאָלצירן מיט זשאַק סטעפען אַלעקסיסן. אונדזער פאָלק קעמפט, גלייבנדיק פעסט אין דער ליכטיקער צוקונפט. און אין אָט דעם קאַמף איז אַלעקסיס שטענדיק מיט אונדז...“

און מיט אונדז! — וועלן מיר צוגעבן.

1969

ייִדיש — מ. שולמאַן

כראָניק

אַ ליטעראַרישער אָוונט אין קעשענעוו

אַן אינטערעסאַנטן אָוונט, געווידמעט דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, האָט אין קעשענעוו דורכגעפירט דער שרײַבער־פאַרבאַנד פון מאָלדאַוויע אינאיינעם מיט דער רעפּובליקאַנישער געזעלשאַפט „זנאַניע“ („וויסן“).

דער לעקטאָרן־זאַל פון דער געזעלשאַפט, וואָס פאַרמאָגט העכער 400 פּלעצער, איז געווען פולגעפּאַקט. אין זאַל זעט מען אַ סאַך יוגנטלעכע. אין פּרעזידיום, כוץ דעם דרײַלינג קעשענעווער ייִדישע שרײַבער, זיצן דער מאָלדאַווישער שרײַבער און איבערזעצער אַלעקסאַנדער קאָזמעסקו און איינער פון די אָנפירער פון דער געזעלשאַפט „זנאַניע“ איוואַן קאָקאַ.

מיט אַ קורצן אַרײַנפיר־וואָרט האָט דעם אָוונט געעפנט א. קאָזמעסקו. יאַנקל יאַקיר איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ פאָרטראָג וועגן הײַנטצײַטיקן עטאַפּ פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. מעלדנדיק אַן איבעררײַס, האָט קאָזמעסקו זיך געווענדט צום עולם מיט אַ רוף זיך אַבאָנירן אויפן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“. די אַבאָנירונג איז טאַקע דורכגעפירט געוואָרן מיט גרויס ענטוזיִאַזם.

אין דער צווייטער אָפּטײלונג פונעם אָוונט האָבן יעכיִעל שרײַבמאַן און מאָטל סאַקציִער פאָרגעלייענט זייערע ווערק.

דער עולם האָט האַרציק באַדאַנקט די אָרגאַניזאַטאָרן און אָנטיילנעמער פונעם אָוונט און געבעטן אָפטער אָרגאַניזירן אַזעלכע באַגעגענישן.

פאָטאָ און טעקסט פון דאַוויד שוואַרצמאַן

צו הויכע הימלען

דער סאָד פון וואקסן

איעדער גרעזעלע אין ברייטן פעלד
זײַן וואָרצל האָט, זײַן זון און שלאַקסן.
איעדער גרעזעלע פארמאָגט זײַן וועלט —
זײַן מאזל־שטערנדל באַם וואקסן.

נאָר יעדער גרעזעלע, ווי ס'איז ניט שוואַך,
עס טרויט ניט אָן זײַן שטערנדל פון בראַכע,
ביז טיפן הארבסט, באַטאָג, באַנאַכט,
עס פירט מיט אלדאָסבייז א שלאַכט
און וואקסט
די ווינטן אפצולאַכעס.

כ'האָב ליב דיך, וואלד

כ'האָב ליב דיך, וואלד, דו שיינער שטאלטנער ריז,
מיט אלע דײַנע דעמבעס, טאָפּאָלן ווי טורעמס,
דעם טאַם פון דײַנע טערפּקע ווײַמפּערלעך און ניס,
די קרוינען דײַנע, אויסגעבאָדענע אין שטורעמס.

דעם איבערפלעכט פון שטאמען און פון צווײַגן,
וואָס בלויז צו זון, צו הויכע הימלען שטײַגן.

כ'האָב ליב דיך, וואלד, אין שטילע נעכט פון פרילינג,
ווען דו זעסט אויס מיר ווי א גרינע פעסטונג,
ווען ס'פּיקן אויס זיך דײַנע הונדערט טויזנט צווילינגס
אין דײַנע יונגע אויסגעקלעפּטע נעסטן.

און צווײַג צו צווײַג, און פליגעלע צו פליגל, —
דו ווערסט איין שיינע ליד, דו ווערסט איין גרינינק וויגל.

סע ברענט דײַן בלוט אין מײַנע אָדערן, דו וואלד,
און אלעמאָל, ווען ס'צינדט זיך אָן דײַן בעז אין פרילינג,
איך קום אהערצו, צו דער סאזשלקע, צום קוואל
און הער זיך אײַן אין וואסער־רויש אין שטילן.

דײַן קאָרע פּלאַצט, סע וואַקסן שלאַנקע דעמבעס,
באַ ברידער־קוואָרים — ליכטיקע לעגענדעס.

אוי, היט אָפּ, וואַלד, אָט יענע בערגלעך ערד,
און זאָלן וואַקסן דאָרטן בלומען רויטע,
און זײַ ניט בייז, וואָס אונדזערע בולאַנע פערד
עס האָבן דעמלט דײַנע סאַזשלקעס צעבויטעט,

און וואָס די אומרויִקע צווײַגן פון די איוועס
זיי האָבן אָפּט פאַרפּלאָנטערט מיט די גריוועס.

די ערד זאָל אונטער זיי, ווי פּוך, זײַן ווייך.
דער הימל איבער זיי זאָל אייביק ריין זײַן,
און זאָלן שטענדיק פאַר זיי פייגל זינגען הויך,
ס'זאָל קיינמאָל זיי ניט זײַן ניט אומעטיק, ניט איינזאַם.
זיי זאָלן אייביק, פּונקט ווי דו, צו זון נאָר שטרעבן,
ווײַל אייביקײַט איז לעבן,
און ס'ווילט זיך אייביק לעבן.

אין טונדרע

איך האַלט אין האַנט אַ ווײַסן מאַמאָנט־ביין,
וואָס כ'האָב אין גרונט געפונען אים אַ גאַנצן.
איך האַלט אין האַנט די אייביקײַט אַליין,
וואָס איז געווען אין טונדרע טיף פאַרפלאַנצערט.

געקומען שפּעטער איז דער מענטש אַהער,
און כאָטש דאָס אײַז איז אים דעם וועג פאַרלאָפן,
דאָך האָט דער מענטש אויף דער פאַרשנייטער ערד
אַ ריס געטאָן דעם אוראַלט פונעם צאָפן.

און כאָטש באַגלייט האָט אים דאָ לייד און פּײַן,
נאָר מיט אַ פרייד עס קומט אים אָפּן זינען,
אַז ער די נאַכט פאַרפּלייצט האָט דאָ מיט שײַן,
אַז ער דעם פּאָליוס צווינגט דעם הימלאַנד דינען.

פיר הומאָרעסקעס

א טאַנץ

מיידלעך זײַנען מיר מעקאַנע געווען. „ארויסגעשפּרונגען" בין איך פּרי, צו זיבעצן יאָר כאַסענע געהאַט און אַוועק פון שטעטל אַהער, הינטער מאָסקווע. נאָוואָ־גירייעווע הייסט דער יישעוו. פון איין זײַט דער אווטאָבוס, פון דער צווייטער — די סטאַנציע. א גאַנצן טאָג א פּײַפערײַ אַף טויב צו ווערן. איצט איז שטיל, כאָטש די עלעקטריטשקע לויפט פּײַל־אויסן־בויגן אוּף און אָפּ. מײַנער האָט געאַרבעט אַפן כימזאַוואָד, אין א צעך, ווו מע מאַכט גלאָז, וואָס ברעכט זיך ניט. איך האָב נאָך אַזאַ קלאָרקײַט ניט געזען און אַזאַ גרעב פון גלאָז ניט באַגעגנט. נאָר וויאַזוי מע מאַכט עס, איז א סאָד. עמעס, פאַרן ווײַבטאָרן קיין סוידעס ניט זײַן, נאָר מײַן יוינע האָט פײַנט צו בעבען, דערצו האָט ער געגעבן א כסימע דאָרט אַפן זאַוואָד, אַז וואָס ער זעט און הערט, וועט זײַן שאַ־שטיל.

מיר האָבן אָפּגעדונגען א הילצערנע שטוב — איין צימערל מיט איין פענצטערל, א פּיצל קיכעלע, — די ווענט אָנגעשאָטן מיט זעגעכץ און אויסגעקלעפּט מיט שפּאַליר. די מײַז און די וואַנצן האָבן געריסן שטיקער. די טיר האָט ניט געפּאָלגט, מע האָט געדאַרפט א געזונטן סאָלדאַט, ער זאָל זי יעדן מאָל אופהייבן, קעדיי עפענען און פאַרמאַכן. זי האָט געסקריפּעט, זיך געבעטן אין אויוון אַרײַן. מיר דוכט, ווען מע טוט א גוטן בלאָז, קערט זיך איבער דער גאַנצער ביניען. דער דאַך איז געווען א קאַרטאָנענער, אָנגעשמירט מיט לויזער סמאָלע. ווען די גרויסע היצן פלעגן דעם דאַך צעוואַרעמען, האָט פון אים געקאַפּעט, און ווינטער, ווען ער פלעגט פאַרפראָרן ווערן, האָט ער געפּלאַצט. ס'הייסט, קוק מיך אָן, נאָר ריר מיך ניט אָן. דער קוימען האָט א פּאָנעם פון כויזעק — עפּעס אָן איבערגעקערטער, צעקנייטשטער עמער מיט א לאָך.

דעם ווינט און דעם רעגן האָב איך שטענדיק געהאַט אַפן פּריפּעטשיק. און כאָטש מײַנער האָט דאַן פאַרדינט ווי עס באַדאַרף צו זײַן, דאָך האָט ער ניט געריסן קיין שטיקער פון זאַוואָד, ווי אַנדערע, און מיר האָבן געלעבט אין אָט דעם „פּאַלאַץ".

איך געדענק שוין ניט, צי איך האָב אײַך געזאָגט, אַז יוינע האָט מיך ליב געהאַט, אויסגעגאַנגען נאָך מײַנע טריט, פאַרלאָפן מיר די וועגן, געטאָן אַלץ אין שטוב. נאָר ער איז געווען א פריקרע מענטש, א ביסל א שווערער, מײַנע רייד זאָלן אים ניט זײַן צו שווער.

ווען איך בין פאַרגאַנגען אין טראָגן מיט מײַן עלטערער טאָכטער פריידל, האָט ער געקערט וועלטן: נאָר א זון וויל ער. די וועלט, זאָגט ער, האָט פײַנט ווײַבער, אַפילע אין סידער שטייט. „דו קענסט שוין בא מיר וואַרטן, איך זאָל דיר עפענען דעם סידער", — האָב איך אים געענטפערט מיט טרערן.

איז געבוירן געוואָרן א מיידל. דאָס קינד איז געווען א שיינס, און ער האָט עס טאַקע ליב באַקומען, ווי א טאַטע קאָן, זיך אַרומגעפירט מיט דעם טאָג און נאַכט. ווו א פרײַע קאָפּעקע, געפּאַטערט נאָר אַף דער טאָכטער. כוישעך איז געווען אין שטוב, ווען איך האָב געדאַרפט אַרויס אַרבעטן. איך זאָל נאָר זיצן אין שטוב און ניאַנטשען די טאָכטער.

— גאַזלען, — טײַנע איך, — איך האָב דאָך געלערנט אַף א טעכניקער. די מעלוכע האָט געפּאַטערט אַף מיר געלט. איך בין געזונט און וויל אַרבעטן.

נאָר רייד צום באַלקן.

איז אַוועק א יאָר און נאָך א יאָר, און בא מיר איז ווידער געבוירן געוואָרן א קינד. און ווידער א מיידל! ווײַ, זײַנע קוילעס! איך האָב געמיינט, ער וועט אַראָפּ פון זינען. טייקעף געט ער מיך אָפּ. האָב איך געכאַפּט, אַרײַנגעשריבן מײַן מאַמען א בריוול, אַז זי זאָל גלײַך קומען מיך פאַר־

נעמען מיטן קלײנוואַרג צו זיך קײן פאָדאָליע. אין הרעטשאַנע האָבן מיר געלעבט.

ווי נאָר יוינע האָט זיך דערוווּסט, נאָך וואָס מײַן מאמע איז געקומען, האָט ער זי גאַנץ פײַן אויסגעזידלט, אָנגערופן צען מאָל יאכנע־דוואָסיע, געגעבן איר עטלעכע רובל אפן וועג און באַפוילן, אַז איר פוס זאָל אָף מײַן, דאָס הײסט אָף זײַן, שוועל ניט זײַן, אַניט וועט זי מיִעס אָפּשנײַדן.

— מערדער! — טײַנע איך צו אים. — אַזוי רעדסטו מיט אַ מאַמען?

— אַ שוויגער בלײַבט אַ שוויגער. דו האָסט שוין אַמאָל באַגעגנט אין דײַן לעבן אַ גוטע שוויגער? — זאָגט ער מאָלע־רעציכע.

זיך אָנגעשריִען, ווי אַ פויק, גײט ער צו צום וויגעלע, און מיט אײן אויג כאַפּט ער אַ קוק אפן אײפּעלע. אַז עס איז פּאָרט אַ צאַצקע, אַן אַנטיקל, אַ קראַסאַוויצע. צעלאַכט ער זיך אין דער באָרד אַרײַן, טוט אַ שמוך פאַר זיך און אַ בורטשע:

— אַזאַ קורנאָסע, ווי די מאַמע אירע. אָנגעפּלאָדעט אַ וואַגאָן מיט מוידן, און עס איז ניטאָ מיט וועמען צו גײן צום טיש.

בענײביי האָט ער אַרויסגעכאַפּט די גוטע פלאַש ווײַן, אָנגעגאָסן מיר אַ גלעזל, זיך אַ גלאָז, צוגעוווּנטשן אַלדאָסגוטס און אויסגעטרונקען לעכאַיִם.

כ׳האָב נאָך ניט אַנטוויינט דאָס קינד, האָב איך מיך באַטראַכט, אַז ס׳וואָלט קעדײַ געווען אַ פּאָר טאָן מיט די קינדער צוגאַסט צו דער מאַמען. זי בענקט, זי גײט אויס, אַזוי וויל זי זען מײַן קלײנוואַרג.

יוינע איז אַוועק אָף דער סטאַנציע און געקויפט מיר אַ בילעט אָף זונטיק באַטאָג. נאָר פּאָרן איז מיר ניט אויסגעקומען. ס׳איז שוין געווען דער שוואַרצער זונטיק. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע. שוין אָף מאָרגן איז ער אַוועק אין ראַיוואָיענקאָמאַט[1] און געפּאָדערט, מע זאָל אים טײקעף שיקן אפן פראָנט. אַזאַ בלוט באַ אים, אומעטום דאַרף ער זײַן פון די ערשטע.

דאַרף זיך מאַכן, אַז מײַן ברודער סימכע, וואָס האָט געדינט פאַר אַ קאַפּיטאַן ערגעץ אין אוקראַיִנע, זאָל זיך אין קאַזאַטין טרעפן מיט מײַן יוינען: סימכע האָט זיך דערשלאָגן, אַז יוינע זאָל אַריבער צו אים. אַ בראָך איז צו מיר! בײדע האָבן זיך שוין צוריק ניט אומגעקערט. אַ זײַטיקער, אַ כאַווער זײערער, האָט מיר אָנגעשריבן.

אַ צײַט האָב איך געקרענקט, געוואָרן נערוועז. ס׳האָט זיך מיר אַלץ אויסגעוויזן, אַז עמעצער רופט מיך, אַז עמעצער קלאַפּט אין שויב. געאַרבעט האָב איך אפן טעלעגראַף, האָט זיך מיר געהאַלטן אין אײן דוכטן, אַז הונדערט מאָל אַ טאָג קלינגט מען מיר.

אָף דרײַען האָבן מײַנע פּאַרדינסטן ניט געקלעקט. האָט די שול אָנגעטאָן און געהאָדעוועט מײַנע קינדער און זומער זײ אומזיסט אָף דאַטשע געשיקט. אין ייִשעוו־סאָוועט האָט מען מיך פאַרשריבן די ערשטע אָף קריגן אַ דירע. נאָר אַזעלכע ווי איך זײַנען דעמלט געווען אַ סאַך, האָט זיך מיר טאַקע געדוכט, אַז גיכער וועט די באָבע געלעגן ווערן, אײדער איך וועל באַקומען אַ דירע! איך האָב זיך ניט ווײניק אָנגעמאַטערט, נאָר אַ גלײַכווערטל זאָגט, אַז ס׳ווערט דיר ניט גוט ליכטיק, ביז ס׳איז דיר ניט געַנוג פינצטער.

די יאָרן אײַלן זיך, לויפן אָן אָפּשטעל. די קינדער זײַנען גרויס געוואָרן. צוויי שפּיגלען, ניט קײן מײדלעך.

איך האָב זיך ניט באַוויזן אַרומקוקן, ווי די קינדער האָבן געענדיקט די קלאַסן. די עלטערע איז אַרײַן אין אינסטיטוט, לערנט זיך אָף אַ לערערן, דאָס הײסט ווען זי וועט ענדיקן, וועט זי זײַן אַ לערערן אָף כעזשבענען „פאָ מאַטעמאַטיקע“. אַ קעפּל האָט זי אַ ליכטיקס, רעכנט בעסער, ווי אַ מאַנצבל. די קלענערע האָט אַ ביסל צוגעקרענקט, האָב איך זי ניט געלאָזט ווײַטער לערנען, איז זי אַרײַן אין טעכניקום. אַוואַדע האָב איך נאַכעס. ווען מײַן יוינע לעבט און טוט אַ קוק, וויפל ייִנגלעך און מײדלעך קומען צו אונדז אַרײַן, מע לאַכט, מע זינגט, מע טאַנצט. „אײַ, — טראַכט איך מיר, — שטײ אוף, טאַטע אײנער, טו אַ קוק אָף דײַנע קינדער, ווײסטו שוין קײנמאָל ניט וועלן שטאַרבן“. ס׳וועט קומען אַ צײַט, אַז מע וועט מיר נאָך קלאַפּן אין די פענצטער און פרעגן, צי האָב איך נאָך אַזאַ פּאָר טעכטער. אָבער לוי, ניטאָ.

פּאָוואָליע האָט מען מיר אַלײן אָנגעהויבן רײדן שידוכים. אַ יונגע אַלמאָנע מיט צוויי קינדער, וואָס דאַרף איך זיך מאַטערן? ווײַבער האָבן האַנאָע, אַז זײ פירן אויס אַ שידעך. יעדן טאָג פלעגן קומען פינף־זעקס ווײַבער און דולן אַ קאָפּ. נאָר צוליב זײ, צוליב די טעכטער מײַנע, האָב איך פאַרשפּילט מײַן שטיקל ווײַבערש מאַזל.

ביז איך האָב זיך באַטראַכט און באַשלאָסן, האָט די טאָכטער געענדיקט דעם אינסטיטוט און איז געוואָרן אַ פּרימאַ־לערערן. יעדן יאָמטעוו אַ פּרעמיע מיט אַ גראַמאָטע. הײַנט די ביכער, וואָס זי ברענגט. איך זאָל זײַן מיט דרײַצן קעפּ, וואָלט איך אויך ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָרטן שטײט געשריבן. צוביסלעך האָבן מיר גענומען בײַטן דאָס מעבל. אָף אונדז האָט זיך באַוויזן אַ נײַער שוך, אַ העמד, אַ קלײדל. אין שטוב האָט אָנגעהויבן אַרײַנקומען אַ באָכער. אַזאַ הויכער, אַז ער האָט זיך ניט געקאָנט אויסגלײַכן אין אונדזער כאַטע. געגאַנגען צו אונדז אַ גאַנצן ווינטער, און

[1] ראַיאָנישער מיליטער־קאָמיסאַריאַט.

אַף מײַ האָבן זיי כאַסענע געהאַט. איך האָב גע־בראָכן דעם קאָפּ, וווהין וועלן מיר זיך אַהינטאָן, וווהין וועלן מיר פאַרבעטן מענטשן, ווו וועלן זיי אַוועקלייגן דעם קאָפּ. לאָזט זיך אויס, אַז די שול האָט איר געגעבן אַ באַזונדער דירע אַפּן צענטן שטאָק, צוויי גרויסע ליכטיקע צימערן מיט אַ באַלקאָן, מיט הייסער וואַסער, מיט אַ וואַנע, מיט ראַדיאָ, מיט אַ טעלעפאָן. אַ דירע עפּשער פאַר אַ מיליאָן. „ווי, — טראַכט איך מיר, — פּעסל, וווּ־הין זײַנען אַהינגעקומען דײַנע פופציק יאָר?״ האַקלאַל, די כאַסענע איז שוין געווען אין דער נײַער דירע. אַלע שילער מיט זייערע עלטערן זײַ־נען געקומען באַגריסן די לערערן. דרײַ מעסלעס האָבן מיר געהוליעט. איך האָב נאָר אופגעהויבן דאָס גלעזל, האָבן מיר זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. האָבן די יינגלעך און מיידלעך מיך אַרומגערינגלט, אַרײַנגעשלעפּט אין קאָן. און איך האָב געמוזט טאַנצן. אַזוי געטאַנצט, אַז מע האָט אופגעשטעלט מויל און אויערן.

דאָס איז געווען מײַן ערשטער טאַנץ נאָך יוי־נעס טויט.

■

פיש

פון דער גרויסער מישפּאָכע פיש האַלט איך נאָר פון קאַרפּ, און דערצו פון אַ געפילטן קאַרפּ.

מײַן ווײַב איז אַ באַלעבאָסטע אַ בעריע, קאָן פירן אַ שטוב, יעדער ווינקעלע בלישטשעט, זינגט, פּעכלט. די אַרבעט ברענט באַ איר אונטער די הענט. נאָר מאַכן געפילטע פיש געטרוי איך איר ניט.

שטענדיק פיר איך מיט זיך אַ ווייך קוישל, אַן אַוואָסקע הייסט עס. נאָך דער אַרבעט כאַפּ איך זיך אַרײַן אין קלייט. ביז איך קום אַהיים, גיי איך אויס פיר־פינף קלייטן און ברענג פיש, ווי מיר געפעלט. אַרויסגעלייגט פון קוישל, גיס איך אָן אַ שיסל וואַסער, פאַרקאַטשע די אַרבל, כאַפּ אַרוף איר פאַרטעך און נעם זיך צו דער אַרבעט: שאָב אָפּ די ליסקע, צעשנײַד די בײַכער, רייניק זיי אויס און נעם זיי אָנפילן — טו אַרײַן אַן איי אָדער צוויי, אַ ציבעלע, אַ סעכערל, אַ לאָרבער־בלעטל, אַ ביסל זאַלץ, אַ מאָן פעפער, אַ ברעקל צוקער, אַ טרער בוימל. פאַר אַ נויט קאָן מען אַרײַנטאָן אַ שטיקעלע פּוטער — איר וועט דער־מיט, כאָלילע, דעם מאָגן ניט אָפּסאַמען. ס׳מאַכט ניט קאַליע, טאָמער וועט איר אַרײַנטאָן אַ לעק צימרינג. פאַרגעסט ניט, כאָלילע, אָנגיסן וואַסער און אַרײַנבראָקן אַ מערעלע. איך טרעט ניט אָפּ פון דער פּליטע, פון פישפענדל, ביז די פיש ווערן ניט פאַרטיק.

דאַן דערלאַנגט מיר מײַן ווײַב דעם גלאַנציקן פּאָלומעסעק. איך לייג אַרויס די פיש און שטעל זיי אָפּקילן. אַ קאַפּאָרע קעט און סיאָמגע, סעווו־ריוגע און אָסעטרינע פאַר איין שטיקעלע געפיל־טע פיש. הײַנט די יויך מיט פרישער בולקע, טאַם־גאַניידן, אַ מעכײַע.

זאָל דער האָבן אַ מאַקע, ווער סע זאָגט זיך אָפּ פון אַ געפּרעגלט שטיקל פיש. נו, אַשטייגער, אַ פּאָר קאַרעסלעך, געפּרעגלט אַף פּוטער, אַ העכט אָדער אַ שלײַען. דאָס זײַנען אַלץ ווײַסע טײַך־פיש. איך בין מיט זיי גוט באַקאַנט.

ווי זאָגט מען עס, אַז ס׳איז באַשערט אַן אומ־גליק, טרעפט עס אין שטוב אַרײַן. עפּעס אַ שטיק צײַט האָב איך ניט געזען קיין רעכטע פיש, אַכוץ אָקונדלעך און טרעסקאַ. ניטאָ קיין פיש, איז ניטאָ וואָס צו עסן. אַף מײַן מאַזל האָט דער שוואַרציאַר אָנגעטראָגן מײַנעם אַ באַקאַנטן, וועלכער האָט מיר געגעבן אַן אייצע:

— טו אַ שפּײַ, יאָסל, אַף די פיש, מיט די קלייטן, מיט די פאַרקויפער. שנײַד אויס אַ צווײַג, עטוואָס לענגער פון אַ פּוזשעלע, טשעפּע צו אַ גראָבן פאָדעם, אַ האַטשיק מיט אַ ווערעמל, נעם דעם עמער און לאָז זיך צום טײַך, פּרווו אַליין עפּעס כאַפּן.

— מײַנע פּלאָטעצעס, — זאָגט ער, — זײַנען טײַערער, ווי יענעמס אַ שלײַען. נאָר זאָלסט וויסן, סע ווענדט זיך אין דער צײַט. פיש כאַפּן זיך פאַרטאָג און באַנאַכט. אין מיטן העלן טאָג — אַזוי ווי מיט דער האַנט צוגענומען...

דעם עמעס געזאָגט, איז מיר די ערשטע צײַט געווען אַ ביסל פּריקרע זיך אַוועקזעצן צווישן די יינגלעך און קוקן אין וואַסער אַרײַן. שאָען קאָן מען אָפּזיצן, ביז אַ פישל וועט קומען צו דיר צו־גאַסט. נאָר נויט ברעכט אײַזן. האַקיצער, איך האָב זיך אַזוי אַרײַנגעצויגן אין דער פיש־כאַפּע־ניש, אַזוי זיך פאַרטיפט, אַז אין אַ פרײַען טאָג פלעג איך קיין איין מינוט אין שטוב ניט אײַנ־זיצן — ניט נאָר זומער, נאָר אַפילע ווינטער אין די גרעסטע פרעסט.

מע טוט אָן וואַליקעס, וואַרעם גרעט, אַ לײַבל, און דער פראָסט גייט אײַך אַזוי אָן, ווי דער פאַראיאָריקער שניי. נו, און אַז ס׳כאַפּט שוין יאָ פאַר די פינגער, פאַר די קני, לויפט מען זיך דורך אַ ביסל. איך נעם מיט זיך אַ טערמאָס קאַווע און לעב ווי גאָט אין אָדעס.

דאָס מאָל זײַנען זיך צונויפגעלאָפן פישער מער, ווי פיש. בין איך אוועק אין א זײַט, אוועקגעשטעלט דעם עמער, זיך אײַנגעמאָסטעט, פארוואָרפן די ווענטקע און געוואָלט פארייכערן א פאפּיראָס.

איך האָב ניט באוויזן אָנרײַבן א שוועבעלע — אָהאָ! — ס׳איז דאָ א פישעלע, אין דער פּאָלאָנקע נעמט זיך בויטען דאָס וואסער, ס׳ווארפט זיך, צאפּלט א זילבערן פלאָטקעלע מיט רויטע פליגעלעך און רויטע אויגן, ס׳פּאטשט מיטן עקל און וויל אנטלויפן. איך רוק זיך צו נעענטער צום ברעג פון דער פּאָלאָנקע, רייכער און קלער, אויב איך וועל דאָ אָפּארבעטן א האלבע סמענע, וועט בא מיר זײַן א געהויבענע וועטשערע, כאָטש מײַנע זאָגט, אז דאָס קליינווארג איז קײַ און שפּײַ, נאָר איך מאך פון זיי קאָטלעטן. אָ! ווידער א פישל! עס ווארפט זיך, ווי א שלאנג, וויל אָפּציען, נאָר ניט בא מאָטקען, — עס ליגט שוין אין עמער. איך האָב זיך שוין געוואָלט נעמען פארן טערמאָס און א זופּ טאָן א גלעזל ווארעמס, זע איך, ווי מײַן האטשיק האָט זיך אָן עפּעס פארטשעפּעט, שיר די ווענטקע ניט צעבראָכן. ס׳האָט מיך באשלאָגן א שווייס, איך האָב דערזען א גע־זונטן שווארצן קאָפּ מיט א ווײַסן ברייט־צעעפנטן פּיסק, נאָר אף אײַנשלינגען מיך. וויי איז מיר, א סאָם האָט זיך געפּאקט. איך פיל, נאָך א מינוט — און די ווענטקע וועט גיין לאזאָזל. האָב איך זיך פּאמעלעך צוגערוקט, צוגעבויגן, אויסגעשטרעקט די האנט, קעדיי זיך אָנכאפּן פארן פּאָדעם און צוציען אים צו זיך. אז איך גליטש זיך ניט אויס, און דאָס אײַז פּלאצט אונטער מיר און איך טו א פּוץ, א טערעבענדע אין וואסער ארײַן. ס׳איז גליטשיק און ניטאָ בא וואָס זיך אָנצוכאפּן. דער עמער האָט זיך פארטשעפּעט, זיך א קײַקל געטאָן און צוזאמען מיט די פיש אוועק נאָך מיר אין וואסער ארײַן.

ביז הײַנט געדענק איך ניט, וואָס ווײַטער איז געווען. צי איך האָב געשריגן, געבעטן הילף, צי די פישער האָבן באמערקט, און עפּשער די ייִנגלעך און מיידלעך, וואָס האָבן זיך געגליטשט אפן אײַז, האָבן דערזען. דאָס וואסער האָט מיר שוין דערגרייכט איבערן האלדז, ווען א כאָפּטע מענטשן, א בינטל הענט האָבן זיך אין מיר אײַנגעקלאמערט און גענומען פון מיר רײַסן שטיקער, געריסן פאר די האָר, געשלעפּט פאר די אויערן, געטאסקעט פארן קאָלנער, געדרייט די פארבלאָוטע נאָז. מיר דוכט, אז דאָס געשריי האָט מען געקענט הערן אף מײַלן. ווי פון אונטער דער ערד זײַנען אויסגעוואקסן צוויי קרעפּטיקע מוידן אין וואטאָווע הויזן, אין וואָליקעס און אושאנקעס. זיי האָבן מיך דערקענט, געכאפּט אונטער די הענט, געטאסקעט, ריכטיקער, געוואָלויטשעט ביז אהיים. צוערשט האָט פון מיר גערונען, געקאפּעט. נאָר אינגיכן איז אלץ פארגליווערט געוואָרן און איך בין באהאנגען געוואָרן מיט אײַז־ליכטלעך. דאָס היטל איז געשטאנען אף די פארפרוירענע האָר, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי דינע שוסטער־טשוועקלעך. די הויזן, ווי פארהילצערטע, שטייען, דאָס רעקל, ווי א ביינערנס, די וואָליקעס, ווי שטיינערנע, און דאָס פּעלצל אף מיר שטייט און קוויטשעט, ווי נאָר עמעצער רירט זיך צו דעם צו. מע האָט מיך געבראכט אהיים, ווען ס׳האָט שוין גענומען טונקל ווערן, פּונקט ווען מײַנע איז נאָרוואָס געקומען פון דער ארבעט. דערזען פאר זיך אזא כאסענע, האָט זי זיך רעכט דערשראָקן און געמאכט א גוואלד: „יאָנטל, וואָס איז מיט דיר?..“ איינציקווײַז האָבן די מענטשן זיך גענומען ארויסגליטשן פון שטוב, ארײַנשטעלנדיק א וואָרט. איינער זאָגט, אז „איך בין פון טויט לעבעדיק“, א צווייטער, אז „איינער פון טויזנט“, עפּעס א ווײַבל זאָגט, אז „מײַנע האָט א געפונענעם מאן“. קוים ארויסבאגלייט די כאליאסטרע, האָט מײַנע זיך גענומען צו מיר. מיך אויסגעטאָן, ווי א קליין קינד, ארומגעוואשן מיט לעבלעך וואסער, איבערגעטאָן, ווי מע טוט איבער א קינד, און באלייגט אונטער דער איבערבעט. אף די פּיס ארופגעוואָרפן א מאיאָנטעק מיט שמאטעס, דערלאנגט מיר אין בעט הייסע זיסע מילך מיט געבעקס. אינגיכן בין איך געשמאק אײַנגעשלאָפן, ווי נאָך א באָד. אופגעכאפּט זיך. וואָס איז געשען? נאָר אין קאָפּ קלאָטשע, שטרוי, אָבער ניט קיין געדאנקען.

עמעס, מײַנע האָט ניט געשריגן, ניט געשאָלטן (מײַנע, אז זי וויל, קען זי, סע מעג נאָר פאלן אין יאם ארײַן איר מײַנעלאָשן). זי האָט נאָר א בורטשע געטאָן, אז איך וועל מירצעשעם געזונט ווערן, זיך שטעלן אף די פּיס, וועט זי זיך מיט מיר אָפּרעכענען. דערווײַל האָט זי געכאפּט מײַן קלייזײַען — די ווענטקע, די האטשיקעס, די ווערעמלעך, אפילע דעם טרייפן עמער און אלץ ארויסגעשמיצט. גיט א רענדל פאר א פּאָדעם, קיין פּאָדעם איז אין שטוב ניט געבליבן.

נאָר ווי מיינט איר, סע וועט איר עפּעס העלפן? אז איך האָב פּאָרט ליב פיש!

אויך מיר א שידעך

די שטאָט האַלט מיך פאַר אַן אויסגערייכערטער ליולקע, פאַר אַ פאַרשלעפּטער קרענק, און דערצו נאָך פאַר אַ גרויסן צולאָכעסניק.

אָקאָרשט דאָ ניט לאַנג האָב איך אָפּגעטאָן דער וועלט אַ שפּיצל — כאַסענע געהאַט מיט אַ מיידל, וואָס איז יִינגער פון מיר אַף 21 יאָר. ליג איך טאַקע איצטער נייַן איילן אין דער ערד און באַק בייגל. אַ באַיאָרטער מאַנצבל, וואָס האָט כאַסענע פאַר אַ יונג מיידל, דערצו נאָך פאַר אַ שיינער, איז וואָס אין דער קאָרט. ער דאַרף נעמען אַ שטריק, אַרופקריכן אַפן בוידעם און זיך אופהענגען, זיך נעמען דאָס לעבן, אָפּסאַמען זיך. אָדער אַראָפּשפּרינגען פון דער בריק אין וואַסער. אַזאַ שידעך האָט באַ מיר איצט אַ פּאָנעם פון כויזעק — פּונקט ווי מע זאָל צונויפשפּאַנען אַ פערד מיט אַ כאַזער.

ווען מייַן ליובע איז מיר אָפּגעשטאָרבן, בין איך באַ דער טאָכטער מייַנער געוואָרן טויזנט מאָל טייַערער: טאַטע און טאַטעניו! פון דער אַרבעט כאַפּט זי זיך אָפּט אַרייַן צו מיר, אין אַ רו־טאָג פאַרבעט זי מיך צו זיך.

אָט דאָ, אַף דער זאָקן־פאַבריק, ווו איך אַרבעט שוין איבער דרייַסיק יאָר, איז פאַראַן אַ היפּש ביסל אַלמאָנעס, דערבייַ גאַנץ נישקאָשעדיקע, אויך ניט ווייניק מיידלעך, וואָס האָבן פאַרשפּעטיקט כאַסענע האָבן. ס׳וואָלט גענוג געווען, איך זאָל נאָר אַ שאָקל טאָן מיטן קאָפּ און זיי וואָלטן גערן געגאַנגען צו דער כופּע. נאָר ס׳האָט זיך מיר ניט געוואָלט. ביז הייַנט קאָן איך מייַן ליובען ניט פאַרגעסן.

אין אַ געוויינלעכן מיטוואָך זיץ איך אין קאַבינעט פון צעך און פיר דורך אַ זיצונג מיט די מייַסטערס. כ׳האָב זיי גראָד דעמלט דערוויזן, אַז די בריגאַדע פון די בלינדע אַרבעט בעסער פון די זעענדיקע. אינדרינען עפנט זיך שטיל די טיר און אַ יונג שיין מיידל רוקט אַרייַן איר קוטשעראַווון קאָפּ און פרעגט זיך נאָך אַף מיר. איך האָב איר געהייסן צוּוואַרטן, ביז איך וועל ענדיקן די זיצונג. לאָזט זיך אויס, אַז זי איז שוין געווען באַם דירעקטאָר, ווייַל נאָכן ענדיקן דעם אינסטיטוט שיקט מען זי צו אונדז פאַר אַ טעכנאָלאָג. איך טו מיט איר אַ רייד — ניט קיין נאַר, איז באָקי אין אונדזער אַרבעט. ווייסט די מאַשינעס. צוזאַמען מיט איר בין איך אַוועק צום דירעקטאָר, און אַף מאָרגן איז זי אַרויס צו דער אַרבעט.

קיין שיקער, הערט איר, בין איך ניט, אין די גאַסן וואַלגער איך זיך ניט, נאָר מיט אַ קאָמפּאַניע כאַווערים האָב איך ליב צו פאַרברענגען.

זיץ איך מיר אַזוי פאַרנאַכט מיט אַ כעוורע אין אַ שטילער קאַפע און מיר נעמען צו גלעזלעך קאָניאַק, דערציילן וויצן, לאַכן און וואַרפן אַן אויג צו דער סטאָיקע. מינהאַסטאַם פאַרשטייט איר שוין, אַז פון יענער זייַט סטאָיקע איז געשטאַנען אַ ווייַבעלע מאָלע־טאַם, מיט דיקלעכע געפאַרבטע ליפּן און מיט אַ פּאָר בעקלעך, ווי צוגעברוינטע פּאַמפּעשקעס.

אינדרינען טוט זיך אַ שטעל אויף איינער אַ כאַווער מייַנער, אויך אַ טעפּליקער, ער איז דער נאַטשאַלניק פון דריטן צעך, מישע הייסט ער, באַ אונדז אין דער היים פלעגט מען אים רופן מוישקע קוגעלע (ער האָט ליב קוגל), און טוט אַ זאָג צו מיר:

— זאַכאַר, דו טוסט אַמאָל אַ טראַכט וועגן לעבן? ניט גוט אַף די עלטערע יאָרן בלייַבן עלנט. כאָלילע, מע ווערט קראַנק, איז אַפילע ניטאָ, ווער ס׳זאָל אַ לעפל וואַסער דערלאַנגען.

— מישע, וואָס קוועטשט דיך? — טו איך אַ פרעג און קוק אַפילע ניט אין זייַן זייַט.

— מיך קוועטשט גאָרניט, — ענטפערט ער מיר באַרויגעזלעך, — איך וואָלט נאָר געוואָלט דיך נעענטער באַקאַנען מיט אונדזער טעכנאָלאָג. אַ שטיל לייַטיש קינד. לעבט מיט אַן אַלטער מאַמען...

פון אָנפאַנג האָב איך ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט, נאָר ווען צו מיר איז עס דערגאַנגען, האָב איך אַזאַ שפּרונג געטאָן, אַז איך האָב איבערגעקערט אַפן טיש אַלע פלעשער, און ווען ניט יענץ ווייַבעלע פון יענער זייַט סטאָיקע, וואָלט איך אים צעקאַרדאַשעט אַף פּיצלעך. אַן אַזעס פון אַ לאָקשנטאָפּ! דער קאַס האָט אין מיר געזאָטן, נאָר געענטפערט האָב איך שוין רויִקער:

— גיכער פּאַסט איך איר פאַר אַ טאַטן, איידער פאַר אַ מאַן.

— טוט נאָר אַ קוק, ווי ער ברעקלט זיך, מאַכט דעם אָנשטעל, פּונקט ווי עמעצער נייט אים. ווילסט ניט, דאַרף מען ניט. און ווי וועט זייַן, אויב מיר וועלן איבערקערן דעם פּעלץ אַף דער לינקער זייַט? דו וועסט וועלן, און זי ניט? דעמלט וועסטו שוין נאָר קאָנען ריידן צום דאַשעק.

אָפּגעקילט זיך אַ ביסל, האָבן מיר זיך ווידער געזעצט צום טיש, ווידער גענומען צו קעלישעקלעך, צוגעביסן, און די קאָמפּאַניע האָט באַ מיר געפּויעלט, ריכטיקער, אַרויסגענאַרט דעם „יאָ“. מוישקען האָבן צוגעהאָלפן נאָך אַ פּאָר כאַווערים. אַ ווייַבל האָט זיך אַרייַנגעלייגט אין אייסעק, מיך געליובט אין טאָג אַרייַן, און ס׳איז געוואָרן אַ שידעך. שאַ, שטיל, אָן קלעזמער און אָן געסט. צווישן זיך האָבן מיר אָפּגעמאַכט, אַז איינער פון אונדז דאַרף אַוועקגיין פון דער פאַבריק. ס׳פּאַסט ניט, אַז דאָס ווייַב זאָל אַרבעטן באַם מאַן אין

צעך. איך האָב פֿײַנט פֿליאַטקעס. מ׳פֿאַרטיילט פּרעמיעס, מ׳גיט פּוטיאָווקעס. עמעס, מײַנע אַרבעט גוט, ס׳קומט איר, נאָר בייזע צינגער קאָנען זאָגן, אַז דעם ווײַב גיט ער גיכער ווי אַנדערע. האָב איך אַ קלוגן געטאָן אַ גוטנברודער, און יענער צו זײַנעם אַ באַקאַנטן. איז דער באַקאַנטער אַוועקגעפאָרן צו אַ כאַווער, און זשאַנע איז אָנגעקומען אַרבעטן אין קינאָ־סטודיע, ניט, כאָלילע, פֿאַר אַן אַרטיסטקע, נאָר אין לאַבאָראַטאָריע.

זי גייט אַוועק פֿון דער היים פֿאַר צען גאַנצפֿרי און קערט זיך אום נאָך עלף אין אָוונט. איך קער זיך שוין איבער אויף דער לינקער זײַט.

מײַנע האָט זיך אויפֿגעהערט שעמען און מיר אַרויסגעלייגט אַ גאַנץ צעטל, וואָס איר פֿעלט:

זי האָט ניט קיין גלאַנציקע שטיוול ביז די קני, ווי מע טראָגט הײַנט. זי האָט ניט אַזעלכע קורצע קליידלעך, ווי מע נייט הײַנט; זי דאַרף אַ פֿוטער. אַ באַלאָניע. אַפֿילע דער זאָנטיק איז שוין אויך אַ ביסל אַלטמאָדיש. אַפּאָנעם, אַז מיידלווײַז האָט זי ניט געוווּסט, וואָס זי האָט און וואָס עס פֿעלט איר. זי גיט מיר אָנצוהערן, אַז די אַרטיסטקעס קומען אין סטודיע אויף אייגענע מאַשינעס, און אַז ס׳וואָלט שוין צײַט געווען, איך זאָל אויך אַ טראַכט געבן וועגן אַ „מאָסקוויטש". ביזוואַנען וועט זי זיך שטופּן אין די אָטשערעדן אויפֿן טראָלייבוס, באַזונדערס נאָך ווינטער, ווען דער פֿראָסט ברענט. דערבײַ פֿאַרגעסט זי ניט איבערצוכאַזערן, אַז זי האָט געקענט דערגרייכן פֿיל מער. גענעראַלן האָבן צו איר געשמייכלט, פּאָלקאָווניקעס זײַנען נאָך איר נאָכגעלאָפֿן, און זי האָט קוים גענומען אַ זאָקנמאַכער, און דערצו נאָך...

ווער איך טאַקע איצטער פֿאַרשוואַרצט און זע ניט די ליכטיקע שײַן. אַ דינסט בין איך אין שטוב. גיי אין קראָם. קויף אײַן, ברענג אַלץ אַהיים. איך קאָך און ראַם, וואַש און דערלאַנג זשאַנען אין בעט אַרײַן די קאַווע. אַ גאַנצן טאָג קלינגט זי מיר, מאַכט באַשטעלונגען און דולט אַ קאָפּ. איך ווייס ניט וואָס צו טאָן פֿריִער, צי טראַכטן וועגן דער אַרבעט, צי באַדינען דאָס ווײַב. ס׳איז אַ סוואָרע, אַז די לעצטע צײַט דרעמל איך שוין בײַ דעם טיש. איך שלאָף זיך ניט אויס. ווי נאָר זי קומט באַנאַכט, ווערט אין שטוב אַן איבערקערעניש. כאָטש אַנטלויף ווו דער שוואַרצער פֿעפֿער וואַקסט.

פֿון דער העלער הויט קלינגט זי מיר, טייקעף ברענג איר די באָטיקעס און דעם זאָנטיק, ס׳דוכט זיך איר, אַז ס׳וועט גיין אַ רעגן. טראַכט איך מיר: אַלטער פֿערדאַטש! הערט איר, אַז מע לעבט מיט יענעמס קאָפּ, מעג דער אייגענער אָפּדאַרן. די ביינער וואָלט איך אים צעבראָכן, דעם קוגלפֿרעסער. האָט ער אָבער דערשמעקט, דער מאַמזער, דער שיבעניק, און באַצײַטנס אָפּגעצויגן פֿון פֿאַבריק.

ניטאָ דער כאָכעם אויף דער וועלט, וואָס זאָל מיר קענען געבן אַ קלוגע אייצע, וויִאַזוי זיך פֿאַרגרינגערן דאָס לעבן. קיינער ווייסט דאָך ניט, וועמען דער שוך קוועטשט. ווי זאָגט אַן אוקראַיִניש גלײַכווערטל: „זשאַלקע קינעטע אי טיאַזשקע נעסטע"[1], זי איז שיין — אין איר פּאָנעם ניט אַרײַנצוקוקן, זשאַנע מײַנע, נאָר קיין סוינע ווינטש איך ניט אַזאַ לעבן ווי בײַ מיר.

[1] פֿינקטלעך — ס׳איז אַ שאָד אַוועקצוואַרפֿן, נאָר שווער צו טראָגן.

■

ווײַט זשע מויכל

Dער זיידע אַלעוואַהאַשאָלעם יערוכים־שלוימע (איך טראָג זײַן נאָמען) איז געווען אַ כאַיעט. דער טאַטע, אונדז צו לענגערע יאָר, האָט געהאַלטן אַ „וויוועסקע" אויף דער טיראַספּאָלסקי. געווען אַ ייִד אַ כאָכעם, אַ הײַנטוועלטיקער, אַ מייוון אויף נעגינע, מיט אַ שיין הענטל צום שרײַבן און צייכענען. און איך האָב שוין נאָכגעטאָן דעם טאַטן, ניט געוואָלט פֿאַרשעמען די מישפּאָכע. טאַקע פֿון דער שול־באַנק פֿלעג איך זיך אַרײַנכאַפּן אין וואַרשטאַט, צעבלאָזן אָדער מאַכן אַן אײַזן, באַשפּריצן אַ קלייד מיט וואַסער, דערלאַנגען די שער, פֿאַרסילען אַ פֿאָדעם, אַרויסציִען די פֿאַרסטריגעס און אַפֿילע העלפֿן זינגען בײַ דער אַרבעט. ס׳איז קעדײַ צו וויסן, אַז מיר זײַנען געווען און געבליבן דאַמסקי, פֿרויען־שנײַדער. בײַ מיר האָבן זיך נאָך פֿאַרהיט קאַרטינקעלעך פֿון ייִדנס צײַטן, ווען מ׳האָט געטראָגן קליידער מיט אַ סטאַניק, מיט אַ שלעפּ, הײַנט די פֿעלערינעס און קרינאָלינעס, וואָס זײַנען געווען אַ כאַריפּעס. ס׳איז קעדײַ צו וויסן, אַז אָדעס איז אַ שטאָט פֿון הוילע מאָדעס, ווײַל אַלע מיטוואָך און דאָנערשטיק קומען צו אונדז אויסלענדער פֿון דער גאָרער וועלט, פֿון אויסרײַסעניש, און יעדערער פֿון זיי ברענגט נײַע מאָדעס. באַזונדערס די ווײַבער. איינע קומען אין שמאָלע הייזעלעך. אַנדערע קומען אין ברייטע לאַנגע קליידלעך ביז דער ערד. און נאָך אַנדערע קומען גאָר אין קורצע קליידלעך, דער דאָנערשטיק איז בײַ זיי קירצער

פונעם פרײַטיק. נאָר ס׳איז קעדײַ צו וויסן, אז איך בין א באלמעלאָכע, און וואָס מ׳זאָל ניט באַשטעלן, אבי מ׳צאָלט מיר, דארף איך מאכן. ווען איך בין געווען יונג, פלעג איך יאָ אמאָל א זינדיק טאָן. ס׳איז קעדײַ צו וויסן, איך פלעג כאַפּן א קוק אף א שטאלטנע מיידל בעשאסן מעסטן און פארטשעפּען פונקט דאָרט, ווו מ׳דארף ניט מעסטן. נאָר איצטער ליגט עס מיר שוין אפילע ניט אין זינען, מיר איז שוין אריבער די פופציק, און לייגט אוועק אפילע א שטיק גאָלד, א בריליאנט, וועל איך אויך ניט טשעפּען. ס׳איז קעדײַ צו וויסן, אז די הײַנטיקע מאָדעס שלאָגן מיר צום הארצן, ווען איך קען, וואָלט איך געוואָרפן די ארבעט. נאָר ס׳איז נאָך ווײַט צו דער פּענסיע. ס׳איז קעדײַ צו וויסן, אז דאָ ניט לאנג, פאראיאָרן ווּעסנע, נאָך מײַ, רופן מיך ארויס די באלעבאטים פון אטעליע און טוען א זאָג צו מיר: „סאלאָמאָן זאכאריעוויטש, מיר לייגן אײַך פאָר עפּענען א פיליִאל און די נאָענטסטע טעג איבערגיין נאָר אף קורצע קליידלעך. באטראכט זיך, יִישעווט זיך אויס, און מאָרגן וועט איר געבן אן ענטפער“. נאָר איך האָב גלײַך געענטפערט: „מאסקים, איך באשטיי!“

ס׳איז קעדײַ צו וויסן, אז איך בין זיך אָנגעלאָפן, ווי א פארסאמטער, געקראָגן נײַע גרויסע שפּיגלען פון דער ערד ביז דער סטעליע, געשטעלט ווייכע שטולן, פון שפּאליר־ווענטלעך געמאכט קאבינעס, פארהאנגען זיי מיט רויטן און גרינעם זײַד. אופגעהאנגען לעמפּ מיט באטאָגיקער שײַן, צעשטעלט וואזאָנעס אף די פענצטער. אף די ווענט האָבן זיך באוויזן שישקינס בערעלעך און נאָך אנדערע בילדער. אף די נידעריקע גלאנציקע דרײַפיסיקע טישעלעך — אוועקגעלייגט די זשורנאלן מיט די נײַסטע מאָדעס. פון ביידע זײַטן טיר צוגעטשעפּעט צוויי שילדן „דאָ קירצט מען קליידער“. ס׳איז קעדײַ צו וויסן, אז מ׳האָט זיך א לאָז געטאָן צו מיר פון קליין ביז גרויס. מאמע מײַנע, אן אָטשערעד! מ׳קומט צו מיר פון אנדערע שטעט און דערפער, ס׳געפינען זיך אזעלכע, וואָס גיבן מיר אָנצוהערן, אז זיי קענען מיר שטעלן א פלעשל, געבן אין דער יאד ארײַן, אבי איך זאָל זיי וואָס גיכער אונטערקירצן... ס׳ברענט בא זיי. פע! און נאָכאמאָל פע! איך האָב דאָס פײַנט. ס׳איז קעדײַ צו וויסן, אז איך נעם ניט צו די ליפּן דעם ביטערן טראָפּן. איך בין קאלט ווי אײַז צו כאבאר. איך וויל ניט יענעמס א דענעזשקע. איך בין זיי ניט קיין שאַלאטן־שאמעס און ניט קיין מוישע־מעכויעוו. ס׳איז פע! און נאָכאמאָל פע! ס׳איז קעדײַ צו וויסן, אז די נײַע קליידלעך דארפן פּאסן צום פּאָנעם און צוגעבן כיין. אלע ווילן זײַן שיין, גלײַך ווי דאָס וואָלט געווענדט געווען אין שנײַדער. נעכטיקע טעג.

אנומלטן איז ארײַן צו מיר אין ווארשטאט א מיידעלע, אן אנטיקל, א ליאלקע, טאם־גאניידן, אין איר פּענעמל ניט ארײַנצוקוקן. זי בעט אונטערהאקן דאָס קליידעלע אף פינף פינגער. זי מוז גיין אין גרויסן טעאטער און שטייט שוין אָפּ פון דער מאָדע אף גאנצע צוויי פינגער. דרײַ מאָל האָב איך זי איבערגעפרעגט: אונטערבייגן צי אָפּהאקן? נאָר אונטערהאקן, ס׳זאָל זיך ניט בלאָזן. ס׳איז קעדײַ צו וויסן, אז איך האָב זיך מיט איר א ביסל אָנגעבאָברעט. אויסגעלייגט און צוגעגלעט, פונקט ווי זי וויל. און דײַקע געגומען א שיבעש, וועלוועלער ווי בא אנדערע. הערט א געשיכטע. ס׳איז קעדײַ צו וויסן, זי גייט נאָר אוועק פון מיר, קומט ארײַן איר מאמע. איר זאָלט א קוק טאָן א מאמע! א גרעב מיט א ברייט, אז זי וועט אין דער טיר ניט ארײַן. מיינט איר, וואָס? זי וויל, איך זאָל איר אויך אונטערהאקן דאָס קליידל, מאכן ווי בא די מיידלעך. איך ווער ניט ניספּאָעל, בא מיר איז דאָס ניט קיין נײַס. אין עלעקטריטשקע, אין מעטראָ, אין טראָלייבוס און אווטאָבוס, ווו איר זאָלט ניט א וואָרף טאָן מיט א שטעקן, וועט איר זען מײַן ארבעט. אָן דאָרטן, אין אווטאָבוס, זיצט אן אלטע, קוים וואָס זי זשיפּעט, איר זעט? איר האָב איך נאָך פּאָריקע וואָך אָפּגעהאקט א העלפט קליידל, איז שוין דאָ וואָס צו ריידן פון די יונגע? ס׳איז קעדײַ צו וויסן, אז וואָס ווײַטער, וועלן די קליידלעך זיך נאָך מער הייבן, אונטערשפּרינגען, און ס׳וועט דערגיין ביז א קאטאסטראָפע. נאָר ווי זאָגט דאָס אוקראַיִנישע גלײַכווערטל: „מאָיא כאטא ס קראיו“. וויִאזוי די קלעזמער שפּילן, אזוי טאנצן מיר. איר וועט די וועלט ניט איבערמאכן, א נעכטיקער טאָג.

פונדעסטוועגן, זײַט זשע מויכל, טאָמער ווילט איר עפּעס אונטערהאקן אָדער אָפּקירצן, קומט ארײַן, איר וועט זײַן אן אָנגעלייגטער גאסט בא מיר, אין אָטשערעד וועט איר ניט שטיין און בלײַבן העכסט צופרידן.

■ ■ ■

הירש רעלעס

צוגאַסט אין מײַן שטעטעלע

(רײַזע־בילדער)

1. אין וועג

פֿון יענער זײַט וואַגאָן־פֿענצטער יאָגן אַף צוריק סלופּעס, סקירדעס, קאָמבײַנען, הײַזער, ביימער. בלויז די געזונטע אווטאָמאָבילן־סאַמאָסוואַלן האַלטן זיך אַ צײַט אַנטקעגן וואַגאָן־פֿענצטער, אָבער סאָפּקאָלסאָף שטייען זיי אויך אָפּ — דער צוג יאָגט זיי איבער.

אָבער די זון, די גאָלדענע פּאַווע, פֿליט באַגלײַך מיטן צוג. זי שנײַדט לײַכט אַדורך די געדיכטע צווײַגן פֿון די וואַלד־ביימער, ניט ברענגענדיק זיי קיין שאָדן. זי שוועבט דורך די שטאַמען, פֿאַרלירט אין אײַלעניש אירע גאָלדענע פֿעדערן און דאָך בלײַבט זי די זעלבע.

ווער זאָגט, אַז די פֿאַרקישעפֿטע גאָלדענע פּאַווע, וועגן וועלכער מע פֿלעגט אונדז קינדווײַז דערציילן וווּנדער־מײַסעס, איז הוילע פֿאַנטאַזיע? אָט איז זי דאָך אַף דער וואָר פֿאַר די אויגן!

ווער זאָגט עס, אַז זי קאָן קיין וווּנדער ניט ווײַזן? אָט טוט זי זיך אַ דריי און פֿאַרוואַנדלט זיך ווידער אין אַ זון, וואָס באַלײַכט אַ גרויסן פֿעלדז, איבערן אומברעגיקן זאַנגען־יאַם שווימען קאָמבײַנען און שנײַדן און דרעשן דאָס קאָרן. אַ סטאַדע בעהיימעס שטייט לעבן אַ טײַכל, נײַע געפֿאַרבטע הײַזער — הילצערנע און געמויערטע, מיט אָנגעצויגענע אַנטענעס אַף די דעכער... און פּלוצלינג ווערט די זון ווידער פֿאַרוואַנדלט אין אַ גאָלדענער פּאַווע און פֿליט שוין ווידער צווישן די ביימער פֿון וואַלד.

איך פֿאָר אין שטעטל, ווו ס׳איז אַדורך מײַן קינדהײַט און מײַן יוגנט.

ניטאָ אַזאַ מוזיק, ניטאָ אַזעלכע לידער, וואָס זאָלן מיך אַזוי פֿאַרוויגן, ווי די דערמאָנונגען וועגן די אייגענע און פֿרײַנט, וואָס האָבן געלעבט אין מײַן היים־שטעטעלע. אַזויפֿיל יאָרן שוין אַוועק, ווי זיי זײַנען ניטאָ, און מיר גלייבט זיך ניט אַדהײַעם אין דעם.

קום איך אין שטעטל, איבערצײַג איך זיך, אַז זיי לעבן נאָר בא מיר אין זיקאָרן. איך באַגעגן זיך מיט די איינצלנע, וואָס זײַנען לעבן געבליבן, און מיט נײַע מענטשן, מיט וועלכע איך האָב זיך באַפֿרײַנדעט, ווען איך בין געקומען אַהער אין די נאָכמילכאָמעדיקע צײַטן.

די גאָלדענע פּאַווע טוט אַ פֿאָך מיט די פֿײַערדיקע פֿליגלען און ווערט ווידער אַ זון, וואָס באַלײַכט איצט שוין נאָענטע ליבע ערטער.

— כאַווער, — זאָגט צו מיר דער פּראָוואָדניק פֿון וואַגאָן, — גענוג געכאָלעמט. ס׳איז אײַער סטאַנציע.

איך נעם דעם טשעמאָדאַנטשיק און גיי אַרויס אַפֿן פּעראָן מיט אַ געפֿיל, ווי מיט פֿיל יאָרן צוריק, ווען איך פֿלעג קומען אַהיים אַף קאַניקולן פֿאַרברענגען דעם זומער.

לעבן וואָקזאַל, ווו אַמאָל זײַנען געשטאַנען באַלעגאָלישע פֿורן, וואַרט אַף אונדז אַ גרויסער אווטאָבוס. אין פֿופֿצן מינוט אַרום וועל איך זײַן אין דער היים.

2. דער בלאָנדזנדער פֿונק

איך ווייס ניט, צי אַזוי איז אויך ערגעץ אַנדערש, נאָר דאָ אין שטעטל רופֿט מען אַלע אווראָמס באָמע. דרײַ אווראָמס קען איך, מענטשן שוין פֿון בעקאָוועדיקן עלטער, און אַלע רופֿט מען זיי באָמע. באָמע דער ווירטואָז, באָמע דער זאַגאָטאָוויטעל און באָמע דער פֿאַרבער.

די געשיכטע פֿונעם נאָמען אווראָם, וואָס איז מעגולגל געוואָרן, ציט זיך נאָך צו די צוואַנציקער יאָרן. דעמלט איז בא אונדז אין שטעטל שטאַרק פּאָפּולער געווען שימען יאָפּע. ער איז געווען אַן אַקטיווער טוער אין טשאָן. די האָרעפּאַשניקעס האָבן שטאָלצירט מיט אים, און די נעפּמאַנס האָבן פֿאַר אים געציטערט, ווי פֿאַר פֿײַער. איז בא אָט

דעם שימענען אין יענער צײַט געבאָרן געוואָרן
א זון, וועלכן מע האָט א נאָמען געגעבן אווראָם.
— ווי רופט מען דיך? — האָט מען גענומען
זיך נאָכפרעגן באַם יאַטל. נאָר שימענס יווּרעש
האָט ניט געקאָנט אויסריידן זײַן נאָמען, אָנ־
שטאָט אווראָם האָט זיך בא אים באַקומען באָם.
האָט מען אים גענומען רופן באָמע. און אז שי־
מענס זון רופט מען אזוי, איז דאָך ניט שײַעך...
פון דעמלט אָן האָט מען ווו אן אווראָם גענומען
רופן באָם, באָמע. ביז דער מילכאָמע האָט
מען אין שטאָט געקאָנט אָנציילן בא 15 באָמעס,
פינף זײַנען אומגעקומען אפן פראָנט, דרײַ — אין
געטאָ, אייניקע געפינען זיך אין פארשיידענע
שטעט — דאָרט הייסן זיי אבראם. אָבער אין
שטעטל, ווען זיי כאפן זיך אראָפּ אהער, רופט
מען זיי ווידער באָמע.

איך דערצייל דאָ די געשיכטע וועגן דעם נאָ־
מען אווראָם, ווײַל מײַן כאוועד פון קינדהײַט, וועגן
וועלכן איך קלײַב זיך איצט דערציילן, הייסט
אויך באָמע. עס רעדט זיך וועגן באָמען דעם
ווונדערקינד אָדער ווירטואָז, ווי מע רופט אים
נאָך איצט, ווען ער איז שוין א ייִד אין די יאָרן.
„ווונדערקינד" האָט ער געהייסן דערפאר, ווײַל
קינדווײַז האָט זיך אנטפלעקט אין אים א מוזי־
קאַלישער טאַלאַנט, וואָס איז אריבער צו אים
בעיערושע פונעם טאטנס צאַד. באָמעס זיידע איז
געווען א באדכן און א מוזיקאַנט. דער טאטע —
א שערער, נאָר אויך א מענאגן. ווען ער פלעגט
זיך צעזינגען, זײַענדיק אונטערן גלעזל, האָט
מען אים געמעגט גיין הערן אַף בילעטן. אזוי האָט
מען גערעדט אין שטעטל. און א פעטער האָט ער
געהאט, מײַן באָמקע, א וויאָלאָנטשעליסט. נאָר
יענער האָט געווינט אין סאמאַרקאַנד, און אהער
איז ער קיין איין מאָל ניט געקומען אפילע צו־
גאַסט.

און באָמקע אליין איז געווען א בעריע צו פאר־
שיידענע מוזיקאַלע אינסטרומענטן. ער פלעגט
אויסשפילן וואָס פאר א מעלאָדיע איר ווילט —
סײַ אַף א פידל, סײַ אַף א פײַפּיאַל, סײַ אַף א
באיאן און סײַ אַף א באַלאַלײַקע. אַלע אינסטרו־
מענטן האָבן אים געפאָלגט. און שענער פון אַלץ
איז דאָס, וואָס ער האָט ניט געוווּסט אפילע, ווי
אָנצורופן א נאָטע. מיטן געהער פלעגט ער עס
אַלץ נעמען.

פארשטייט זיך, אז באָמקע איז געוואָרן דער
שײַנדל פון דער זעלבסטעטיקײַט. מע פלעגט אים
שטענדיק ארויסרופן אַף ביס. מעווינים האָבן
אים פאָרויסגעזאָגט א רײַכע צוקונפט.

און דער טאטע זײַנער האָט ראַק געטײַנעט:
— מײַן זיידע פלעגט זאָגן, אז אין אונדזער
מישפּאָכע באַלאַנדזשעט א הייליקער פונק, וואָס גייט
אריבער פון דאָר צו דאָר און אין וועמען־ניט־
איז פון דער מישפּאָכע וועט ער זיך צעפלאַקערן
ווי א שײַטער און וועט באַשײַנען אונדז אַלעמען.
א סוואָרע, אז דער שײַטער וועט זיך אנטפלעקן
אין באָמען. וואָרעם פײַיק איז ער, און מיר לעבן
אין אזא צײַט, ווען אַלע באַדינגונגען אנטשפרעכן
דעם אופבלי פון טאַלאַנטן.

אין דעם איז דער אַלטער שערער גערעכט
געווען. באַדינגונגען אַף צו אנטוויקלען באָמקעס
מוזיקאַלישע פייִיקײַטן זײַנען טאַקע געווען. ווען
ער האָט געענדיקט די שול, האָט מען אפן מע־
לוכישן כעזשבן אים קאָמאַנדירט קיין מינסק
האַלטן עקזאַמענעס אין קאָנסערוואַטאָריע, און
ער איז טאַקע אָנגענומען געוואָרן. מע האָט אים
אײַנגעאָרדנט אין א צוזאַמענוווינונג, אויסגע־
טיילט א העכערע סטיפּענדיע, צוגעפעסטיקט צו
אים די בעסטע לערער פון דער הויפּטשטאָט.

נאָר אויסגעלאָזט האָט זיך ניט ווי דער טאטע
האָט געמיינט. פון אים האָט זיך באַקומען א
געוויינלעכער מוזיקאַנט. די מישפּאָכע באַשיינען
איז אים ניט באַשערט געווען. ער האָט גאַסטראָ־
לירט אין ווײַסרוסלאַנד מיט א בריגאַדע ארטיסטן
פון פילהארמאָניע, ער פלעגט אַף א פידל אויס־
שפילן א פאָר מעלאָדיעס, און קיין גוואַלדיקע
היספּײַלעס האָט דער עולעם פון אים ניט גע־
כאַפּט.

זײַענדיק פון קינדווײַז אָן געווינט צו רווישיקע
אפּלאָדיסמענטן, האָט באָמע ניט זייער גוט זיך
געפילט אין דער ראָליע פון א געוויינלעכן מוזי־
קאַנט. ער האָט שטאַרק געבענקט נאָך דעם
שטעטלדיקן פּובליקום. בייס דער מילכאָמע איז
ער געווען אין אן ארמייִשן אנסאַמבל, וואָס האָט
באַדינט די פראָנטאָוויקעס. ער פלעגט ארויס־
טרעטן אַף די פאָדערשטע פּאָזיציעס. פײַער איז
אים אויך אויסגעקומען פארזוכן, וועגן דעם איז
ניט שײַעך צו ריידן. נאָך דאן האָט ער געגעבן א
ניידער, אז אויב ער וועט לעבן בלײַבן, קערט
ער זיך אום אין שטעטל.

און אזוי איז טאַקע געווען. דעם טאטן, די מאַ־
מע און דאָס ברודערל האָט ער דאָ ניט גע־
טראָפן — אַלע זײַנען אומגעקומען. ער האָט זיך
באַזעצט אין טאַטנס הויז. אינגיכן איז צו אים
געקומען צו פאָרן פון ערגעץ א בלאָנדע פרוי,
וואָס איז גלײַך רעקאָמענדירט געווען אַלס א
ווײַב, און זי לעבט מיט אים אדהײַעם. צעציליע
הייסט זי, א סוואָרע, אז עס איז פארצויגן פון
ציפּע. און דאָ האָבן זיך ווידער שטאַרק געהויבן
זײַנע אַקציעס. ער איז געוואָרן א מעטאָדיסט
אין די קרײַזלעך פון זעלבסטעטיקײַט באַם
קולטור־הויז, האָט אַקאָמפּאַנירט די זינגער און
טענצער. אליין פלעגט ער אויך אויסשפּילן מע־
לאָדיעס אַף פארשיידענע מוזיקאַלע אינסטרו־
מענטן, ארויסטרעטן אַף יובילייען און כאַסענעס
און אמאָל, עמעס זייער זעלטן, אַקאָמפּאַנירן אַף
מאַלצײַטן. נאָר דאָס האָט ער געטאָן אין אזוינע
פאַלן, ווען ער האָט שוין בעשום־אויפן ניט גע־
קאָנט אָפּזאָגן. אז דער עולעם האָט זיך דער־

וווּסט, אַז באָמע וועט שפּילן אַף דער וועטשערינקע, פלעגן זיך ניט שעמען קומען אהין די סאמע אָנגעזעענע לײַט פון שטעטל. און דאן האָט מען אים אָנגעהויבן רופן ווירטואָז, אָן שום איראָניע.

טאָג און נאכט איז ער געווען פארנומען מיט דער ארבעט, און דערפאר האָט דאָס ווײַב זײַנס, צעציליע, געהאט צו אים פּרעטענזיעס, האלעמײַ ער גיט ניט אָפּ קיין אכט די קינדער, וועלכע ווילן ניט לערנען, מאכן ניט די לימודים, וואָס מע פארגיט זיי אין קלאס. דער זון איז פארטראָגן מיט ליזשעס און גליטשערס, און די טאָכטער לויפט ארום מיט די כאווערטעס און האָט שוין איבערגענומען דעם טאטנס כאלאס — זי דרימפּלט אפן פידל. שיין וועט זײַן, אויב זי וועט זיך ארײַנלאָזן אין אזעלכע זאכן און וועט אויך טעג און נעכט אָפּהינען אין קולטור־הויז. ווער וועט עס וועלן כאסענע האָבן פאר אזא מיידל? נאָר מער פון אלץ האָט צעציליען פארדראָסן, וואָס אן אנדערער אַף באָמעס אָרט וואָלט כאָטש גאָלד געזשעברעוועט מיט ביידע הענט פאר זײַן שפּילעכץ. א קלייניקײַט, אזא ווירטואָז! איינער אין געגנט. און ער, באָמע, וואָס? מע לעבט אַף דעם געהאלט, וואָס ער באקומט אלס מעטאָדיסט.

די לעצטע יאָרן האָט באָמעס פּאָפּולערקײַט זיך שטארק א וואקל געטאָן, און וואָס ווײַטער, בלײַבט ער אלץ מער אין שאָטן. ניט מאכמעס ער שפּילט, כאָלילע, ערגער ווי פריִער. ענערגיש איז ער אויך ווי שטענדיק, כאָטש אים איז שוין ארום די פופציק.

אנדערע סיבעס האָבן דאָ געווירקט.

דאָס פּובליקום איז שוין ניט דאָס, וואָס געווען. נאָכדעם, ווי מע הערט אויס אין ראדיִאָ און מע זעט און מע הערט די ארויסטרעטונגען פון גרויסע מײַסטערס דורך טעלעוויזיע, איז שוין ניט שײַעך באוווּנדערן באָמען. אויסער דעם, איז א מוזיקאנט דאָ אין שטעטל איצט ניט קיין זעלטענע זאך. עס איז פאראנען באם קולטור־הויז א מוזיקאלע שול מיט קוואליפיצירטע פּעדאגאָגן, עס האָבן זיך אָרגאניזירט צוויי אָרקעסטערס — א דזשאז־ און א סטרונע־אָרקעסטער. כוץ דעם, זײַנען איצט פאראנען אָרקעסטערס אין יעדן דאָרפס־קלוב. אַף וועטשערינקעס טאנצט מען אונטערן אקאָמפּאנעמענט פון מאגניטאָפאָנען. די יוגנט טראָגט זיך ארום מיט טראנזיסטאָרס, און צו קיין דזשאז ליגט ניט בא באָמען דאָס הארץ. אזוי אז ער פילט זיך איצט, פּונקט ווי דאן, ווען ער האָט אָקאָרשט פארענדיקט די קאָנסערוואטאָריע און איז געווען א מוזיקאנט פון פילהארמאָניע. און ער, באָמע, איז דאָך געוווינט צו זײַן די ערשטע פידל. דאָך סטארעט מען זיך דאָ אָפּגעבן אים זײַנס. מע האלט אים אין שטעטל פאר א וועטעראן פון קונסט, מע קלײַבט אים אויס אין זשורי בייסן דורכקוק פון דער זעלבסטעטיקײַט, מע לאדט אים אײַן אַף די עקזאמענעס אין דער מוזיקאלער שול. ס'טרעפט, ווען ער זיצט אין רעסטאָראן, שלעפּט מען אים ארויס אַף דער בינע און מע רוקט אים ארײַן א פידעלע אין די הענט, ער זאָל עפּעס אויסשפּילן. אלץ איז עמעס, מע פארגעסט אים טאקע ניט, אָבער ס'איז ווײַט ניט דאָס, וואָס איז געווען. דאָס ווײַב זײַנס איז צופרידן — זי טײַנעט, אז אַף דער עלטער איז דער מאן געקומען צום סייכל — אין אָוונט זיצט ער אָפּט אין דער היים און פארברענגט מיט די קינדער, נאָר ווו איז ער פריִער געווען, ווען זיי זײַנען געווען קליינע און האָבן זיך מער ווי איצט געניטיקט אין זײַן האזשגאָכע.

אָבער דער טאטע באָמעס, דער שערער, האָט קיין גרויסן טאָעס ניט געמאכט — דאָס מישפּאָכע־פײַערל בלאָנדזעט ווײַטער. דאָס פידעלע האָט אונטערגעכאפּט באָמעס טאָכטער. די מוזיקאלע שול האָט זי געענדיקט אַף אויסגעצייכנט, זי וויל גיין אין קאָנסערוואטאָריע. די מאמע איז קעגן. זי זעט אין דעם קיין גליקן ניט. אָבער דער טאטע זאָגט:

— אויב דער פונק איז אריבער צו איר לויט דער עסטאפּעטע פון דוירעס, דארף מען אים פּרוּוון פאנאנדערבלאָזן. עפּשער וועט מעקוייעם ווערן די האָפענונג פון זיידן און פון טאטן. און טאָמער ניט, וועט זיך עס איבערגעבן צו אירע קינדער. אָבער א גאָען וועט מיט דער צײַט זיך פּאָרט אויספּיקן.

ווער ווייסט, ס'קאָן זײַן, אז באָמע איז גערעכט.

3. דער יִשוּווניק פון דראהאנאָווע

— איר זיצט בא מיר אין הויף און טראכט געוויס: אָט לעבט א מענטש שטיל, רויִק, אָן שום דײַגעס. די טעג — ענלעך איינער אפן אנדערן, אָן ענדערונגען, אָן טראסק און אָן זאָרג. און ווי קאָן עס זײַן אנדערש, אז מע לעבט אין דאָרף, אין אן אייגענער שטוב, מיט א סאָד און א גאָרטן, אפן שויס פון דער נאטור, און דערצו נאָך א פּענסיִאָנער. איז וואָס זשע קאָן קימערן אזא מענטשן? נאָר אויב איר קלערט טאקע אזוי, האָט איר א גרויסן טאָעס.

אומעטום, זאָלט איר וויסן, אונטער יעדן דאך, ווו עס וווינען מענטשן, קומט שטענדיק עפּעס פאָר. אונטער יעדער דאך פלעכט זיך שטענדיק איבער פרייד מיט לייד, פארגעניגן מיט הארצווייטעק.

נאָך דער דאָזיקער פאָרעדע האָט דער דראהאנאָווער יִשוּווניק זאכאר דובענציער פאָרגעזעצט:

— אַליין בין איך פון הינטער מאָלעוו, דאָרטן טאַקע געבאָרן געוואָרן, פאַרבראַכט די קינדהײַט, די יוגנט, און פון דאָרט בין איך אוועק אַף דער מילכאָמע, ווען דער וועלט־גאַזלען, יִמאַך־שמוי, האָט זיך געלאָזט מיט זײַנע צעיושעטע כאַיאָלעס אַף אונדזער לאַנד.

ווילט איר דאָך וויסן, ווי קום איך קיין דאַראַהאַנאָווע? איז די מײַסע אַזאַ. ווען איך האָב זיך אומגעקערט נאָך דער מילכאָמע אין מײַן שטעטעלע, האָט מיר יעדער שטיין, יעדער גרעזעלע דערמאָנט אָן די קרויווים און פרײַנט, וואָס זײַנען געפאַלן פון די היטלערישע קוילערס. האָב איך שוין דאָרטן ניט געקאָנט זײַן. בין איך געקומען אַהער צו וואַסילן, מײַן אָדנאָפּאָלטשאַניק, און דאָ בין איך פאַרבליבן. מיט דער פערמע האָב איך פאַרוואַלטעט. בײַ דער אַרבעט פלעג איך פאַרגעסן מײַנע אַנגסטן און צאָרעס. די צײַט איז געגאַנגען, און דאָס לעבן האָט זיך זײַנע געזעצן, ווי וואַסילי זאָגט, און ווילנדיק ניט ווילנדיק מוזטו זיי זיך אונטערגעבן.

מיט דער צײַט האָב איך אויסגעבויט אַ שטוב; ווי איר זעט, פאַרפלאַנצט אַ סאָד, כאַסענע געהאַט, דרײַ טעכטער אויסגעהאָדעוועט. דאָס לעבן איז געווען אַמאָל גרינגער, אַמאָל שווערער, דער וועגאַרוף — פּאַוואָליע, אַראָפּ — שנעלער, נאָר אין אַלגעמיין ניט צו פאַרזינדיקן.

אָבער אָט איז שוין באַלד אַכט יאָר, ווי מײַן אַלטע האָט אונדז פאַרזאָגט לאַנג לעבן, און אַליין איז זי נעבעך אַוועק אַהין, פונוואַנען קיינער האָט זיך נאָך קיינמאָל ניט אומגעקערט. איר האָט ניט געמינערט די שיינע קרענק — פון אַ ראַק איז זי געשטאָרבן. זי האָט גוט געוווּסט, ווו עס האַלט מיט איר, און די לעצטע טעג האָט זי צו מיר געזאָגט:

— די טעכטער זאָלסטו פון אויג ניט אַרויסלאָזן, זאַכאַר, ביזוואַנען זיי וועלן ניט ווערן קיין לײַט. איך בין זיכער, אַז זיי בלײַבן אין גוטע הענט.

ריכטיקע רייד, נאָר גיי פּרוּוו זײַ אַ בעריע.

נאָך איר טויט איז טאַקע אַלץ אַוועק פּאָפּערעק.

די עלטערע, אָליע, האָט זיך אַרײַנגעלאָזט אין טענץ. זי איז דאָ געוואָרן אַ פּרימאַ־באַלערינע אין טאַנץ־קאָלעקטיוו. ס'וואָלט געווען ניט שלעכט, ווען דאָס שאַדט ניט צו איר לערע. זי האָט אויפגעהערט גרייטן די אוראָקן, און פון איינע „פּינפן" איז זי, אין די עלטערע קלאַסן, אַראָפּ אַף „דרײַען" און, ס'איז אַ כאַרפּע מוידע צו זײַן זיך, אַפילע אַף „צווייען". קוים געצויגן זיך פון קלאַס צו קלאַס, ביז מיט מאַזל פאַרענדיקט די מיטלשול. דערנאָך האָט זי זיך באַפרײַנדעט מיט עפּעס אַ באָכער פּרעסט — אָן אַ היטל, און אין אַ רעקל ביז די קני. זומער שפּאַצירט ער אַרום אין קורצינקע הייזעלעך. שאָרטעס רופט ער זיי. עס קערט די גאַל קוקנדיק אַף אים. נאָר ניט אין דעם גייט עס. דער איקער, וואָס ער איז אַ פּוסטע קיילע, כאָטש אַליע טײַנעט, אַז ער איז אַ גוטער באַלעטמייסטער. ווי טראַכט איר, ווען ס'וואָלט געווען אַזוי, וואָלט מען ניט געפונען פאַר אים קיין אָרט אין עפּעס אַ טעאַטער? און צו אַלץ איז ער נאָך אָן אָנהענגער פון „גרינעם שלאַנג", ווי וואַסיל רופט אָן די כעוורע, וואָס האָט ליב דעם ביטערן טראָפּן.

אָט דער דאָזיקער מאַראַט האָט זי אַראָפּגעפירט פון וועג.

האַקלאַל, שוין אַ היפּשע צײַט, אַז זיי פאָרן אַרום ערגעץ איבער שטעט און יִישוּווים מיט אַ גרופּע אַרטיסטן פון פילהאַרמאָניע. ער האַקט כאָכמעס, און זי טאַנצט. נאָר ס'איז אַ גרויסער דונער און אַ קליינער רעגן, ווי וואַסיל זאָגט. וואָלט זי געווען פון די באַרימטע טענצערנס, איז עס יאָ אַ טאַכלעס. נאָר ווי קומט זי צו דעם, אַז ס'איז ניטאָ קיין ספּעציִעלע בילדונג און מאַראַט איז דער לערער.

זיי רעכענען זיך מאַן און ווײַב. נאָר איך האָב מוירע, אַז ס'איז אַזוי פעסט, ווי איר באַשעפּטיקונג. עס קאָן זיך מאַכן, אַז זי זאָל זיך אומקערן אַהיים אָן אַרבעט און אָן אַ מאַן. דערווײַל אָבער קומט זי אַפילע ניט צוגאַסט. שוין פינף יאָר, אַז דאָס פייגעלע איז אַרויסגעפלויגן, און פאַר דער צײַט זײַנען אָנגעקומען פון איר ניט מער ווי אַ צענדליק בריוו. צוויי בריוו אַ יאָר. מער פאַרגינט זי זיך ניט צו שרײַבן דעם טאַטן. הײַנט וואָלט איר זען די בריוו! צו פינף שורעס, און ניט מער, אַ רענדל אַ וואָרט.

איז אָליע אַראָפּ.

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָפּדרייעניש מיט דער צווייטער, מיט זינען. די שול האָט זי געענדיקט מיט אַ גאָלדענער מעדאַל. האָט די פאַרוואַלטונג פון קאָלווירט געוואָלט זי שיקן אין לאַנדווירטשאַפטלעכן אינסטיטוט, זי זאָל זיך לערנען אַף אַן אַגראָנאָם. דער קאָלווירט וואָלט באַזאָרגט פאַר איר אַ סטיפּענדיע, נאָכדעם וואָלט זי געאַרבעט. דאַכט זיך, גוט? ווײַזט זיך גאָר אַרויס, אַז עס ציט זי צו געאָלאָגיע. פונוואַנען האָט זיך עס צו איר גענומען? מיסטאַמע פון ביכלעך און לעקציעס. נו, ראַז עס ציט צו געאָלאָגיע, איז דאָך ניט שײַעך, מוז מען זיך אונטערגעבן. איך פאַרשטיי דאָס גוט, איך בין אויך ניט פון די אָפּגעשטאַנענע עלטערן, און אויסער אַלץ, איז געאָלאָגיע פאָרט ניט קיין טענץ.

האַקלאַל, מײַן זינע איז אוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע האַלטן עקזאַמענעס אין אינסטיטוט. און מיינט איר וואָס? — אויסגעהאַלטן. איז, דאַכט זיך, שוין גוט? לערנט זי זיך אָפּ אַ יאָר צײַט און פאַר־

דרייט זיך מיט עפּעס א סיביריאַק, גאָשע הייסט ער. מע האָט כאַסענע, און מע פאָרט אוועק ערגעץ אין מאַגאַדאַן, און מע לערנט זיך שוין הינטער־אויגיק. שוין באַלד צוויי יאָר, ווי מע איז דאָרטן, און איך האָב שוין מיט מאַזל אַן אייניקל, וואָס הייסט מיט א מאָדנעם נאָמען — אַרליען. אין יעדן בריוו רופט מען מיך צוגאַסט. נאָר פאָלג מיך א גאַנג. איך בין דאָך ניט קיין צוואַנציקיאָריק יינגל.

לויט די בריוו, וואָס זי שרײַבט, קומט אויס, אז זיי איז דאָרטן ניט שלעכט, נאָר פאַרן טאַטן איז עס שוין אַן אָפּגעשניטענע ליסטע, ווי וואַסיל זאָגט.

פון דער גרויסער מישפּאָכע זײַנען מיר געבליבן באַנאַנד מיט דער מיזינקע, מיט פאַניטשקען. וואַרט, וואַרט, טראַכט איך מיר, באַלד וועט זי אויך אַרויספליען פון דער נעסט, בלײַבסטו גאָר איינער אַליין אין דער גרויסער שטוב און אין די לאַנגע ווינטער־נעכט וועסטו ניט האָבן מיט וועמען א וואָרט אויסצורײדן, וואָרעם וואַסיל האָט אויך א מישפּאָכע און וועט מיט דיר ניט טאָגן און נעכטיקן. און צו אַלץ האָסטו נאָך א קראַנק האַרץ. טאָמער טרעפט מיט דיר עפּעס באַנאַכט, איז ווער וועט דיר העלפן?

מיט אַזעלכע ראַיוּינעס האָב איך זיך אַרומגעטראָגן נאָך דעמלט, ווען פאַניטשקע האָט זיך געלערנט אין שול, נאָר אויסגעלאָזט האָט זיך אַנדערש. געענדיקט די צען קלאַסן, איז זי געוואָרן אַן אוטשאָטשיצע אין קאָלווירט, זי וויל אין ערגעץ ניט פאָרן. איר איז דאָ אויך גוט, און לערנען זיך וועט זי מיט דער צײַט אָנקומען הינטער־אויגיק.

איז דאַרף איך דאָך זײַן צופרידן? פאָרט ניט אַליין אָף דער עלטער. נאָך איך פאַרשטיי דאָך גוט, פאַרוואָס זי פאָרט זיך ניט לערנען, — זי וויל מיך ניט לאָזן אַליין. ס׳באַקומט זיך, אַז זי האָט זיך פרײַוויליק אָפּגעגעבן זײַן דעם טאַטנס א קאָרבן. זאָגט מיר, וועלכער טאַטע קאָן זײַן גלײַכגילטיק צו דעם?

און טאַקע, זומער איז נאָך אַהין־אַהער. זי פלעגט אַרומגיין מיט אירע כאַווערטעס, מיט וועלכע זי האָט זיך געלערנט, און מיט די סטודענטקעס, וואָס פלעגן קומען אָף קאַניקולעס. נאָר אַז עס קומט דער ווינטער, זיצט זי אַלע אָוונט אין שטוב, קוקט דעם טעלעוויזאָר, דרייט די ספּידאָלע, לייענט ביכער, און מע הערט פון איר קיין וואָרט ניט. עטלעכע כאַווערטעס האָט זי דאָ, נאָר צוויי פון זיי זײַנען כאַסענע געהאַטע, און איינע האַלט שוין דערבײַ. זײַנען זיי פאַרנומען מיט זייערע אייגענע געשעפטן.

צו איר פלעגט אַרײַנגיין א יאַט, א שאָפער, אַן אָנגעפאָרענער פון אַרום באַטשייקעוו. נאָר מײַן מיזינקע פלעגט אים זייער קאַלט אויפנעמען.

— איבעראַיאָר, מירצעהאַשעם, וועסטו פאָרן לערנען, — טײַנע איך צו איר.

— די צײַט וועט ווײַזן, — ענטפערט זי.

און ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, זײַנען עס געווען גאָלדענע ווערטער, וואָרעם דאָס, וואָס עס קלערט צו דאָס לעבן, וועט קיין שרײַבער ניט אויסטראַכטן, ווי וואַסיל זאָגט. געקומען איז די נעכאָמע פון די אַרומיקע וועלדער, בא דער לוקאָמלער אָזערע, וווּהין ס׳פלעגן אַמאָל פאַרבלאָנדזשען נאָר יעגער און פישער. דאָרט האָט מען גענומען בויען א גרויסע עלעקטראָסטאַנציע. קיין פּראָטים דאַרף איך אײַך ניט דערציילן. איר ווייסט זיי גוט פון די צײַטונגען. און כוץ אַלץ, זײַט איר שוין מיסטאָמע דאָרטן אַליין געווען. וואָרעם וועלכער גאַסט, וואָס קומט אין שטעטל, באַקאַנט זיך ניט מיט דעם דאָזיקן אָרט, און ביפּראַט נאָך א שרײַבער?

ס׳האָבן זיך גענומען יאַוועען אַהין בויער, אינזשעניערן, שאָפערן, מאָנטאַזשניקעס, עלעקטריקער, שטוקאַטורן, מאַליאַרעס, און ווער ניט! מע האָט אַספאַלטירט די וועגן, צוגעפירט אַן אײַזנבאַן־ליניע, און ס׳איז געוואָרן א הודזשערײַ — מע פירט ציגל, טרויבן, פאַנעלן, פאַרשיידענע מאַכשירים, שפּײַז, סכוירעס, און וואָס איר ווילט, פון זען און הערן. אַרום איז געוואָרן פריילעך. די בויער האָבן זיך באַזעצט אין די אַרומיקע דערפער, ווײַל ניט נאָר פּילשטאָקיקע, נאָר אפילע קיין הילצערנע הײַזער זײַנען דאָרטן אויך ניט געווען. אונדזער דאָרף האָבן אויך ניט געמינערט די אָנגעפאָרענע. ס׳איז אויסגעקומען אַרײַנלאָזן צו זיך אין שטוב עטלעכע מענטשן.

צוויי שטוקאַטורן, שוין ניט קיין יונגעלײַט, און איינעם אַן אינזשעניערל מיט א מאָטאָציקל. אַליין איז דאָס דאַר און שטשופּלע, נאָר, ווי זאָגט וואַסיל, קליין די מאַטבייע, אָבער טײַער. א קאָפּ האָט דער יונג א שטאַרקן, ער רעכנט זיך בא די מאָנטאַזשניקעס פון די גרעסטע אינזשעניערן. פירט אײַן נײַע מעטאָדן אין דער אַרבעט, וואָס ברענגען גרויסע נוצן. אויב אַזא מענטש, איז דאָך ניט שײַעך. האָבן מיר אים אָפּגעפירט א באַזונדער צימער. די ערשטע צײַט האָט מען אים אין די אויגן ניט געזען. פון דער אַרבעט קומט ער שפּעט, דעם מאָטאָציקל לאָזט ער אין פירהויז, און אַליין — צו זיך אין צימער. ביז האַלבע נאַכט שטודירט ער די ביכער און צייכנט עפּעס. אין די ווינטער־נעכט פלעגט ער פאָרן אָף ליזשעס, דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן אײַנלאַדן אָף פּראָגולקעס פאַניעטשקען. און וואָס טיפער אין וואַלד, אַלץ מערער האַלץ, ווי וואַסיל זאָגט. מײַן טאָכטער — ווי מע וואָלט זי אײַנגאַנצן פאַרביטן. גאָר ניט יענע פאַניעטשקע. זי גייט שוין אַרום אין קליידער קורץ, העכער די קנאָכן, די האָר געשוירן, ווי בא א יינגל. פונוואַנען האָט זיך בא איר גענומען אַזא כוש צו מאָדעס? מיינט איר דאָך,

אז איך בין קעגן? פארקערט, איך בין צופרידן. דער יונג, מאריק הייסט ער, האָט זיך ארויסגעוויזן פאר א פּראָביוונאָי. מיט זײַן הילף איז פאניעטשקע אָנגעקומען הינטער־אויגיק אין איניאז. ער קריגט פאר איר לערנביכער.

און אָט איז שוין דרײַ כאדאָשים, ווי בא זיי איז נאָך דער כאסענע. זי ארבעט אויך אף דער בויונג. צום מאָטאָציקל האָט ער צוגעשרויפט א קארעטקע, און מע פאָרט שוין ארום באנאנד. נו, וועט איר זאָגן, וואָס קאָן נאָך זײַן בעסער? איך דארף דאָך זײַן גליקלעך. אזוי איז דאָס טאקע. אָבער אז איך נעם זיך באטראכטן, האָט די מעדאל אויך א צווייטע זײַט. ווי נאָר עס וועט פארטיק ווערן די עלעקטראָסטאנציע, האָט דאָ מײַן מאריק ניט וואָס צו טאָן. ער וועט מוזן פאָרן אין א צווייטן העק און אָנהייבן אלץ פונדאָסנײַ. אזא מאזל האָבן די בויער־מאָנטאזשניקעס. ניט אומזיסט רופט מען זיי וואנדער־פייגעלעך. פארשטייט זיך, אז פאניעטשקע וועט שוין דאָ ניט בלײַבן אָן אים. ווײַל וווהין די נאָדל, אהין דער פאָדעם. ערשט דעמלט פרעגט זיך א קאשע: וואָס טוט מען? פאָרן מיט זיי, איז ווי לאָזט מען איבער דאָס ווינקל, ווו מע איז טיף אײַנגעפונדעוועט און ווו עס רוען די ביינער פון מײַן באשערטער. א קלייניקײַט, אזוי־פיל יאָרן דאָ אָפּגעלעבט, און אין דאָרף איז מען מיט יעדער איינעם אויסגעבונדן. צווייטנס, קאָל־זמאַן איך בין דאָ, איז פאראנען א נעסט, וווהין די פייגעלעך קאָנען אמאָל, פארבענקטע, קומען כאָטש צוגאסט. און ווידעראמאָל, פארבלײַבן דאָ איז אויך ניט קיין אויסוועג. מײַן פאניעטשקע מיט מאריקן זײַנען אזעלכע לײַט, וואָס אויב דער ווארמעס וועט ניט זײַן אָפּגעקאָכט, קאָנען זיי אויסקומען אָן עסן אויך. דער אייבערשטער האָט ניט איין פאָר שיך צעריסן, ביז ער האָט אזא גלײַכע פאָר אויסגעזוכט. הײַנט אז עס וועט זיך יאָוועןאן אייניקל, ווי וועלן זיי אויסקומען אָן מיר? און וועגן זיך קומט דאָך אויך אויס צו טראכטן. אזוי אז דאָ בלײַבן טויג אויך ניט. איר מיינט דאָך אוואדע, אז איך ווארט, איר זאָלט מיר געבן אַן אייצע? איז ווייס איך פאָרויס, אז איר וועט גאָרנישט ניט צוקלערן פאר מיר. נאָר איך דערצייל דאָס אײַך אנטקעגן דעם, וועגן וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער שמועס.

זײַט וויסן, אז אונטער יעדן דאך, אין יעדער הויז, ווו עס זאָל זיך ניט געפינען, אין שטאָט צי אין דאָרף, קאָכט זיך עפּעס, פּונקט ווי אונטערן דאך פון דער שטוב, לעבן וועלכער איר זיצט איצט.

איך געדענק, אין דער יוגנט, נאָך פאר דער מילכאָמע, האָב איך געארבעט אלס עקספּעדיטאָר אין ראַיגעברויכפארבאנד. ס'איז ניט געווען פון די רויִקע ארבעטן, שטענדיק אין וועג. ווען איך פלעג דורכפאָרן פארבײַ א שטיבל ערגעץ בא א וואלד, פלעגט זיך מיר אויסדוכטן, ווי גוט איז צו לעבן אין אזא רויִקן ווינקל, ווײַט פון טומל און ראש. מעגלעך, אז צוליב דעם האָב איך זיך טאקע דאָ אײַנגעוואָרצלט. איצט זע איך, ווי נאריש איך בין געווען... איך שטעל זיך אָבער פאָר, אז דורכויסיקע רויִקײַט מאטערט נאָך מער פון גרויסע דײַגעס.

די זון האָט זיך שוין באהאלטן הינטער דער בעריאָזע און קוקט ארויס דורך די דינע צווײַגן, וועלכע וויגן זיך פון שטילן ווינט. שוועלבעלעך פליִען ארום אין דער הייך פלינק, פלינק. די מער היציקע פון זיי דריקן אויס זייער היספּײַלעס מיט א דינעם קוויטש. מיר זיצן ביידע און שווײַגן, יעדערער פארטראכט אין זײַנע מאכשאָוועס.

די געשיכטעס פונעם דאראהאנאָוועך ייִשוווניק, זײַן ריידן, זײַן שמייכלען איז מיר עפּעס אזוי נאָענט און הארציק, און כאָטש איך האָב זיך ערשט הײַנט באקאנט מיט אים, דוכט זיך מיר, אז איך קען אים שוין לאנג. פּלוצלינג קומט מיר אפן געדאנק:

הער נאָר, דאָס איז דאָך טעוויע דער מילכיקער! טעוויע, אָבער שוין פון אונדזערע טעג — אויך צאָרעס פון טעכטער, עמעס אף אן אנדער אויפן. נײַע צײַטן, נײַע לידער. דער קאָפּ און די באקן בא מײַן טעוויען זײַנען ריין געגאָלט, אָנגעטאָן איז ער אין א לײַכט העמדל, לאווסאנאָווע הויזן, און אף די פיס זומערדיקע סאנדאלעטן. און איך האָב געזוכט טעוויען אין שטעטלעך און אין דערפער, געזוכט א ייִד מיט א באָרד־און־פּייעס און אומבאדינגט אין א סורדוט, וואָס שפּאנט לעבן פערד־און־וואָגן. ווײַזט זיך גאָר ארויס, אז אָט איז ער!

איך זאָג וועגן דעם מײַן נײַעם באקאנטן. ער שמייכלט.

— וואָס זשע מיינט איר? — זאָגט ער. — עמעס, דאָס הײַנטיקע דאָרף איז ניט שאָלעם־אלייכעמס בויבעריק, מיר האָבן דאָ די זעלבע ראדיִאָ, די זעלבע טעלעוויזאָרן, די זעלבע צײַטונגען און ביכער, ווי בא אײַך אין מינסק, נאָר א טאטע איז אויך איצט א טאטע, און דײַגעס פאר קינדער וועלן קלעקן אף אלע צײַטן. נאָר א שאָד, וואָס מיר האָבן איצט ניט קיין שאָלעם־אלייכעם — ער וואָלט שוין באמאָלט דעם כילעק פון אמאָל און הײַנט.

4. דער שאָפער

פארטאָג גיי איך איבערן וועג קיין נאָוואָלוקאָמליע, ווו עס בויט זיך די עלעקטראָסטאנציע. פון די צײַטונגען ווייס איך שוין, אז דאָרטן האָט מען אויסגעבויט עטלעכע קווארטאלן מיט פילשטאָקיקע נײַע הײַזער און מיט דער צײַט וועט דאָרטן זײַן א גרויסע שטאָט. דאָס אָרט געפינט

זיך בא זיבעצן קילאָמעטער פון טשאשניקי. פריִער איז דאָס געווען א טיפער העק. איצט פירט קיין נאָוואָלוקאָמליע אַן אספּאַלטירטע אווטאָטראַסע. פון טשאשניקי קורסירט אהין אַן אווטאָבוס, נאָר וואַרטן אַף אים האָט זיך מיר ניט געגלוסט. איבער דער טראַסע יאָגן אַן אופהער לאַסטמאַשינעס, וואָס שטעלן צו בוי־מאַטעריאַלן פאַר דער עלעקטראָסטאַנציע. יעדע מאַשין, יעדער שאָפער איז דיר צו דינסט. גיב נאָר א הייב אוף די האַנט.

עמעס, פאַרטאָג גייען ווייניק מאַשינעס, אפן וועג איז שטיל, מע הערט דאָס טשיריקען פון די פייגעלעך אַף די ביימער, וואָס שטייען לענגאויס דעם וועג. איך גיי פּאַמעלעך, הער זיך אײַן אין דער שטילקייט. פּלוצעם פאַרלויפט מיר דעם וועג א טריאַכטאָנקע און שטעלט זיך אָפּ לעבן סאַמע קיוועט. פון קאַבינע גייט ארויס א בלאָנד מיידל מיט שמייכלענדיקע אויגן.

— זעצט זיך אהער, — לייגט זי מיר פאָר, און אליין שפּרינגט זי אַרײַן אין קוזאָוו. איך פאַרשטיי, אז דאָס האָט זי ספּעציעל באַפרײַט פאַר מיר דאָס אָרט. איך באַנוץ זיך מיט איר העפלעכקייט, כאָטש דעם שאָפער איז עס ניט אזוי שטאַרק צום האַרצן. און אָט זיץ איך שוין ווי א פּאַריץ, און די מאַשין יאָגט.

דער שאָפער, א געזונטער יונג, וואָלט געמעגט זײַן א באָקסיאָר. דאָס פּאָנעם פאַרברענט, אַף די אַנטבלויזטע הענט שפּילן די מוסקולן. איך מיין, אז דאָס זײַנען פון יענע יאַטן, וואָס קאָנען בייגן פּאָדקאָוועס און וואַרפן אין דער הייך פּודיקע געוויכטן.

— איוואַן פּאָדובני איז ניט דײַנער א זיידע? — רײַסט זיך בא מיר פּלוצלינג ארויס.

— ניט פּונדאַנעט טאַנצט איר, — ענטפערט ער מיר אָפּ אַף ווײַסרוסיש, קוקנדיק דער־בײַ אופמערקזאַם אפן וועג. שפּעטער א ביסל גיט ער צו:

— ניט נאָר דעם זיידן, אפילו דעם טאַטן האָב איך אויך ניט געקענט.

— אפן פּראָנט אומגעקומען? — פרעג איך.

— נו, פאַרשטייט זיך.

איבערן דעכל פון קאַבינע הערן זיך דריבנע קלעפּ. די מאַשין פאָרט צו צום קיוועט און שטעלט זיך אָפּ. דאָס מיידל קריכט ארויס פון קוזאָוו.

— נו, ליכאַטש, האָב מיר און זײַ מיר! — טוט זי א מאַך מיט דער האַנט.

דער יאַט קוקט איר נאָך מיט א טרויעריקן שמייכל.

— מאָרגן זעקס פאַרטאָג פאָר איך ווידער פאַר־בײַ דאָס בריקל, — דערמאָנט ער איר.

— אין קאַבינע וועל איך מיט דיר ניט פאָרן, — וואָרנט זי.

— און אין קוזאָוו?

זי שווײַגט.

— נו, זאָל זײַן אזוי.

זי גיט א מאַך מיט דער האַנט און פאַרקערע־וועט מיט דער סטעזשקע צום וואַלד. ער שפּירט נאָך אירע טריט, ביז זי ווערט ניט פאַרשוווּנדן צווישן די געדיכטע ביימער.

— אָט די יאַטשיכע הארגעט מיך אַף טויט. — ער זאָגט עס מיט אַזויפיל האַרץ, אז ניט ווילנדיק גלייבט זיך, כאָטש ס'איז א ווונדער, וואָס אזא שוואַך און דאַר מיידל קאָן הארגענען אזא גוואַר.

דעם איבעריקן וועג איז דער שאָפער שוין גע־זעסן שטום, ווי א פיש.

5. ווען אומעטום איז גוט

אין מינסק האָב איך דאָס לעצטע מאָל זיך באַ־געגנט מיט באַריס יעפימאָוויטשן אין סקווער באַם אָפּערע־טעאַטער. ער איז געזעסן אַף א באַנק און האָט באַטראַכט די פאַרבײַגייער.

— האָוועסט נאָך? — פרעגט ער מיך און, ניט וואַרטנדיק אַף קיין ענטפער, זאָגט ער מיט פאַר־דראָס: — און איך האָב שוין אָפּגעהאָוועט. באַלד א יאָר, ווי איך בין אַף פּענסיע.

— די צײַט גייט, — ענטפער איך אַף דעם און זעץ זיך צו לעבן אים אַף דער באַנק.

— איך האָב זיך שוין היינט געגנוג אָנגעשפּילט אין דאָמינאָ, און ס'האָט מיר דערעסן. צו אַלץ דאַרף זײַן א מאָס.

אַלעמאָל, ווען מיר באַגעגענען זיך, פאַרפירן מיר א שמועס וועגן שטעטל, ווו מיר האָבן ביידע פאַרבראַכט די קינדער־יאָרן.

— קום איך אהין, ווער איך אַן אנדער מענטש, — זאָגט באַריס יעפימאָוויטש. — אָט זעסטו שטייען ליפּעס און יאַסען־ביימער, הערסט עפּעס א דופט? און דאָרט שמעקן די ביימער אזוי, אז מען קאָן שיכור ווערן. היינט די לאַנקעס, גערטענער און סעדער! קיין שום פאַרגלײַך מיט דער שטאָט. און ביכלאַל, אָט בין איך א פּענסיאָ־נער, און ווען ניט דער סקווער, וואָלט איך ניט געהאַט ווו זיך אהינצוטאָן. און אהין, אז איך קום, כ'מיין אין שטעטל, איז מיר דער טאָג ווײ־ניק. איך וואָלד אליין האָסטו ארבעט אַף א גאַנצן זומער, פון פרי ביז שפּעט אין אָוונט אַרײַן. צום אַלעם ערשט הייבט זיך אָן א סעדרע טריסקאָוו־קעס, נאָכדעם — שוואַרצע יאַגעדעס, מאַלינעס, ברוסניצעס. דערנאָך — קאַלערליי שוואָמען. היינט די ארומיקע אָזערעס! עס שוויבלט מיט פיש. נאָר צו וואָס דאַרף איך די אָזערעס? מיר סטײַעט דער טײַך אוליאַנקע. דאָרטן כאַפּן זיך שלײַענס, אוק־לייקעס און קאַרפּן. אפילו ווינטער איז אויך א כיעס אין שטעטל. מע הייצט אָן דאָס אייוועלע,

ווארעם א מעכײַע. אין אָוונט מאכט מען א שפּאַציר אין גאַס. איך ווייס ניט, ווי דו, נאָר איך בענק נאָכן שטעטל, איבערהויפּט איצט, ווען איך בין אַף פּענסיע.

— איז ווער האַלט דיך? מע נעמט און מע פֿאָרט. ווו צו זײַן האָסטו, דײַן טאַטנס שטוב שטייט דאָך. האָסט ארײַנגעלאָזט שכיינים.

— א קלוגע אייצע, — ווארפט ער מיר אוף און גיט מיר צו פֿאַרשטיין, — זאָג מיר נאָר, ווו האָסטו געזען, אַז א מענטש זאָל איבערלאָזן אין צענטער פֿון דער הויפּטשטאָט א דירע מיט באַקוועמלעכקײַטן און אוועקפֿאָרן אין א קליין שטעטל? דערצו נאָך לעבן אין א הילצערנער שטוב אָן וואַסערלייטונג, אָן צענטראַלער באַהייצונג, אָן א וואַנע? מע וועט דאָך קוקן אַף מיר, ווי אַף א מעשוגענעם.

— די דירע אין שטאָט לאָזט מען פֿאַר די קינדער.

— נייטיקן זיי זיך ניט! דער זון האָט א קאָאָפּעראַטיווע ווױנונג פֿון דרײַ צימערן. דעם אייניקל איז שוין פֿינף יאָר, און די טאָכטער לעבט אויך ניט מיט אונדז, איר מאַן האָט באַקומען א דירע פֿון זאַוואָד. שוין דרײַ יאָר, ווי זיי לעבן באַזונדער, און מיר זײַנען פּאַקטיש געבליבן דיעד דאַ באַבאַ.

— קומט אויס, אַז שולדיק איז די דירע?

— ניט נאָר דאָס. עס זײַנען פֿאַראַן נאָך וויכטיקע סיבעס. מײַן אַלטע איז א געבוירענע א מינסקערן, און פֿון שטעטל וויל זי ניט הערן. און דעריקער קאָנען מיר ניט אוועקפֿאָרן צוליב די קינדער. ווען מיר זעען ניט א פּאָר טעג די אייניקלעך, ווערן מיר מאַמעש פֿאַרמאַטערט פֿון בענקעניש. אַזוי אַז וועגן אוועקפֿאָרן פֿונדאַנען קאָן קיין רייד ניט זײַן. נאָר א זומער קאָן מען פֿאַרברענגען אין שטעטל. אין א וואָך ארום פֿאָרן מיר אַהין. איך וועל דיר זאָגן דעם עמעס, איך קאָן זיך שוין ניט דערוואַרטן אַף דער מינוט.

און איצט האָב איך זיך באַגעגנט מיט באָריס יעפֿימאָוויטשן אין שטעטל.

ער זיצט אַפֿן ברעג פֿון טײַך אוליאַנקע אין א מײַקע, אַפֿן קאָפּ א קאַפּראָנאָווער קאַפּעליוש. אין דער האַנט א ווענטקע. די אויגן זײַנע שפּירן נאָך דעם פּאָדעם, וואָס וואַקלט זיך אַפֿן וואַסער. דאָס פּאָנעם פֿריש, פֿאַרברענט פֿון זון.

— אָ! — שרײַ איך אויס נאָך פֿונדערווײַטנס.

— אָ־אָ־אָ! — דערפֿרייט ער זיך.

איך גיי צו און כאַפּ א קוק אין עמער, אין וועלכן עס שווימען ארום אוקלייקעס, קאַראַסיקלעך און אָקוניעס.

— איך זיץ אײַנגעאַנצן איין שאָ צײַט, — פֿאַרענטפֿערט ער זיך.

— לעבסט א טאָג?!

— וואָלסט נאָך וויסן, סאַראַ פֿאַרגעניגן עס איז פֿאַרטאָג. די שוועלבעלעך פֿליִען איבערן וואַסער, די בושעלעס שפּרײַזן איבערן זומפּ, די בעהיימעס פּאַשען זיך אַף דער לאָנקע, א לײַכטער נעפּל באַדעקט די קוסטעס...

— כ׳וואָלט שווערן, אַז דו ביסט געוואָרן א פּאָעט!

— וואָס מיינסטו, האָסט שוין מינהאַסטאַם פֿאַרגעסן, אַז אַמאָל האָב איך געשריבן לידער? — און פּלוצלינג טוט ער זיך א נייג פֿאָרויס, קוקט אָנגעשטרענגט אַפֿן פּאָדעם, ווי א קאַץ אַף א מויז. א רעגע, נאָך א רעגע, און ער טוט א צי די ווענטקע... א זילבערן פֿישל גיט א שפּרונג אינדערלופֿטן, און אָט צאַפּלט עס זיך שוין אַפֿן געלן זאַמד.

— א שלײַען, — דערקלערט ער מיר, — ניט זייער קיין געראָטענער, נאָר... מײַנע קינדער וואָלטן די פֿינגער אָפּגעלעקט, און דאָ איז ניטאָ וווהין זיי אַהינצוטאָן. די שכיינים זײַנען שוין זאַט מיט מײַנע פֿיש איבערן האַלדז. אַזוי אַז נאָר אַף דיר איז איצט די האָפֿענונג. הײַנט מוזטו קומען צו מיר אין אָוונט אַף אַן אוכאַ. ס׳וועט זײַן אַזאַ פֿיש־יויך, וואָס דו האָסט אין לעבן ניט געגעסן. קיין שנאַפּס זאָלסטו מיט זיך ניט ברענגען, ס׳איז פֿאַראַן קאָניאַק.

און אָט זיצן מיר בײַ באָריס יעפֿימאָוויטשן אין זײַן טאַטנס שטוב.

דורכן אָפֿענעם פֿענצטער דערטראָגן זיך שאַרפֿע קלאַנגען פֿון די צווירקונען, וואָס האָבן באַלאַגערט די קוסטעס אין גאָרטן.

מײַן פֿרײַנט מעג זיך טאַקע איבערנעמען — זײַן פֿיש־יויך פֿאַרמאָגט אַלע זיבן טאַמען, ביפֿראַט נאָך א גלעזל קאָניאַק. די פֿרוי זײַנע קלאַרע דערלאַנגט א סקאָוואָראָדע מיט געבראָטענע שוואָמען.

— נאָכן צווייטן גלעזל קאָניאַק, — זאָגט זי, — וועט עס גיין ווי א מיזמער.

— נו יאָ, — ענטפֿער איך, — ניט אומזיסט ציט עס אײַך אַהער. — איך באַמערק אָבער, ווי מײַן כאַווער קווענקלט זיך. — מיסטאַמע שלעפּט דיך די פֿרוי צוריק אין שטאָט ארײַן, — פּרוּוו איך טרעפֿן.

קלאַרע ענטפֿערט ניט. זי וואַרט, וואָס וועט אַף דעם זאָגן איר מאַן.

— ניט אַזוי זי, ווי איך האָב זיך פֿאַרבענקט נאָך מינסק, — איז באָריס זיך מוידע. — ס׳ציט צו די קינדערלעך. אויסער דעם, האָב איך דאָרטן פֿרײַנט, באַקאַנטע... כ׳האָב דאָך עפּעס אָפּגעלעבט פֿינף און צוואַנציק יאָר אין מינסק, מיינסט, ס׳איז א קלייניקײַט? מע זיצט אין סקווער בײַ א דאָמינאָ, מע פֿאַרברענגט, מע רעדט זיך דורך, מע גייט אַמאָל ארײַן אַף דער באַזע, ווו איך האָב געאַרבעט. נאָכן סטאַדיִאָן בענק איך. דו ווייסט, כ׳בין א גרויסער אָנהענגער פֿון פֿוטבאָל. קיין איין מאַטש לאָז איך ניט דורך. און דורכן טעלעוויזאָר איז ניט דאָס...

— אײַ גיי, איך וויל מיט דיר ניט ריידן, —

שלאָגט אים איבער די פרוי, און קעדיי צו דער־ווײַזן, אַז ס'איז ניט גלאַט קיין רייד, קערט זי זיך אָפּ פון אים און זאָגט שוין צו מיר:

— אַז ער קאָן מיט זיך אַליין ניט דורכקומען. זיצט ער אין שטאָט, ציט אים אַהער; קומט ער אַהער, ציט אים אין שטאָט. אָט וועלן מיר אין א וואָך ארום אוועקפאָרן. די ערשטע טעג וועט זײַן גוט, נאָכדעם וועט אים ווידער נעמען ציִען אַהער, און אַזוי קעסיידער. מע זאָל טאָן, ווי ער וויל, דאַרף מען ארומפאָרן אַהין און אַהער.

אַלע דרײַ לאַכן מיר. איך מיט קלאַרען — פון באָריס יעפימאָוויטשן. און ער, קומט אויס, לאַכט פון זיך אַליין.

נאָר אויב איך זאָל זײַן אינגאַנצן אָופּריכטיק, וועל איך זיך מוזן מודיע זײַן, אַז אין דעם פּראַט בין איך געגליכן צו אים.

6. אין סקווער

און אָט איז דער סקווער. מיט דרײַסיק יאָר צו־ריק האָבן מיר, נאָך שילער, אים פאַרפלאַנצט. פון וואַלד האָבן מיר געבראַכט יונגינקע, שוואַכע ביימלעך. די ערשטע צײַט האָבן זיי זיך געפילט ניט היימלעך אויף נײַעם אָרט. איצט האָבן זיי זיך צעוואַקסן ברייט און הויך. זייערע קרוינען באַ־דעקן דעם גאַנצן הימל. בא די ראַנדן פון סקווער דרעמלען קליאַנען, וועלכע עס האָבן פאַרפלאַנצט מײַנע שול־כאַווירים הערשל דוואָרקין, וואַסילי אַנטאָנענקאָ און זיאַמע אַניקול.

אין וועלכע קוואָרים רוען אײַערע ביינער? אין וואָס פאַר א שלאַכט זײַט איר געפאַלן, פרײַנט פון מײַן קינדהײַט? די קליאַנען, וואָס איר האָט דאָ פאַרפלאַנצט, שטייען דאָ ווי דענקמעלער נאָך אײַך.

אָבער א סקווער איז א סקווער, און אונטער די געדיכטע צווײַגן זיצן אויף די בענק יונגע פאַרלעך. זיי זײַנען געבאָרן געוואָרן שוין נאָך דעם, ווי ס'האָבן אָפּגעדונערט די האַרמאַטן.

— סוועטאַ! סוועטאַ! — צעטראָגט זיך איבערן סקווער א קלינגענדיקע פרויען־שטים. די שטים איז ווי א מעלאָדיע, אין וועלכער ס'הערט זיך סײַ א ביטע, סײַ א דראָונג. דאָס קאָל איז מיר באַ־קאַנט, נאָר איך קאָן זיך ניט דערמאָנען, וועמען עס געהערט.

— סוועטאַ!

בא דעם עלעקטרישן לאַמטערן שטייט א פרוי. איך דערקען מאַריִען. דאָס האָט זי גערופן סוועט־טען. זי קוקט אין דער ריכטונג פון די גאַזאָנען און רופט ווידער:

— סוועטאַ!

— באַלד וועל איך קומען, מאַמע.

— געדענק! — שרײַט מאַריִע. — ווערסט שוין הײַנט בא מיר אָפּלייזן.

— מאַריִע! — טו איך זי א רוף.

די פרוי טוט זיך א קער אין מײַן זײַט און פרעגט פאַרוווּנדערט:

— דו?

מיר האָבן זיך שוין הײַנט באַטאָג געזען אין ראַיוויספּירקאָם.

— וואָס טוסטו דאָ אַזוי שפּעט? — פרעגט זי א ביסעלע דערשראָקן.

— אָט די ביימער האָבן מיר ביידע פאַרפלאַנצט, געדענקסט? איז נאַטירלעך, וואָס מיר האָבן זיך דאָ באַגעגנט.

— צו שפּעט ביסטו געקומען, — ענטפערט מאַריִע, צוזעצנדיק זיך לעבן מיר.

— פאַר מיר איז נאָך ניט שפּעט, און פאַר דיר?..

כ'וואָלט זיך בעסער אָפּגעביסן די צונג, איידער איך האָב אַרויסגעבראַכט די דאָזיקע ווערטער. געזאָגט האָב איך עס פּאָשעט אַזוי, קעדיי ווײַזן, אַז אין קעשענע נאָך קיין וואָרט דאַרף איך ניט קריכן, און באַקומען האָט זיך, ווי איך וואָלט איר געשאָטן זאַלץ אויף די וווּנדן. איך האָב באַלד פאַר־שטאַנען, אַז איך האָב איר דערמאָנט אין איר מאַן, וועלכן די פאַשיסטן האָבן אומגעבראַכט.

מאַריִע האָט גענומען בײַסן די ליפּן. זי האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ, איך זאָל ניט זען איר פּאָ־נעם.

קעדיי אָפּווענדן זי פון אירע שווערע געדאַנקען, פרעג איך:

— וואָס האָסטו צו דער טאָכטער? זי איז דאָך שוין ניט קיין קינד. וואָס אַרט דיך, אַז זי פאַר־ברענגט אין סקווער.

— זיבעצן יאָר... נאָך א קינד, — ענטפערט מאַריִע. — זי דאַרף זיך לערנען. יינגלעך ליגן איר אין קאָפּ.

— דײַן מאַמע פלעגט צו דיר אויך אַזוי טײַ־נען, געדענקסט?

מאַריִע הייבט אויף א ריטל פון דער ערד און פירט מיט דעם איבערן זאַמד.

— אַלע נאַרישקײַטן געדענקט ער, — זאָגט זי נאָך א דויערנדיקן שווײַגן.

— פאַראַנען זאַכן, וואָס פאַרגעסן זיך ניט.

זי טוט א פיר מיטן ריטל איבער מײַן שטערן, ווי זי וואָלט וועלן עפּעס אויסמעקן פון מײַן זי־קאָרן, און הייבט זיך אויף, ווערט נעלעם.

— סוועטאַ! סוועטאַ! — קלינגט ערגעץ איר שטים שוין אָן וואָרענונג, נאָר ווי א שיינע מע־לאָדיע.

באַלד דערזע איך, ווי די מוטער מיט דער טאָכ־טער גייען געאָרעמט פאַרבײַ מיר. מאַריִע באַ־מערקט מיך קלוימערשט ניט.

איך זיץ נאָך לאַנג אונטער א בוים, וועלכן איך האָב פאַרפלאַנצט מיט דרײַסיק יאָר צוריק.

ל ײ ב פ ו ל ו ו ע ר
פאָלקס־אַרטיסט פון רספסר

עפּיזאָדן פון מײַן לעבן

אָנהייב וועג

דעם 19 דעקאבער 1883 — אין שטעטל ווערכ־ניעדניעפּראָווסק (יעקאטערינאָסלאווער גובער־ניע) — בין איך געבאָרן געוואָרן. אין אַן אָרעם הויזגעזינד. דער טאטע איז געווען א קלעזמער. ער פלעגט שפּילן אַף כאסענעס.

איך געדענק גוט, וואָס עס האָט בא אונדז פּאַ־סירט, ווען איך בין אַלט געווען פינף־זעקס יאָר.

מײַן שוועסטערס מאַן שײַע דווירין, אַן אויס־געצייכנטער פידלער, האָט זיך געלערנט באַם קיִעווער פּראָפעסאָר שעווטשיק. ווען איך בין אַלט געוואָרן זיבן יאָר, האָט אָט דער שוואָגער מײַנער שײַע גענומען מיך לערנען שפּילן פידל. דרײַ יאָר האָט געדויערט די לער. צו צען יאָר בין איך שוין בעקויעך געווען ארויסטרעטן מיט א זעלבשטענ־דיקן קאָנצערט. איך האָב געשפּילט מענדעלסאָנס „קאָנצערט", בערליאָזס „זיבעטן קאָנצערט", זײַנע „וואַריאַציעס" און א ריי אנדערע קאָמפּליצירטע ווערק.

פּאַר מײַנע קרויווים איז געווען קלאָר, אַז מע דארף מיך שיקן אין דער פּעטערבורגער קאָנ־סערוואַטאָריע.

אינמיטנדרינען ווערט מײַן טאטע קראַנק. אין שטוב פײַפט דער דאַלעס — ניטאָ פון וואָס צו לעבן. איז מען זיך מעיאַשעוו און מע שיקט אוועק מיך און מײַן עלטערן ברודער יאָסל (א קלאַרנע־טיסט) קיין נאָוואָמאָסקאָווסק (יעקאטערינאָסלא־ווער גובערניע) צו א דאָרטיקן קלעזמער — צו־ביסלעך זיך לערנען און מיט די סכירעס מעפּאַר־נעס זײַן אונדזער הויזגעזינד.

מײַן באַלעבאָס, דער פידלער לעשטשינסקי, האָט געשפּילט אַף כאסענעס. גאָר קנאַפּע קענטע־נישן אין הילכעס מוזיק האָט ער פאַרמאָגט. אין וואָס זשע, מיינט איר, איז באַשטאַנען אונדזער לערנען בא אים? גאַנץ פּאָשעט: מיר האָבן צוזאַמען מיט זײַן אָרקעסטער, צען קלעזמאָרים, געשפּילט אַף אוקראַיִנישע און ייִדישע כאסענעס און בע־לער. לעשטשינסקי גופע האָט קיין אנונג ניט גע־האַט, וויִאַזוי מע דארף אונדז מעכאַנעך זײַן און וואָס עס איז אַזוינס סיסטעמאַטישע מוזיקאַלישע בילדונג.

איינמאָל פּאַסירט אַזאַ געשיכטע: ס'איז אויסגע־קומען אין איינעם און דעם זעלבן טאָג שפּילן אַף עטלעכע כאסענעס. האָט מען דעם אָרקעס־טער געמוזט צעסאַדערן אַזוי, אַז אַף יעדער כאַ־סענע זאָל אויסקומען צוויי צי דרײַ קלעזמאָרים. האָט לעשטשינסקי מיך מיט מוישע־לייזער דעם פּויקער אוועקגעשיקט אין דעם דאָרף פּערע־שטשעפּינאַ (פּאָלטאַווער גובערניע). א מעהאַלעך פון 130 וויאָרסט.

אַז מיר זײַנען אַהין געקומען צו פאָרן און דער קאַלעס טאַטע האָט אונדז דערזען, רופט ער זיך אָן:

— נו און ווו זײַנען די איבעריקע קלעזמאָרים? זאָגט אים מײַן קאָלעגע, מוישע־לייזער:

— דײַגעט ניט — מיר אינצווייען וועלן אײַך אָפּשפּילן די כאסענע.

אָבער דער קאַלעס פאָטער איז ניט מאַסקים געווען און זאָגט:

— עסט אָפּ, רוט זיך אויס און — מאַרש צו־ריק אַהיים.

אים איז ניט אָנגעשטאַנען, אַז בא אים אַף דער כאסענע זאָלן שפּילן בלויז צוויי קלעזמאָרים, בי־פּראַט אַז איינער פון זיי איז א קליינער יאַט און איז מינהאַסטאַם אין הילכעס שפּילן א קאַליקע...

דאָ האָט זיך ארײַנגעמישט די קאַלע אַליין, זי האָט זיך צעוויינט און געפּויעלט באַם טאַטן, אַז מיר זאָלן פאַרבלײַבן.

לויטן אַלטן מינהעג האָט מען פיר אַזייגער גענומען באַזעצן די קאַלע — זי גרייטן צו דער

כופּע. בעשאַסמײַסע פֿלעגט געװײנלעך דער פֿידלער שפּילן אײנעם פֿון די בעסטע און סאַמע רירנדיקע ניגונים. און איך האָב דעמלט, האַגאַם אַ צעניאָריקער, שוין גאָר ניט שלעכט געקענט די מעלאָכע.

מײַן שפּיל האָט אַזױ צעקאָכט דעם אױלעם, אַז די קאַלע און אַלע מעכוטאָנים האָבן מאַמעש זיך באַװאַשן מיט טרערן. ס'איז געװען די עמעסע יעלאָלע, ביז איך האָב ניט אופֿגעהערט שפּילן. מײַן מױשע־לײזער האָט אױך געלאָזט אַ טרער. דערזען אַזאַ מײַסע, איז דער קאַלעס טאַטע געװאָרן צוגעלאָזט צו מיר.

אין אָװנט, װי דער שטײגער איז געװען אױף ייִדישע כאַסענעס, האָט דער פֿידלער בעשאַס כופּע־װעטשערע באַדאַרפֿט אַרױסװײַזן זײַן בעריעשאַפֿט אין פֿולן גלאַנץ. איך בין געװען אַ פּיצל, אַ שנעק — האָט מען מיך אַװעקגעשטעלט אױף אַ טיש, אַזױ אַז אַלע זאָלן מיך זען. און איך האָב געשפּילט דעם באַרימטן פּעדאָצערס ייִדישע קאָמפּאָזיציע.

על־פּי אַזײגער האָבן זיך אָנגעהױבן די טענץ. מיך האָט מען באַלײגט שלאָפֿן. מױשע־לײזער האָט געזונגען און צוגעבאָמקעט מיטן פּױק, און אָט אַזױ האָט מען געטאַנצט...

מײַן „שטודירן" — אײגנטלעך, מײַן שפּילן אױף כאַסענעס און בעלער — האָט זיך געצױגן, ביז איך בין אַלט געװאָרן 15 יאָר.

אין 1898 האָב איך צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן אונטערגעשריבן אַן אָפּמאַך. מע האָט מיך אײַנגעלאַדן אַלס פֿידלער אין דער רוסיש־אוקראַיִנישער טרופּע, מיט װעלכער עס האָט אָנגעפֿירט דער באַרימטער מאַרק קראָפּיװניצקי.

די טרופּע האָט דעם גאַנצן זומער־סעזאָן געשפּילט אין קיִעװ. כוץ מיר, זײַנען אין אָרקעסטער געװען נאָך ייִדן, און קראָפּיװניצקין איז אױסגעקומען זיך מישטאַדל זײַן מיקױעך װױנרעכט.

שטעלט זיך פֿאָר מײַנע איבערלעבונגען, װען צװײ אַזײגער באַנאַכט — אין מײַ כױדעש — האָט די פּאָליצײ געמאַכט אַן „אָבלאַװע" אין הױז אױף גרױס־װאַסילקאָװער גאַס, װוּ איך און נאָך אָרקעסטראַנטן האָבן געװױנט, סאַכאַקל — נײַן ייִדן קלעזמאָרים. מיר האָבן נאָך ניט געקראָגן די פּאַפּירלעך, װוּ ס'איז אָנגעשריבן, אַז מיר האָבן דאָס רעכט צײַטװײַליק װױנען אין קיִעװ. אַ גאַנצע נאַכט האָט די פּאָליצײ אונדז געהאַלטן אין אײן טרײַבן פֿון אײן אוטשאַסטאָק צום צװײטן, צוזאַמען מיטן ערעװראַװ פֿאַרשײדענע באָסיאַקעס, פֿאַרברעכער און גאַסנמײדן. דאָס האָט געדױערט ביז נײַן אַזײגער אינדערפֿרי. ענדלעך איז אײן אײנעם פֿון די פּאָליצײיִשע צירקלען אונדז געלונגען צו פּױעלן, אַז מע זאָל אונדז דערלױבן אָנקלינגען דורכן טעלעפֿאָן קראָפּיװניצקין, װעלכער האָט זיך ניט געפֿױלט און איז אין אַ האַלבער שאָ אַרום אַלײן געקומען צו אונדז מיט אַ דערלױבעניש פֿונעם גובערנאַטאָר. ערשט דעמלט האָט מען אונדז פֿרײַגעלאָזט.

אין קראָפּיװניצקיס טרופּע האָב איך אָפּגעדינט עטלעכע סעזאָן. װען איך בין געװאָרן געװאָרן, אַז די אוקראַיִנישע טרופּע אונטער סוסלאָװס אָנפֿירונג פֿאָרט אױף גאַסטראָלן קײן פּעטערבורג, בין איך אַװעק אַהין אַרבעטן, האָבנדיק אין זינען מײַן טרױם — אַרײַנטרעטן אין דער פּעטערבורגער קאָנסערװאַטאָריע.

סוסלאָװ האָט זיך דערשלאָגן אַ דערלױבעניש אױף װױנרעכט פֿאַרן דיריגענט און פֿאַר מיר אױפֿן גאַנצן זומער־סעזאָן.

אָבער עס האָט צו אונדז זיך אַרײַנגעכאַפּט דער שלימאַזל: לײדיק דער צושױער־זאַל, כאָטש שרײַ כײַ־װעקײַעם. האַקלאַל, אָפּגעשפּילט אַ פּאָר װאָכן, און „געפּלאַצט". ניטאָ װאָס צו טאָן! דער טרופּע האָט אָפּגעגליקט — מע האָט זי אײַנגעלאַדן גאַסטראָלירן קײן מאָסקװע. מיך מיטנעמען אַהין איז געװען אומעגלעך — די פּאָליצײ האָט מיר קײן דערלױבעניש אױף װױנרעכט ניט געגעבן. אַזױ־אַרום בין איך אינמיטן סעזאָן פֿאַרבליבן סטאַרטשען אין פּעטערבורג מיט זעקס קאַרבױנעס אין קעשענע.

אין סאַמע אָנהײב פֿון סוסלאָװס גאַסטראָלן אין פּעטערבורג האָט מען אין די דאָרטיקע מוזיקאַלישע קרײַזן גענומען רײדן, אַז אָט די טרופּע האָט מיט זיך געבראַכט אַ גוטן פֿידלער. דאָס האָט פֿאַרינטערעסירט די פֿידלערס פֿונעם קאָנסערװאַטאָריע־קלאַס, און זײ האָבן זיך באַקאַנט מיט מיר. אײנער פֿון זײ, בערטיע (שפּעטער איז ער געװאָרן אַ פּראָפֿעסאָר פֿון דער קיִעװער קאָנסערװאַטאָריע), האָט מיט מיר זיך פֿאַרינטערעסירט און אַװעקגעפֿירט מיך אין קאָנסערװאַטאָריע. דאָ האָבן די פּראָפֿעסאָרן מיך אױסגעהערט און באַשלאָסן אָנעמען פֿונעם 1 סעפּטעמבער 1902. אַפֿילע באַפֿרײַען מיך פֿון סכאַר־לימעד.

איך האָב מיך באַזעצט אין אַ זומער־װױנונג הינטער פּעטערבורג — בײַ אַ בילעטן־קאָנטראָליאָר, װאָס האָט געװױנט אין „נאָװאַיאַ דערעװניאַ". פֿאַר אַ קלײן צימערל איז מיר אױסגעקומען צאָלן צװײ רובל אַ כױדעש.

מיטיק עסן פֿלעג איך אין גאָרקיך בײַ די פּורמאַנעס. אַ טעלער באָרשטש אָדער זופּ פֿלעגט מיך קאָסטן פֿינף קאָפּעקעס. ברױט — װיפֿל דאָס האַרץ גלוסט. אינדערפֿרי און אין אָװנט האָב איך מיך געמוזט באַנוגענען מיט אַ גלאָז טײ און מיט אַ בולקע. מיך האָט געהאַלטן אױף די פֿיס דער געדאַנק, אַז אינגיכן װעל איך אַריבערטרעטן די שװעל פֿון דער קאָנסערװאַטאָריע.

דעם ערשטן כױדעש איז נאָך געװען צו דערלײַדן. אָבער דעם צװײטן כױדעש, װען איך האָב מיך אַרומגעקוקט, אַז קײן געלט איז ניטאָ און

איך הונגער... געבליבן מיט צוואַנציק קאָפּעקעס אין קעשענע, האָב איך מיך אַוועקגעלאָזט אינעם זומער־גאָרטן „בוף“, וווּ עס האָט געשפּילט אַן אָפּערעטן־טרופּע. דאָ האָב איך געהאַט אַ באַקאַנטן — ליפּשיץ איז געווען זײַן פאַמיליע. מיט אים האָב איך גענומען זיך אָן אייצע האַלטן, וויִאַזוי איך זאָל מיך אויסלעבן, ביז עס וועלן זיך אָנהייבן די לימודים אין קאָנסערוואַטאָריע. ליפּשיץ, ווי נאָר ער האָט מיך דערזען, האָט ער אַ פּליעסקע געטאָן מיט די הענט: „וואָס איז פון דיר געוואָרן? — ביסט דאָך הויט און ביינער!“ ער איז אַוועק צום הויפּט־דיריגענט פון דער אָפּערעטע ע. פּ. ענגעל.

— הער נאָר אויס, ענגעל, לייבעלע פּולווער איז דאָך אַ טײַערער יאַט — מע דאַרף אים ראַטעווען. עפּשער דאַרפסטו אַ פידלער?

— יאָ, — זאָגט ענגעל, — פון 15 סענטיאַבער הייבט זיך בא אונדז אָן דער ווינטער־סעזאָן. אָבער איך מוז דעם יאַט אויסהערן. זאָל ער מאָרגן זיך יאַווען אף רעפּעטיציע.

איך שטיי אוף אינדערפרי, כאַפּ אַ קוק אין פענצטער — אַ שלאַקסרעגן. איך כאַפּ מײַן פידל אונטער דער פּאַכווע און לאָז מיך גיין. די דירע פון מײַן פידל, דאָס פּעדעלע, איז געווען צעקראָכן, לעכעריק, און דער פידל איז געוואָרן פּיטש־נאַס. איך נעם שפּילן — פּלאַצט אַ סטרונע — די קווינטע. איך צי זי ווי־עס־איז אָן — פּלאַצט זי ווידער. זאָגט מיר דער קאָנצערטמייסטער טשערנישאָוו:

— נאַ דיר, באָכערל, אַן איטאַליענישע סטרונע און ווייס מײַן גוטסקײַט!

— אוי, אַ גרויסן דאַנק אײַך, איר האָט מיך מאַמעש געראַטעוועט!

איך נעם אימפּעטפול שפּילן — איז זיך מעיאַשעוו אָט די מעיוכעסעס און... פּלאַצט אויך.

— ווייסט איר וואָס, — זאָג איך, — וועל איך שפּילן אף דרײַ סטרונעס.

און איך האָב מיט גרויסער האַסמאָדע גענומען שפּילן. מײַן שפּיל איז געפעלן דעם דיריגענט און די אָרקעסטראַנטן. ווען די רעפּעטיציע האָט זיך געענדיקט, זאָגט מיר ליפּשיץ, אַז ענגעל אַליין וועט מיט מיר גיין צום דירעקטאָר טומפּאַקאָוו שליסן אַן אָפּמאַך. צוטרעטן צו דער אַרבעט וועל איך דעם 5 סענטיאַבער. לעסאַטע מעג איך באַזוכן די אָפּערעטע־ספּעקטאַקלען, ווי אַ „נאַש בראַט“, ווי אַן אייגענער. איר קאָנט אײַך פאָרשטעלן, ווי גליקלעך איך האָב מיך דערפילט. טאַקע פײַן, זייער פײַן! אָבער ווי דערלעבט מען שוין אָט דעם גליקלעכן פינפטן סענטיאַבער! און דעריקער — איך מוז דאָך זײַן באַהילפיק מײַן אָרעם הויזגעזינד, מײַנע עלטערן, אַ ווערטעלע אויסצורײדן — ס׳איז דאָך דערווײַל נאָך יון!

אונטערשרײַבנדיק דעם אָפּמאַך, האָב איך אַפילע ניט אַ פרעג געטאָן, וואָס פאַר אַ געהאַלט

לייב פּולווער אין 1915

האָט מען פאַר מיר באַשטימט. שטעלט זיך פאָר מײַן איבעראַשונג, ווען דער בוכהאַלטער האָט מיר אויסגעשטרעקט אַ הונדערטרובלדיקע אַסיגנאַציע און מיר געמאָלדן, אַז איך וועל מאָנאַטלעך קריגן אַ גאַנצע מייע! אין דער אוקראַיִנישער טרופּע פלעגט מען מיר צאָלן ניט מער ווי 35 רובל אַ כוידעש. איך האָב אַזוי געציטערט איבער אָט דעם מאַטמען געלט, אַז איך האָב געבעטן טייקעף צעבײַטן דעם הונדערטער אף קלייןגעלט און גענומען צעשטופּן דאָס געלט אין פאַרשיידענע קעשענעס, קעדיי איך זאָל, כאָלילע, ניט פאַרלירן דעם אויצער.

טרערן האָבן זיך בא מיר אַ גאָס געטאָן, ווי פון אַ קוואַל. אַ קלייניקײַט, וואָס איך האָב איבערגעלעבט. פאַרגעסט ניט, אַז איך האָב קימאַט צוויי מעסלעס קיין ביסן ברויט אין מויל ניט געהאַט.

איך בין בליץ־שנעל אַוועק אף דער פּאָטשט און אַרויסגעשיקט אַ פּופּציקער מײַנע עלטערן. דערנאָך האָב איך מיר דערלויבט אַזאַ העפקייִרעס, ווי אָפּעסן מיטיק פאַר גאַנצע 20 קאָפּעקעס. אײַ, איז דאָס געווען אַ מאָלצײַט — דרײַ געריכטן!

צומאָרגנס האָט מיך ליפּשיץ אַוועקגעפירט צו אַ באַקאַנטן שנײַדער, און איך האָב מיר באַשטעלט צוויי גאַרניטערס און אַ ווינטערדיקן מאַנטל — אף אויסצאָלן. געקויפט זיך אַ פּאָר שיך, אַ הוט און וועש.

די פּעטערבורגער קלעזמער האָבן מיך אופגענומען כאַווערייש, און איך בין בא זיי געוואָרן אַ „נאַש בראַט“.

מײַן אַרבעט אין אָט דער אָפּערעטע האָב איך אָנגעהויבן ווי אַ געהילף פונעם קאָנצערטמייסטער. נאָך צוויי סעזאָנען אַרבעט בין איך דאָ

אויסגעוואַקסן ביז דער מאַדרייגע פֿון קאָנצערט־
מייסטער־פּרימאַ און דריטן דיריגענט. איך פֿלעג
באַקומען געהאַלט 150 רובל אַ כוידעש.

אין סענטיאַבער כוידעש בין איך שוין געווען אַ
טאַלמיד פֿון דער קאָנסערוואַטאָריע. העיוס מע
האָט מיך פֿון סכאַרלימעד באַפֿרײַט, בין איך מע־
כויעוו געווען באַזוכן דעם אָרקעסטער־קלאַס.

איך בין שוין דעמאָלט געווען אַ דערפֿאַרענער
פֿידלער. באַזוכן דעם אָרקעסטער־קלאַס איז, נאָך
מײַן מיינונג, געווען פֿאַר מיר אַן איבעריקער
צײַט־פֿאַרטרײַב. נאָך מער — די רעפּעטיציעס
אין אָט דעם קלאַס האָבן געשטערט מײַן אַרבעט
אין דער אָפּערעטע. איז מיר אויסגעקומען ווערן
אַ גענאַרניק — ביגנייווע דורכלאָזן די לימודים,
פֿאַרנאַכלעסיקן מײַן כויוו. מײַן אײַנפֿאַל האָט מיר
גוירעם געווען נאָר שאָדן: די אַדמיניסטראַציע
פֿון קאָנסערוואַטאָריע האָט באַ מיר אָפּגענומען
די דערלויבעניש אַף וווינרעכט אין פּעטערבורג,
און די פּאָליציי האָט זיך שוין געגרייט מיך מע־
שאַלייעך זײַן פֿון דער הויפּטשטאָט.

צום גליק, האָב איך מיך דערמאָנט, אַז איך בין
אַ זון פֿון אַ ניקאָלײַעווער סאָלדאַט — האָב איך
דערלאַנגט דעם טאַטנס דאָקומענטן אין מיניסטעט־
ריום פֿאַר אינערן־איניאָנים. מע האָט מיר
אַרויסגעגעבן אַן אָפּיציעלן דאָקומענט, וואָס באַ־
שטעטיקט מײַן רעכט וווינען אומעטום אין רוס־
לאַנד, כוץ מאָסקווע און דער געגנט פֿונעם דאָנער
קאַזאַקן־כאַיל.

אין 1905 איז אין קאָנסערוואַטאָריע פֿאָרגעקו־
מען אַ שטרײַק, האָט מען מיך, צוזאַמען מיט נאָך
אַנדערע טאַלמידים, אויסגעשלאָסן. בלויז אין
1907 איז מיר געלונגען ווידער ווערן אַ שילער פֿון
דער קאָנסערוואַטאָריע, וועלכע איך האָב אין
1908 יאָר פֿאַרענדיקט מיט אַ גרויסער זילבער־
נער מעדאַל און מיטן טיטל „פֿרײַער קינסט־
לער“.

אין 1909 האָט דער גרויסער מאָסקווער אָפּע־
רע־טעאַטער דורכגעפֿירט באַ זיך אַ פֿידלער־
קאָנקורס. דערהערט וועגן דעם, לאָז איך זיך
אוועק קיין מאָסקווע אָנטיילצונעמען אין אָט דעם
פֿאַרמעסט. איך און מײַן כאַווער באַריס קריינין
האָבן פֿאַרנומען די ערשטע ערטער, און מע האָט
אונדז אײַנגעלאַדן שפּילן אינעם אָרקעסטער פֿון
אָט דעם טעאַטער. אין אַ קורצער צײַט אַרום
האָט זיך באַפֿרײַט אַ וואַקאַנסיע פֿון אַ סאָליסט־
אַלטיסט אין אָפּערע־אָרקעסטער. האָט מען ווידער
געמאָלדן אַ קאָנקורס. פּרווו איך נאָכאַמאָל מײַן
מאַזל. איך שפּיל טשײַקאָווסקיס פֿידל־קאָנצערט.
און איך געווין. אָבער דער דיריגענט וו. אי. סוק
און אַנדערע מיטגלידער פֿון דער קאָמיסיע פּראָ־
טעסטירן: זיי פֿעלט אין אָרקעסטער אַ פּרימאַ־פֿיד־
לער. איך דערלאַנג אַ מעלדונג, אַז איך וועל
פֿאַרלאָזן דעם אָרקעסטער, אויב מע וועט ניט
מאַסקים זײַן, איך זאָל פֿאַרנעמען דעם פּלאַץ
פֿונעם ערשטן אַלטיסט. און איך האָב מײַנס אויס־
געפֿירט — איך בין געוואָרן דער ערשטער סאָ־
ליסט־אַלטיסט אין מאָסקווער גרויסן אָפּערע־
טעאַטער.

אין 1919 האָט מען מיך אײַנגעלאַדן אַלס אַל־
טיסט אין קוואַרטעט אַף סטראַדיוואַריוסעס נאָ־
מען, שפּעטער — אין קוואַרטעט, וואָס האָט גע־
טראָגן דעם נאָמען פֿון פֿאָלקאָמבילד. דאָרט האָב
איך געשפּילט עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד צוזאַמען
מיט אַזעלכע אויסגעצייכנטע מוזיקער, ווי ל. יאַמ־
פּאָלסקי, מ. צייטלין און ג. פּיאַטיגאָרסקי. בעשאַס
איינער אַן אַרויסטרעטונג אינעם מאָסקווער מע־
לוכישן ייִדישן טעאַטער האָבן א. גראַנאָווסקי און
שלוימע מיכאָעלס פֿאַרגעלייגט אונדז נעמען אַף
זיך די אָנפֿירונג מיטן מוזיקאַלן טייל פֿון אָט דעם
טעאַטער.

מײַנע קאָלעגן פֿונעם קוואַרטעט האָבן זיך אָפּ־
געזאָגט. איך האָב געגעבן די האַסקאָמע, נאָר
מיטן טנײַ, אַז איך זאָל אויך ווײַטער מיטאַרבעטן
אינעם אָרקעסטער פֿונעם גרויסן אָפּערע־טעאַ־
טער. איז געבליבן, אַז איך זאָל אין דער אָפּערע
שפּילן בלויז דרײַ מאָל אַ וואָך און די איבעריקע
טעג דיריזשירן אינעם ייִדישן טעאַטער.

אין 1923 (דאָנערשטיק דעם 29 מאַרט) האָט
מען אינעם גרויסן אָפּערע־טעאַטער זיך געגרייט
פֿײַערן לעאָניד סאָבינאָווס אַ יובילײ. דער באַל־
יויוול האָט געזאָלט אַרויסטרעטן אינעם ספּעק־
טאַקל „לאָענגרין“. ווען דער דיריגענט וו. אי. סוק
האָט גענומען דורכקוקן דעם אָרקעסטראַנטן־
צעטל, האָט ער באַמערקט, אַז איך בין אין אָט
דעם צעטל ניטאָ. האָט ער גענומען פֿאָדערן, אַז
איך זאָל אין ספּעקטאַקל שפּילן. די אינספּעקטאָרן
ווייצנבערג און טעפּליצקי האָבן געפּרוווט אײַנ־
שמועסן דעם דיריגענט, אַז מײַן אָנטייל אינעם
יויוול־ספּעקטאַקל איז אויסגעשלאָסן, מאַכמעס
דאָנערשטיק בין איך מעכויעוו דיריזשירן אינעם
ייִדישן טעאַטער. אָבער סוק האָט זיך אײַנגע־
אַקשנט — ער וויל ניט וויסן פֿון גאָרניט — איינ־
מאָל פֿאַר אַלעמאָל. ס׳איז דערגאַנגען דערצו, אַז
דער פֿאָלקסקאָמיסאַר אַנאַטאָלי וואַסיליעוויטש
לונאַטשאַרסקי האָט וועגן אָט דעם איניען אַרויס־
גערופֿן צו זיך גראַנאָווסקין.

נאָך אָט דער פּאַסירונג איז מיר געוואָרן קלאָר,
אַז איינצײַטיק טאַנצן אַף צוויי כאַסענעס איז
אומעגלעך, און העיוס איך בין געווען איבער־
צײַגט, אַז דער ייִדישער טעאַטער האָט אין מײַן
מיטאַרבעט אָן אַן ערעך זיך מער גענייטיקט, איי־
דער דער אָפּערע־טעאַטער, האָב איך באַשלאָסן
זיך אײַנגאַנצן אָפּגעבן דער מוזיקאַלישער אָנפֿי־
רונג פֿונעם גאָסעט.

צו יענער צײַט האָב איך שוין געהאַט אָנגע־
שריבן מוזיק צום ספּעקטאַקל „200 000“.

אײדער איך װעל דערצײלן װעגן מײַנע װײַ־טערדיקע ארבעטן אפן געביט פון טעאטראַלער מוזיק, װילט זיך מיר באַקאַנען דעם לײענער מיט צװײ פּאַסירונגען אין מײַן לעבן, װאָס זײַנען פּאָרגעקומען אין 1919. ס'איז געװען אין סאַמע ברען פון מײַן ארבעט אינעם גרױסן טעאַטער. האַקיצער, עס האַנדלט זיך װעגן מײַנע צװײ צוזאַמענטרעפן מיט װלאַדימיר איליטש לענינען.

גליקלעכע באַגעגעניש

אין גרױסן אָפּערע־טעאַטער האָט באַדאַרפט פּאָרקומען א פאַרזאַמלונג, אַף װעלכער מע האָט דערװאַרט לענינס ארױסטרעטונג. איך בין גראָד געװען הינטער די קוליסן. עס טוט זיך אָן עפן די אַרײַנגאַנג־טיר, און איך זע — לענין! װײַזט אױס, אז אַלפּי־טאָעס איז ער אַרײַנגעקומען אין טעאַ־טער ניט דורך דעם געװײנלעכן אַרײַנגאַנג. דאָס ערשטע, װאָס עס האָט מיך איבעראַשט, איז געװען דאָס, װאָס ער איז אַרײַן אַלײן, אָן א באַ־גלײטער. ס'איז דאָך פּאָרט געװען א צײַט פון בעהאַלעס.

די הינטערקוליסן פון אָט דעם טעאַטער — דאָס איז מאַמעש א לאַבירינט — עס איז לײַכט זיך פּאַרפּלאָנטערן. פרעגט מיך װלאַדימיר איליטש: װיאַזוי קלײַבט מען זיך ארױס אַף דער בינע? איך בין אװעק אים באַגלײטן.

גײענדיק צוזאַמען מיט מיר, טוט מיך לענין א פרעג:

— איר זענט א מיטארבעטער פונעם טעאַ־טער?

— יאָ.

— װי באַציט זיך די דירעקציע צו אײַך און צו די איבעריקע מיטארבעטער? איר זענט צופרידן?

— די דירעקציע טוט אַלעס, — זאָג איך, — אז די מיטארבעטער זאָלן געװיסנהאַפט און אָן שטערונגען טאָן זײער זאַך. מיך װוּנדערט אָבער, װלאַדימיר איליטש, װאָס דערזען מיך צום ערשטן מאָל, פאַרגיט איר מיר א פראַגע, װאָס איז שײַעך דעם טאָגטעגלעכן לעבן.

— װאָס פאַר א חידוש! — טוט לענין א שמײכל. — יעדער סאָװעטישער מעלוכע־טוער ניצט אױס די געלעגנהײַט בעשאַס א באַגעגעניש מיט א מיטארבעטער פון אן אנשטאַלט אינקורצן געװאָר װערן, װי ארבעט מען, ביפּראַט נאָך אין אזא װיכטיקן אנשטאַלט, װי דער גרױסער אָפּע־רע־טעאַטער.

מיר האָבן שױן באַװיזן צוגײן צו דער בינע. װלאַדימיר איליטש האָט מיך באַדאַנקט און גע־בעטן איבערגעבן א גרוס אַלע מיטארבעטער פונעם טעאַטער.

זײַן העפלעכקײַט און אַניװעס האָט אַף מיר גע־מאַכט א שטאַרקן רושעם.

דאָס צװײטע מאָל האָב איך געזען װלאַדימיר איליטשן אפן כאָדינער פעלד (כאָדינקאַ), אין דער געבײַדע פונעם געװעזענעם אָפיצערן־קלוב. דאָ האָט באַדאַרפט פּאָרקומען א רױטאַרמײיִשער מי־טינג. דער אָנהײב איז געװען באַשטימט אַף פינף אזײגער באַטאָג, אָבער אײניקע אָראַטאָרן האָבן פאַרשפּעטיקט. לענין, װאָס איז אױך געװען צװישן די אָראַטאָרן, איז געקומען צו דער צײַט. דער מיטינג האָט זיך געדאַרפט פאַרענדיקן מיט א קאָנצערט, אין װעלכן איך האָב גענומען אָן אָנטײל אַלס פידלער.

אין דעם זעלבן אָװנט בין איך געװען אײַנגע־לאַדן ארױסטרעטן אין פּאַרק „סאָקאָלניקי". האָב איך מיך געװענדעט צום קאָמענדאַנט פונעם קלוב מיט א באַקאָשע, ער זאָל געבן אין מײַן רעשוס אן אװטאָמאַשין — װעל איך מאַכן די רײַזע קײן סאָקאָלניקי, דורכשפּילן די אָנגעמערקטע מוזיק־פּראָגראַם און אַף דער זעלבער מאַשין זיך צו־ריקקערן.

אין דער זעלבער צײַט האָט װלאַדימיר איליטש אומגעדולדיק ארומגעשפּאַנט איבער דער בינע — עס האָט אים געערגערט, װאָס מע פּאַטערט צײַט אומזיסט און מע הײבט באַצײַטנס ניט אָן דעם מיטינג.

דער קאָמענדאַנט איז מאַסקים געװען געבן אין מײַן רעשוס זײַן אװטאָמאַשין, אָבער ביטנײַ, אז איך זאָל איבערלאָזן מײַן זומערדיקן מאַנטל — א מאַשקן. װעט ער, דער קאָמענדאַנט, זײַן זיכער, אז איך װעל צום קאָנצערט זיך טאַקע צוריקקערן.

װלאַדימיר איליטש האָט עס דערהערט, האָט ער זיך אָנגערופן צום קאָמענדאַנט:

— װי שעמט איר אײַך ניט ארױסװײַזן אזא אומצוטרױ בענוגײע די ארטיסטן!

אָבער דער קאָמענדאַנט איז באַשטאַנען אַף דאָס זײַניקע — אין אײן קאָל:

— לאָזט בא מיר איבער אײַער מאַנטל — קריגט איר די מאַשין.

איך האָב זיך צעלאַכט:

— נו, מײלע, װאָס קאָן איך מיט אײַך טאָן... נאַט אײַך דעם מאַנטל, און גיט מיר שױן די מאַ־שין, איך זאָל ניט פאַרשפּעטיקן אפן סאָקאָלניקער קאָנצערט...

װלאַדימיר איליטש האָט באַמערקט מײַן אופּ־רעגונג — האָט ער געמײנט, אז דאָס ציטער איך אזױ איבערן מאַנטל. רופט ער זיך אָן:

— הערט זיך אױף צו קאָכן. פּאָרט בעסער װאָס שנעלער און באמת זיך אפגיך קומען צוריק. האָט קײן מוירע ניט — אײַער מאַנטל װעט זײַן גאַנץ, איר מעגט זײַן זיכער.

דאָ האָט ער זיך דערמאָנט װעגן אונדזער באַ־געגעניש אין גרױסן טעאַטער.

— אָט זעט איר: דעמאָלט האָט איר מיר צוגע־האָלפן, און איצט װעל איך אײַך טאָן א טױװע —

איך וועל מיך באמיִען, אז אײַער מאנטל זאָל ניט פארפאַלן ווערן...

די באגעגענישן מיט וו. אי. לעניִנען האָבן באַשטעטיקט מײַן איבערצײַגונג, אז מע קאָן זײַן א גרויסער מעלוכע־טוער און אין דער זעלבער צײַט זײַן פּראָסט אין די באַציִונגען מיט די ארומיקע, גוטהארציק, אופמערקזאם צו מענטשן, וועלכע פארנעמען אין לעבן א באשיידענעם פּלאַץ.

מענטשן און געשעענישן

בעשאסן דיריזשירן פלעגט ס. וו. ראכמאנינאָוו זײַן אזוי פארכושט, אז פון גרויס היספּײַלעס פלעגט ער נעמען זינגען די גרונט־טעמע פון דער מעלאָדיע. א מענטש מיט אן אבסאָליוטן געהער, האָט ער דאָך געזונגען דעם ניגן ניט אין דער טאָנאַליטעט, וואָס מיר, אָרקעסטראנטן, האָבן געשפּילט. מיר האָבן בעשום־אופן ניט געקאָנט באַגרײַפן, וואָס זאָל עס באטײַטן. סטײַטש — אזא גענִיאַלער מוזיקאנט זאָל פעלשן! ביז הײַנטיקן טאָג איז עס בא מיר פארבליבן אין זיקאָרן, ווי א מאָדנע רעטעניש.

אין די יאָרן ערעוו זײַן ארויספאָרן קיין אויסלאַנד האָט מען אים אָפּט פאָרגעוואָרפן, לעמײַ ער איגנאָרירט די מוזיקאַלישע וועלט־קלאַסיקער און טרעט ארויס אָף פארשיידענע קאָנצערטן אויסשליסלעך מיט זײַנע אייגענע ווערק. אין א שמועס מיט מוזיק־טוער האָט ער באמערקט, אז איינע פון די סיבעס פון אזא מין האנדלונג איז זײַן ווילן, ערעוו דעם אָפּפאָר אָף א לאַנגער צײַט, דעמאָנסטרירן די ריכטיקע אינטערפּרעטאציע פון זײַנע ווערק אלס מוסטער פאַר די צוקינפטיקע פּיאַניסטן. „סאַפּקאַלסאָף, — פלעגט ער צוגעבן מיט א לײַכטן שמייכל, — בין איך דער טאַטע פון מײַנע ווערק, און כ'האָב דאָס רעכט באַטאָנען, וואָס איך בין מיט זיי אויסן". ענדלעך האָט ער באשלאָסן באפרידיקן די פאָדערונגען פון די ליבהאָבער פון קלאַסישער מוזיק און איז ארויסגעטראָטן מיט א געמישטער פּראָגראַם פון פאָרטעפּיאַנאָ־קאָנצערטן. ער האָט געשפּילט טשײַקאָווסקיס Es-dur, B-mol פון ליסטן און זײַן אייגענעם צווייטן קאָנצערט. דיריזשירט מיטן אָרקעסטער האָט אַלבערט קאָוטס. שווער צו באַשרײַבן, וואָס אינעם צושויער־זאַל האָט זיך געטאָן. אזא שפּילן האָט מאָסקווע שוין לאַנג ניט געהערט. די צוהערער האָבן געצוווּנגען ראַכמאנינאָוון ביסירן פיל מאָל, אזוי לאַנג, אזויפיל מאָל, אז דער פּיאַניסט האָט שוין קוים געאָטעמט.

אין אָנהייב פונעם דריטן טייל פון ראַכמאַנינאָווס קאָנצערט איז די טעמע אין די הענט פון די אַלטיסטן. איך האָב א גרופּע אַלטיסטן פאָרגעלייגט דורכשפּילן אָט די טעמע אָף איין סטרונע. טכילעס האָבן די אָרקעסטראַנטן זיך אָפּגעזאָגט מיך פאָלגן. אָבער אז איך האָב מיט זיי אָפּגעארבעט עטלעכע טעג — האָט זיך באקומען אן אויסטערלישער עפעקט.

ווען מיר האָבן בעשאס דער רעפּעטיציע אָנגעהויבן שפּילן דעם דריטן טייל אין דער מאניר, וואָס איך האָב פאָרגעלייגט, האָט ראכמאנינאָוו געבעטן, מיר זאָלן נאָכאמאָל פאַר אים אזוי שפּילן. אויסגעהערט, האָט ער אונדז געמאָלדן, אז דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן הערט ער אזא אייגנארטיקע אויספירלונג פון זײַנס א ווערק.

איך קאָן ניט פארגעסן איינעם אן עפּיזאָד פון ראכמאנינאָווס קאָנצערט־טעטיקײַט.

ראכמאנינאָוון און זילאָטיען איז אויסגעקומען צוזאמען ארויסטרעטן אָף צוויי קאָנצערטן. בעשאסן ערשטן האָט דיריזשירט זילאָטי, און ראכמאנינאָוו איז דערשינען אלס סאָליסט. געשפּילט האָט ער זײַן צווייטן קאָנצערט. זילאָטי איז, ווי באוווּסט, געווען א שוואכער דיריגענט. ווען דער קאָנצערט האָט געהאלטן אין פולן ברען, איז ער שטארק צעטומלט געוואָרן און אופגעהערט דיריזשירן. אָבער דער ווונדערבארער אָרקעסטער פונעם גרויסן אָפּערע־טעאַטער האָט זיך ניט פאַרלוירן און דערפירט דעם אקאָמפּאנעמענט ביזן סאָף.

אין א וואָך ארום האָט באדארפט פאָרקומען דער צווייטער בעשוטפעסדיקער קאָנצערט, ווו די צוויי גרויסע מוזיקאנטן האָבן באדארפט זיך בײַטן מיט די ערטער. דאָ איז אויסגעקומען זילאָטין זײַן דער סאָליסט, און ראכמאנינאָוון — דיריזשירן. רופט זיך אָן זילאָטי בעשאס דער רעפּעטיציע:

— איך האָף, אז דו וועסט מיר גוט אקאָמפּאַנירן...

ענטפערט ראכמאנינאָוו:

— אזוי גוט, פארשטענדלעך, ווי דו האָסט דיריזשירט מיר...

דאָס איז געזאָגט געוואָרן אין א שפּאַס. ראַכמאנינאָוו האָט געווויסנהאפט און אויסגעצייכנט באגלייט דאָס שפּילן פון זײַן קאָלעגע.

די פילצאָליקע באגעגענישן מיט באדײַטנדיקע מוזיקאנטן, קאָמפּאָזיטאָרן, זינגער, וואָס מיר איז באשערט געווען אָף מײַן לאַנגן שאפונגס־וועג, האָבן מיך געפילנעוועט, באַרײַכערט מײַן וועלט־באנעם, געעפנט פאַר מיר ברייטע האָריזאָנטן. אָבער שפּילנדיק אינעם גרויסן אָפּערע־טעאַטער, — האגאם די מוזיקאַלע וועלט האָט מיך באטראכט, ווי אן אילוי, ווי א ווירטואָז, — בין איך דאָך פאַרט געווען ניט מער ווי אן אויספּילער, ווי אן אינטערפּרעטאַטאָר פון יענעמס מוזיק. אן אינערלעכע שטים האָט מיך שוין לאַנג ניט געלאָזט רוען:

„גענוג דיר זײַן א נויסיי־קיילים בא די וועלט־געוואונים, לאָז זיך דרייסט אוועק אָפן וועג פון

אייגענער קאָמפּאָזיציע. דו ביסט דאָך פון קינד־ווײַז אָן אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן יידישן מוזי־קאַלישן פאָלקלאָר".

אָט די אינערלעכע שטים, אָט דער „יעיצער־האָרע", איז געווען איינע פון די סיבעס, וואָס האָבן מיך געטריבן פאַרבינדן מײַן גוירל מיט דער יידישער מוזיקאַלישער שאַפונג.

אין משך פון מײַן אַרבעט אין מאָסקווער יידישן מעלוכישן טעאַטער — פונעם יאָר 1922 ביזן יאָר 1949 — האָב איך אָנגעשריבן מוזיק צו צוויי און פערציק ספּעקטאַקלען. אויסער דעם, האָב איך געשאַפן מוזיק פאַר די ספּעקטאַקלען פונעם מאָסקווער רוסישן אַקאַדעמישן „קליי־נעם טעאַטער" — צו „אוריעל אַקאָסטאַ" און „דער דיפּלאָם"; פאַר די ספּעקטאַקלען פונעם מאָסקווער אָפּערעטן־טעאַטער — צו „ווי רופט מען זי?" און „די שיפּסלײַט"; פאַר די ספּעק־טאַקלען פונעם מוזיקהאָל — „וויאַזוי די 14־טע דיוויזיע איז אוועק אין גאַניידן", „די וואַריעטע־אַרטיסטן" און „אונטערן צירק־קופּאָל" און פאַר די ספּעקטאַקלען פונעם מאָסקווער סאַטירע־טעאַ־טער — צו „רוסלאַנדס טויפונג", „דאָן זשואַנס וואָנטיורעס" און „די לוסטיקע זײַטלעך".

געשריבן האָב איך מוזיק אויך צו די פיל־מעטראַזשיקע פילמען „יידישע גליקן", „דער ווײַ־סער טויט", „בא דער גרענעץ" און „די אוקראַינער קאָלווירטן". אין מײַן מוזיקאַלישער אויספירע־מונג האָט מען אויך אַרויסגעלאָזט די כראָניקאַלע פילמען: „דניעפּראָהעס", „לענין איז מיט אונדז", „צוויי איבעריקע אויסיעס", „ביראָבידזשאַן" און „די טוווע־אויסשטעלונג".

אין 1928 בין איך צוזאַמען מיטן קאָלעקטיוו פונעם מאָסקווער מעלוכישן יידישן טעאַטער, אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַנע גאַסטראָלן, געווען אין דײַטשלאַנד, עסטרײַך, פראַנקרײַך, בעלגיע און האָלאַנד.

ווען מיר האָבן גאַסטראָלירט אין פראַנקרײַך, האָב איך געהאַט א באַגעגעניש מיט פיאָדאָר איוואַנאָוויטש שאַליאַפּינען. ער האָט מיך מאַמעש באַשאָטן מיט פראַגן וועגן מאָסקווע און לענינ־גראַד, וועגן זײַנע דאָרטיקע כאַווײרים. אים האָט זייער אינטערעסירט צו וויסן, צי עס האָבן זיך אין דער רוסישער אָפּערע באַוויזן נײַע, יונגע זינגער און זינגערנס. איך האָב אים געגנוי דער־ציילט וועגן אַלץ, און ער האָט זיך צערעדט פאַר פײַער און פאַר וואַסער:

— אוי, בענק איך אַהיים! האַגאַם מע האָט א מאַבל מיט אויסטראַכטענישן אויסגעגאָסן אַף מײַן קאָפּ. מע רעדט, אַז איך האָב צופיל פאַריסן די נאָז, אַז איך בין אַף דער סצענע א דעספּאָט... אַז ווען איך ווער אומצופרידן פון עמעצן אַף א רעפּעטיציע — גיב איך פּעטש... אַדעראַבע, זאָל מען מיך אַלעמאָל צונויפפּאָרן מיט פּאַרטניאָרן



לייב פולווער

מיט זײַן אורייניקל

מײַסטערס, וואָלט איך געווען גליקלעך. אָט נעמט די אָפּערע „באָריס גאָדונאָוו". זאָל גריגאָרי אָט־רעפּיעוון זינגען סאָבינאָוו, זאָל מאַרינען זינגען מאַקסאַקאָווא צי אָבוכאָווא. ווער וואָלט דאַן זיך געשעצט גליקלעכער פון מיר! איר מיינט, אַז איך האָב שטאַרק האַנאָע פון דעם, וואָס איך בין נאַוונאַד איבער דער וועלט?

אין זײַנע אויגן האָט זיך צעגלאַנצט א טרער. ער האָט מיר מיט גרויס האַרץ געזאָגט, אַז ווי נאָר עס וועלן לויטן אָפּמאַך אין אויסלאַנד זיך פאַרענדיקן זײַנע ספּעקטאַקלען און קאָנצערטן, וועט ער זיך צוריקקערן אַהיים...

ס'איז שוין געוואָרן אַן אַטריבוט פונעם טעאַ־טער־לעבן, אַז הינטער די קוליסן קאָכן און זידן די לײַדנשאַפטן נאָך מער, ווי אַף דער בינע, די אַט־מאָספער איז שטענדיק אָנגעגליט פון דער אומופּ־הערלעכער שטרעבונג צו רום; איינער וויל איבערשטײַגן דעם צווייטן; די, וואָס פאַרנעמען א באַשיידענעם פּלאַץ, זײַנען מעקאַנע יענע, וואָס זײַנען מער פּאָפּולער בא דעם צושויער־אוילעם, און מע דאַרף זײַן ביז גאָר שטאַנדהאַפטיק, קעדיי אוועקשטעלן זיך העכער פון פאַרשיידענע הינ־טערקוליסן־אינטריגעס.

מיר גופע האָט געשפּילט דאָס מאַזל: איך בין קימאַט אַלע יאָרן פאַרבליבן אויסער אָט דעם וויכער פון הינטערקוליסן־לײַדנשאַפטן, ניט מאַכ־מעס איך בין געווען אַזאַ גרויסער צאַדיק. ס'האָט מיך געראַטעוועט דאָס, וואָס איך בין אַכצן שאָ אין טאָג געווען גרײַלעך פאַרנומען מיט שווערער

אפן **אָוונט, געווידמעט** לייב פּולווערס 80־טן געבורטסטאָג. לעם דעם יוביליאר זיצט דער פאָרזיצער פונעם קאָמפּאָזיטאָרן־פארבאנד פון פּססר טיכאָן כרעניקאָוו. מיט א באגריסונגס־רעדע טרעט ארויס דער פאָלקס־ארטיסט פון סאָוועטנפארבאנד לעאָניד אוטיאָסאָוו.

האָרעוואַניע, און איך האָב פּאָשעט קיין צײַט ניט געהאט צו ווערן א צאד אין דעם שטענדיקן פארמעסט־געראנגל. דעריבער וועל איך וועגן דעם קאָכיקן לעבן אין גאָסעט דערציילן בלויז א פּאָר עפּיזאָדן, וואָס האָבן א שײַכעס צום, אזוי צו זאָגן, טעאטראלן שטייגער.

א שטיקל סיכסעך מיט א. גראנאָווסקין

דער ערשטער קינסטלערישער אָנפירער פונעם מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן טעאטער א. מ. גראנאָווסקי איז געווען א גרויסער מייוון אף מוזיק. און אויב אין ערשטן יאָר פון מײַן ארבעט אין טעאטער איז געווען ניט גאָר לײַכט צופּאסן זיך צו זײַן געשמאק, האָט מיט דער צײַט בא מיר זיך אויסגעארבעט א קאָנטאקט מיט אים. געווען איז שווערלעך די ערשטע צײַט דערפאר, וואָס גראנאָווסקין איבערשפּארן האָט געקאָנט זעלטן ווער. מע האָט באדארפט גוט זיך אונטערגארטלען אף צו דערווײַזן אים, אז זײַן האנדלונג איז ניט ריכטיק. דאָס בעסטע מיטל אים אײַנצושמועסן די אָדער יענע סוואָרע איז געווען — אוועקשטעלן אים פּאָנעם־על־פּאָנעם מיטן געשעענעם פאקט.

אזוינס, לעמאָשל, האָט פּאסירט ערעוו דער פּרעמיערע פונעם ספּעקטאקל „200 000“. ווען מע האָט גענומען טראכטן, ווי דארף אויסזען דער פינאל פון אָט דעם ספּעקטאקל און וואָס דארף דעם צושויער אונטערטראָגן די מוזיק, האָט גראנאָווסקי פאָרגעלייגט, אז דער פערטער אקט זאָל זיך ענדיקן מיט א שטיקל ליאמע, ווען שימעלע און זײַנע מעקוראָווים כאפּן ארײַן צו גלעזלעך מאשקע און נעמען זינגען:

מיר זײַנען ניכטער,
מיר זײַנען ניכטער,
טרוקן איז בא אונדז אין האלדז —
גיט א ביסל מאשקע
אאוו.

מיך האָט אזא מוזיקאלישער פינאל לאכלוטן ניט באפרידיקט. גראנאָווסקי איז געוואָרן בארויגעז, און איך בין אוועק א צעקאָכטער אהיים און האָב צוויי טעג די שוועל פונעם טעאטער ניט איבערגעטראָטן. דאָך האָב איך די הענט ניט אָפּגעלאָזט און אין שטוב זיך א נעם געטאָן צו דער ארבעט — געשריבן אן אנדער מוזיקאלישן פינאל, אזא, וואָס מײַן פאנטאזיע האָט מיר אונטערגעזאָגט.

אפן דריטן טאָג האָב איך באשטימט א רעפּעטיציע מיטן אָרקעסטער אף צען אזייגער אינדערפרי. איך בין געווען זיכער, אז די רעפּעטיציע וועט זיך פארענדיקן, ביז גראנאָווסקי וועט קומען אין טעאטער.

כ׳האָב גענומען רעפּעטירן די מוזיק פונעם פינאל, וועלכע איך האָב בעמעשעך פון אָט די צוויי טעג אָנגעשריבן. פּלוצעם — בעשאָס א קורצווײַליקער האפּסאָקע — דערזע איך גראנאָווסקין, ער גייט צו מיר צו און פרעגט, וואָס אזוינס האָב איך נאָרוואָס מיטן אָרקעסטער רעפּעטירט.

— ס׳איז דאָך, — זאָגט ער, — גאָר עפּעס א כאריפּעסל! עס האָט מיך זייער פארכאפּט.

דערקלער איך אים, אז דאָס האָב איך דורכגעשפּילט א שטיק פינאל פון „200 000“, וואָס ס׳איז מיר די לעצטע טעג אין קאָפּ ארײַנגעפאלן.

— טאָ נעמט זשע שוין און שפּילט מיר דורך

מיטן אָרקעסטער דעם פֿינאַל פֿון אָנהייב ביזן סאָף!

און אין זײַנע אויגן האָט א בלישטשע געטאָן א פֿרייִלעכער פֿונק.

גלײַך האָט ער געהייסן רופֿן מיכאָעלסן, זוסקי־נען און נאָך אַקטיאָרן.

און דער אָרקעסטער האָט גענומען שפּילן.

ווער עס האָט געזען דעם פֿינאַל פֿונעם פֿערטן אַקט פֿון „200 000‟, געדענקט, אַז ס'האָט זיך געשפּירט, ווי דער אָרקעסטער וואָלט וואַרפֿן שטיקער פֿײַער אַף דער בינע, און די אַקטיאָרן האָבן זיך עפּעס ווי פֿאַרוואַנדלט אין א כאַפּטע טאַנצנדיקע שיידים. שווער צו דערמאָנען זיך נאָך אַן ענלעכן ספּעקטאַקל פֿון גאָסעט, ווו דער מאַזשאָר זאָל אַזוי שטײַגן ביזן העכסטן גראַד.

דער רעזשיסער און די מוזיק

זיכרוינעס וועגן מיכאָעלסן

די אַרטיסטן און מוזיקאַנטן פֿונעם מאָסקווער מעלוכישן יִידישן טעאַטער האָבן זייער ליב געהאַט און געשעצט שלוימע מיכאָעלסן. זײַן וואָרט איז פֿאַר אונדז געווען עלעהיי א געזעץ. אַף צו באַ־שטרײַטן זײַנע אָנווײַזונג האָט בא אונדז צײַטנווײַז קיין מוט ניט געקלעקט. און ס'איז נאַ־טירלעך: פֿאַר אים האָבן געהאַט דערעכערעץ מי־ליאָנען צושויער. א קליינעקײַט? אַזא אויסטער־ליש־באַגאַבטער אַקטיאָר, אַזא מײַסטער־רעזשי־סער, דערצו א פֿילאָסאָף, א פֿאָלקס־טריבון.

איך גופֿע בין געווען זייער באַפֿרײַנדעט מיט מיכאָעלסן. ער האָט פֿאַרמאָגט א גרויסן מוזיקאַ־לישן כוש און פֿלעגט טאַקע אָפֿט מיר באַהילפֿיק זײַן אין מײַן אַרבעט. זײַנע ספּעקטאַקלען פֿלעגן קימאַט אַלעמאָל זײַן אָנגעזעטיקט מיט מוזיק.

איך האָב געאַרבעט מיט נאָך פֿיל רעזשי־מײַס־טערס, נאָר קיין איינער פֿון זיי האָט ניט פֿאַרמאָגט די פֿײִקײַט אַזוי בערייש אויסנוצן מוזיק אין א ספּעקטאַקל, ווי מיכאָעלס. ער האָט שטענדיק גע־האַט א קלאָרע פֿאָרשטעלונג, אין וואָס פֿאַר א מאָמענט פֿונעם ספּעקטאַקל וועט אים די מוזיק צודינען. דעריבער זײַנען זײַנע פֿאָדערונגען צו די קאָמפּאָזיטאָרן געווען אַף אַזויפֿיל פּינקטלעך, אַף אַזויפֿיל אויסגעשפּראָכן, אַז דעם קאָמפּאָזיטאָר איז שוין ניט שווער געווען זיי פֿאַרווירקלעכן. אַזוי־אַרום פֿלעגט זיך באַקומען אַן אָרגאַנישע באַהעפֿ־טונג פֿון דער מוזיק מיט דער רעזשיסערישער קאַוואָנע.

מיר איז באַוווּסט נאָך איין רעזשי־מײַסטער, וואָס איז געווען אַזוי אימשטאַנד באַפֿרוכפּערן דעם קאָמפּאָזיטאָר מיט זײַן מוזיקאַלישער אינטויִציע.

אַזעלכער איז געווען ב. נ. נאַרד. אויך מיט אים איז מיר ליב און גרינג געווען צו אַרבעטן.

צײַטנווײַז זײַנען מיכאָעלסעס פֿאָדערונגען גע־ווען אַף אַזויפֿיל קאָמפּליצירט, אַז עס פֿלעגט אויסקומען נעכט ניט דערשלאָפֿן, זוכנדיק אַזעלכע וואַריִאַנטן, וואָס זאָלן אים צופֿרידנשטעלן.

בעשאַס כ'האָב געגרייט די מוזיק צום ספּעק־טאַקל „טעוויע דער מילכיקער‟, ווען איך האָב מיך פֿאַרטיפֿט אין דער מוזיקאַלישער טעמע פֿון טע־וויעס טאָכטער כאַווע, איז מיר אויסגעקומען אָנ־שרײַבן עלף וואַריִאַנטן. עס זײַנען צווישן זיי גע־ווען אינטערעסאַנטע, געלונגענע. דאָך האָט מיכאָ־עלס צען פֿון זיי אָפּגעוואָרפֿן. ערשט ווען איך האָב אים פֿאָרגעלייגט דעם עלפֿטן, האָט ער אים באַווילִיקט, און אָט די טעמע איז שוין אַף שטענ־דיק אַרײַנגעוואַקסן אינעם מוזיקאַלישן געוועב פֿון דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל.

א רעפעטיציע, א באוואשענע מיט טרערן

א העכסט צופֿרידענער, האָט מיכאָעלס אַנומלטן ניט געוואָלט מיך אָפּלאָזן אַהיים. דערזען, אַז איך גרייט מיך אַרופֿכאַפּן אַף זיך דעם מאַנטל און פֿאַרלאָזן דעם טעאַטער, רופֿט ער זיך אָן צו מיר:

— באַלד טרעטן מיר צו צו דער רעפּעטיציע פֿונעם צווייטן אַקט „טעוויע דער מילכיקער‟. איך בעט אײַך, כאַפּט א קוק און זאָגט אײַער מיינונג.

איך האָב מיך ניט געלאָזט לאַנג בעטן און בין געבליבן אין טעאַטער.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן די רעפּעטיציע.

צום מאָמענט, ווען טעוויע נעמט זיך געזעגענען מיט האָדלען, האָט די עמאָציאָנעלע אויפֿגערו־דערטקײַט פֿון די אַרטיסטן דערגרייכט צו אַזא גראַד, אַז אַלע אָנטיילנעמער פֿון אָט דער סצענע האָבן זיך צעוויינט. אַפֿילע מיכאָעלס אויך. אַזוינס האָט אין דעם דאָזיקן טעאַטער ביז דעמלט ניט פּאַסירט.

אין טעאַטערן עקזיסטירט פֿון קאַדמוינים אָן א ניט געשריבענער געזעץ: אַן אַקטיאָר דאַרף בע־שאַס די רעפּעטיציעס און ספּעקטאַקלען זײַן אַף אַזויפֿיל צוריקגעהאַלטן, אַז קיין עמעסע טרערן זאָלן אַף זײַן פּאָנעם זיך ניט באַווײַזן, און אויך בעשאַס די צושויער קײַכן, זאָל ער ניט ווערן מיטגעריסן און בעשום־אויפֿן אַף דער בינע זיך ניט צעלאַכן. דעריבער איז שוין קיין וווּנדער ניט, וואָס מיכאָעלסן האָט פֿאַרדראָסן די צעשרויפֿט־קײַט פֿון די אָנטיילנעמער פֿונעם „טעוויע‟־ספּעק־טאַקל, וועלכע האָט גורעם געווען אַזא מיספּאַר־שטייעניש — אַליין דער אָנפֿירער פֿון דער טרופּע זאָל זיך אַזוי צעיאַכמערן...

— ניין! — האָט מיכאָעלס אַן אופגערייצטער אויסגעשריִען. — ס'איז ניט דערלאָזבאַר! מיר מוזן גלײַך איבערזײַסן די רעפּעטיציע. גייט שוין, כאַ־ווירים, אהיים און באַרויִקט אײַך. אין צוויי שאָ־ארום וועל איך פאַראָרדענען אופהענגען א באַ־פעל, וווּ עס וועט זײַן אַן אָנווײַזונג, ווען מיר וועלן ווידער רעפּעטירן.

* * *

צום שלוס פון מײַנע זיכרוינעס מוז איך באַטאָ־נען, אַז ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן, האָט מײַן פידלער־קאַריערע דערגרייכט איר שליימעס אין די יאָרן, ווען איך האָב געאַרבעט אַלס פּרימאַ־פידלער אינעם מאָסקווער „באַלשאָי" טעאַטער. דאָ האָב איך יאָרנלאַנג זיך מעצאַרעף געווען צו די גרעניאַלע ווערק פונעם אָפּערע־רעפּערטואַר, און דאָ טאַקע האָב איך דורכגעמאַכט דעם צוגריי־טונגס־פּעריאָד צו ווערן א זעלבשטענדיקער קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט.

ווי באַוווּסט, האָט מוזיק פאַרנומען אינעם מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן טעאַטער זייער א בעקאָוועדיקן פּלאַץ. אַלנפאַלס, ניט קיין קלענערן פון דער דעקאָראַטיווער קונסט. איז טאַקע זייער וויכטיק צו באַטאָנען, אַז מוזיק האָט אין גאָסעט געשפּילט ניט בלויז די ראָליע פון אן איליוסטראַ־טאָר אָדער אַקאָמפּאַניאַטאָר צום דראַמאַטורגישן וואָרט־מאַטעריאַל. צײַטנווײַז האָט די מוזיק אָנ־געפּילט מיט אירע קלאַנגען די, אזוי צו זאָגן, צווישנשורעס פון דער פּיעסע.

אַלס בײַשפּיל קאָן דינען דער מאָמענט אינעם ספּעקטאַקל „מאַסאָעס ביניאָמין האשלישי", ווען ביניאָמין (מיכאָעלס) און סענדערל (זוסקין) ווערן אנשלאָפן נאָך זייער באַוווּסטן דיאַלאָג אף די האַר־טע בענק פון דער קרעטשמע. דער צושויער איז פאַרגאַפּט פון אָט דער אויסטערלישער סצענע, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט א טרוימערישער און אין דער זעלבער צײַט קאָמישער שטימונג. גלײַך נאָך דעם נעמען זיך גיסן פונעם אָרקעס־טער — אפן פּאָן פון דער קאָמישער לעוואָנע מיט איר מענטשישער צורע און די צוויי ציגעלעך, וואָס הענגען סימעטריש פּאָנעם־על־פּאָנעם, — טיף רירנדיקע, לירישע קלאַנגען, וואָס דריקן אויס א ראַכמאָנעס ניט נאָר צו אָט די צוויי אויסגעמאַ־טערטע, צעבראָכענע, נעבעכדיקע וואַנדערער, נאָר ביכלאַל א בענקעניש נאָך א יושערדיק און גליקלעך לעבן פאַר אַלע אונטערדריקטע און באַוולטע מענטשן אף דער וועלט.

די מוזיק איז דאָ אין פולן זין פון וואָרט א זעלב־שטענדיקע, אווטאָנאָמע מיטשפּערן.

ס'איז קעדײַ אָנצוווײַזן נאָך אף איין פאַל פון אינטערווענץ מיצאַד דער מוזיק בענעגייע דעם טעקסט. דאָס מאָל גייט א רייד וועגן דער פאַר־שטעלונג „קיניג ליר". ווער עס האָט געזען אָט די פאַרשטעלונג, געדענקט מינהאסטאַם די סצענע אין אָנהייב פונעם צווייטן אַקט, ווען ליר, צו־ריקערנדיק זיך פון יאַגד, באַווײַזט זיך אין דער טיף פונעם בינע־כאַלעל. ער זינגט א ווויליונגערישע יעגער־ליד און זעט אויס — צום באַוווּנדערן פון די צושויער — פיל ייִנגער, איידער אין ערשטן אַקט, ווען ער דערשײַנט פאַר אונדז ווי אַן עכטער אכציקיאָריקער זאָקן.

אָט די סצענע איז א הויסאָפע צו שעקספּירס טעקסט. זי איז אינגאַנצן אַן אויסגעדיכטעטע. דעם טעקסט פון לירס לידעלע האָט ש. האַלקין אָנגע־שריבן לויט דער באַקאָשע פון דער רעזשי, בע־העסקעם מיט מיכאָעלסן, און איך האָב אָנגעשריבן די מוזיק. דאָס באַטײַט, אַז דער מוזיקאַלישער מיטשפּער האָט זיך לעגאַמרע דורכגעדרונגען מיט מיכאָעלסעס פילאָסאָפישן באַנעמען לירס געשטאַלט, מאַכמעס לויט מיכאָעלסעס אופאַסונג דערשפּירט זיך ליר נאָך זײַן אָפּזאָגן זיך פון דער קרוין פיל ייִנגער פון אכציק יאָר.

דאָס זײַנען בײַשפּילן, וויאַזוי די רעזשי, די אַקטיאָרן און דער מוזיקאַלישער אָנפירער זײַנען געגאַנגען האַנט־בא־האַנט.

יאָ, איך קאָן מיט רעכט זאָגן: ביז גאָר גליקלעך איז געווען מײַן לעבן און מײַן אַרבעט אין ייִדישן טעאַטער.

ליטעראַריש באַאַרבעט י. ליובאָמירסקי

ליטעראַטור־קריטיק
ביבליאָגראַפיע
פראַגן פון קונסט

ארן ראסקין

דער שפּעטערישער וועג פון א קריטיקער

(צו י. נוסינאָווס 80־טן געבורטסטאָג)



1

די ייִדישע ליטעראטור פון נאָך דער אָקטיאבער־צײַט האָט געשאפן א נײַע, עכט וויסנשאפטלעכע קריטיק, וועלכע האָט טיף און אַלזײַטיק באהאנדלט די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פונעם סאָוועטישן פּעריִאָד פון דער ליטעראַטור און מאמעש געמאכט אן איבערקערעניש אינעם צוגאנג צו די ווערק און שרײַבער פון דער פארגאנגענהײַט. צווישן דער גלענצנדער פּלעיאדע הויך־טאלאנטירטע קריטיקער און ליטעראטור־היסטאָריקער פארנעמט אן אָנגעזעען אָרט ייִצכאָק נוסינאָוו.

געבוירן אין טשערניכאָוו, וואָלינער גובערניע, אין 1889, האָט י. נוסינאָוו שוין צו 15 יאָר זיך אָנגעשלאָסן אין דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אף דער אוקראַיִנע. אין דער רעאקציע־צײַט נאָך דער רעוואָליוציע פון 1905 איז אים אויסגעקומען עמיגרירן אין דער שווייץ, ווו ער איז אין רעזולטאט פון א שווערער קראנקהײַט עטלעכע יאָר גע־ווען צוגעשמידט צום בעט אין איינעם פון די דאָרטיקע סאנאטאָריעס. דאָ האָט דער יונגער עמיגראנט זיך אַרײַנ־געטאָן אין שטודיִום פון ליטעראטור, קונסט און פילאָסאָ־פיע. פונדאנען, קאָן זײַן, נעמט איר אָנהייב די קאָלאָסאלע ערודיציע, מיט וועלכער ס'האָט זיך אויסגעצייכנט דער קומענדיקער ליטעראטור־פאָרשער (גרינטלעכע באהערשונג פון א ריי אויסלענדישע שפּראכן, טיפע באהאוונטקײַט אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער, מײַרעוו־אייראָפּעיִשער און רוסישער ליטעראטור און קונסט, אין דער געשיכטע פון פילאָסאָפיע, אין מארקסיסטיש־לענינישער קענטעניש).

אומגעקערט האָט זיך י. נוסינאָוו קיין רוסלאנד באלד נאָך דער פעוראל־רעוואָליוציע. אין 1919 איז ער אַרײַנ־געטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּארטיי. פון דעמלט אָן האָט ער זיך אינגאנצן אָפּגעגעבן דער ליטעראַרישער, גע־זעלשאפטלעכער, וויסנשאפטלעכער און פּעדאגאָגישער אר־בעט. אין 1924 האָט ער פארענדיקט דעם „ראניִאָן" (רוס־לענדישע אסאָציִאציע פון וויסנשאפטלעך־פאָרשערישע אינסטיטוטן פאר געזעלשאפטלעכע וויסנשאפטן) און דער־פאָלגרײַך פארטיידיקט די דיסערטאציע אף דער טעמע „די פּראָבלעם פון היסטאָרישן ראָמאן". אין סאָף פון די צוואנ־ציקער יאָרן איז ער געווען טעטיק אלסווירקלעכער מיט־גליד פון „ליִאָ" (אינסטיטוט פאר ליטעראטור־קענטעניש און שפּראך בא דער קאָמוניסטישער אקאדעמיע), שפּעטער — אלס פּראָפעסאָר פון מײַרעוו־ליטעראטור אין אינסטיטוט פון רויטער פּראָפעסור, אלס פּראָפעסאָר פון געשיכטע פון ייִדישער און מײַרעוו־אייראָפּעיִשער ליטעראטור אין מאָסק־ווער מעלוכישן פּעדאגאָגישן אינסטיטוט, ווו ער איז א

צײַט געווען פּאַרוואַלטער פֿון דער קאַטעדרע פֿון געשיכטע פֿון דער מײַרעוו־אײראָפּעיִשער ליטעראַטור.

אין די צוואַנציקער יאָרן צעוויקלט זיך ברייט י. נוסינאָווס ליטעראַריש־קריטישע און רעדאַקטאָרישע טעטיקײַט. ער דרוקט זיך אין דער קיִעווער „פֿאָלקס־צײַטונג“ (שפּעטער — אין דער „קאָמוניסטישער פֿאָן“), אין דעם מאָסקווער „עמעס“, אין זשורנאַל „די רויטע וועלט“ אא. צוזאַמען מיט נ. אויסלענדערן און ד. האָפֿשטיינען גרינדעט ער און רעדאַקטירט די ביכער־סעריע „ליריק“. אין די דרײַסיקער יאָרן, צוזאַמען מיט א. גורשטיינען און מ. ווינערן, רעדאַקטירט ער די אַקאַדעמישע אויסגאַבע פֿון מענדעלעס ווערק.

אין דער צײַט פֿון דער גרויסער פּאַטריאָטישער מילכאָמע גיט אָפּ י. נוסינאָוו אַלע זײַנע קויכעס דעם קאַמף קעגן פֿאַשיזם, ער פֿירט א גרויסע פּראָפּאַגאַנדיסטישע טעטיקײַט, שרײַבט סיסטעמאַטיש אַרטיקלען פֿאַר דער סאָווינפֿאָרמביוראָ.

י. נוסינאָווס לעבן האָט זיך טראַגיש איבערגעריסן אין 1950 יאָר.

2

וועגן דעם ברייטן שעפֿערישן דיִאַפּאַזאָן פֿון ייִצכאָק נוסינאָוון אַלס קריטיקער און פֿאָרשער זאָגן אײדעס די ביז גאָר פֿאַרשיידענע טעמעס, פּראָבלעמען, שרײַבער, ווערק, וועגן וועלכע ער האָט געשריבן. בא אים זײַנען דאָ אַרבעטן איבער פֿראַגן פֿון קונסט־טעאָריע און עסטעטיק (צום בײַשפּיל — „פֿראַגן פֿון ליטעראַטור־קענטעניש“, „פּראָבלעמען פֿון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור“, „פּראָבלעם פֿון פּאָזיטיווע געשטאַלטן אין דער ליטעראַטור“ אא.); א ריי אַרבעטן וועגן מײַרעוו־אײראָפּעיִשע שרײַבער (סערוואַנטעס, שעקספּיר, מאָליער, געטע, בײַראָן, הוגאָ, נאָדיע, דיקענס, סטענדאַל, מערימע, פּרוסט, ראָלאַן, באַרבּיס אא.); וועגן דער רוסישער קלאַסישער ליטעראַטור (פּושקין, טאָלסטאָי, טשעכאָוו, גאָרקי); וועגן סאָוועטישע רוסישע שרײַבער (לעאָנאָוו, פּאַסטערנאַק, גאָרבאַטאָוו אא.); וועגן די ייִדישע קלאַסיקער, וועגן סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער, וועגן מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן טעאַטער אא.

י. נוסינאָוון איז אויסגעקומען, צוזאַמען מיט אַנדערע קריטיקער מאַרקסיסטן, ארײַנטרעטן אין הייסע און דויערנדיקע שטרײַטן מיט א ריי בורזשואַזע ליטעראַטור־היסטאָריקער, באַקעמפֿן דעקאַדענטישע, מאָדערניסטישע, פֿאָרמאַליסטישע און אַנדערע עסטעטישע טעאָריעס, וואָס זײַנען ברייט געווען פֿאַרגעשטעלט אין דער ליטעראַטור־וויסנשאַפֿט אין אויסלאַנד און אויך בא אונדז אין לאַנד. עס איז באַקאַנט י. נוסינאָווס פּאָלעמיק מיט וואָראָנסקין, שקלאָווסקין, פּערעווערזעוון, לוקאַטשן, ליפֿשיצן, מיט די פֿאָרשטייער פֿון „לעף“, פֿון „ליטפֿראָנט“ אא. ניט ווייניקער שאַרף איז אים אויסגעקומען צו שטרײַטן מיט דער ייִדישיסטישער ליטעראַטור־קריטיק, מיט פֿאַרשיידענע אידעאַליסטישע קונסט־טעאָריעס אין ייִדישן אויסלאַנד און מיט פֿרעמדע אידייִשע טענדענצן אין דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור. דאָס זײַנען געווען שלאַכטן פֿאַר מאַרקסיסטישער מעטאָדאָלאָגיע אין דער ליטעראַטור־וויסנשאַפֿט, פֿאַר א נײַער מאַרקסיסטיש־לענינישער עסטעטיק, פֿאַר א פֿעסטן אידייִשן גאַנג פֿון דער סאָוועטישער ליטעראַטור.

זײַן ליטעראַריש־קריטישע טעטיקײַט האָט י. נוסינאָוו צעוויקלט אין דער צײַט פֿון „מיליטערישן קאָמוניזם“, פֿון פֿאַרשאַרפֿטן קלאַסנקאַמף, ווען ס׳איז באַזונדערס נייטיק געווען צו באַקעמפֿן יעדן פּרווו פֿון אַנטיגעזעלשאַפֿטלעכער טראַקטירונג פֿון דער ליטעראַטור און קונסט. די אָנגעגליטע, קריגערישע אַטמאָספֿער האָט געצווונגען דעם קריטיקער אין זײַנע אַרבעטן שטעלן דעם טראָפּ הויפּטזאַכלעך אויף דער קלאַסן־טענדענץ אינעם אידייִש־קינסטלערישן אינהאַלט פֿון די ליטעראַרישע ווערק. די באַזונדערע אַקצענטירונג פֿונעם סאָציִאַל־געזעלשאַפֿטלעכן מעהוס אינעם אַנאַליז פֿון ליטעראַרישע ווערק, די ניט־גענוגנדיקע אויפֿמערקזאַמקײַט צו דער עסטעטישער ספּעציפֿיק פֿון דער ליטעראַטור האָט ניט זעלטן געבראַכט צו פֿאַרײנפֿאַכונגען, צומאָל צו וווּלגאַריזאַטאָרישער אויסטײַטשונג פֿון די ליטעראַטור־פּראָצעסן.

מע דאַרף ניט פֿאַרגעסן, אַז י. נוסינאָוו, ווען ס׳איז אויסגעקומען צוזאַמען מיט אייניקע אַנדערע קריטיקער צו לייגן די ערשטע שטיינער צום נײַעם בנין פֿון דער ייִדישער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור־וויסנשאַפֿט, האָט אָפֿט געהאַט צו טאָן מאַמעש מיט ליטעראַריש־עסטעטישער רויערד. עס איז אויסגעקומען שטעלן און לייזן פּראָבלעמען, וועלכע זײַנען נאָך געווען ווייניק אויסגעקלאָרט. דאָס אַלץ האָט געפֿאָדערט דרייסטקײַט, אַנטשיידנקײַט, אָפּעראַטיווקײַט. אין אַזוינע באַדינגונגען זײַנען אָבער אומפֿאַרמײַדלעך געווען שטרויכלונגען. אין י. נוסינאָווס אַרבעטן פֿון יענער הייסער צײַט קאָן מען טרעפֿן אײַליק אַרויסגעזאָגטע האַשאָרעס, ניט אין דער מאָס קאַטעגאָרישע פֿאָרמולירונגען, אַזעלכע באַהויפּטונגען און אויספֿירן, וועלכע האָבן זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן ווי ניט קיין גערעכטע. אַזוי, צום בײַשפּיל, האָט די ליטעראַרישע פּראַקטיק באַוויזן אַלס ניט באַרעכטיקט י. נוסינאָווס פּראָגנאָז וועגן דעם, אַז דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור איז פֿרעמד דער ראָמאַנטיזם אַלס קינסטלערישער מעטאָד.

דער קריטיקער האָט שפּעטער איבערגעקוקט אייניקע זײַנע פֿריִערדיקע אָנשויונגען. ער האָט זיך מיט דער צײַט באַפֿרײַט פֿון וווּלגאַריזאַטאָרישע טענדענצן, פֿון שאַבלאָנדאָגמעס. וועגן דעם זאָגט אײדעס די איבערוועגנדיקע מערהײַט פֿון זײַנע אַרבעטן, וועלכע זײַנען אָנגעשריבן אין דער צווייטער העלפֿט פֿון די דרײַסיקער און אין די פֿערציקער יאָרן. ווען מע טוט, צום בײַשפּיל, א פֿאַרגלײַך אַזוינע שפּעטערדיקע אַרבעטן פֿון י. נוסינאָוון, ווי די ברייטבאַקאַנטע סעריע פֿאָרשונגען אונטערן אַלגעמיינעם טיטל „דויערעסדיקע געשטאַלטן“ אָדער די פּרעכטיקע אַרבעט וועגן שעקספּירס „אַנטאָני און קלעאָפּאַטרע“ און וועגן פּושקינס „עגיפּטישע נעכט“, ווי אויך די גלענצנדע סעריע אַרטיקלען וועגן מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן טעאַטער, — ווען מע פֿאַרגלײַכט זיי מיט אייניקע פֿריִע אַרבעטן פֿון די צוואַנציקער יאָרן, זעט מען באַשײַמפּערלעך, ווי אויסגעוואַקסן עס איז דער אינטערעס פֿונעם פֿאָרשער צו דער עסטעטישער זײַט פֿון ליטעראַטור און קונסט, ווי עמאָציִאָנעל פֿאַרביקער עס איז געוואָרן זײַן שעפֿערישע פֿאַליטרע, שטײַפֿער, געשליפֿענער זײַן סטיל, בילדערישרײַכער און צוגענגלעכער זײַן שפּראַך.

3

באַזונדערס גרויסע פֿאַרדינסטן האָט י. נוסינאָוו אין געביט פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור־פֿאָרשונג.

אין שײַן פֿון די לענינישע אָנווײַזונגען וועגן דער באַ־

ציִונג צו דער קולטור־ירושע האָט נוסינאָוו פיל אכט אָפּגעגעבן אונדזער קלאַסישער „מעסוירע“. אין זײַנע ארבעטן, ווי אויך אין די אוניווערסיטעט־קורסן, וועלכע ער האָט געלייענט, האָט ער פאַנאַנדערגעארבעט א נײַע סיסטעם פון דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור. צוזאמען מיט אייניקע אנדערע גרונטלייגער פון דער מארקסיסטיש־לעניניסטישער ייִדישער ליטעראַטור־וויסנשאפט האָט ער פעסטגעשטעלט, אז די ליטעראַטור אין ייִדיש הייבט זיך ניט אָן מיט מענדעלען, איר ייִכעס־בריוו קומט פון פריִער. „מענדעלע איז ניט דער אָנהייב פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור, ער איז דער אָנהייב פון איר קלאַסיק“, — האָט קאָנסטאטירט דער פאָרשער. אָפּשאצנדיק די ראָליע פון די אָנפאנגער פון דער ייִדישער ליטעראַטור, אזוינע, ווי אקסענפעלד און עטינגער, האָט י. נוסינאָוו באַזונדערס באטאָנט דעם אויבנאָן, וואָס מענדעלע האָט פאַרנומען אין דער אנטוויקלונג פון דער קלאַסישער ייִדישער ליטעראַטור:

„מענדעלעס געשטאלטן און אידייען האָט צוגעגרייט די גאנצע אופקלערערישע ליטעראַטור, פון אייכלען און וואָלפסאָנען ביז אקסענפעלדן, עטינגערן, דיקן און גאָטלאָבערן. אָבער וואָס פאר א באטײַט יעדערער פון די פאָרגייער מענדעלעס האָבן פאר דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור... פאר דעם זיג פון דעם נײַעם בירגערלעכן וועלט־באנעם אין דער ייִדישער סוויווע, פאר דער צוגרייטונג פון מענדעלעס געשטאלטן און אידייען — וועט אף שטענדיק בלײַבן דער הויפּט־אונטערשייד צווישן זיי אלעמען און מענדעלען. מענדעלע האָט די דאָזיקע געשטאלטן געבראכט צו סינטעטישער פאראלגעמיינערונג, צו פארסאכאקלטער טיפּישקײַט, ער האָט די דאָזיקע אידייען דערהויבן צו יענער סאָציִאלער מאדרייגע, ווען זיי האָבן אָביעקטיוו איבערגעוואקסן דעם לעכאטכילעדיקן אנטיפעאָדאלן באטײַט און זײַנען געוואָרן דער אָנהייב פון אנטיבורזשואזער קריטיק אין דער ליטעראַטור“[1].

די דאָזיקע און אנדערע באהויפּטונגען זײַנען אין א געוויסער מאָס געוואָרן ריכט־ליניעס פאר דער ווײַטערדיקער מארקסיסטישער מענדעלע־פאָרשונג, וואָס האָט געשטרעבט צו באטראכטן מענדעלעס שאפונג אין שײַן פון דער ליטעראַרישער טראדיציע.

מענדעלען איז געווידמעט איינע פון י. נוסינאָווס פריִע ארבעטן „פון בוך צו בוך“ (1928). שוין אין אָט דער ארבעט האָט זיך בוילעט ארויסגעוויזן די כאראקטערי־סטישע פאר נוסינאָוון אלס פאָרשער געוויסנהאפטיקײַט און וויסנשאפטלעכע סקרופּולעזקײַט באם אנאליזירן ליטעראַרישע דערשײַנונגען. דעם וויסנשאפטלער האָט ניט אָפּגעשראָקן די נייטיקע בא אזא מין פאָרשונג „שווארצע ארבעט“. ער האָט אונטערגענומען א גראנדיִעזן שטודיִום פון מענדעלעס טעקסטן, פון אלע וואריִאנטן פון זײַנע ווערק, וועלכע ער האָט נאָכגעפאָלגט שורע נאָך שורע, וואָרט נאָך וואָרט. אפן סמאך פון די פארגלײַכונגען צווישן איין וואריִאנט און דעם צווייטן האָט ער אָנגעצייכנט א קלאָר בילד פון דעם, ווי אין פארבינדונג מיט דער עוואָליוציע פונעם שרײַבערס וועלט־אָנשויונג, ווען ער האָט, בארײַכערנדיק זיך מיט לעבנס־דערפארונג, טיפער באנומען די טענדענצן פון דער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג, — האָבן זיך געענדערט זײַנע ווערק, באקומען א נײַע אידייִשע אָנלאָדונג, דעראָבערט נײַע קינסטלערישע פארבן און ניואנסן. דערבײַ איז גאָרנישט ניט ארויסגעלאָזט געוואָרן פון אויג — יעדע ענדערונג, אפילע אינעם טיטל, אין דער ווידמונג, אין דער האקדאָמע, אין דער קאפּיטלען־פארטיילונג און אינעם טעקסט, איז פונעם פאָרשער פיקסירט געוואָרן, באהאנדלט און אויסגענוצט געוואָרן פאר וויכטיקע פאראלגעמיינערונגען און אויספירן.

די ארבעט „פון בוך צו בוך“ שטעלט מיט זיך פאָר ניט נאָר א באדײַטנדיקן צושטײַער פאר דער מענדעלע־פאָרשונג, זי איז אויך א מוסטער פון אן ערנסטער וויסנשאפטלעכער טעקסטאָלאָגישער ארבעט, פארבײַ וועלכער עס קאָן ניט דורכגיין יעדער איינער, ווער עס וויל זיך באשעפטיקן מיט וואריִאנטן־פאָרשונג.

איין טייל פון דער ארבעט האָט באקומען א ווײַטערדיקע אנטוויקלונג אין דער פאָרעדע צום 5־טן באנד פון דער אקאדעמישער אויסגאבע פון מענדעלעס ווערק (1937). די דאָזיקע פאָרעדע איז בעלי־סאָפעק איינע פון די באַדײַטנדיקסטע ארבעטן וועגן מענדעלעס „ווינטשפינגערל“. י. נוסינאָוו גיט דאָ א גרינטלעכן אנאליז פון די דרײַ רעדאקציעס פונעם „ווינטשפינגערל“ און באווײַזט, ווי עס האָט זיך „אין דער עוואָליוציע פונעם ווערק — פון 1866 ביזן 1911 — אויסגעדריקט מענדעלעס אידייִשע און קינסטלערישע עוואָליוציע פאר די פארלאָפענע העכער 40 יאָר“. דער קריטיקער איליוסטרירט מיט קאָנקרעטע בײַשפּילן, ווי עס האָט זיך אויסגעברייטערט מענדעלעס קריטיק, וועלכע איז אין לעצטן וואריִאנט איבערגעוואקסן אין א שארפן אָנגריף אף „דער פּאָליטישער סיסטעם פון דער צארישער זעלבסטהערשונג“, ווי עס האָט זיך געענדערט מענדעלעס באציִונג צו דער האסקאָלע און צו די נײַע קאפּיטאליסטישע פארהעלטעגישן, אין וועלכע ער האָט דערזען א נײַעם „איימעק האבאָכאָ“, א נײַעם „טאָל פון טרערן“.

א גרויסן אינטערעס האָט י. נוסינאָוו ארויסגעוויזן צו מענדעלעס ווערק „מאסאָעס בינימין האשלישי“. אין א ריי ארבעטן האָט ער געגנוי באטראכט דאָס געשטאלט פון בינימין האשלישי, וועמען ער האָט מיט רעכט אײַנגעשלאָסן אין דער גאלעריי פון די „דוירעסדיקע געשטאלטן“ אלס א ייִדישן וואריִאנט פון דאָן קיכאָט. אין דער פאָרעדע צו „מאסאָעס בינימין האשלישי“ (1930) האָט נוסינאָוו אופגעדעקט דעם סאָציִאל־היסטאָרישן טאָך פון אזוינע געשטאלטן, ווי דאָן קיכאָט און בינימין האשלישי. דערבײַ האָט ער ריכטיק אָנגעוויזן אף דעם כילעק צווישן סערוואנטעסעס באציִונג צו דאָן קיכאָטן און מענדעלעס באציִונג צו בינימינען: „סערוואנטעס קומט צום סאָף צו דערהייבן דאָן קיכאָטן, ער שטארבט ווי א גוטער קריסט, ווי א מענטש א כאָכעם. מענדעלע וועט ברענגען צום סאָף בינימינען צו דער מאדרייגע, אז קיינער דארף אים ניט. אפילע דער גענעראל מאכט צום אָפּיצער: „דאָ פעלט א קלעפּקע“. אָט אין דעם אנטשיידענעם אָפּזאָגן זיך פון ליריזם בענעגייע פארגאנגענהײַט איז געווען מענדעלעס אידעאָלאָגישע פארשארפטקײַט פון א קעמפער, א דעמאָקראטישן מאסקיל“[1].

אויך צו די אנדערע צוויי גרויסע אונדזערע קלאסיקער האָט י. נוסינאָוו ארויסגעוויזן אינטערעס. ער שרײַבט וועגן „שאָלעם־אלייכעמס אָנהייב אין ייִדישעס פאָלקסבלאט“ („רויטע וועלט“, 1926), שרײַבט א פאָרעדע צו שאָלעם־אלייכעמס „ייִדישע ראָמאנען“ (1929). צו שאָלעם־

[1] מענדעלע מוכער־ספאָרים, ב. 5, מאָסקווע, 1937. פאָרעדע פון י. נוסינאָוו, ז. VII—VIII.

[1] י. נוסינאָוו. פאָרעדע צום בוך „מענדעלע מוכער־ספאָרים. מאסאָעס בינימין האשלישי. אין א שטורעם־צײַט“. קיִעוו, 1930, ז. 6.

אלייכעמס שאפן קערט זיך נוסינאָוו אום ניט איין מאָל אין די דרײַסיקער — פערציקער יאָרן (פאָרעדע צום בוך „מײַסעס און געשיכטעס“ (1930), ארטיקל „שאָלעם־אלייכעם“ אין זשורנאל «Книга и пролетарская революция» (1939).

אייניקע פון י. נוסינאָווס ארבעטן, געווידמעט שאָלעם־אלייכעמס שאפן, זײַנען ניט פרײַ פון פארייִנפאכונגען. ווי באוווּסט, האָט י. נוסינאָוו זיך א לאנגע צײַט אינטערעסירט מיט דעם סאָציאל־היסטאָרישן גענעזיס פון הומאָר. אין זײַנע ארבעטן אף דער דאָזיקער טעמע זײַנען דאָ פיל אינטערעסאנטע באָבאכטונגען און ווײַטגייענדיקע אויספירן. אָבער ס׳זײַנען דאָ אויך פעלערהאפטע, ניט־באגרינדעטע האנאָכעס. אזוי, לעמאָשל, ארויסגייענדיק פונעם טעזיס, אז דער הומאָר איז בעדערעך־קלאל אייגנטימלעך יענע שיכטן, וואָס זײַנען „סאָציאל מאכטלאָז“, האָט י. נוסינאָוו באהויפּטעט, אז ווײַל דער הומאָר איז „לויט דעם טאָך זײַנעם א פשאָרעמאכערישער, א הומאניסטיש־קלאָגנדיקער מעטאָד“, „קאָן ער ניט דינען דער פּראָלעטארישער ליטעראטור אף אויסלאכן די שוואכקײַטן פון די סאָציאלע איליוזיעס בא אונדזער קלײנבירגערטום, קעדיי איבערדערציִען עס... דער פּראָלעטאריאט ווירקט ניט מיט „לאכן דורך טרערן“, נאָר מיט סארקאזם און סאטירע“[1]. אזא מין לאָגיק האָט געמוזט ברענגען צום פארמינערן די ראָליע פון שאָלעם־אלייכעמס ירושע פאר דער נײַער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור.

ניט געקוקט אף אייניקע ווולגאר־סאָציאָלאָגישע פארייִנפאכונגען, פון וועלכע דער קריטיקער האָט זיך, אגעוו, שפּעטער אָפּגעזאָגט, איז זײַן בײַטראָג אין דער שאָלעם־אלייכעם־פאָרשונג געווען א באדײַטנדיקער.

אין דער פאָרעדע צו שאָלעם־אלייכעמס „מײַסעס און געשיכטעס“ (1930) האָט י. נוסינאָוו באטאָנט שאָלעם־אלייכעמס „געזונטן רעאליזם, וואָס האָט געשטאמט פון זײַן טיפער דעמאָקראטישקײַט, פון זײַן פאָלקס־אָרגאניק“. ער האָט דאָ געגעבן א ריי טיפע כאראקטעריסטיקעס פון שאָלעם־אלייכעמס ווערק, כאראקטעריסטיקעס, וועלכע רופן ארויס באוווּנדערונג מיט דער לאפּידארישקײַט פון אויסדרוק און קימאט אפאָריסטישער געשליפנקײַט פון יעדן זאץ. לויט דער רײַכקײַט פון סאָציאל־פילאָסאָפישע אסאָציאציעס, לויט דער טרעפלעכקײַט פון די פאראלגעמײנערונגען זײַנען אייניקע פון אָט די כאראקטעריסטיקעס מאמעש א געווינס פאר דער ליטעראטור־וויסנשאפט. אָט, צום בײַשפּיל, וועגן „מאָטל פּייסי דעם כאזנס“:

„אין א צײַט, ווען ביאליק האָט באזונגען „ייִדישע קינדערלעך“ פאר זייערע „דארע פיסעלעך“, פאר זייערע „פארטראכטע אייגעלעך“, האָט שאָלעם־אלייכעם זיך געשטעלט א דוירעסדיקן קינסטלערישן דענקמאָל דורך דעם, וואָס ער האָט קינסטלעריש באפרײַט דאָס ייִדישע קינד פון ראכמאָנעס און פארזאָרגטקײַט.

די סימבאָלישע באדײַטונג פון מאָטלס ווערטער „מיר איז גוט, איך בין א יאָסעם“ באשטייט טאקע אין דעם, וואָס מאָטל איז געבליבן א יאָסעם נאָך דעם ייִדישן מיטל־אלטער, ער איז אויסגעלייזט געוואָרן פון דער קנעסעס־ייִסראָעל־האזשגאָכע. פונדאנען שטאמט די פרייד, וואָס שטראָמט פון אים... „מאָטל פּייסיס“ איז די באגעגעניש פון קינד מיט דער נײַער וועלט...“[1].

ריידנדיק וועגן אזוינע געשטאלטן, ווי טעוויע דער מילכיקער, מענאכעם־מענדל, מאָטל פּייסיס, דערקלערט י. נוסינאָוו מיט רעכט, אז „דורך דעם קינסטלערישן בלוט און פלייש, מיט וועלכן זיי זײַנען אָנגעפילט, ווערן זיי פון סאָציאלע געשטאלטן פארוואנדלט אין פּסיכאָלאָגישע באגריפן, און אלס אזעלכע וועלן זיי לעבן דאן, ווען די סאָציאלע ווירקלעכקײַט, וואָס האָט זיי ארויסגערופן, וועט שוין לאנג זײַן א פארגעסן בלעטל געשיכטע“[2].

ליידער, איז אויך די דאָזיקע ארבעט ניט פרײַ פון איבערפלייצונגען. אזוי ווערט, צום בײַשפּיל, דעם טעוויע־געשטאלט, וואָס באקומט אין אלגעמיין אן אינטערעסאנטע און טיפע אָפּשאצונג, צוגעשריבן א מין פארקערפערונג פון „פינטעלע ייִד־אויסדערוויילטקײַט“, פון „אייביק־ייִדישקײַט־אָפּטימיזם“. צופיל ווערט אין דער כאראקטעריסטיק פון טעוויען אקצענטירט זײַן האכנאָעדיקײַט, „אונטערטעניקײַט צו דער פאר אים אומפארשטענדלעכער גאָטס גערעכטיקײַט“. אין דעם צוזאמענהאנג ווערט שאָלעם־אלייכעמען אָנגעהאנגען דער יארליק פון אן אפּאָלאָגעט פון אטאָ־בעכארטאָנו־אידייען.

עס קלינגט פאלש דער שלוס־טעזיס פון דער פאָרעדע:

„אלע זײַנע ווערק, בעסויכאָם — אלע זײַנע נאָוועלן, זײַנען געווען דורכגעדרונגען מיט זײַנע אידייען פון סאָציאלן הומאניזם, פון זײַן אמכאָ־דעמאָקראטיזם, מיט דער אידיי פון אייביק־ייִדישקײַט־אָפּטימיזם. זײַן אָפּטימיזם איז אין דעם, וואָס ער ווייסט און באגרײַפט, אז עס קומט אום קאסרילעווקע, עס גייט אונטער דער פריִערדיקער שטייגער, עס בײַטן זיך די סאָציאלע פאָרמען, עס קומט אָבער, לויט זײַן דייע, ניט אום טעוויע, עס קומט ניט אום מאָטל, וועלכע זײַנען פאר אים די קינסטלערישע פארקערפערונג פון אייביק־ייִדישקײַט אלס אויסדרוק פון אייביק־מענטשלעכן.

אין דעם אנטפּלעקט זיך שאָלעם־אלייכעם אלס קינסטלערישער אידעאָלאָג פון קלײנבירגערטום, אלס קינסטלערישער אפּאָלאָגעט פון פינטעלע ייִד־אויסדערוויילטקײַט“[3].

פיל טיפער און אלזײַטיקער ווערט באטראכט דאָס טעוויע־געשטאלט און אויפגעדעקט דער אידייִש־קינסטלערישער מעהוס פון „טעוויע דעם מילכיקן“ אין י. נוסינאָווס אייניקע שפּעטערדיקע ארבעטן, באזונדערס אין די ארטיקלען וועגן מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן טעאטער.

די דאָזיקע ארבעטן, וועלכע געהערן צו די בעסטע פאָרשונגען פונעם קריטיקער, זײַנען אינטערעסאנט ניט נאָר מיט זייער פײַנעם און ראפינירטן אנאליז פון א ריי ספּעקטאקלען פון גאָסעט, — זיי זײַנען פון א גרויסער ווערט אויך פאר דער ייִדישער ליטעראטור־פאָרשונג.

„טעוויע דעם מילכיקן“ האָט י. נוסינאָוו איצט דערזען אין א נײַער שײַן. דאָס טעוויע־געשטאלט, אזא ווי עס איז געווען קינסטלעריש אינטערפּרעטירט דורך מיכאָעלסן און אזא ווי עס איז איצט דערשינען פארן פאָרשער פונעם טעקסט גופע, איז אנטשטאנען פאר דעם לייענער אין גאָר א נײַעם לעוווּש, ווי אפסנײַ געבאָרן. עס איז צוגעקומען א שלאל נײַע, פרישע געדאנקען.

אָט ווי י. נוסינאָוו רעזיומירט איצט דעם טאָך פון „טעוויע דעם מילכיקן“:

[1] פּראָבלעמען פון פּראָלעטארישער ליטעראטור, 1932, ז. 64, ז. 180.

[1] שאָלעם־אלייכעם. מײַסעס און געשיכטעס, 1930, פאָרעדע, ז. 9; [2] דאָרט, ז. 10; [3] דאָרט, ז. 10.

„און וואָס איז טעוויעס טראַגיזם? אין דעם פאַטאַלן קאָנפליקט צווישן דווירעסדיקן הומאַניזם פון פאָלקסמענטש מיט דער נייַער קאַפּיטאַליסטישער ווירקלעכקייַט, וואָס איז אין איר עצם אַזוי אַנטיהומאַניסטיש. דער טראַגיזם פון טעוויען איז אין דעם צוזאַמענשטויס פונעם אַלטן פאָלקישן פאַסיוון הומאַניזם, וואָס איז אַזוי מאַכטלאָז בייַצוקומען דעם קאַפּיטאַליסטישן שווידער, מיט דעם נייַעם אַקטיוון סאָציִאַלן הומאַניזם, וואָס אין קאַמף פאַר זייַן זיג לאָזן זיך צווישן די ערשטע טעוויעס טעכטער... טעוויע דערמאָנט ניט איין מאָל איִעוון אין זייַנע ניסיוינעס. נאָר ס'קומט צו אַ נייַער מאָמענט. פון אָפּגעבן גאָט דאָס גערעכט — קומט טעוויע אָפּגעבן דאָס גערעכט זייַנע טעכטער און צו באַגיטיקן זייערן, באַזונדערס האָדלס, נייַעם וועג. טעוויעס לעבנס־קראַפט איז אין זייַן אומגעהייערער פייִקייַט אַריבערצושפּאַנען דעם נעכטן און אָנעמען די וועגן, וואָס עס לייגן דורך די „הייַנטיקע קינדער“.

נאָך אַלע ניסיוינעס און פּלאָגן ענטפערט טעוויע אַף דער „וועלטס אַלטער קאַשע“ מיט טיפן גלויבן אין מענטשלעכן שעפערישן אינטעלעקט, אין מוטיקן מענטשלעכן ווילן, אין אומשטערבלעכקייַט פון פאָלק און אין זייַן ווייַטערדיקן וועג“[1].

דאָס איז אַ נייַער, טיפערער צוגאַנג צו דעם טעוויע־געשטאַלט, וועלכער עפנט נייַע האָריזאָנטן פאַר דער שאָלעם־אַליי כעם־פאָרשונג.

אייניקע געדאַנקען פון דער דאָזיקער אַרבעט האָבן געפונען זייער פאַרטיפערונג און דעטאַליזירונג אינעם אַרטיקל „שאָלעם־אַליי כעם“, וואָס איז געווען אָנגעשריבן צום 80־טן געבורטסטאָג פונעם גרויסן פאָלקס־שרייַבער. דאָס איז איינע פון נוסינאָווס בעסטע אַרבעטן וועגן שאָלעם־אַלייכעמען. דעם פאָרשער האָט זיך אייַנגעגעבן אָנצייכענען אַ קלאָר, טיף בילד פונעם לעבנס־וועג און פון דעם שאַפן פונעם קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור. י. נוסינאָוו קלערט דאָ אויף דעם אַלמענטשלעכן באַדייַט פון שאָלעם־אַלייכעמס שאַפן, פון זייַן געשטאַלטן־וועלט, פון זייַן אידייענגאַנג:

„דאָס געשטאַלט פון מענאַכעם־מענדלען און אויך אַנדערע, אים קרויווישע שאָלעם־אַלייכעם־געשטאַלטן זייַנען אַרויסגעוואַקסן פון דער פאַראָקטיאַבערישער ייִדישער ווירקלעכקייַט און האָבן פאַרקערפּערט אין זיך פאַרשיידענע זייַטן פון יענער ווירקלעכקייַט. אָבער זייער רעאַליזם, די פולקייַט און טיפקייַט, מיט וועלכער ס'איז אין זיי אויסגעדריקט דער טרויעריקער גורל פונעם ייִדישן „קליינעם מענטשן“, האָבן פאַרוואַנדלט די דאָזיקע געשטאַלטן אין געשטאַלטן, וואָס פאַרמאָגן אַ וועלט־באַדייַטונג. אין זיי איז אַנטהאַלטן דער דראַמאַטיזם ניט נאָר פונעם „לופט־מענטש“ פונעם ייִדישן שטעטל אין דעם אַלטן צאַרישן טכום־האַמוישעוו... אין זיי האָט באַקומען זייַן אייגנאַרטיקן אויסדרוק דער קראַך פון די אילוזיעס באַם „קליינעם מענטשן“, דאָס שייַטערן פונעם הומאַניזם אין דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער וועלט“[2].

גרויס איז געווען דער אינטערעס פון י. נוסינאָוון אויך צו י.־ל. פּערעצעס שאַפונג. ער האָט אָנגעשריבן פּערעצעס ביִאָגראַפיע, וואָס איז דערשינען אינעם בוך „געקלי־

[1] י. נוסינאָוו. דער טעאַטער פון סאָציִאַליסטישן ייִדישן פאָלקס־שאַפן. „סאָוועטיש“, 1939, נומ. 9—10, ז. 464.

[2] «Книга и пролетарская революция», № 3, 1939, стр. 141.

בענע ווערק פון י.־ל. פּערעץ“ (1925) צוזאַמען מיט זייַן פאָרעדע „די הויפּט־קוואַלן פון פּערעצעס שאַפן“. אין אייַנקלאַנג מיט מ. ליטוואַקאָוון האָט י. נוסינאָוו קאָנסטאַטירט אין זייַן פאָרעדע, אַז „באַם איבערשאַצן די גרויסע דערשייַנונגען פון דער פאַראָקטיאַבערישער ייִדישער קולטור... וועט די פּערעץ־פּראָבלעם זייַן איינע פון די האַרבסטע“. דערבייַ האָט ער באַטאָנט, אַז „פּערעצעס ירושע, וואָס דאַרף שטודירט און באַנומען ווערן,... וועט נאָך אַ לאַנגע צייַט ווירקן אַפן ייִדישן וואָרט“. אין פּערעצעס שאַפן האָט דער קריטיקער באַזונדערס אויסגעטיילט די דעמאָקראַטישע און אַנטיקאַפּיטאַליסטישע טענדענצן: „פּערעץ האָט ווייטעקדיק געפילט דאָס גרויסע סאָציִאַלע אומרעכט פון קאַפּיטאַליזם, ער האָט געשפּירט די ליידן פונעם אונטערדריקטן, האָט טאַכלעס־סינע פייַנט געהאַט דעם אונטערדריקער, זייַן באַזונדערס בוילעטן ייִדישן אויסדרוק, דעם ייִדישן סויכער. ער האָט געגלייבט אין צוקינפטיקן זיג פון דער אַרבעט און אין דער גערעכטיקייַט פון אָט דעם זיג“[1].

דאָך איז פּערעץ דאַן אויך פאַר י. נוסינאָוון פאַרבליבן אַ „האַרבע פּראָבלעם“. פאַרפירט פון אייניקע דאָגמאַטישע סכעמעס, איז דער פאָרשער ניט געווען בעיכולעס ברייט און אַלזייַטיק אופצופאַסן פּערעצעס שאַפן. ער האָט אין פּערעצן דערזען אַן „אויסדרוק פון קליינבירגערלעכער נאַציִאָנאַליסטישער און אינדיווידואַליסטישער אידעאָלאָגיע“. אין אַזוינע ווערק, ווי „כסידיש“ און „פאָלקסטימלעכע געשיכטן“, האָט ער אויסגעפונען בלויז „אידעאָלאָגישן קאָנסערוואַטיזם און נאַציִאָנאַל־רעליגיִעזע אַפּאָלאָגעטיק“.

י. נוסינאָוו האָט לעגאַמרע נעגירט די באַדייַטונג פון פּערעצעס פּובליציסטיק. אין זייַן אַרטיקל „פּערעצעס פּובליציסטישע ירושע“ („רויטע וועלט“, 1925, נומ. 7) האָט ער אייַנזייַטיק און טענדענציִעז באַטראַכט די פּובליציסטישע אַרטיקלען „אין מייַן ווינקעלע“. פּערעצעס רייַכער געדאַנקענגאַנג איז פונעם פאָרשער רעדוצירט געוואָרן בלויז צו „אַטאָבעכאַרטאָנעדיקער גאַדלעס“, צום „קלאָפּערגעצייַג פון קליינבירגערלעכן נאַציִאָנאַליזם“ און „גאָטזוכערייַ“.

אַלס רעזיומע איז געקומען אַזאַ קאַטעגאָרישע דעקלאַראַציע: „מיר וועלן פאַר דער ירושע ניט קעמפן. מיר וועלן אָפן זאָגן, אַז אַלץ אין אָט דער ירושע איז אונדז פרעמד און פייַנטלעך“.

י. נוסינאָווס פעלער איז דאָ באַשטאַנען ניט נאָר אין דעם, וואָס ער האָט אייַנזייַטיק אויסגעטייַטשט די אַרטיקלען פון „אין מייַן ווינקעלע“, נאָר דעריקער אין דעם, וואָס ער האָט פאַרזען אַ ריי אַנדערע פּובליציסטישע אַרבעטן פּערעצעס, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין פאַרשיידענע צייַטן אין פאַרשיידענע פּעריִאָדישע אויסגאַבן אין ייִדיש און העברעיִש. פיל פון זיי זייַנען געווען אָנגעזעטיקט מיט שאַרפער קריטיק לעגאַבע דער נאַציִאָנאַליסטיש־קלעריקאַלער רעאַקציע אין דער ייִדישער סוויווע, און אין אייניקע איז אַפילע געקומען צום אויסדרוק די שטרעבונג פונעם שרייַבער צו פאַרקניפּן זייַנע נאַציִאָנאַלע אידעאַלן מיט די אידייען פון סאָציִאַלער רעוואָליוציע[2].

[1] י.־ל. פּערעץ. געקליבענע ווערק. 1925, ז. 22.

[2] צום בייַשפּיל, פּערעצעס פּובליציסטיק ערעוו דעם 1905 יאָר, און באַזונדערס די סעריע פעליעטאָנען „אין דער וועלט פון אויסיִעס, וואָס מאַכן קלוג“ („הצופה“, 1904). גענוי וועגן דעם זע מייַן אַרטיקל „אַ בלעטל פּערעץ־פּובליציסטיק“ — „סאָוועטיש היימלאַנד“, נומ. 1, 1965, ז. 137—147.

אין די שפעטערדיקע יאָרן איז דער צוגאנג צו פערעצן געוואָרן בא י. נוסינאָוו פילזײַטיקער און אָביעקטיווער. דער קריטיקער אקצענטירט אין פערעצעס שאפן דעם „קאמף פאר הויכער מײַסטערשאפט און סאָציאַלער אינאלטלעכקײַט“, רעדט מיט דערכעריעץ וועגן די „פערעץ־טראדיציעס“ אין דער ייִדישער ליטעראטור, וואָס ווערן פאָרגעזעצט און אנטוויקלט אין די ווערק פון א ריי שרײַבער פונעם ייִנגערן דאָר, בעסוכאָם פון אזא גרויסן וואָרט־מײַסטער, ווי דאָוויד בערגעלסאָן.

אין זײַנע ארבעטן וועגן די קלאסיקער האָט י. נוסינאָוו געשטרעבט פעסטצושטעלן דעם היסטאָרישן צוזאמענהאנג אין דער אנטוויקלונג פון דער ייִדישער ליטעראטור אין פארשיידענע עפאָכעס, נאָכצופאָלגן די פעדעם, וואָס פארבינדן די הײַנטצײַטיקע ליטעראטור מיט דער נאציאָנאלער טראדיציע. אין איינער פון זײַנע לעצטע ארבעטן, „גרויסע סאכאקלען“ (1947), האָט ער געשריבן:

„די סאָוועטישע ייִדישע קולטור, ליטעראטור, קונסט האָט אף איר אויפן אײַנגעזאפט אין זיך די ביזאָקטיאבעררישע ייִדישע קולטור. אין די בילדער און מאָטיוון פון דער סאָוועטישער ייִדישער קונסט זײַנען אײַנגעוועבט בילדער און מאָטיוון פון טאנאך, פון די פאָלקסטימלעכע אגאָדע־אויצרעס, פון די מיטלאלטערלעכע ייִדישע דיכטער און פאָלקס־לעגענדעס פונעם טראגישן מיטלאלטער, פונעם פאָלקס־שאפן פון די לעצטע יאָרהונדערטן און פון די קלאסישע ווערק פון די גרונטלייגער פון דער נײַער ייִדישער ליטעראטור“[1].

די פארבינדונג פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור מיט דער קלאסישער ירושע באטראכט י. נוסינאָוו אין שײַן פון דער פראָבלעם פון טראדיציע און נאָוואטאָרישקײַט.

4

מיט א באזונדער אויפמערקזאמקײַט האָט, נאטירלעך, י. נוסינאָוו זיך באצויגן צו דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור. ער איז געשטאנען בא איר וויגעלע, איבערגעלעבט אירע געבורט־ווייען, געוואקסן און זיך אנטוויקלט צוזאמען מיט איר.

אין דער סעריע „בריוו פון מאָסקווע“ („רויטע וועלט“, 1925, 1926) האָט דער קריטיקער, אנאליזירנדיק די אלמאנאכן „נײַערד“ און „אָקטיאבער“, אָפגעמערקט דעם אָנהייב פון געוויסע דיפערענציר־פראָצעסן אין דער ליטעראטור. ער האָט מיט פרייד אויפגענומען פעפערס „יאטן“, כאריקס „מינסקער בלאָטעס“, קושניראָווס „קינדער פון איין פאָלק“, ער האָט דערזען אין די דאָזיקע ווערק „אן אָנזאָג אף דער באנײַונג פון אונדזער דיכטונג“, „די האסכאָלע פון אָקטיאבערישן סטיל אין דער ייִדישער ליטעראטור“. דער קריטיקער האָט מיט באפרידיקונג פיקסירט דעם פאקט, וואָס א ריי סאָוועטישע שרײַבער שליסט זיך אקטיוו אײַן אין די שטורמישע פראָצעסן פון דער סאָוועטישער וואָר, גייט איבער פון „באאָבאכטן צו אָנטיילנעמען“.

אָבער אין די „בריוו פון מאָסקווע“ האָט זיך נאָך שטארק געלאָזט פילן די ווירקונג פון דער ווולגאריזאטאָרישער רעלאטיוויסטישער טעאָריע פון „קלאסעווער סוביעקטיווקײַט“ און „קלאסעווער באגרענעצטקײַט“ פון שרײַבער, בא וועלכער נוסינאָוו האָט זיך אין יענע יאָרן געהאלטן. זײַענדיק איבערצײַגט, אז די ייִדישע ליטעראטור איז געווען און פארבלײַבט דעריקער א ליטעראטור פון און פאר דעם קליינבירגערטום, האָט נוסינאָוו גראָדליניק און איינזײַטיק אָפגעשאצט א ריי באדײַטנדיקע דערשײַנונגען סײַ אין דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור, סײַ אין דער ייִדישער ליטעראטור אין אויסלאנד. ער רופט זיך אָפ מיט ביטל וועגן האָפשטיינען, מארקישן, קוויטקאָ, טאדלט כאריקן און פעפערן פאר זייער „עפיגאָנערײַ“ לעגאבע די דאָזיקע „קליינבירגערלעכע“ דיכטער. ער באציט זיך דורכויס נעגאטיוו צו אזוינע וויכטיקע פיגורן אין דער ייִדישער ליטעראטור אין אויסלאנד, ווי שאָלעם אש, י. אָפאטאָשו, ה. לייוויק.

צום גליק, האָט זיך י. נוסינאָוו מיט דער צײַט באפרײַט פון לינקאטשישע איבערפלייצונגען.

אין די „בריוו פון מאָסקווע“, ווי אין די ווײַטערדיקע ארטיקלען וועגן דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור, שפירט מען, ווי לײַבלעך־נאָענט עס איז דעם קריטיקער דער גורל פון דער ליטעראטור. י. נוסינאָוו טרעט ארויס ווי א מיטבויער און מיטשעפער, וועמען ס'פארשאפט פרייד יעדער נײַער דערפאָלג. דער קריטיקער פאָלגט נאָך שריט נאָך שריט יעדע נײַע דערשײַנונג אין דער ליטעראַרישער וועלט, שרײַבט רעצענזיעס אף נײַ־דערשינענע ביכער, אלמאנאכן, זאמלביכער. אין זײַנע ארבעטן באמיט ער זיך אויפצוכאפן די אלגעמיינע טענדענצן אין דער אנטוויקלונג פון דער ליטעראטור און אָנצייכענען די וועגן, אף וועלכע זי וועט ווײַטער דארפן גיין.

אין דעם פראט איז אינטערעסאנט י. נוסינאָווס ארטיקל „אף פארפעסטיקטע פאָזיציעס“ („רויטע וועלט“, נומ. 9, 1926), וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אן אויספירלעכע רעצענזיע אף דעם אלמאנאך „אוקראַיִנע“, וועלכער איז דערשינען אין קיִעוו אין 1926 י. דער קריטיקער זעט אײַן אין דעם דאָזיקן אלמאנאך „א נײַעם עטאפ אין דער ליטעראטור“, וואָס „מאכט אן עק צו אלע פריִערדיקע ווי־קוכים וועגן דעם, אף וועלכע וועגן ס'וועט גיין די ליטעראטור, און באווײַזט אָנשוילעך, אז די ליטעראטור האָט קיין אנדערע, ווי קיין רעאליסטיש־קאָנקרעטע, ניט געקאָנט זײַן“.

י. נוסינאָוו באמערקט, אז אין פארגלײַך מיט דער טקופע פון 1920 — 1922 האָט זיך די ליטעראטור מער אָרגאניש פארבונדן מיטן לעבן. איינער פון די רעזולטאטן פון דער דאָזיקער דערשײַנונג, האלט ער, איז דער אויפשטײַג פון דער פראָזע, וועלכע איז פריִער אָפגעשטאנען פון דער דיכטונג. דער קריטיקער געפינט אין דער נײַער סאָוועטישער ייִדישער פראָזע מערקבארע שפורן פון דער האשפאָע מיצאד דער דיכטונג. ער גיט גענויע, ברייטע כאראקטעריסטיקעס פון וואָלקענשטיינס, אָרלאנדס, רעזניקס, נויעך לוריעס פראָזאַיִשע ווערק. מערקווירדיק איז דער אינטערעס, וואָס דער קריטיקער ווײַזט ארויס צו דער פראָזע פון י. קיפניס און דעם ניסטער. ניט אומזיסט ווידמעט ער די דאָזיקע ביידע שרײַבער ספעציעלע ארבעטן. אין דער רעצענזיע אף דעם אלמאנאך „אוקראַיִנע“ און אין דער פאָרעדע צו י. קיפניסעס „כאדאָשים און טעג“, וואָס איז געווען אָנגעשריבן אין דער זעלבער צײַט, ווערן ריכטיק אויפגעכאפט איניקע וועזנטלעכע שטריכן פון קיפניסעס שרײַבערישער מאניר. י. נוסינאָוו שטעלט פעסט, אז קיפניס האָט „זײַן וועג אין דער ליטעראטור“. ער וואָרנט דערבײַ: „דאָס איז אָבער א וועג, אף וועלכן ס'איז

---

[1] ציטירט לויט „סאָוועטיש היימלאנד“, נומ. 11, 1967, ז. 153.

שווער לאַנג בלייַבן און ניט איבערכאַזערן זיך און ניט לאַנגווייַליק ווערן. מע מוז דערצו פיל שפּעפֿערישע פֿרישקייַט פֿאַרמאָגן“. מע קאָן ניט אָפּזאָגן י. נוסינאָוון אין ווייַטזיכטיקייַט. די שפּעפֿערישע פּראַקטיק פֿון י. קיפּניסן אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט באַוויזן, אַז די דאָזיקע געפֿאַר האָט טאַקע געלויערט אָפֿן שרייַבער און ניט שטענדיק האָט זיך אים אייַנגעגעבן זי אײַנגאַנצן אויסצומייַדן. י. נוסינאָוו אַנטפּלעקט דעם „צויבער“ פֿון קיפּניסעס „רעאַליסטישן פּרימיטיוו“, געפֿינט אַרויס זייַן סאָציאַלן מאָקער, אויסנוצנדיק דערבייַ די אַנאַלאָגיע מיט אַלפֿאָנס דאָדע. איבערצייַגעוודיק ווערט אויפֿגעקלערט די געזעצמעסיקייַט פֿון שאָלעם־אַלייכעמס השפּעה אויף קיפּניסן. איידל און סקראָפּולעז ווערט אויפֿגעדעקט די אייגנאַרטיקייַט פֿון קיפּניסעס שפּראַך און סטיל.

דעם ניסטערס שעפֿערישער מעטאָד ווערט פֿונעם קריטיקער באַצייכנט אַלס דער מעטאָד פֿון „מיטאָלאָגישן רעאַליזם“. און מאַכמעס דער שרייַבער „מיטאָלאָגיזירט אונדזערע פּראָבלעמען מיט וואָרט־ און באַגריפֿן־מאַטעריאַל פֿון אַ גאַנץ פֿרעמדער אונדז טקופֿע“, האַלט י. נוסינאָוו, אַז „זייַן זעלטענע מייַסטערישקייַט בלייַבט דערום אַ בוך פֿאַר אייניציקע“. דאָס באַוועגט דעם קריטיקער פֿאָרויסצוזאָגן, אַז „פֿון אָט דעם גורל זייַנעם וועט ער זיך שוין, זעט אויס, ניט באַפֿרייַען, קאָלזמאַן ער וועט דיכטער בלייַבן“. צום גליק, איז די דאָזיקע נעוויִעס ניט מעקוייעם געוואָרן. וועגן דעם זאָגט איידעס די גרויסע פּאָפּולערקייַט פֿון דעם ניסטערס שפּעטערדיקע ווערק בא די ברייטסטע שיכטן לייענער.

אין זייַנע ווייַטערדיקע אַרבעטן וועגן דעם ניסטער האָט י. נוסינאָוו באַזונדערס אונטערגעשטראָכן די נאָענטקייַט פֿונעם ניסטערס געשטאַלטן־וועלט — זייַן סימבאָליק, שפּראַך און סטיל — מיט דער געשטאַלטן־וועלט און בילדערישקייַט פֿונעם ייִדישן פֿאָלקלאָר, דעם ניסטערס שטרעבונג אָנצוזעטיקן זייַן מייַסטערישקייַט מיט סימבאָליק פֿון סאָציאַלער באַפֿרייַונג און רעוואָלוציאָנערער באַנייַונג פֿון דער מענטשהייַט („פֿון מייַנע גיטער“). נוסינאָוו באַגריסט דעם ניסטערס דערנענטערונג צום לעבן, צו די סאָציאַלע נויטן פֿון זייַן צייַט, רופֿט זיך אָפּ פּאָזיטיוו וועגן דעם ניסטערס פֿאַרצייכענונגען וועגן דער סאָוועטישער ווירקלעכקייַט, וועלכע ער באַצייכנט אַלס באַדייַטנדיקע דאָקומענטן אין דער ייִדישער דאָקומענטאַלער ליטעראַטור. דער ראָמאַן „משפּחה מאַשבער“ ווערט מיצאַד י. נוסינאָוון אין איינער פֿון זייַנע לעצטע אַרבעטן („גרויסע סאַכאַקלען“) צוגערעכנט צו די בעסטע ווערק, אין וועלכע „ס׳ווערט קינסטלעריש אויפֿגעלעבט דער נעכטן“ און ס׳ווערט פֿאַרייביקט „די טראַדיציע פֿון פֿילדורעסדיקן העלדישן און מעסירעסנעפֿעשדיקן טאַט פֿון אונדזער פֿאָלק“.

אין דער רעצענזיע אויף דעם אַלמאַנאַך „אוקראַיִנע“ האָט זיך י. נוסינאָוון אײַנגעגעבן צו באַפֿרייַען זיך פֿון פֿאַרטיקע סכעמעס. ער האָט איצט דערזען אין אַ נייַער שייַן אייניקע דיכטער, וועלכע די ראַפּישע קריטיק האָט געשטעמפּלט אַלס „מיטלויפֿער“. דער קריטיקער באַגריסט דאָס נייַע ווערק פֿון ל. קוויטקאָ „יוינגע לייַעס“: „יעדער דיכטער האָט זייַן בוך, וואָס צו אים גייט ער אין זייַן שאַפֿונגס־וועג. פֿאַר דעם געזונטן פֿאָלקישן קוויטקאָ ווייַזט „יוינגע לייַעס“ אָט דער בוך צו זייַן“. וואַרעם נעמט י. נוסינאָוו אויף ע. פֿינינבערגס לידער פֿון „לאַנד און ליבשאַפֿט“. אַנאַליזירנדיק זייַן איבערדיכטונג פֿון יעסענינס צאַוואָ־ליד, טיילט דער קריטיקער אויס די אייגנטימלעכע פֿאַר פֿינינבערגן „גרויסע גלוסטונג און צויבער פֿון לעבן“.

אין אָרלאַנדס „הערעבליעס“ זעט י. נוסינאָוו אַן אָנזאָג אויף וויכטיקע פּראָצעסן אין דער ליטעראַטור: „אויב נעכטן איז דער שרייַבער געווען באַצאָרנט פֿון צאַר פֿון די „לעצטע“ און באַקלאָגט זייער „אונטער־ראָד־גורל“, שפּירט ער שוין איצט די „לעצטע“ ווי אַ שטעקן אין דער ראָד פֿון סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע און גאַרט דורך זייַן קינסטלערישן שאַפֿן דעם שטעקן צו באַזייַטיקן. — אין דעם איז, אייגנטלעך, די הויפּט־אידעאָלאָגישע נייַס פֿון אָרלאַנדס „הערעבליעס“[1].

עס פֿאַרדינט אויפֿמערקזאַמקייַט דער פֿאַקט, וואָס אין י. נוסינאָווס אַרטיקלען פֿון די דרייַסיקער יאָרן וואַקסט דער אינטערעס צו דער קינסטלערישער זייַט פֿון דער ליטעראַטור. רעדנדיק וועגן די אויפֿגאַבן, וועלכע שטייען פֿאַר די ייִדישע סעקציעס פֿון מאַפּפּ, טיילט י. נוסינאָוו אויס אַלס איינע פֿון די צענטראַלע: די דערציִונג פֿונעם קינסטלער אַלס מייַסטער. אין צוזאַמענהאַנג מיט א. אַבטשוקס ווערק „הירשל שאַמייַ“ שרייַבט ער:

„שלעכט איז ניט, וואָס „הירשל שאַמייַ“ איז אַ ווערק וועגן אַן אָפּגעשטאַנענעם אַרבעטער. פּראָלעטאַרישע טעמאַטיק, בויונג־סוזשעטיק דאַרף באַזונדערס באַגריסט ווערן. פֿאָרם מוז אָבער אַנטשפּרעכן אינהאַלט. געמעלאָכטע ווערק, אָרעמע טעכניק, קינסטלערישע פֿאַרפֿלאַכונג קריגט דאָ אַ כאַראַקטער פֿון אידעאָלאָגישער שעדיקערייַ, ווייַל יעדער אַזאַ קינסטלערישער דורכפֿאַל איז מעסוגל שפּייַזן אומצוטרוי צו אָט דער סוזשעטיק, מאַכט אָפּהענטיק אונדזערע שרייַבער. קינסטלערישע זאָרגלאָזיקייַט, ניט גענוג אָנגעשטרענגטע אַרבעט, שרייַבעריש לייַכט לעבן אויף קעסט פֿון נייַער טעמאַטיק מוז דעריבער ניט ווייניק אַטאַקירט ווערן ווי אידעאָלאָגישע אָפּנייגן... די פֿראַגע וועגן אָנגעשטרענגטער קינסטלערישער אַרבעט, וועגן מאַקסימאַלער קינסטלערישער קוואַליפֿיקאַציע ווערט אַ צענטראַלע פֿאַר אונדזער קאָלעקטיוון שרייַבערישן באַוווסטזייַן“[2].

אין די בעסטע אַרבעטן פֿון די דרייַסיקער און פֿערציקער יאָרן געלינגט י. נוסינאָוון זיך באַפֿרייַען פֿון איינזייַטיקער „סאָציאָלאָגיזירונג“, דערגרייכן אַ האַרמאָנישן סינטעז באַם אויפֿדעקן דעם געזעלשאַפֿטלעכן עקוויוואַלענט און פּראָפֿעסיאָנעלע מייַלעס פֿון קינסטלערישע ווערק. אין פֿאַרבינדונג דערמיט איז נוסינאָוו ניט איין מאָל אָנגעגריפֿן געוואָרן מיצאַד די קריטיקער פֿון וווּלגאַר־סאָציאָלאָגישן שניט.

כאַראַקטעריסטיש איז אין דעם פּראַט די שאַרפֿע רעאַקציע פֿון די דאָגמאַטישע קריטיקער אויף י. נוסינאָווס אַרבעט וועגן אָשער שוואַרצמאַנען („פּראָליט“, נומ. 12, 1931). נוסינאָוו דערקלערט דאָ, אַז שוואַרצמאַנס שאַפֿן איז „דער אָנהייב פֿון קלאַסיק אין דער ייִדישער דיכטונג“. ער באַמערקט מיט רעכט, אַז אָשער שוואַרצמאַנס טרויער קומט ניט פֿון פּערזענלעכער „אינטעלעגענטיש־יעכידישער שטימונג“, נאָר פֿון „גרויסן וועלט־צאַר איבער דער וועלט־מילכאָמע“. ער האַלט פֿאַר נאַטירלעך און געזעצמעסיק דעם דיכטערס „נאַציאָנאַלן ווייטעק“, וואָס שטאַמט פֿון זייַן טיפֿן מיטלייַד צו די ליידן פֿון זייַן פֿאָלק בייַס דעם מילכאָמע־קאַטאַקליזם און איז ענג פֿאַרבונדן מיט דעם סאָציאַלן טרויער און מיטגעפֿיל צו דער גאַנצער לייַדנדיקער מענטשהייַט. נאַטירלעך איז דער ווייַטערדיקער

[1] „רויטע וועלט“, נומ. 5, 1930, ז. 111.

[2] דאָרט, ז. 115.

שטאפל אין שווארצמאנס עוואָליוציע: דער איבערגאנג פון „הומאניסטיש־פּאציפיסטישער טפילע און נאציאָנאלער קלאָלע“ צום סאָציאַלן טאט, פון לידער, אין וועלכע ס׳פּרעוואלירן מילכאָמע־ווייטעק און נאציאָנאלער צאר, צו דעם אופשטאנד־ציקל; אזוי אויך איז דאָס פרייוויליקע ארײַנטרעטן פונעם דיכטער אין דער רויטער ארמיי געקומען אלס „מוז פון זײַן גאנצן דיכטערישן וועג“.

אזא ארבעט וועגן א דיכטער — א „מיטלויפער“ האָט ניט געקאָנט באפרידיקן די דאָגמאטישע קריטיקער.

אויך אין דער אָפּשאצונג פון דאָוויד בערגעלסאָנס שאפונג האָט י. נוסינאָוו זיך באפרײַט פון סאָציאָלאָגיזירונג. אין דער צײַט, ווען אין זײַנע פריִע ארבעטן איז אויסגעדריקט א געוויסער סקעפּסיס לעגאבע דער מעגלעכקײַט פון אן אידייִש־קינסטלערישער עוואָליוציע בא בערגעלסאָנען, איז שוין אין דער מיט פון די דרײַסיקער יאָרן פאר אזא מין סקעפּסיס קיין באָדן ניט געווען.

אנאליזירנדיק ד. בערגעלסאָנס שאפן, באמערקט דער פאָרשער, אז שוין זײַנע פריִע ווערק זײַנען — אין גײַסט פון דער פּערעץ־טראדיציע — געווען דורכגעדרונגען מיט טיפן האס צו דער בורזשואזער ווירקלעכקײַט, מיט עקל און פאראכטונג צום זאטן בורזשוא און גלײַכצײַטיק מיט ווארעמער ליבע און מיטגעפיל צום פּראָסטן מענטשן, צום האָרעפּאשניק („דער טויבער“). אין די ווערק, וואָס זײַנען געווען געשריבן אין דער רעאקציע־צײַט, האָט זיך, לויט י. נוסינאָווס מיינונג, אָפּגעשפּיגלט די אטמאָספער פון ייִעש און אנטוישונג, וואָס איז געווען כאראקטעריסטיש פאר דער אינטעליגענץ נאָך דער מאפּאָלע פון דער רעוואָליוציע פון 1905. נאָר אויך אין די דאָזיקע ווערק האָט זיך געפילט פּראָטעסט, „נעגאציע פון לעבן, פון דער וועלט, ווו ס׳הערשט אומעט, זינלאָזיקײַט און טריִומפירנדיקע באנאלקײַט“ („ארום וואָקזאל“); „טיפע פאראכטונג צו דער וועלט פון סאָציִאלער געמיינקײַט, מאָראלער פּוסטקײַט, צו דער וועלט פון די טריִומפירנדיקע זײַדענאָוווסקיס און טאראבײַס“ („נאָך אלעמען“).

דערבײַ דרינגט דער קריטיקער ארײַן אין דער קינסטלערישער לאבאָראטאָריע פונעם גרויסן מײַסטער, אנטדעקט דעם סאָד פון דער גרויסער עמאָציִאָנעלער אופווירקונג פון בערגעלסאָנס ווערק: „ער פילט אָן די גאנצע אויסערלעכע וועלט מיט די עמפּינדונגען פון זײַנע פּערסאָנאזשן, צייכנט די וועלט מיט זייערע פארבן, פארוואנדלט זי אין א פארקערפּערונג פון יענעם אומעט, יענער זינלאָזיקײַט פון לעבן, וואָס איז כאראקטעריסטיש פאר זיי“[1].

י. נוסינאָוו געפינט עלעמענטן פון פּראָטעסט אפילע אינעם פּעסימיזם פון מיילעכן און כאיִם־מוישען („אָפּגאנג“).

איבערצײַגעוודיק ווערט באגרינדעט די געזעצמעסיקײַט פון בערגעלסאָנס קומען צו דער רעוואָליוציע: „דער פּעסימיזם, מיט וועלכן ס׳איז דורכגעדרונגען ד. בערגעלסאָנס שאפן פונעם ביזסאָוועטישן פּעריִאָד, איז געווען א רעזולטאט פון טיפער אומצופרידנקײַט מיט דער בורזשואזער ווירקלעכקײַט. טאקע דערפאר איז בערגעלסאָן געווען אימשטאנד איבערצושאצן די פארגאנגענהײַט און זיך אײַנשליסן אין די רייען פון די שעפער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור, ווען ס׳האָט זיך פאר אים אויסגעקלאָרט די גרויסע שעפערישע באדײַטונג פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע“[1].

י. נוסינאָוו באווײַזט ווײַטער אין זײַן ארבעט, ווי די יאָרן פון איבערגאנג אָף דער זײַט פון דער רעוואָליוציע זײַנען געווען פאר בערגעלסאָנען יאָרן פון קאָלאָסאלן שעפערישן אופשוווּנג. איינער פון די ערשטע צווישן די קריטיקער גיט נוסינאָוו א גרינטלעכן אנאליז פון בערגעלסאָנס וויכטיקסטע ווערק פון סאָוועטישן פּעריִאָד, באזונדערס פון „באם דניעפּער“. ער באמערקט מיט רעכט, אז אין „באם דניעפּער“ איז וויכטיק ניט אזוי דאָס, וואָס בערגעלסאָן שילדערט אָף א נײַעם אויפן ענלעכע פּערסאָנאזשן (גדאליע הורוויץ אין „נאָך אלעמען“ און מיכאָעל לעווין אין „באם דניעפּער“), נאָר דעריקער דאָס, וואָס מיר האָבן דאָ צו טאָן „מיט א נײַעם מעטאָד, אנדערע פּראָפּאָרצן אינעם מאטעריאל, מיט אן אנדער אויסוואל פון מאטעריאל, מיט אן אנדערער פּראָבלעמאטיק“.

א גרויסן אינטערעס האָט י. נוסינאָוו ארויסגעוויזן צום שאפן פון פּערעץ מארקיש. דער קריטיקער האָט דערשפּירט פון סאמע אָנהייב, אז מיט מארקישן איז אין דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור געקומען א באדײַטנדיקער טאלאנט, אָבער אײַנצײַטיק מיט דעם האָט ער ארויסגעזאָגט א באשטימטן צווייפל בענעגייע דער מעגלעכקײַט פון אן אידייִשער עוואָליוציע פונעם „אנארכיסטיש־בונטארישן“ דיכטער. „אז פּערעץ מארקישעס פּאָעזיע, — האָט ער געשריבן, — זאָל ווערן א לענינסטישע און ניט קיין אינטעליגענטיש־קוסטארישע, צי אז אונדזער איצטיקע פּאָעזיע זאָל זיך באפרײַען פון באטלאָניש־קאָפּצאָנישע מאָטיוון און זאָל ווערן א פּראָלעטאריש־אינדוסטריִעלע, — ווען אזוינס זאָל פּאסירן, וואָלט אויסקומען א צווייפל טאָן אין מארקס׳ פּאָרמול, אז „זײַן באשטימט באוווסטזײַן“[2].

אָבער שוין אין א פּאָר יאָר ארום האָט י. נוסינאָוו מיט פרייד אָפּגעמערקט דעם גרויסן איבערגעבורט, וואָס פּערעץ מארקיש האָט דורכגעמאכט. אין 1929 שרײַבט ער א גרינטלעכע אָפּהאנדלונג וועגן מארקישעס ראָמאן „דאָר־אויס — דאָר־אײַן“ („רויטע וועלט“, נומ. 8), אין וועלכן ער זעט אײַן א „געוויסן עטאפּ אין דער פארוואנדלונג פון דער „מיטלויפער“־ליטעראטור אין א „ליטעראטור פון פארבינדעטע“. י. נוסינאָוו פארצייכנט מיט באפרידיקונג, אז אין דעם דאָזיקן ראָמאן ווערן „די געשעענישן אין ייִדישן לעבן באטראכט אין ענגער פארבינדונג מיט דער מילכאָמע און רעוואָליוציע, און אפילע די פּאָגראָמען ווערן געוויזן אין צוזאמענהאנג מיט גרויסע סאָציִאלע פּראָצעסן“.

אין 1932, אין דער גרעסערער ארבעט וועגן פּ. מארקישן אין דער ליטערארישער ענציקלאָפּעדיע, ווײַזט שוין י. נוסינאָוו דײַטלעך, וואָס פאר א גרויסע עוואָליוציע דער דיכטער האָט דורכגעמאכט — פון אנארכיסטישער בונטארישקײַט צו רעוואָליוציע און אקטיוון אָנטייל אין סאָציאליסטישן אופבוי. דער קריטיקער באגרײַפט איצט די געזעצמעסיקײַט פון דעם דאָזיקן אנטוויקלונגס־גאנג פונעם דיכטער. ער דערקלערט, אז שוין אין מארקישעס פריִע בונטארישע לידער איז געווען „פּראָטעסט קעגן דער נאציאָנאליסטישער ראָמאנטיק און סענטימענטאלער ליריק פון יענע, וועלכע האָבן אידעאליזירט דאָס אונטערגייענדיקע שטעטל“. ער שטעלט אויך פעסט, אז מארקישעס לידער־ציקל „קופּע“ איז אין טאָך אנטשטאנען אלס רעאק־

[1] И. Нусинов. Д. Бергельсон. «Литературный критик» № 6. 1935, стр. 95.

[1] דאָרט, ז. 108.

[2] „רויטע וועלט“, 1925, נומ. 14, ז. 75.

ציע אף די פארשפרייטע אין יענע יאָרן אין דער ייִדישער דיכטונג נאַציאָנאַליסטישע פּאָגראָם־מאָטיוון. מיט רעכט באמערקט ער, אז די אויסגעשפּראָכענע אנטירעליגיעזקייט פון דעם דאָזיקן ווערק, דאָס בונטארישע איינרייסן מיט די נאַציאָנאַליסטישע קלאָג־געזאנגען האָבן צוגעגעבן דער „קופּע“ א באַשטימטע רעוואָליוציאָנערע באַדייטונג. מיט זיין עפּיקורייִש־לעבנספרידיקן טאָן, מיט זיין ניהיליזם לעגאַבע אַלע נאַציאָנאַליסטיש־רעליגיעזע „הייליקייטן“, מיט זיין בונטארישן אופרייסן די טראַדיציאָנעלע פאָרמען פון דער ייִדישער קליינבירגערלעכער דיכטונג איז מארקיש געוואָרן דער נאָוואַטאָר פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, — דערקלערט דער קריטיקער.

צו פּערעץ מאַרקישן קערט זיך י. נוסינאָוו אום אין איינער פון זיינע לעצטע ארבעטן (1946). ער שרייבט א רעצענזיע אף דעם בוך „פּ. מאַרקיש. לידער און פּאָעמעס“, וואָס איז דערשינען אין רוסיש אין 1945. דער קריטיקער שטעלט זיך באַזונדערס אָפּ אף מאַרקישעס דיכטונג ערעוו און בײַס דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע, באַצייכענענדיק זי אלס „הערוּאיִשן עפּאָס פון אונדזער היימלאַנד“, אין וועלכן דער דיכטער גייט צו צו דער טעמע פון גוירל פון ייִדישן פאָלק פון די „איינציק ריכטיקע פּאָזיציעס. דער גוירל פון ייִדישן פאָלק איז אומצערייסבאַר פארבונדן מיטן גוירל פונעם סאָוועטישן היימלאַנד“.

דער קריטיקער פירט אויס אינעם שלוס־זאַץ פון דער רעצענזיע, אז אין די לעצטע ווערק פון פּ. מאַרקישן האָבן זיך מיט אַן אויסערגעוויינלעכער קראַפט צעעפנט די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן פון זיין רייכן און פילפאַרביקן טאַלאַנט: „טיפקייט פון געדאַנק, בוילעטקייט פון געשטאַלטן, ליידנשאַפטלעכקייט פון פּאָעטישן אויסדרוק, שאַרפע פּאַמפלעטישקייט פון דער פאַרניכטנדיקער סאַטירע“, צוגלייך מיט דעם „פלאַמיקער פּאַטאָס פון זיינע פאַרהערלעכונגען, פאָלקסטימלעכקייט פון זיינע זשאַנערסצענעס, רירנדיקע האַרציקייט פון זיין ליריק“[1].

[1] «Советская книга», № 8—9, 1946, стр. 114.

אין איינער פון זיינע לעצטע ארבעטן („גרויסע סאַכאַקלען“, 1947) האָט י. נוסינאָוו, אונטערפירנדיק א סאַכאַקל פון די דערגרייכונגען פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור פאַר 30 יאָר סאָוועטנמאַכט, געשריבן:

„די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור אינגאַנצן גענומען, דאָס שאַפן פון אירע בעסטע און פרוכטבאַרסטע שרייבער און דיכטער, שטעלט מיט זיך פאָר א קינסטלערישע ענציקלאָפּעדיע פון דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט“.

אין אופשטעלן די דאָזיקע קינסטלערישע ענציקלאָפּעדיע האָט ניט קיין קליינעם גאָב אריינגעטראָגן אויך י. נוסינאָוו. ער האָט געהערט צו יענעם מין קריטיקער, וואָס באַציִען זיך צו זייער באַרוף מיט דעם גרעסטן געפיל פון אַכרייעס. ער איז געווען איבערצייגט, אז אַן עכטער קריטיקער טאָר זיך ניט באַנוגענען מיט דער ראָליע פון א קאָמענטאַטאָר פון דעם שרייבערס ווערק, ער דאַרף און מוז זיין א מיטשעפער, א מיטבויער, וואָס באַווירקט צוזאַמען מיטן שרייבער די וויכטיקסטע פּראָצעסן אין דער ווירקלעכקייט גופע.

„דער קריטיקער — דער מארקסיסט, — האָט געשריבן י. נוסינאָוו אין זיין ארבעט וועגן א. וו. לונאַטשאַרסקין, — דערקענט די ווירקלעכקייט אף זיין באַזונדערן אויפן, ער פאַסט זי אוף דורך קינסטלערישע געשטאַלטן, וועלכע זיינען שוין פון זייער זייט א טייל פון דער ווירקלעכקייט... ער איז ניט דער שאָטן פונעם שרייבער, נאָר א שעפערישער פאַקטאָר אינעם גאַנצן קינסטלערישן פּראָצעס פון לאַנד, עפּאָכע, קלאַס“[1].

טאַקע צו אַזאַ גראַד און קוואַליטעט האָט זיך אין די בעסטע ארבעטן זיינע דערהויבן דער קריטיקער און ליטעראַטור־פאָרשער ייִצכאָק נוסינאָוו.

[1] *И. М. Нусинов. Избранные работы. Москва, 1959, стр. 244.*

כאַיִם סלאָוועס

(פּאַריז)

די טראַגישע סטירע

פון אווראָם גאָלדפאַדנס באַרימטן אופטריט אין גערטל „לא פאָמול ווערדע“, אין יאַס, באַם ווײַנקעלער פון שימען מארק, אין סעפּטעמבער 1876, ביזן דעביוט אין ייִדישן טעאַטער פון יאַנקעווו גאָרדין זײַנען פאַרלאָפן בע־סאַכאַקל פופצן יאָר.

אין אָט דעם אָנדערהאַלבן יאָרצענדליק איז אָבער פאָר־געקומען עפּעס אַזוינס, וואָס איז פאַרבליבן אין אונדזער קולטור־געשיכטע: דער פלוצלינגדיקער, מאַמעש פאַנטאַ־סטישער פאַנאַנדערבלי פון ייִדישן טעאַטער.

דער באַרג־אַרוף איז געווען אַן אומגעווייִנלעכער און אומגעווייִנלעך־ראַשיקער. פון הײַנט אָף מאָרגן, איבער־נאַכט קימאַט, איז מען פון שטאָלן און נעבעכדיקע שענק־לעך אַריבער אין גרויסאַרטיקע זאַלן. ייִדיש טעאַטער האָט מען געשפּילט שוין ניט בלויז אין רומעניע, נאָר אין גאַנץ רוסלאַנד, אַפילו אין פּעטערבורג, אין גאַנץ רוסיש־פּוילן און גאַליציע. טרופּעס האָבן זיך געמערט און גע־פּרוכפּערט, געשפּאָלטן זיך און פאַרייניקט. די אַקטיאָרן־מישפּאָכע איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. ס׳זײַנען אויך אויסגעוואַקסן, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן, פּיעסנשרײַבער, וואָס האָבן אַרופגעקוקט צו גאָלדפאַדנס גילדענע גליקן און געפלײַסט זיך אַראָפּצוכאַפּן פון אים זײַן שניט. מע איז געגאַנגען פון טריִומף צו טריִומף. דער וועג פון ייִדישן טעאַטער האָט זיך געשפּרייט צווישן סאַמע רויזן.

פלוצלינג אָבער האָבן די רויזן זיך פאַרוואַנדלט אין דערנער. דעם 14 פעוורואַל 1883 איז אויסגעבראָכן די קאַטאַסטראָפע: ייִדישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען זײַנען געוואָרן פאַרבאָטן אין גאַנצן צאַרישן רוסלאַנד.

די ייִדישע אַקטיאָרן האָבן געפּרוּווט זיך ראַטעווען מיט אַ האַמצאָע: אָנשטאָט ייִדיש טעאַטער שפּילן קלוימערשטן „דײַטש־ייִדיש־טעאַטער“. מ׳האָט געדאַרפט בלויז ברעכן אַ ביסל דעם שוין אַזוי אויך געבראָכענעם ייִדיש, באַ־ווירצן אים מיט פיל פּאַסעכן, קעדיי ס׳זאָל זיך באַקומען אַ ווילסטער טריִאַטער־דאַטש, אַ מין העפקער־פּעטרישקע־לאָשן פון אַרבל־פּראָזע. די סגולע האָט אָבער ווייניק גע־האָלפן, די צאַרישע באַאַמטע האָבן געהאַלטן אַן אויג אויך אָפן „דײַטש־ייִדישן טעאַטער“.

די ייִדישע שוישפּילער, די וויכטיקסטע טרופּעס האָבן זיך אַריבערגעקליבן קיין אַמעריקע, ווער פריִער, ווער שפּעטער, צוזאַמען מיט די פּיעסנצושטעלער זייערע.

וועגן די קעגנזײַטיקע באַציִונגען אין יענער צײַט צווישן די פאַרשיידענע טרופּעס, צווישן די טעאַטער־דירעקטאָרן און „סטאַרס“ און ביכלאַל וועגן ניוואָ פון טעאַטער אין אַמעריקע זאָגט אַמבעסטן אײדעס אַ קלײנער אַנאָנס, וואָס איז דערשינען אין אַ ניו־יאָרקער ייִדישער צײַטונג דעם 21 יול 1886. דער אַנאָנס זאָגט אָן בעזע האַלאָשן די גוטע בסורע, אַז קיין אַמעריקע קומט יאַנקעווו אַדלער, וואָס איז קורץ דערנאָך געקרוינט געוואָרן מיטן טיטל „דער נעשער האַגאָדל“, „דער קיניג פון דער ייִדישער בינע“:

„אַדלער קאַמט מיט דער ריכטיקער ייִדישער טרופּע, די אין ניו־יאָרק נאָך ניט געשפּילט האַט, מיט איבער הונ־דערט נײַע שטיק, די מאַן אין ניו־יאָרק נאָך ניט געזען האַט. וויר זינד איבערצײַגט, דאַס דאַס היגע פּובליקום ערוואַרטע מיט אומגעדולד אויף דעם באַרימטן שוישפּילער אַדלער, דער דעם גרעסטן סוקסעס געמאַכט האַט אין די גרעסטע שטעט אין יוראָפּ. יעצט קאַמט ער אַהער מיט זײַן וועלטבאַרימטן טרופּע פון יוראָפּ און צו צײַגן דעם ניו־יאָרקער ייִדישן פּובליקום, דאַס עס ווירקליך עקסעס־טירט איינע ריכטיקע ייִדישע טרופּע“.

מ׳האָט בעעמעס ניט געדאַרפט זײַן צופיל איבערגע־שפּיצט, קעדיי אויפצוכאַפּן די קאַפּוליער אָנצוהערעניש, אַז בלויז די אַדלער־טרופּע איז „איינע ריכטיקע ייִדישע טרופּע“, בײַס אַלע אַנדערע זײַנען, נאַטירלעך, ניט מער ווי שוסטערס.

דער קולטור־היסטאָרישער אינטערעס פון דעם אַנאָנס באַשטייט אָבער אין עפּעס אַנדערש: קוידעם, אין זײַן „שפּראַכע“ און אויך אינעם באַרירן דעם איניען רעפּער־טואַר.

דער קויל־קוירע פון „נעשער האַגאָדל“ איז געמאַכט אין באַרימטן קוידערוועלש פונעם „דײַטש־ייִדישן טעאַ־טער“. די דאָזיקע ניט־געשטויגענע, ניט־געפלויגענע „שפּראַכע“ איז אָף יאָרן און יאָרצענדליקער געוואָרן די שפּראַך פון דער ייִדישער בינע אין אַמעריקע.

און נאָך עפּעס: מיר דערוויסן זיך, אַז שוין דאַן איז געשטאַנען שאַרף די פראַגע פון רעפּערטואַר. אַדלער לאָזט וויסן, אַז ער ברענגט „איבער הונדערט נײַע שטיק, די מאַן אין ניו־יאָרק נאָך ניט געזען האַט“. דאָס האָט וואָר־שײַנלעך געדאַרפט זײַן אַ וויכטיקע נײַס פאַרן „געערטן פּובליקום“.

ווײַל וואָס אַזוינס האָט מען געשפּילט אָף די ייִדישע בינעס אין ניו־יאָרק און אין דער פּראָווינץ?

אָנגעהויבן האָט מען, נאַטירלעך, מיטן אָנהייב, ס׳הייסט מיטן גאָלדפאַדן־רעפּערטואַר. טאַקע די זעלבע אַקטיאָרן, וואָס האָבן די ערשטע געשפּילט גאָלדפאַדנס פּיעסן אין אייראָפּע, האָבן מיט זיי, נאָכאַמאָל און טאַקע שוין אין

פולן זין פון וואָרט, געלייגט דעם גרונטשטיין פארן ייִדישן טעאטער אין אמעריקע.

דער גאָלדפאדן־רעפערטואר אָבער, בא זײַן גאנצער באַליבטקײַט, איז שנעל געוואָרן אויסגעשפּילט. קינד־און־קייט האָט געקענט „שולאמיס“, „די קאָלדוניע“, „שמענדריק“, „באר־קאָכבא“ אָדער „די צוויי קוני־לעמל“. גאָלדפאדן גופא, א דערשיטערטער פון פארבאָט אף ייִדיש טעאטער אין רוסלאנד, א קימאט ארויסגעשטויסענער פון דער טעאטער־פּראָפעסיע, האָט זייער ווייניק שוין געשאפן נײַס.

דער נאָכפרעג איז אָבער געווען א גרויסער און האָט געהאלטן אין איין שטײַגן. בלויז די פינף טעאטערן פון ניו־יאָרק האָבן געקאָנט אײַנשלינגען א שלאל מיט פּיעסן. זײַנען שנעל צוגעקומען נײַע ליפעראנטן, נײַע טעאטער־צושטעלער און, אין דער ערשטער ריי, יאָזעף לאטײַנער, שײַקעוויטש־שאָמער און „פּראָפעסאָר“ שמועל הורוויץ.

אווראָם גאָלדפאדן, בא זײַן גאנצן קינסטלערישן פּרימיטיוויזם, איז געווען געבענטשט מיט עכטן טאלאנט. זײַן קאָמערציִעלער כוש פון א טעאטער־אונטערנעמער, זײַן לעבנסלאנגער טרוים — א שפּאָר ביסל א מענאכעם־מענדלשער — צו „שארן נאפּאָלעאָנס מיט לאָפּעטעס“ האָבן אים אין ניט פארווישט דעם פאָלקס־דיכטער, דעם זון פון דער „הימלישער טאָכטער“, דער האסקאָלע. ער האָט אופריכטיק געשטרעבט צו טראָגן ליכט און דערהייבונג צווישן דער אונטערדריקטער און פארפינצטערטער ייִדישער פאָלקסמאסע.

א גאנץ אנדער פּאָנעם האָבן געהאט גאָלדפאדנס קאָנקורענטן־נאָכפאָלגער. טאלאנטלאָזע פארשוינען, אָבער פּיפיקע בינע־טעכניקער, איז זייער איינציקער באגער, זייער איינציקע אמביציע געווען — ביזנעס. פון גאָלדפאדענען האָבן זיי געגנאשט ניט דאָס פאָלקסטימלעכע — אף דעם וואָלט מען געדארפט זײַן קינסטלער, — נאָר דאָס אויסערלעך־עפעקטפולע, דאָס מעלאָדראמאטישע און נאציאָנאל־באמבאסטישע. באלד האָבן זיי אריבערגעשטיגן זייער רעבן אין א מעשונעדיקן געיעג אף קלוימערשט היסטאָרישע טעמעס, וואָס האָבן צו געשיכטע געהאט אן אומענדלעך ווײַטע שײַכעס. עס האָט זיך א גאָס געטאָן אף דער ייִדישער בינע א מאבל פון „שונד־און־שאנד־פּיעסן“, אָפּערעס, אָפּערעטעס, געזאנג־מעלאָדראמעס, פלאכע, צונויפגעשטוקעוועטע מאכערײַקעס, אין וועלכע ס'האָט בעפּיירעש ניט געקלעפּט זיך א וואָרט צו א וואָרט.

יאָזעף לאטײַנער האָט אזויאַרום מעזאקע געווען די ייִדישע בינע מיט אזעלכע אומשטערבלעכע ווערק, ווי „קאָפּל און פאנטאָפל, אָדער די צוויי שמועל־שמעלקעס“, „יוסף און זײַנע ברידער“, „יעהודיס און אליפערנוס“. א באזונדער שטורעמדיקן דערפאָלג האָט געהאט זײַן פּיעסע „די גרינהאָרנס, אָדער מישקע און מאָשקע“.

פון לאטײַנערן איז ניט אָפּגעשטאנען זײַן קאָנקורענט, „פּראָפעסאָר“ הורוויץ, וואָס האָט מעכאבער געווען אזעלכע מײַסטער־שטיק, ווי, לעמאָשל, „נעוווּכאדנעצער מעלעך באָוול, אָדער דאניִעל אין לייבן־גרוב“ און „אלעקסאנדער, אָדער דער פּרינץ פון יערושאָלאיִם“.

אין זעלבן טאָן האָט ארײַנגעשלאָגן שײַקעוויטש־שאָמער מיט זײַן „דער ייִדישער פּרינץ, אָדער דער טרייפניאק“.

די טעאטער־דירעקטאָרן האָבן זיך באמיט איבערצושטײַגן איינע די צווייטע מיט די סאמע אויסטערלישע און הארצרײַסנדיקע טעמעס, מיט די סאמע מעשונעדיקסטע אײַנפאלן, מיט די סאמע ווילדסטע עפעקטן, מיט דעקאָראציעס, וועמענס גראנדיִעזקײַט עס האָט געדארפט פארכאפּן דעם אָטעם. גאָלדפאדנס נאַיִווע „בענגאלישע פײַערן“ האָבן אויסגעזען, ווי אומשולדיקע קינדער־שפּילן פון פארצײַטנס. די סצענישע באדינגלעכקײַט האָט זיך פארוואנדלט אין וויסטע סצענישע העפקיירעס, אין ציניש־אומפארשעמטן, קולטורלאָזן טריִאַטער־ביזנעס.

אָט אין אזא מאָמענט פון שונד־און־שאנד־פארפלייצונג איז אָנגעקומען קיין אמעריקע, זומער־צײַט 1891, יאנקעוו גאָרדין.

* * *

די ייִדישע טעאטער־געשיכטע איז פול מיט ניסים.

צוערשט איז געווען דער נעס גאָלדפאדן: דער „שווארצער סאָף“ פונעם דעקלאמאטאָר „אין פראק און האנטשו“, וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט מיטן „ליכטיקן אָנפאנג“ פון אונדזער טעאטער־פאָטער. אווראָם גאָלדפאדן האָט נאָך פון זײַנע שילער־יאָרן ארויסגעוויזן א לעבעדיקן אינטערעס פאר טעאטער און איז שפּעטער, שוין ווי א באקאנטער פאָלקס־דיכטער, געשטאנען אין פארבינדונג מיט פיל „בראָדער זינגער“.

פיל ניסימדיקער איז געווען דער נעס גאָרדין.

בײַס יאנקעוו גאָרדין האָט געשטעלט זײַנע ערשטע טריט אף דער אמעריקאנער ערד — און ער איז דאן אלט געווען אכט און דרײַסיק יאָר — איז ער נישט בלויז ניט געווען קיין דראמאטורג, נאָר האָט דעם מינדסטן שײַכעס ניט געהאט צום ייִדישן טעאטער. א סוואָרע, אז ער האָט וועגן ייִדישן טעאטער ביכלאל קיינמאָל ניט געהאט געהערט אפילע.

פונקט ווי אווראָם גאָלדפאדענען, מיט פופצן יאָר פריִער, האָט אויך יאנקעוו גאָרדינען געבראכט צום ייִדישן טעאטער — די דײַגעס־פארנאָסע. ער האָט געדארפט פארדינען אפן שטיקל ברויט פאר זיך און פאר זײַן צאָלרײַכן הויזגעזינד. גאָרדין האָט אָבער מיטגעבראכט אין טעאטער עפּעס אזוינס, וואָס גאָלדפאדן, האגאם א מאסקיל זײַנע גאנצע יאָרן, האָט קיינמאָל ניט פארמאָגט: א ברויזנדיקן געזעלשאפטלעכן טעמפעראמענט און די דערפאָרונג פון פיליאָריקן אומדערשראָקענעם געזעלשאפטלעכן קאמף.

יאנקעוו גאָרדין איז ביכלאל געווען איינע פון די אינטערעסאנטסטע ייִדישע פערזענלעכקײַטן פון זײַן צײַט און בעלי־סאָפּעק די אינטערעסאנטסטע פערזענלעכקײַט אין דער געשיכטע פון ייִדישן טעאטער. געוויס מער פערזענלעכקײַט, ווי קינסטלער, אָבער אין דעם זין ניט קיין יאָכיד בעמינוי אין אונדזער מאָדערנער ייִדישער קולטור. גאָר שנעל האָט ער פארנומען דעם אויבנאָן צווישן דער אײַנגעוואנדערטער ייִדישער אינטעליגענץ אין ניו־יאָרק. „ער איז געקומען קיין אמעריקע, — דערציילט גאָרדינס ביאָגראף קאלמען מארמאָר, — שוין ווי אן אנערקענטע פיגור — דער אידעאָלאָג און פירער פון א באוועגונג, וואָס האָט איבערגעלאָזן א טיפן אײַנדרוק אין צארישן רוסלאנד. ער איז שוין געווען א מאן פון קנאפּע פערציק, מיט א באשטימט־אויסגעקריסטאליזירטער פיזיאָנאָמיע. זײַן פערפעקטע רוסישע שפּראך, זײַן שיינער אויסזען מיט דער שווארצער אסירישער באָרד, זײַן שטאָלצע באנעמונג און דזשענטלמענישע מאנירן איז געווען די רעאליזירונג פון דעם אידעאל פון א פּראָגרעסיוון רוסישן אינטעליגענט,

ווי די יונגע פּיִאָנערן פון די אכציקער יאָרן האָבן זיך פאָרגעשטעלט".

אָט דער „פּראָגרעסיווער רוסישער אינטעליגענט" — טאקע רוסישער, פיל מער ווי רוסיש־יִדישער, — וואָס האָט אזוי שטארק אימפּאָנירט דער יוגנט מיט זײַן אויסערלעכקײַט און מיט זײַנע מאנירן, האָט פארמאָגט א ניט געוויינלעכע פארגאנגענהײַט.

געבוירן אין א יִדיש־מאסקילישער מישפּאָכע אין אוקראַיִנע, דערצויגן בעיִקער אף דער רוסישער ליטעראטור, האָט יאנקעוו גאָרדין, נאָך אין די פריִע יוגנט־יאָרן, זיך אָנגעשלאָסן אין א געהיימען אוקראַיִנישן קרײַזל, וועמענס ציל איז געווען צו באפרײַען דאָס פּאָלק פון צארישן יאָך. פאר די אומלעגאלע אויסגאבן פונעם קרײַזל איבערזעצט ער, פון דײַטש, דאָס ערשטע קאפּיטל פון קארל מארקס' „קאפּיטאל".

צו זיבעצן יאָר האָט גאָרדין אָנגעהויבן שרײַבן פאר דער רוסישער פּרעסע, צוערשט אין דאָרעם־רוסלאנד און דערנאָך אויך אין פּעטערבורג. גאָר שנעל איז ער באקאנט געוואָרן ווי א טאלאנטפולער נאָוועליסט און שארפזיניקער פּעליעטאָניסט. זײַנע ליטערארישע פּסעוודאָנימען: „יאקאָוו מיכײַלאָוויטש" און „איוואן קאָליוטשי" (דער שטעכעדיקער).

איוואן־דער־שטעכעדיקער, וואָס האָט כאסענע געהאט צו נײַנצן יאָר און איינס־צוויי געפּאטערט דעם נאדן, האָט געטאָן זייער א סאך מעלאָכעס און אלע, נאטירלעך, מיט זייער ווייניק בראָכעס. פון זשורנאליזם איז קיין כאיונע ניט געווען, ווערט ער אָט א לערער, אָט א וואנדערנדיקער רוסישער אקטיאָר, אָט אן ערדארבעטער, און אָט לאָדט ער אויס שיפן אין פּאָרט. ביסלעכווײַז און אלץ מער איז דער זשורנאליסט און שריפטשטעלער געוואָרן גלײַכצײַטיק א געזעלשאפטלעכער טוער, אָרגאניזאטאָר, פּלאַמיקער רעדנער און פּראָפּאגאנדיסט.

אין 1880 האָט גאָרדין געגרינדעט א געזעלשאפט, וואָס האָט באקומען א שעם אין גאנץ דאָרעם־רוסלאנד. די געזעלשאפט האָט געטראָגן דעם רוסישן נאָמען „דוכאָווניע ביבלייסקאָיע בראטסטוואָ" („גײַסטיקע ביבלישע ברודערשאפט") און איז געווען א מין יִדישע אופלאגע פון א רוסיש־פּויערישער סעקטאנטן־באוועגונג, די „שטונדיסטן". אָט די באוועגונג, א שטארק גערוידעפטע דורך דער צארישער מאכט, האָט געפּרײדיקט אן ערלעך לעבן פון פיזישער ארבעט און איז ארויסגעטראָטן קעגן פּריוואט־אייגנטום, קעגן מילכאָמע און בלוט־פארגיסונג. דאָס הייליקע בוך אירס איז געווען די ביבל, און איר דעוויז: „אלע מענטשן זײַנען ברידער, אלע גלייבן אין דעם זעלבן גאָט, האָטש זיי רופן אים אָן מיט פארשיידענע נעמען".

יאנקעוו גאָרדין האָט זיך גענומען מיט האסמאָדע צו פארייִדישן (אף רוסיש, נאטירלעך) די יעסוידעס פון „שטונדיזם". די „גײַסטיקע ביבלישע ברודערשאפט" גיט זיך אָפּ בעיִקער מיט סאָציִאל־רעליגיִעזער פּראָפּאגאנדע. גאָרדין איז געוואָרן א פּריידיקער, ער טרעט ארויס מיט פײַערדיקע דראָשעס קעגן אלטן יִדישן רעליגיִעזן שטייגער, ער רופט „אומצוקערן זיך צו דער ביבל", איבערבויען דאָס גאנצע יִדישע לעבן פיזיש און גײַסטיק, פארוואנדלען די יִדישע לופט־מענטשן אין געזונטע האָרעפּאשניקעס און פּויערים.

גאָרדינס ארויסטריטן, אין וואָרט און שריפט, האָבן ארויסגערופן א שטורעם אין דער יִדישער געזעלשאפט. דאָס שרעקט אָבער ניט אָפּ דעם יונגן און אייפעריקן רעפאָרמאטאָר. זײַן נאָמען איז געוואָרן אלץ מער און מער באקאנט. יעדן שאבעס נאָך מיטיק האָט די יוגנט געשטראָמט מאסנווײַז אין געבעט־הויז פון דער „גײַסטיקער ביבלישער ברודערשאפט", ווו דער „רעבע" יאנקעוו גאָרדין (אנדערע האָבן אים גערופן: דער נאָווי) פלעגט קומען האלטן א דראָשע — אף רוסיש. צווישן די צוהערער, וואָס פלעגן שלינגען דעם נאָווים פלאמענדיקע רייד, זײַנען געווען אויך פיל ניט־יִדן. סאָפּקאָלסאָף האָט זיך ארײַנגעמישט די פּאָליציי, און גאָרדין האָט קוים באוויזן צו אנטלויפן. ער איז אָנגעקומען קיין אמעריקע אין יול 1891.

יאקאָוו מיכײַלאָוויטש איז דאן א טיפּישער אסימילירטער יִדישער אינטעליגענט. ער האָט גערעדט און געשריבן אויסשליסלעך רוסיש. די יִדישע שפּראך איז אים געווען פרעמד, פּונקט ווי די געדיכטע יִדישע איידע, פּונקט ווי די טראדיציִאָנעלע יִדישע קולטור. דער פײַערדיקער באלדארשן, וואָס האָט געפּריידיקט אוניווערסאליזם און געצויגן זײַן ייִכעס פון דער ביבל און די נעוויִים, האָט אף די היסטאָרישע פּראָצעסן פון יִדישן לעבן געקוקט דורך די ברילן פון דער רוסישער אופקלערער־ליטעראטור, און בעיִקער פון לעוו טאָלסטאָי.

אין אמעריקע האָט דער נאָווי פון דער „גײַסטיקער ביבלישער ברודערשאפט" געטראָפן עפּעס אזוינס, וואָס האָט אויסגעזען צו זײַן ניט זייער ווײַט פון דעם געגארטן בעאכרים־האיאָמים. די געוועזענע לופט־מענטשן האָבן זיך פארוואנדלט, אויב ניט אין פּויערים, איז אין שאפּ־ארבעטער, אין פּראָלעטאריער, אָרגאניזירטע אין יוניִאָנס און פּאָליטישע פּארטייען.

גאָרדין, נאטירלעך, האָט זיך טייקעף ארײַנגעוואָרפן אין סאמע ברען פון דעם נײַעם פאר אים אמעריקאנער יִדישן לעבן. און דאָס נײַס איז באשטאנען אויך אין דעם, וואָס ער האָט געמוזט איבערגיין, גערן צי אומגערן, אין וואָרט און שריפט — אף יִדיש. פילים קראנץ, רעדאקטאָר פון דער „ארבעטער־צײַטונג", אין וועלכער גאָרדין איז געוואָרן א מיטארבעטער, באקענט אים מיט יאנקעוו אדלערן. דער „נעשער האגאָדל" האָט געזוכט פאר זײַן טעאטער א מענטשן מיט א פּען אין דער האנט. גאָרדין ווידער האָט געזוכט כאיונע פאר זײַן צאָלרײַכער מישפּאָכע. באשטעלט בא אים האָט מען אן איבערזעצונג פון א דײַטשישער דראמע, אָבער פאָרגעלייגט האָט ער — בעסער אָנשרײַבן אן אָריגינעלע יִדישע פּיעסע, אן אייגענע. אזויאָרום איז געבוירן געוואָרן „סיביריא", א מײַסע־נוירע וועגן א יִדן, וואָס איז געהאט געווען פארשיקט אין סיביר, איז אנטלאָפן פון וועג, האָט זיך אויסבאהאלטן אונטער א פרעמדן נאָמען, אָפּגעלעבט אזוי יאָרנלאנג אין אוישער און אין קאָוועד, ביז אין איינעם א פינצטערן טאָג האָט א געוויסער פינצטערער פארשוין אים געמאסערט און ער איז אוועק אף קאטאָרגע.

אין זײַנע „זיכרוינעס פון א יִדישן דראמאטורג" דערציילט לעאָן קאָברין, לויט די ווערטער פון אן אקטיאָר, וואָס האָט אליין געשפּילט אין גאָרדינס ערשטלינג (לעאָן בלאנק), דעם פארלויף פון דער פּרעמיערע פון „סיביריא":

„קימאט אלע אקטיאָרן, אויסער אדלערן, האָבן צוערשט כויזעק געמאכט פון דער פּיעסע, און מאָגולעסקאָ האָט גאָר דערקלערט: „אָט דער יִד מיט דער שווארצער באָרד איז אן אנטיסעמיט", מאכמעס אין דער פּיעסע איז דער מאָסער א פרומער יִד און, קאפּויר, דער גוי, דער אויספאָרשונג־ריכטער, איז דאפקע אן אָרנטלעכער מאן. אגעוו, האָט מאָגולעסקאָ געפּרוּווט ארײַנשטעלן אין זײַן ראָל א טענצל מיט א קופּלעט פון זײַן אייגענער מעלאָכע, פאר

וואָס גאָרדין האָט אים שטאַרק אויסגעזידלט און מאַגולעסקאָ האָט אים צוריקגעזידלט און געשריגן: „אַנטיסעמיט“.

נאָך ערגער איז געווען דאָס פאַרהאַלטן זיך פון כאַשעווען פובליקום.

„די באַזוכער, — דערציילט קאָברין, — האָבן געהוקעט און געבוקעט און געלאַכט פון דער פּיעסע און פון די אַקטיאָרן. ערשט נאָכדעם ווי יאַנקעוו אַדלער האָט, אַ ווייַנענדיקער, אויסגעדריקט זייַן בושע, וואָס זיי קענען ניט פאַרשטיין אַזאַ מייַסטער־ווערק פון באַרימטן רוסישן פּיסאַטעל יאַקאָוו מיכייַלאָוויטש גאָרדין, איז דער עולעם געוואָרן ערנסטער. בעשאַס דער סצענע, ווען דער הויפּט־העלד קומט זיך בעטן צום שוואַרצן כאַראַקטער, דעם מאָסער, ער זאָל ראַכמאָנעס האָבן אױף אים און אים ניט מאַסערן, האָט אויסגעבראָכן אַ געוויין אין טעאַטער. און באַם שלוס, ווען מע פאַרשיקט דעם העלד אױף קאַטאָרגע און זייַן מעשאָרעס, וועלכן ס׳האָט געשפּילט מאַגולעסקאָ, זעגנט זיך מיט אים און זאָגט: „כאָזיאַיִן, מיר צעשיידן זיך“, האָט זיך מאַגולעסקאָ אַזוי צעוויינט, אַז ער האָט ווייַטער ניט געקאָנט ריידן און אין טעאַטער האָט זיך דערהערט אַ יאָמערן אױפן קאָל. באַלד האָבן גאָרדינען געמאַכט אַן אָוואַציע אי דאָס פובליקום, אי די אַקטיאָרן“.

אַזוי האָט, פּופּצן יאָר נאָכן „נעס גאָלדפאַדן“ אין יאַסער גערטל „פאַמול ווערדע“, זיך אָנגעהויבן, אױף אַ שטאַרק ענלעכן אויפן, אָבער אין קאָלומבוסעס מעדינע, דער „נעס גאָרדין“.

* * *

בעמעשעך פון קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר איז גאָרדין געוואָרן דער באַרימטסטער ייִדישער דראַמאַטורג, דער הערשער איבער דער ייִדישער בינע, דער אָפּגאָט פון ייִדישן אַקטיאָר און פון דעם בעסערן ייִדישן טעאַטער־באַזוכער. פון זייַן פּעדער זייַנען אַראָפּ באַ אַ זיבעציק פּיעסן, דערפון קאָרעוו צוואַנציק אָריגינעלע און אַ פופציק באַאַרבעטונגען פון פאַרשיידענע שפּראַכן.

נאָך דער באַדינגלעך־צעשפּילטער טעאַטראַלישקייַט פון גאָלדפאַדענען, נאָך דער ווּיסטער העפקייִרעס און אומזיניקסטן טויהו־וואָוויהו פון די שונד־מייַסטערס, האָט גאָרדין געבראַכט אױף דער ייִדישער בינע קוידעמקאָל — דעם רעאַליזם. שוין דאָס גופע איז געווען אַן עמעסע איבערקערעניש. אַפילע „סיביריאַ“, גאָרדינס ערשטער פּרווו, האָט, אין פאַרגלייַך מיט אַנדערע מעלאָדראַמעס פון דעם מין, פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ מוסטער פון אייַנפאַכקייַט, פון לאָגישקייַט און שפּראַכלעכער ציכטיקייַט. מע האָט דאָרט גערעדט פּראָסט ייִדיש און ניט קוידערוועלש־דאַטש, עפּעס וואָס האָט טאַקע אויסגעזען דעם הויכגעשעצטן פובליקום מעשונע־ווילד און לעכערלעך.

אונטער דער האַשפּאָע פון אייראָפּעיִשן טעאַטער, און גאָר באַזונדערס פון דער רוסישער רעאַליסטישער דראַמע, האָט גאָרדין געפּרווט געבן דעם ייִדישן טעאַטער־עולעם אַן אָפּשפּיגלונג פון דער ייִדישערווירקלעכקייַט פון זייַן צייַט. אַנטקעגן די פּאַפּירענע קאַסקעס, די הילצערנע שווערדן און טאָוולנע קרוינען, אַנטקעגן אַלע פּרינצן און פּרינצעסנס, קעמלען און העלפאַנדן זייַנען מיטאַמאָל דערשינען רעאַלע מענטשלעכע געשטאַלטן אין באַדינגונגען פון רעאַלער סיטואַציע, ייִדן מיט באָרד־און־פּייעס, אין געוויינלעכע שוואַרצע קאַפּאָטעס, ייִדענעס אין פאַטשיילעס און שטערנטיכלעך, באָכערים און מיידלעך, שוין אייראָפּעיִש אָדער אַמעריקאַניש געקליידט. אַן אָטעם פון עכטקייַט האָט פּלוצלינג אַראָפּגעהויכט פון דער ייִדישער בינע.

אוואַדע זייַנען גאָרדינס העלדן גיכער סילועטן, ווי פולבלוטיקע געשטאַלטן, גיכער אויבערפלעכיקע סקיצן, ווי פאַרטיפטע, קינסטלעריש־אינדיווידואַליזירטע פּערזענלעכקייַטן. אין אָט די שוואַרץ־ווייַס־צייכענונגען האָט אָבער גאָרדינס צושויער, דער פּרימיטיווער, נאַיִווער טעאַטער־באַזוכער, דערקענט זיך אַליין מיט זייַנע ליידן און פריידן, מיט זייַנע האָפענונגען, אַנטוישונגען און טרוימען. דער טעאַטער־באַזוכער האָט געקאָנט זיך אידענטיפיצירן מיט גאָרדינס העלדן, אַפילע ווען זיי זייַנען געווען בלויז פּאַפּירענע העלדן, מאַכמעס ער, דער צושויער, האָט אין זיי אַרייַנגעגאָסן זייַן אייגן בלוט און אַרייַנגעזעצט זייַן אייגן האַרץ.

דאָ, אייגנטלעך, געפינט זיך דער שליסל צום גאַנצן גאָרדין־טעאַטער. זייַן סאָד ליגט ווייַט ניט אין קינסטלערישער שליימעס פון דעם דראַמאַטישן ווערק, נאָר אין מערקווירדיקן צוזאַמענקלאַנג, אין צוזאַמענאָטעם, אין צוזאַמענשפּיל צווישן בינע און צושויער־זאַל. בעמעשעך פון עטלעכע צענדליק יאָר איז ייִדיש טעאַטער — אַדאַנק גאָרדינען — געוואָרן פאַר גרויסע איידעס ייִדן אַ שפּיגל פון לעבן. עמעס, אַ שפּיגל ניט זייער קיין געשליפענער, אָבער די, וואָס האָבן אין אים אַרייַנגעקוקט, זייַנען געווען גאַנץ ווייַט פון ראַפינירטקייַט. פאַר זיי איז די גאָרדין־בינע געוואָרן אַן אַנטפּלעקונג פון אייגענעם „איך“ און בעמיילע אַ וועגווייַזער און אַ לעבנס־שול.

ווייַל דער נעכטיקער רוסישער שרייַבער יאַקאָוו מיכייַלאָוויטש, דער אַמאָליקער איוואַן־דער־שטעכעדיקער, וואָס האָט אַזוי פּלוצלינג זיך פאַרוואַנדלט אין קיניג און הערשער פון דער ייִדישער בינע, איז אין טאָך פאַרבליבן דער זעלבער „רעבע“, דער זעלבער „נאָווי“, ווי אין די צייַטן פון דער „גייַסטיקער ביבלישער ברודערשאַפט“. דער לייַדנשאַפטלעכער באַלדאַרשן, דער פּריידיקער, דער מאָראַליסט האָט זיך אױף אַ האָר ניט אָפּגעטאָן פון דעם דראַמע־שרייַבער.

גאָרדינס קימאַט אַלע פּיעסן זייַנען פאַמיליען־דראַמעס, מאָראַליסטישע שטייגער־בילדער. אױף יעדן טריט פּילט זיך דער טייַטל פון מעכאַבער, וועלכער קנעלט מיטן צושויער און לערנט אים מידעס־טויוועס. אָפּט זייַנען עס בעפּיירעש „לערן־פּיעסן“, אין נוסעך שיר ניט פון בערטאָלד ברעכט. ס׳זעט אויס, ווי אין זיקאָרן פון דראַמאַטורג וואָלטן אופגעטויכט אַלע מאַגידישע שטיקלעך, וואָס ער האָט אַמאָל נאָר געהערט אין זייַנע קינדער־יאָרן, אַלע ווערטלעך, מעשאָלים און זאָגעכצן, וועלכע ער טראָגט צו דעם ייִדישן טעאַטער־עולעם מיט אַ וווּנדערלעכן סצענישן כוש.

די טעמאַטיק פון גאָרדין־טעאַטער באַוועגט זיך אינגאַנצן אַרום עטלעכע גרונט־פּראָבלעמען: באַציִונגען צווישן עלטערן און קינדער („דער ייִדישער קיניג ליר“, „מירעלע עפראָס“ א. אנד.), צווישן אָרעם און רייַך („כאַסיע די יעסוימע“, „די עמעסע קראַפט“ א .אנד.), צווישן מענטשלעכקייַט און אומענטשלעכקייַט אין מישפּאָכע־לעבן און אין דער געזעלשאַפט („גאָט, מענטש און טייַוול“, „דער אומבאַקאַנטער“, „קרייצער־סאָנאַטע“ א. אנד.). גאָרדינס טיפּאַזש איז געמאָלט אין שוואַרץ־ווייַס, אָן ניואַנסן, שאַרף קאָנטראַסטירט צווישן גוטס און שלעכטס. דער מעכאַבער,

נאַטירלעך, פריידיקט דאָס גוטס. דאָס שלעכטס ווערט פאַרמישפּעט מיט פאַראַכטונג און דערטרונקען אין א יאַם טרערן. אָט די טרערן, וואָס רופן הײַנט אַרויס בײַ אונדז בלויז שמייכל, זײַנען פאַר גאָרדינס טעאַטער־עולם געווען ווי א באַלזאַם צו אייגענע ווונדן. און די ווונדן זײַנען געווען אומצאָליקע און ברענענדיקע.

הונדערטער טויזנטער מענער און פרויען זײַנען פלוצלינג געהאַט אַרויסגעריסן געוואָרן, ווי דורך א שטורעמווינט, פון זייערע אײַנגעזעסענע היימען, פון זייער דוירעסדיקן שטאַם און שטייגער. די נײַע ווירקלעכקײַט איז געווען אַן אומבאַראַכמאָנעסדיק האַרטע און אומפאַרשטענדלעכע. אַלע אַלטע לעבנס־פאָרמען האָבן, מיט איין מאָל, זיך אײַנגעבראָכן, אַלץ האָט זיך צעריסן ווי שפּינוועבס. נישט די שטוב, נישט די גאַס, נישט די אַרבעט, נישט דער יאָמטעוו און נישט דער אינדערוואָכן זײַנען מער ניט געווען צו דערקענען. און איבער אַלעם האָט געשוועבט א בענקשאַפט, א נאָגנדיקע בענקשאַפט נאָך דער אַלטער ווײַטער היים, נאָכן אַמאָליקן לעבן, וואָס איז פאַרשוונדן אויף אייביק.

יאַנקעוו גאָרדין האָט, לויט דער זייער טרעפלעכער באַצייכענונג פון נ. בוכוואַלד, „געפונען די געהעריקע דראַמאַטישע סימבאָלן און מאָראַלישע שפּרוכן אויף אויסצודריקן אָט די אינערלעכע צערודערונג און אויסגעוואָרצלטקייט פון זײַן אימיגראַנטישער אוידיטאָריע אין אַמעריקע. ער האָט באַוויזן אַריבערצופירן די סאָציאַל־עקאָנאָמישע קאָנפליקטן און ווידערשפּרוכן אין ייִדישן לעבן — אין דער איבערגאַנג־עפּאָכע פון קליין־האַנדל און האַנטווערקערייַ צו גרויס־פּראָדוקציע — אויף די רעלסן פון ריין מאָראַלישע קאָנפליקטן. זײַנע פּאָזיטיווע געשטאַלטן האָבן אַנטשפּראָכן די אָנשויונגען פון די עקספּלואַטירטע און אָנגעגריפענע שיכטן, זײַנען זיי דעריבער געוואָרן די טרעגער פון „פאָלקס־מאָראַל". פאַרקערט, די נעגאַטיווע געשטאַלטן — סימבאָלן אָדער פּראָדוקטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַרײַנדרינגונג אין ייִדישן לעבן — זײַנען געוואָרן די טרעגער פון אַלדאָסבייז. פון אַלץ, וואָס איז אין ווידערשפּרוך צו דער פאָלקס־מאָראַל, צו מענטשלעכקײַט, צו יושר".

דער פּריידיקער האָט געפונען א טריבונע, וועגן וועלכער ער האָט קוים געקאָנט טרוימען אויף דער בימע פון אַמאָליקן קליינעם געבעט־הויז פון דער „גײַסטיקער ביבלישער ברודערשאַפט". פון די בינע־ברעטער האָט זײַן וואָרט, אָנגעקליידט אין סצענישע סימבאָלן, זיך געטראָגן מיט אומפאַרגלײַכלעך גרעסערער קראַפט און איבערצײַגונג צו הונדערטער און הונדערטער טויזנטער ייִדן. דער פאַרנעם, די פאָרמען, די מיטלען האָבן זיך געענדערט, דער טאָך אָבער איז וועזנטלעך געבליבן דער זעלבער: לערנען, דערציִען דאָס פאָלק; באַווירקן, איבערבויען דאָס ייִדישע לעבן — ניט בלויז דורך געזעלשאַפט־קריטיק, נאָר אויך דורך געזעלשאַפטלעכן קאַמף.

די שייד־ליניע צווישן געזעלשאַפט־קריטיק און געזעלשאַפטלעכן קאַמף אין טעאַטער, פּונקט ווי אין ליטעראַטור, איז ווײַט ניט קיין אויסגעשפּראָכענע. קריטיק איז פאַרן שרײַבשטעלער אָפט דער בעסטער און אָפט דער איינציקער אינסטרומענט פון קאַמף. מאָליערס זיטן־קאָמעדיעס זײַנען קריטיק און קאַמף גלײַכצײַטיק. „פיגאַראָ" פון באָמאַרשע ווערט מיט רעכט פאַררעכנט צו די ווערק, וואָס האָבן באַלויכטן דעם וועג צו דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. אין מענדעלעס „טאַקסע" איז קריטיק און קאַמף פאַרבונדן אַזוי ענג, אַז דער זיידע — וואָס איז נאָך דאַן געווען גאָר א יונגערמאַן — האָט צוליב דער פּיעסע געמוזט אַוועקפאָרן פון זשיטאָמיר. אויך גאָלדפאַדן, ווי די גאַנצע השׂכּלה־ליטעראַטור, איז שאַרף געזעלשאַפט־קריטיש, אויסשטעלנדיק אויף כוזעק דעם אַלטן ייִדישן שטייגער.

ס'איז אין טאָך א פראַגע פון פּראָפּאָרץ, פון מאָדרייגע און, נאָך מער, פון צילבאַוווּסטקײַט און צילגעווענדטקײַט. באַלזאַקס „מענטשלעכע קאָמעדיע" איז, ווי באַקאַנט, די שאַרפסטע קריטיק — אָביעקטיוו גענומען — פון דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט פון זײַן צײַט, בײַס דער מעכאַבער גופא איז דאַפקע געווען פול מיט היספּײַלעס פאַר דער דאָזיקער געזעלשאַפט. דער אַזויגערופענער בולוואַרטעאַטער איז ניט זעלטן געזעלשאַפט־אָפּשפּעטעריש, און אויך אונדזער שונד־טעאַטער האָט, פון צײַט צו צײַט, דערלויבט זיך אָפּצוכויזעקן פון געוויסע פאָרמען און פּראָטאָטיפּן פון דער אַלטער, פאַרגליווערטער ייִדישקײַט. דאָס איז פאַר קיינעם ניט געווען געפערלעך, ס'האָט דערצו זיך ניט געפאָדערט ניט צופיל מוט און ניט צופיל ווײַטזעעוודיקײַט, מאַכמעס אָט די פאָרמען זײַנען בעמײַלע שוין געווען אָפּגעלעבטע און אַנאַכראָניש.

דער גאָרדין־טעאַטער איז ניט בלויז א געזעלשאַפט־קריטישער, ער איז אויך א צילבאַוווּסט געזעלשאַפט־קעמפערישער. יאַנקעוו גאָרדין איז א טיפּישער „אַנגאַזשירטער" שרײַבער — אינעם זין, ווי מיר באַצייכענען עס הײַנט. זײַן קריטיק האָט ניט געקאָנט זיך באַגרענעצן מיטן נעכטן, מאַכמעס זײַן קאַמף איז געפירט געוואָרן אין נאָמען פון מאָרגן; צווישן זיי איז געלעגן דער הײַנט מיט די קאָלערלײַ נײַע פאָרמען פון בייז און אומרעכט, וועלכע מ'האָט געמוזט דעמאַסקירן און באַקעמפן. גאָרדין איז אַרויס קעגן זיי אין מילכאָמע — מיט אויסערגעוויינלעכער ווײַטזעעוודיקײַט און מיט אויסערגעוויינלעכן מוט.

איינער פון די עפּיזאָדן פון דער דאָזיקער מילכאָמע איז געווען די וויסטע, מאַמעש בלוטיקע העצע, וואָס עס האָט געפירט קעגן גאָרדינען, העכער צען יאָר לאַנג, דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" אייב קאַהאַן. ווי באַקאַנט, האָט די העצע זיך אָנגעהויבן אין שײַכעס מיט גאָרדינס פּיעסע „א רוסישער ייִד אין אַמעריקע", אין 1895.

צום ערשטן מאָל אין אַמעריקאַנער ייִדישן טעאַטער איז אַרויסגעפירט געוואָרן אויף דער בינע א יוניאָן־קאַריעריסט (הוזדאַק), א טעמפּער, קליינקעפּלדיקער ציניקער, וואָס בײַס מע פרעגט אים דעם סייכל פון אַזאַ אָדער אַנדער באַשלוס, ענטפערט ער בעזע האַלאַשן: „סייכל?! וואָס דאַרף איך סייכל? אַז איך האָב א „קאָנסטיטושאָן" מיט א באַשלוס פון דער „מאַדזשאָריטי"!" דער זעלבער מיסטער הוזדאַק, דער הייסער יוניאָן־טוער, איז אין לעצטן אַקט שוין אַליין א פאַבריקאַנט און קלאָגט זיך ביטער, אַז די ביזנעס וואָלטן „געגאַנגען אָלרײַט, ווען ניט די פאַרשאָלטענע יוניאָן".

אייב קאַהאַן האָט אויף דער פּרעמיערע פון דער פּיעסע דעמאָנסטראַטיוו אויסגעשריגן (אויף רוסיש): „דאָס איז א ליגן!". אָבער אַז עס איז גראָד קיין ליגן ניט געווען און אַז גאָרדין האָט דאַפקע ריכטיק אויפגעכאַפּט די אַנטוויקלונג־טענדענץ פון דעם, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי איינע פון די הויפּט־פּלאָגן פון דער ייִדישער אַרבעטערבאַוועגונג אין אַמעריקע און פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג ביכלאַל — וועגן דעם האָט שוין אַרויסגעגעבן איר אורטייל די געשיכטע.

די רעשאָעסדיקע מאַכלויקעס, מאַמעש אף לעהאַשמיד אולעהאַרעג, וואָס אייב קאַהאַן האָט אָנגעהויבן קעגן גאָרדינען, איז, אָפּגעזען פון ריין־פּערזענלעכע מאָמענטן, געווען א צוזאַמענשטויס צווישן צוויי קאָנצעפּציעס וועגן דער ראָל פונעם שרײַבער און פון דער ליטעראַטור אין לעבן, צווישן צוויי געזעלשאַפטלעכע און מאָראַלישע סטילן.

„ער איז מײַן פּרינציפּיעלער קעגנער, — האָט גאָרדין געשריבן אין סענטיאַבער 1904 וועגן אייב קאַהאַנען, — ער איז מײַן פּרינציפּיעלער קעגנער, ווײַל וואָס איך בוי, צעשטערט ער, דאָס, וואָס איך טו מײַן גאַנץ לעבן, פאַרניכטעט ער. מיר אַרבעטן פאַר איינעם און דעם זעלבן קאָנטינגענט מענטשן. איך וויל זיי פירן פאָרווערטס. ער שלעפּט זיי דורכן „פאָרווערטס“ צוריק... איך זאָג זיי: א מענטש דאַרף זײַן אויפריכטיק און דאַרף אָפּן פאַרטיידיקן זײַנע פּרינציפּן. ער לערנט זיי צו זײַן פּאָליטיקאַנער... איך זאָג, מע דאַרף די מאַסן הייבן צו זיך. ער זאָגט, מע דאַרף זיך אַראָפּלאָזן צו די מאַסן, כאַנפענען זיך צו זיי און האַרמאָנירן מיט זייערע נידעריקסטע אינסטינקטן. איך זאָג, מע דאַרף שרײַבן נאָר גוטס, ערנסטעס, באַלערנדעס, אויפקלערנדעס. ער צווינגט זיי צו לעזן וועגן שידוכים, שאַדכאָנים, אַלטע מוידן...“

פאַר זײַן ציווילן מוט האָט גאָרדין טײַער באַצאָלט. דער „פאָרווערטס“, וואָס איז בעמעשעך פון יאָרצענדליקער געווען די איינציקע ייִדישע אַרבעטער־צײַטונג אין אַמעריקע, האָט אים אומופהערלעך אַראָפּגעריסן, געמאַכט פון זײַנע פּיעסן אַש און בלאָטע. דאָס האָט, נאַטירלעך, צוגעגעבן נאָך מער קוראַזש דער גאַנצער בירגערלעכער פּרעסע, פאַר וועלכער גאָרדין איז פון טאָמיד אָן געווען קוידעם דער רעוואָליוציאָנער, דער קעמפער, דער געפערלעכער אַנאַרכיסט, וואָס האָט נאָך אין רוסלאַנד זיך פאַרמאָסטן „צו באַקערן ייִדן צום קריסטנטום“.

די קעסיידערדיקע גיפטיקע אָנפאַלן פון דער פּרעסע האָבן שווער געווירקט אף גאָרדינס געזונט. זיי האָבן אָבער ניט אײַנגעבראָכן זײַן גײַסט. שוין א שטאַרק קראַנקער, האָט ער אָנגעשריבן זײַן „דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ“ — „דאָס אַמעריקאַנער מעשוגאַס“. די פּיעסע, וואָס דעקט אויף דאָס טראַגיש־אומזיניקע געיעג נאָך געלט מיצאַד דער אויפגעקומענער אַמעריקאַנער ייִדישער בורזשואַזיע, איז אויפגעפירט געוואָרן סאָף 1908 מיט א גרויסן קינסטלערישן דערפאָלג. זי האָט אָבער געמוזט אַראָפּגענומען ווערן פון רעפּערטואַר בעסאַכאַקל נאָך צוויי וואָכן שפּילן. די הויז־באַלעבאַטים און באָדן־ספּעקוליאַנטן, אָנגעגריפענע אף דער בינע, האָבן געדראָעט נעקאָמע צו נעמען אין טעאַטער־דירעקטאָר.

„דעמענטיאַ אַמעריקאַנאַ“, אָט די שאַרף־סאָציאַלע דראַמע אף אַקטועלער טעמאַטיק — אַקטועלע, אַגעוו, ניט בלויז פאַר יענער צײַט — איז געווען יאַנקעוו גאָרדינס שוואַנען־ליד. ער איז געשטאָרבן קוים עטלעכע כאַדאָשים נאָך דער אויפירונג, דעם 10 יון 1909.

* * *

ס'איז אָנגענומען צו באַצייכענען די גאָרדין־טקופע ווי „די גאָלדענע טקופע פון ייִדישן טעאַטער“ און יאַנקעוו גאָרדינען ווי דעם „רעפאָרמאַטאָר פון דער ייִדישער בינע“. וואָס מיינט, אייגנטלעך, די דאָזיקע קרוין? וויפל זײַנען אין איר פאַראַן עכטע איידלשטיינער און וויפל — טעאַטער־בוטאַפאָריע?

גאָרדין האָט, קוידעמקאָל, אויפגעעפנט די ייִדישע בינע פאַר די האַשפּאָעס פון אייראָפּעיִשן טעאַטער. דאָס איז בעלי שום סאָפעק א גרויסער קולטור־היסטאָרישער פאַרדינסט.

גאָלדפאַדן, בא זײַן גאַנצער עכטקײַט און פאָלקסטימלעכקײַט, איז ניט אַוועק ווײַטער ווי אונדזער אַלטע שפּילמאַן־טראַדיציע. ס'איז א גרויסער סאָפעק, צי ער האָט בעעמעס געקענט די אייראָפּעיִשע דראַמאַטורגיע פון זײַן צײַט. גאָרדינען האָט ער ניט פאַרשטאַנען און — ווי עס טרעפט אָפט בא קינאַס סאָפרים — לאַכלוטן פאַרלייקנט. אין זײַן היסנאַגדעס איז ער, אַגעוו, ניט צופיל איבערקלײַבעריש וואָס שײַעך אַרגומענטן. אָט איז, לעמאָשל, א שטיקל גאָלדפאַדעניִשע, מעלאָדראַמאַטישע פּאָזע־פּראָזע: „וואָס האָט ער, גאָרדין, געטאָן מיט מײַן קינד?! גענומען מײַן געליבט קינד, מײַן בינאָמין, און אים אָפּגעשמאַדט. מײַן קאָדשיי־קאָדאָשים האָט ער מעטאַמע געמאַכט. ער איז דאָך גאָר א מיסיאָנער, ווי קומט ער צום ייִדישן טעאַטער?!“

גאָרדינס „מיסיאָנערישקײַט“ איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געפּרוווט צווייגענען דעם ייִדישן טעאַטער די פּראָבלעמאַטיק און די טעכניק פון דער פאָרגעשריטנסטער רוסישער, דײַטשישער און בעיִקער סקאַנדינאַווישער דראַמאַטורגיע. גאָרדינס „אָפּשמאַדן“ דעם ייִדישן טעאַטער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געפּרוווט פאַרוואַרפן א בריק צווישן ייִדישן רעפּערטואַר און דער וועלט־קלאַסיק. אַז דאָס איז פאַרן ייִדישן טעאַטער געווען דער איינציק ריכטיקער, היסטאָריש נויטווענדיקער וועג — קאָן, דוכט זיך, הײַנט קיין סאָפעק ניט זײַן.

די גאָרדין־טקופע האָט ניט בלויז אויפגעעפנט די ייִדישע בינע פאַרן אייראָפּעיִשן טעאַטער. זי האָט גלײַכצײַטיק געעפנט די אייראָפּעיִשע און אַמעריקאַנער בינע פאַרן ייִדישן טעאַטער. צום ערשטן מאָל איז א ייִדישער דראַמאַטורג געוואָרן אַזויפיל איבערזעצט און געשפּילט צווישן ניט־ייִדן — אף רוסיש, פּויליש, ענגליש, דײַטש און אַנדערע שפּראַכן. ייִדיש טעאַטער איז געוואָרן די גרויסע אַנטפּלעקונג פאַר דער ניט־ייִדישער טעאַטער־וועלט, באַזונדערס אין רוסלאַנד און אין אַמעריקע. די גאָרדין־איבערזעצונגען האָבן אויסגעטראָטן א וועג הען פאַר ייִדישער טעמאַטיק אין דער ניט־ייִדישער דראַמע (אין רוסלאַנד בעיִקער), הען פאַר דער יונגער ייִדישער דראַמאַטורגיע פון אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, מיט שאָלעם אַש און דאָוויד פּינסקי בעראָש.

נאָך טיפער, ווי אפן רעפּערטואַר, האָט די גאָרדין־טקופע געלייגט איר כויסעם אפן ייִדישן שוישפּילער און אפן טעאַטער־באַזוכער.

דער ייִדישער אַקטיאָר איז געווען א קינד פונעם גאָלדפאַדן־טעאַטער. ער איז געקומען צו דער בינע צופעליק, איבערנאַכט. וווּנדערלעכע טאַלאַנטן האָבן אויפגעוויכטן אונטער גאָלדפאַדנס „בענגאַלישע פײַערן“, אָבער דאָס זײַנען געווען טאַלאַנטן רויע, אורקויכעס פון דער נאַטור. אויך דער אַקטיאָר, פּונקט ווי דער דראַמאַטורג, און נאָך מערער ווי ער, האָט געשפּילט מיט „בענגאַלישע פײַערן“, ס'הייסט מיט מיטלען אויסערלעכע, מיט א טעאַטראַלישקײַט א פּרימיטיוו־באַדינגלעכער, וואָס איז שנעל געוואָרן רוטינירט. דער שונד־מאַבל פון די אַכציקער יאָרן האָט דעם שוישפּילער צעקאַליעטשעט און נאָך מער פאַרפלאַכט. ציניזם, ווילדע העפקייערעס — בענעגייע שפּראַך, בענעגייע טעקסט, בענעגייע צושויער — איז געוואָרן דער עמעסער ייִדישער בינע־סטיל.

ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, אַז גאָרדין, באַ זײַנע ערשטע שריט אין טעאַטער, האָט זיך אָנגעשטויסן דאַפקע מיצאַד די אַקטיאָרן אַף אומצוטרוי, כויזעק, ווידערווילן און אַפילע אָפענער סינע. גאָרדינס רעאַליזם, די פּאַשטעס פון זײַנע סצענישע סוזשעטן און פּערסאָנאַזשן, די ציכטיקײַט פון זײַן שפּראַך האָבן זיי אויסגעקוקט מעשונע־ווילד און אומאָנגענעמבאַר.

געהערן אָבער אַקטיאָרן, באַ אַלע אומעס־האָוילאָם, צו די סאַמע פּילבאַרסטע און באַווירקבאַרסטע קינסטלער. אַזוי שנעל, ווי זיי האָבן דערשפּירט, אַז גאָרדינס סצענישע פּאַשטעס דערגייט צום אוילעם, האָט זי אָנגעהויבן דערגיין אויך צו זיי גופע. באַלד האָבן זיי געקאָנט זיך איבערצײַגן, אַז גאָרדינס „פּראָזע“, אַזאַ אינטענסיווע און סצעניש־געשפּאַנטע אין איר קלוימערשטער אײנפאַכקײַט, אַז גאָרדינס העלדן, אַזעלכע שאַרף און קאָנטראַסטפול געצייכנטע, גיבן זיי אַן אויסערגעוויינלעך פעלד פאַר אַ סצענישער קרעאַציע. אַזאַ דאַנקבאַר פעלד, מיט אַזעלכע ראָלן האָבן יִדישע שוישפּילער פריִער קיינמאָל ניט פאַרמאָגט.

אַף די „גאָלדענע ראָלן“ פון גאָרדין־רעפּערטואַר האָט זיך דערצויגן אַ גאַנצער דאָר יִדישע שוישפּילער. פיל זײַנען פון שונד־אַקטיאָרן געוואָרן גרויסע בינע־מײַסטערס, באַרימטע ווײַט אויסער די גרענעצן פון דער יִדישער טעאַטער־וועלט. טייל זײַנען אַפילע „אויסגעקאָנקורירט“ געוואָרן דורך דער ניט־יִדישער בינע.

פאַר אָט די ראָלן, פאַר דער מעגלעכקײַט פון סצענישן אויסלעבן זיך, פול און אַלזײַטיק, האָט דער שוישפּילער אָפּגעצאָלט דעם מעכאַבער מיט אָן אַ שיר ליבשאַפט און פאַרערונג. קיין שום אַנדער יִדישער דראַמאַטורג איז קיינמאָל באַם יִדישן אַקטיאָר ניט געווען אַרומגערינגלט מיט אַזאַ בעפּיירעשן קולט, ווי גאָרדין.

דאָס הייסט, כאָלילע, ניט, אַז דער יִדישער שוישפּילער האָט זיך ענדגילטיק אָפּגעקערט פון שונד. ווי נאָר דער ווינט האָט זיך געביטן און די מאָדע האָט זיך געענדערט, נאָך באַם לעבן פונעם פאַרגעטערטן דראַמאַטורג, האָבן די זעלבע אַקטיאָרן, וואָס זײַנען דורך די גאָרדין־פּיעסן געגרויסט געוואָרן, זיך געלאָזט ווידער שווימען מיט די שונד־וואַסערן פון די אַלטע גוטע צײַטן. די גאָרדין־שול איז דאָך אָבער ניט געגאַנגען פאַר זיי לעיִבעד.

אומגעהייער טיף איז אויך געווען די אויסווירקונג פון דער גאָרדין־טקופע אַפן יִדישן טעאַטער־צושויער. אַפן גאָרדין־רעפּערטואַר האָט זיך דערצויגן ניט בלויז אַ דאָר שוישפּילער, נאָר אַ דאָר טעאַטער־באַזוכער. ס׳האָט זיך וועזנטלעך געענדערט די באַציִונג גופע צו טעאַטער מיצאַד דעם יִדישן פאָלקסמענטש. „דאָס טעאַטער איז מער ניט קיין טינגל־טאַנגל־באַלאַגאַן, — האָט גאָרדין געשריבן, — ניט קיין פּלאַץ צו אַמוזירן אַף אַ נאַרישן אויפן אַ נאַריש פּובליקום, נאָר אַ שול, ווו דאָס אָנגענעמע און נוצלעכע זײַנען די לערער און די דערציִער. אַזוי ווייניקסטנס איז דאָס טעאַטער, ווו מײַנע פּיעסן ווערן געשפּילט“.

אַפילע ווען גאָרדינס טעאַטער־אוילעם — פּונקט ווי זײַנע אַקטיאָרן — האָט זיך שפּעטער געלאָזט פאַרשווענקען דורך דער צוריק אויפקומענדיקער שונד־כוואַליע פון „פּינטעלע יִיד“ און „כינקע פּינקע“, איז ער אָבער אין דער כוואַליע ניט דערטרונקען געוואָרן. דער גאָרדין־צושויער — סראָוו אַ פאָלקסמענטש, אָבער אויך די פאָלקס־אינטעליגענץ — איז געוואָרן די באַזע, דער אָנשפּאַר פאַר דער מאָדערנער יִדישער בינע.

* * *

די גאָרדין־טקופע, בעלי שום סאָפעק, קאָן באַטראַכט ווערן, אויב ניט ווי די גאָלדענע טקופע, איז לעכאָל־האַדייעס ווי אַ גאָלדענע טקופע פון יִדישן טעאַטער.

איז אָבער גאָרדין אויך „דער רעפאָרמאַטאָר פון דער יִדישער בינע“? דאָס שוין איז אָן אָן ערעך ווייניקער זיכער.

קיין איינעם פון די צוויי קוואַלן, פון וועלכע עס האָט געשעפּט יעניקע דער יונגער יִדישער טעאַטער — גאָלדפאַדן און, לעהאַווידל, דער טינגל־טאַנגל־באַלאַגאַן פון די שונד־מײַסטערס — האָט „דער רעפאָרמאַטאָר“ ניט רעפאָרמירט. די גאָלדפאַדן־טראַדיציע לעבט ביזן הײַנטיקן טאָג, מער אַאוטענטיש און פרוכטבאַר, צוליב איר דוירעסדיקער פאָלקסטימלעכקײַט, ווי די גאָרדין־טראַדיציע גופע. וואָס שײַעך דעם „טינגל־טאַנגל“־שטראָם, האָט ער זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ מוירעדיק האַרטן נוס. ניט בלויז האָט גאָרדין ניט באַוויזן אַרויסצוראַמען די שונד פונעם יִדישן טעאַטער, נאָר גראָד קאַפּויער: די שונד האָט אין די ערשטע יאָרן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אַזוי זיך צעבליט, אַז זי האָט לעסאָף קימאַט פאַרטריבן גאָרדינען פון דער אַמעריקאַנער יִדישער בינע.

די פריִערדיקע קוואַלן האָט גאָרדין ניט „רעפאָרמירט“ און — וואָס איז סאָפקאָלסאָף דער איקער — קיין אייגענעם קוואַל האָט ער ניט אויסגעגראָבן און, דוכט זיך, אַפילע ניט באַמיט זיך, אַפילע ניט געזוכט אויסצוגראָבן. ס׳איז אויסטערליש: גאָרדין האָט פאַקטיש ניט געבויט מיט קיין בליק אַף דער צוקונפט.

ס׳איז פאַראַן אַ טיפע סתירע צווישן גאָרדינס פאַרמעסט — זײַן טאַלאַנט, זײַן קולטור, זײַן שפּרודלענדיקע שעפערישקײַט, זײַן ברויזנדיקער טעמפּעראַמענט — און אָט דעם באַשיידענעם סאַכאַקל פון לעבעדיקע ווערק, וואָס ער האָט אונדז איבערגעלאָזט בעיערושע. די סתירע איז אין טאָך אַ טראַגישע.

עפּעס־וואָס דערפון איז געקומען צום אויסדרוק אין דער באַציִונג צו גאָרדינען מיצאַד י.־ל. פּערעצן.

אין זײַן בוך „יִצכאָק־לייבוש פּערעץ און דאָס יִדישע טעאַטער“ דערציילט דר. מוקדוני: „פּערעץ האָט מאַמעש פיזיש ניט געקאָנט אַריבערטראָגן גאָרדינען און האָט אָפּגעלייקנט אינגאַנצן זײַנע פאַרדינסטן פאַרן טעאַטער. ער האָט געטײַנעט, אַז פריִער איז דער יִדישער טעאַטער געווען פּאָשעט פאָלקסטימלעך, עמעס — פּרימיטיוו־פאָלקסטימלעך, אָבער פון האַרצן; גאָרדין האָט געבראַכט דעם רוסישן אָסטראָווסקי אין דעם יִדישן טעאַטער, מיט די רוסישע לעבנס־קאָנפליקטן, מיטן רוסישן דראַמאַטיזם אין יִדישע קאַפּאָטעס“.

עפּעס מער־ווייניק ענלעכס דערציילט אויך בויעז יאָנג אין זײַנע זיכרוינעס „מײַן לעבן אין טעאַטער“. יאָנג גיט איבער פאָלגנדיקן שמועס, וואָס ער האָט געהאַט מיט פּערעצן בייס אַ באַזוך אין וואַרשע:

„— וואָס דענקט איר, הער פּערעץ, וועגן אונדזער יאַנקעוו גאָרדין? — פרעג איך באַ אים מיט שטאָלץ.

— ער איז ניט אָריגינעל.

דאָ האָט זיך דינעזאָן אַרײַנגעמישט און געפרעגט:

— אָבער וואָס זאָגסטו, פּערעץ, צו „מירעלע עפראָס“?

— „מירעלע עפראָס“, — גיט צו פּערעץ, — איז בעעמעס אַ גוטע יִדישע פּיעסע“.

אויך פּערעצעס גאָרדין־פאַרלייקענונג, פּונקט ווי גאָלדפאַדנס, איז, וואַרשײַנלעך, ניט פרײַ געווען פון אַ געוויסער

קינאס סאָפרים. גאָרדין איז א דראמאטורג פון פלייש און בלוט — און פערעץ האָט עס זיכער געפילט, בייס ער אליין, פערעץ, ניט געקוקט אף אלע פרווון און פייַנפולע זוכענישן, האָט קיינמאָל צום סאָד פון דער בינע זיך ניט דערשלאָגן. אגעוו, די טייַנעס וועגן אייַנפלוסן און אומאָריגינעלקייַט קלינגען שיר ניט פאראדאָקסאל דאפקע אין מויל פון פערעצן, וועלכער האָט ברייט צעעפנט טיר־און־טויער פון דער ייִדישער ליטעראטור פאר אלע דרויסנדיקע האשפּאָעס און איז אליין געשטאנען אונטער די קעסיידערדיקע, אָפּט קעגנזעצלעכע, אייַנפלוסן פון דער פוילישער, רוסישער, דייַטשישער און פראנצויזישער ליטעראטורן.

און דאָך איז פערעץ ניט געווען אינגאנצן אומגערעכט. אין זייַן סטירעסדיקער באציִונג צו גאָרדינען — אָט אבסאָליוטע פארלייקענונג און אָט אופריכטיקע אנערקענונג פאר דער „בעעמעס גוטער ייִדישער פיעסע“ — איז געווען אן אָפּקלאנג פון דער גרויסער אינערלעכער גאָרדין־סטירע.

ניט וועגן אָריגינעלקייַט פון סוזשעט, פון פּראָבלעמאטיק, פון קאָנפליקטן, פון סיטואציע גייט עס. דאָ קאָן מען פאָרווארפן אומאָריגינעלקייַט די גרעסטע וועלט־מייַסטערס. אומאָריגינעל איז שעקספיר, און מאָליער, און ראסין, און קאלדעראָן, און געטע. די איינציקע אָריגינעלקייַט, די עמעסע גרויסקייַט פון שרייַבער באשטייט אין דעם אויפן, ווי ער באווייַזט איבערצושמעלצן אין זייַן אייגענעם שעפערישן געמיט דאפקע דאָס דרויסנדיק־פרעמדע, אין דעם אויפן, ווי דאָס אלמענטשלעכע ווערט דורך אים, דעם יאָכיד, צוגעייגנט און באַרייַכערט און דערהויבן, אין א נייַעם שעפערישן סינטעז, און אריַינגעוועבט אין געוועב פון א דוירעסדיקער נאציִאָנאלער קולטור־טראדיציע, פון וועלכער עס פירט אפסנייַ דער וועג צו אלמענטשלעכקייַט.

פערעץ האָט אלדאָס דרויסנדיקע באוויזן אייַנצוגלידערן אין דער ייִדישער גייַסטיקייַט. גאָרדינען איז עס געלונגען זעלטן. און ניט געלונגען איז עס אים ניט מאכמעס דעם, ווייַל אים האָט געפעלט טאלאנט, קינסטלערישער אָטעם אָדער אינטעליגענץ, נאָר מאכמעס אים האָט געפעלט די וויזיע פון ייִדישן קולטור־העמשעך און פון נאציִאָנאלער קולטור ביכלאל.

אין דעם טאקע ליגט די טראגישע סטירע פון גאָרדינס שאפן: דער באגייַסטערטער, אקשאָנעסדיקער בויער פון מאָדערנעם ייִדישן טעאטער, ס'הייסט פון אָט דער אמערסטן אויסדריקלעכער און פאָלקישער פאָרם פון מאָדערנער ייִדישער קולטור, האָט בעעצעם פארלייקנט די מאָדערנע ייִדישע קולטור, וועלכע ער האָט געבויט, און אויך די שפראך, אין וועלכער ער האָט געשאפן.

דער אסימילירטער ייִדיש־רוסישער אינטעליגענט יאקאָוו מיכייַלאָוויטש גאָרדין, אפילע דאן שוין, ווען ער איז געשטאנען אין סאמע צענטער פון דער ייִדישער געזעלשאפטלעכקייַט אין אמעריקע און איז געוואָרן דער אָפּגאָט פון דער ייִדישער בינע, האָט געלייקנט, אז אין ייִדיש קאָנען געשאפן ווערן „ספּעציִעל ייִדישע פאָרמען פון ליטעראטור“ און פון נאציִאָנאלער קולטור. אזעלכע ספּעציפיש ייִדישע פאָרמען האָט ער געזען בלויז אין דעם טאנאך (אן אָפּקלאנג אוואדע פון דער „גייַסטיקער ביבלישער ברודערשאפט“) און אין טאלמוד. די גאנצע ווייַטערדיקע געשיכטע פון ייִדישער גייַסטיקייַט שטעלט פאָר מיט זיך איין וויסטן מידבער, איין גרויסן ליידיקן כאָלעל. פארפולן אָט דעם כאָלעל איז מעסוגל בלויז די אלוועלטלעכע קולטור, „די ליטעראטור פון די אומעס־האָוילעם“. ייִדיש איז פאר גאָרדינען געווען ניט מער ווי א מיטל, ביכדיי „אריַינצופירן די ייִדישע מאסע אין דעם גרויסן, אינטערנאציִאָנאלן שאצקאמער פון דער וועלט־קולטור“.

גאָרדינס וויזיע איז געווען: „איין נאציִאָן, איין פאָלק, איין קיניגרייַך, איין קולטור, איין ציוויליזאציִאָן, איין גרויסע פארייניקונג, וועלכע וועט זיך רופן מיטן גרויסן, הייליקן נאָמען: מענטשהייַט“.

אָט דער נאיִווער, אינטעליגענטישער אוניווערסאליזם האָט פארזען דעם פּאָשעטן, עלעמענטארן היסטאָרישן עמעס, אז קולטור איז א פלאנץ, וואָס וואָרצלט אין א נאציִאָנאלן באָדן און שפּייַזט זיך מיט דוירעסדיקע זאפטן פון א פאָלק. אוואדע האָט זיך גאָרדינען ניט געכאָלעמט אפילע, אז אין די נייַע געזעלשאפטלעכע באדינגונגען פון אונדזער צייַט וועט דאפקע דאָס נאציִאָנאלע זייַן איינער פון די גרונט־אטריבוטן פון דער סאָציִאליסטישער קולטור.

אין דעם אינערלעכן קאָנפליקט בא גאָרדינען צווישן דעם פריידיקער און דעם קינסטלער האָט געזיגט דער פריידיקער. די באזיגטע קונסט אָבער האָט זיך נויקעם געווען אין דעם קינסטלער, אים פארפלאכט און אויסגעטריקנט זייַן לעבנס־כיִעס.

גאָרדין האָט פארמאָגט אלץ, ביכדיי צו ווערן דער גרויסער, מאָדערנער ייִדישער דראמאטורג, דער זייַלן־דראמאטורג פון אונדזער מאָדערנעם טעאטער. ער איז עס אָבער ניט געוואָרן. ער איז געבליבן א פאָרגייער.

בלויז ווען דער לייַדנשאפטלעכער באל־כאקרען האָט אף א ווייַלע פארגעסן זייַן טוירע, אז קונסט איז נאָר א מיטל און ניט קיין ציל פאר זיך, בלויז ווען דער „רעבע“ פון מויעכדיקן קאָסמאָפּאָליטיזם האָט אף א ווייַלע, דורך קינסטלערישער אינטויִציע, געפונען דעם וועג צום הארצן פון אאוטענטישער, פאָלקישער קולטור־טראדיציע, — בלויז דאן זייַנען געבוירן געוואָרן ווערק פולבלוטיקע, וואָס וועלן דויערן.

און דאפקע בלויז אזויארום — גאָרדין וואָלט קוים געקאָנט זיך עס פאָרשטעלן! — בלויז דורך און אדאנק די „ספּעציִעל ייִדישע פאָרמען“ פון אונדזער מאָדערנער קולטור — וועלכע גאָרדין האָט פארלייקנט! — וועט דאָס בעעמעס דויערנדיקע פון זייַן שאפן דערגיין צו דעם, וועגן וואָס ער האָט ניט אופגעהערט צו טרוימען א לעבנלאנג: צום „גרויסן אינטערנאציִאָנאלן שאצקאמער פון דער וועלט־קולטור“.

■ ■ ■

אן אומבאַגרינדעטע באַשולדיקונג

איבער סיבעס, וואָס זײַנען פון מיר ניט אָפהענגיק, שרײַב איך די דאָזיקע רעפליק מיט א גרויסער פארשפעטיקונג. נאָר מיר דוכט, אז די פראָבלעם, וואָס ווערט דאָ געשטעלט, האָט אין קיין מינדסטער מאָס ניט אָנגעוואָרן איר אקטועלקײַט.

אין זײַן באַגײַסטערטן אָפרוף אפן ערשטן טייל פון דווירע כאָראָלס „לירישע העפטן“ („סאָוועטיש היימלאנד“ נומ. 2, 1968) שענקט שאָלעם שטערן אין דעם זשורנאל „ייִדישע קולטור“, ניו־יאָרק, נומ. 8, 1968, א סאך אופמערקזאמקײַט דאָוויד בערגעלסאָנס געשטאלטן פונעם ערשטן באנד „באם דניעפער“ און דעריקער — דעם אווטאָרס נעגאטיווער שטעלונג צו פענעקס עלטערן און צו דעם ווײַסן „הויז“, אידענטיפיצירנדיק די פערסאָנאזשן — פענעקס עלטערן — מיט דאָוויד בערגעלסאָנס עלטערן, ווי זיי ווערן געשילדערט אין דווירע כאָראָלס מעמוארן.

שאָלעם שטערן גייט ארויס פון דער האנאָכע, אז בערגעלסאָנס באוווסטע עפאָפיי איז א דורכויס אווטאָביִאָגראפיש ווערק, אז בערגעלסאָנס עלטערן און ער אליין זײַנען דירעקטע פראָטאָטיפן פון די הויפט־פערסאָנאזשן פון „פענעק“.

דער אווטאָר פונעם ארטיקל זעט אײַן אין ד. כאָראָלס שילדערן די בערגעלסאָן־שטוב אין אָכרימאָווע א גוואלדיקן אײַנרײַס מיט דער שילדערונג פון די הויפט־געשטאלטן אין „פענעק“.

לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אז די פאָעטיש־ראָמאנטישע שילדערונג פון דאָוויד בערגעלסאָנס עלטערן בא ד. כאָראָל אנטשפרעכט פולשטענדיק דער רעאלער ווירקלעכקײַט. איז דערפון אבסאָליוט נאָך ניט געדרונגען, אז בערגעלסאָן האָט „פאלסיפיצירט זײַנע געשטאלטן“, וועמעס פראָטאָטיפן זײַנען, קלוימערשט, זײַנע אייגענע עלטערן.

צי האָבן בערגעלסאָנס טאטע־מאמע ווירקלעך געדינט דעם שרײַבער אלס פראָטאָטיפן פאר מיכאָעל לעווין און פאר דער „מוטער“ אינעם ווערק? דאָס איז אונטער א גרויסן סאָפעק. צי איז ערגעץ־ווו פאראן וועגן דעם אן ארויסזאָגונג פונעם שרײַבער גופע? איך געדענק אויך ניט, אז עמעצער פון די קריטיקער און ליטעראטור־פאָרשער זאָל דערווײַזן, אז בערגעלסאָנס עלטערן זײַנען פראָטאָטיפן פון מיכאָעל לעווין און פון דער „מוטער“.

עמעס, אין נאכמען מײַזילס ארטיקל „דאָוויד בערגעלסאָן“, געשריבן אין 1940 (זע זײַן בוך „פאָרגייער און מיטצײַטלער“, איקוף־פארלאג, ניו־יאָרק, 1946), ווערט דער ראָמאן „באם דניעפער“ אין צוויי ערטער אָנגערופן „אווטאָביִאָגראפיש ווערק“ (זז. 320 און 330). נאָר דאָס איז וויסנשאפטלעך ניט באגרינדעט. צופיל זײַנען אין „באם דניעפער“ אָביעקטיוויזירט און טיפיזירט די געשטאלטן, צו ווײַט, צומאָל אינגאנצן ווידערשפרעכלעך צו די פאקטן פונעם שרײַבערס אייגענעם לעבן אפן אנטשפרעכיקן עטאפ, — מע זאָל דאָס ווערק אינגאנצן גענומען אָנעמען אלס אן „אווטאָביִאָגראפישס“.

די דאָזיקע האנאָכע ווערט ניט געמינערט פון דעם, וואָס בערגעלסאָן גופע איז, זעט אויס, אין א געוויסער מאָס א פראָטאָטיפ פון פענעקן: וועגן דעם זאָגן איידעס אייניקע געמיינזאמע פאָרטרעט־שטריכן, און אויך די שרײַבערישע פאָטענצן, מיט וועלכע בערגעלסאָן באשענקט זײַן יונגן העלד. דער ראָמאן אינגאנצן גענומען ווערט אָבער דערפון ניט אווטאָביִאָגראפיש.

אוואדע און אוואדע לאָזט זיך פון די איינצלנע אווטאָביִאָגראפישע מאָמענטן ניט מאכן קיין אויספיר, אז אויך בערגעלסאָנס עלטערן זײַנען פראָטאָטיפן פון פענעקס עלטערן אין ווערק. בויען אזא סילאָגיזם זעט מיר אויס צו זײַן אינגאנצן ניט ריכטיק, אפילע באם צונויפפאל פון באזונדערע שטריכן, ווי, לעמאָשל, די גווירישקײַט פון בערגעלסאָנס און פענעקס עלטערן.

וואָס וואָרהאפטיקער ס'זעט אויס אינעם קריטיקערס אויגן דווירע כאָראָלס שילדערן בערגעלסאָנס עלטערן, זייער שטוב און בעניי־באַיִס אין לעבן, אלץ מער קאָנטראסטיש זעען זיי אויס בענעגייע מיכאָעל לעווין און דער „מוטער“ אין „באם דניעפער“. דערמיט האָט די דיכטערן און דאָוויד בערגעלסאָנס נאָענטע קרויווע דווירע כאָראָל אן איבעריק מאָל באשטעטיקט, אז דאפקע ניט פון זײַנע אייגענע עלטערן האָט בערגעלסאָן „אראָפגעשריבן“ דעם איבערגעשפיצטן סאָכריש־לאָמדישן צוויִאק מיכאָעל לעווין און די עגאָאיִסטישע, באגרענעצטע גווירנטע, וואָס האָט פײַנט איר מיזיניק פענעק נאָר דערפאר, וואָס ער האָט געהאט די האָזע געבוירן צו ווערן ניט צו דער צײַט...

צו וואָס זשע האָט געטויגט דעם קאנאדער דיכטער שאָלעם שטערנען דאפקע בא דער געלעגנהײַט פון אן אָפרוף אף ד. כאָראָלס „לירישע העפטן“ ווארפן דעם גרויסן שרײַבער דאָוויד בערגעלסאָנען, נאָך זײַן טראגישן אומקום, אזא שווערע באשולדיקונג, ווי פאלסיפיקאציע פון די הערלעכע געשטאלטן פון זײַנע עלטערן, דאָס „דערציילן אזויפיל ניט־וואָרהאפטיקײַטן... וועגן זײַן טאטן, וועגן דער מאמען“; א באשולדיקונג, אז „דאָוויד בערגעלסאָן שטרענגט זיך אָן צו ווארפן א שווארצן שאָטן אף אָט דער היים זײַנער“?

ס'קאָנען זײַן צווייפלען פון פארשיידענעם פארנעם אין דער מאָס וואָרהאפטיקײַט פון דער אָדער יענער שילדערונג: דאָס איז געווענדט אין דער רײַכקײַט פון דער לעבנס־דערפארונג און אין דער מאָס נעמאָנעס, וואָס דער געגעבענער שרײַבער האָט באם קריטיקער. אויב ס'גייט אָבער א רייד וועגן קינסטלערישער פאראלגעמיינערונג, אומאָפהענגיק פון דעם, וועלכע לעבנס־פאקטן עס ליגן אין גרונט דערפון, — און בא עכט רעאליסטישער שילדערונג שפילט די

וואָרהאפטיקייַט, פארשטייט זיך, א גרויסע ראָליע, — איז די מאָס וואָרהאפטיקייַט אינגאנצן אָפּהענגיק פון דער מייַסטערישקייַט פונעם שרייַבער, וואָרעם שילדערן לעבנס־פאקטן, שאפן געשטאלטן הייסט דאָך ניט מעכאניש פאָטאָגראפירן.

דאָוויד בערגעלסאָנס עפּאָפּיי „באם דניעפּער" איז דער אפּאָגיי פונעם שרייַבערס רעאליסטישער שאפונג. דאָס איז א בארג־שפּיץ, צו וועלכן ס'ציִען זיך און וועלן זיך ציִען שרייַבער, קאָלזמאן ס'וועט עקזיסטירן די יִדישע ליטעראטור. און כאָטשבי אויס פּיִעטעט צום גרויסן מייַסטער, דארף מען אים ניט ווארפן אזעלכע שווערע באשולדיקונגען — אין ניט־עטישער באציִונג צום אָנדענק פון זייַנע עלטערן, ווי עס טוט עס שאָלעם שטערן אין זייַן טעמפּעראמענט־פולן, שיין אָנגעשריבענעם אָפּרוף וועגן דעם ערשטן טייל פון דווירע כאָראָלס מעמוארן.

כאַיִם לויצקער

א פּאָר ווערטער וועגן א. גובניצקיס „מייַן ייִכעס"

שווער זיך אופצוהאלטן און ניט ארויסזאָגן זיך מיט א גוט וואָרט וועגן אלעקסאנדער גובניצקיס גרעסערער דערציילונג „מייַן ייִכעס", וואָס איז פארעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאנד".

לייענענדיק די דערציילונג, איבערצייַגט מען זיך אן איבעריק מאָל, אז ברייטע לייַוונטן אין דער ליטעראטור מוזן ניט שטענדיק און אומבאדינגט פארנעמען א סאך אָרט, און אז די מייַסטערשאפט פונעם קינסטלער באשטייט מערסטנטייל אין קענען קאָנצענטרירט און שפּאָרעוודיק בויען דאָס ווערק.

גובניצקיס דערציילונג לייענט זיך מיט גרויס שפּאנונג. דער לייענער האָט דעם אייַנדרוק, אז ער געפינט זיך אפן סאמע אָרט פון דער געשעעניש, זעט פאר זיך לעבעדיקע פארשוינען און שפּירט נאָך מיט די אייגענע כושים נאָך זייערע האנדלונגען: ער הערט זיי רעדן, זעט, וויִאזוי זיי זייַנען אָנגעטאָן און וואָס זיי טוען.

באזונדערס ווערטפול איז דאָס, וואָס גובניצקי ווייסט גענוי די מענטשן, וועגן וועלכע ער שרייַבט. זייַן שפּראך איז אפילע עטוואָס צו נאטוראליסטיש, מיט א שלאָל סלאָוויזמען און אף קיין האָר ניט קיין צוגעפּוצטע, נאָר איך בין גרייט צו שווערן, אז אזוי און ניט אנדערש ריידן די מענטשן, וועגן וועלכע עס שרייַבט גובניצקי.

מאטאָנע קאָוועל, מעני־ראָכל, מאָטיע און ליובע זייַנען רעאלע, געלונגענע געשטאלטן, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר קאָנקרעטע שיכטן פון דער יִדישער באפעלקערונג. דער אייַנגעבוירענער אָפּטימיזם פונעם הויפּט־העלד און דאָס, וואָס ער גייט אפן מאגיסטראלן וועג פון אונדזער לעבן, — דאָס זייַנען שטריכן, וועלכע זייַנען אייגנטימלעך פאר די סאָוועטישע מענטשן פון אונדזער צייַט.

שמועל קאץ

בירזוִינצע, מאָלדאוויע

די יִדישע פּרעסע מיט 50 יאָר צוריק האָט געשריבן:

„דער שטערן"

(טעגלעכע צייַטונג, דערשינען אין וויטעבסק)

שאכנע עפּשטיין וועגן קינסטלער יעהודע פּען

איינער פון די באדייַטנדיקסטע יִדישע מאָלער, וואָס באלאנגט צו דער אלטער שול, איז יעהודע פּען. שילדערנדיק הויפּטזאכלעך יִדישע טיפּן, פארקערפּערט אין זיי דער קינסטלער די אייגנשאפטן פון דער קליינשטעטלדיקער קולטור. זייַן פּערזענלעכע באציִונג צו זיי איז שוין אָבער פון א גרויסשטאָטישן מענטשן. דעריבער רוט אף זיי אזא הומאָר, אזא שטילער שפּאס.

אָט איז „שפּרינצע די זאָגערקע" — א טיפּישע פארצייַטיקע יִדענע, וואָס איז מיסטאמע א קאָכלעפל בא זיך אין שטעטל, אן אָפּשפּרעכערן פון אן אייַנהאָרע. אין איין בריל פעלט א גלעזל. בא פּענען באווייַזט זיך אן איראָנישער שמייכל.

א צווייט בילד: „דער געט". א גאנצע גאלעריי פון טיפּן: א ראָוו, א דייַען, שאמאָסים, גאבאָיִם, סטאם יִדן און דער באלדאָווער אליין — דער געט־געבער. ווער ווייסט, וואָס פאר א טראגעדיע דאָ קומט פאָר צווישן מאן און ווייַב. דאָך זעט איר פאר זיך ניט די טראגעדיע, זי אינטערעסירט אפילע ניט דעם קינסטלער. פאר אים איז דער איקער זייַן איראָניע.

„דאָס לעצטע ליכט־בענטשן". אן אלט פּאָרפאָלק, וואָס האָט שוין אָפּגעזונגען דאָס לעבנס־לידל. דער אלטער האלט זיך נאָך אף די פיס, די אלטע איז שוין א נויטע־לאָמוס. זי איז מעקייַעם צום לעצטן מאָל די ווייַבערשע מיצווע פון ליכט־בענטשן. דער מאן שטייט דערבייַ, העלפט איר.

● ● ●

דער סוזשעט איז זייער א רירנדיקער, ס'פילט זיך דאָ אָבער ניט דער אָטעם פון טויט. פארקערט, ס'שוועבט א לייַכטער שמייכל, ווי איינער זאָגט: „מה אנו ומה חיינו" — וואָס זייַנען מיר און וואָס איז אונדזער לעבן? בלאָטע שעבעבלאָטע, ווי ס'טייַטשט שאָלעם־אליינכעם די ווערטער „העוול האוואָלים".

עפּעס געמיינזאמס איז פאראן צווישן פּענען און לינעצקין. פון זייביידן קוקט ארויס דער גאָר אלטער מאסקיל, וואָס איז, דוכט זיך, אן אפּיקוירעס און היט דאָך אָפּ שאבעס.

פּען איז דורכויס א נאטוראליסט. זייַן אויג האָט נאָר פארבן פאר דעם, וואָס עס זעט זיך קאָנקרעט. פּענס קראפט ליגט אין פּאָרטרעטן, אין טרייַע שילדערונגען פון לעבן, אָן גריבלענישן אין דער מענטשלעכער נעשאָמע, אָן פּראָבלעמען.

פּושקינס פינגערל

בײַם דער הערשאַפט פון אַלעקסאַנדער I זײַנען אין רוסלאַנד, ווי באַוווּסט, אויפגעקומען געהײמע געזעלשאַפטן. אין די אַריסטאָקראַטישע סאַלאָנען האָט מען זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט מיסטיק און סימבאָליק, עס איז געווען פּאָפּולער די מיטאָלאָגיע. דער ראָמאַן פון וואַלטער סקאָט „די קאַמייע אָדער רישאַרד אין פּאַלעסטינע“, וואָס איז דערשינען אין יענער צײַט, האָט געמאַכט אַ גרויסן רויִשעם. די מיטגלידער פון די מאַסאָנישע לאָזשעס און פון די געהיימע געזעלשאַפטן (באַזונדערס פון דער ליטעראַרישער געזעלשאַפט „דער גרינער לאָמפּ“) האָבן געטראָגן סיגנעטן מיט אַלצײַנע עמבלעמען, פינגערלעך מיט איידלשטיינער, באַזונדערס אַזעלכע, אַף וועלכע עס זײַנען געווען אויסגראַווירט מישפּאָכע־הערבן און וועלכע האָבן געדינט אַלס שטעמפּלען אַף בריוו אָן קאָנווערטן.

פּושקין איז געווען אַ מענטש פון זײַן צײַט. עס גייען אַרום לעגענדעס וועגן העכער אַ צענדליק פינגערלעך מיט איידלשטיינער, וועלכע האָבן זיך בא אים געפונען אין פאַרשיידענע צײַטן.

אַ סוואָרע, אַז פּושקין האָט פאַרמאָגט אַ פינגערל מיט אַן איידלשטיין, וואָס האָט אים געדינט אַלס שטעמפּל. אַפן פינגערל איז געווען אויסגעמאָלט אַן אַנטישער לײַכטער — די עמבלעם פון דער געזעלשאַפט „דער גרינער לאָמפּ“, אין וועלכער ער איז געווען אַ מיטגליד.

אייניקע פינגערלעך מיט איידלשטיינער האָט פּושקין צעגעבן זײַנע פרײַנט אַלס מאַטאָנעס. דאָס פינגערל, אַף וועלכן עס איז געווען אויסגראַווירט דער גאָט דיאָניס, האָט ער געשענקט פּיאָטער טשאַאַדאיעוון; דאָס פינגערל מיט די אַמורן, וועלכע זיצן אין אַ שיפל, האָט ער געגעבן אַ מאַטאָנע דער מישפּאָכע ראַיעווסקי פאַר אַ היימישער לאָטעריי; אַנאַ קערן, די פרוי, וועלכער פּושקין האָט געווידמעט איינע פון זײַנע שענסטע לידער, האָט באַקומען אַ רונג מיט דרײַ ברילִיאַנטן.

באַזונדערס באַרימט איז דאָס פינגערל, וואָס האָט געדינט פּושקינען אַלס „קאַמייע“ אַף אויסצוהיטן אים פון אַן אומגליק. מיט אָט דעם פינגערל פלעגט פּושקין כאַסמענען אייניקע בריוו. דאָס איז געווען אַ גראָבער גאָלדענער רונג מיט אַ געשניצטער יידישער אויפשריפט אַף אַן אַרײַנגעפּאַסטן רויטן שטיינדל („סערדאָליק“) פון אַן אַכטווינקלדיקער פאָרם, 12×14 מילימעטער די גרייס.

דאָס פינגערל איז באַוויזן אַף פּושקינס פּאָרטרעט, וועלכן ס'האָט געמאָלט באַם דיכטערס לעבן דער באַוווּסטער קינסטלער טראָפּינין, און אַף איינעם פון פּושקינס פּערזענלעכע צייכענונגען.

די רעפּראָדוקציעס פונעם שטעמפּל פון פינגערל, וועלכע מיר געפינען אין פאַרשיידענע פּובליקאַציעס, אָנגעהויבן



א דעטאַל פונעם פּושקין־פּאָרטרעט, וועלכן עס האָט געמאָלט דער קינסטלער טראָפּינין (1827). דאָ איז באַוויזן די רעכטע האַנט און דאָס פינגערל — „די קאַמייע“ אַפן גרויסן פינגער.

פון 1882, זײַנען געמאַכט אַף פאַרשיידענע אויפּאַנים און פאַלן ניט אײַנגאַנצן צונויף.

וועגן אָט דעם פינגערל איז פאַראַן אַ היפּשע ליטעראַטור. וועגן אים ווערט דערמאָנט אין די זיכרוינעס פון דעם דיכטערס קרויווים און פרײַנט.

פּושקינס אַ צייכענונג (1835). אַף איינער פון די צוויי פינגער זעט מען די „קאַמייע“.

רעפּראָדוקציעס פון די אָפּצוגן פונעם פינגערל „די קאַמייע". פון רעכטס אף לינקס: די פאָטאָ־גראַוויור פון דעם אָריגינאַל פונעם פינגערל; די האָלץ־גראַוויור פון וו. וו. מאַטע; די פאָטאָגראַפיע פונעם אָפּצוג פון דעם געפעלשטן פינגערל.

די מערהייַט פּושקין־פאָרשער האַלט, אַז דאָס פינגערל האָט דער דיכטער באַקומען אַלס מאַטאָנע פון יעליזאַוועטאַ וואָראָנצאָווא (די פרוי פונעם באַוווסטן מעלוכע־מאַן מיכאַיל סעמיאָנאָוויטש וואָראָנצאָוו). דאָס פינגערל האָט באַגייַסטערט פּושקינען צו שאַפן די לידער:
«Храни меня, мой талисман» (1824),
«В пещере тайной в день гоненья» (1825),
באַזונדערס די באַרימטע ליד «Талисман» (1827).

אַז דאָס פינגערל איז אַ מאַטאָנע פון וואָראָנצאָווס פרוי, באַווייַזט אויך די נאָטיץ, וועלכע פּושקינס פרייַנט, דער דיכטער פּיאָטער וויאַזעמסקי, האָט געמאַכט אין לאָנדאָן דעם 19 אָקטיאַבער 1888: „הייַנט האָט הערבערט (דער זון פון דער לעדי פּעמבראָק — די שוועסטער פון וואָראָנצאָווס פרוי) געזונגען די „קאַמייע". ער האָט גאָר ניט געוווּסט, אַז ער זינגט וועגן דער קישעפמאַכערן — זייַן מומע".

וועגן דעם גורל פונעם פינגערל נאָך פּושקינס טויט ווערט דערציילט אין טורגעניעווס אַ צעטעלע, וואָס ער האָט בייַגעלייגט צום פינגערל באַם איבערשיקן עס אף דער מאָסקווער פּושקין־אויסשטעלונג. „אָט דאָס פינגערל האָט געשענקט פּושקינען אין אָדעס די פירשטן וואָראָנצאָווא. פּושקין האָט קימאַט שטענדיק געטראָגן דאָס פינגערל (וואָס וועגן דעם האָט ער אָנגעשריבן זייַן ליד „די קאַמייע") און, ליגנדיק שוין אפן טויטן־בעט, האָט ער עס געשענקט אַלס מאַטאָנע דעם דיכטער זשוקאָווסקי, פון זשוקאָווסקין איז דאָס פינגערל אַריבער צו זייַן זון פּאַוועל וואַסיליעוויטש און יענער האָט אים געשענקט מיר. איוואַן טורגעניעוו. פּאַריזש. אַווגוסט, 1880".

זשוקאָווסקי האָט אין איינעם פון זייַנע בריוו (צו מ. סאָקאָווינען, דעם 20 יול 1837), וועלכן ער האָט פאַרבאַסמעט מיט דעם דאָזיקן פינגערל, געשריבן: „מייַן שטעמפּל איז די אַזויגערופענע „קאַמייע"; די אויפשריפט איז אַן אַראַבישע [?], איך טייַטש ווייס איך ניט. דאָס איז פּושקינס פינגערל, וועלכן ער האָט באַזונגען און וועלכן איך האָב אַראָפּגענומען פון זייַן טויטער האַנט".

די אָפּצוגן פונעם פינגערל, וועלכע זייַנען פאַראַן אף אייניקע בריוו — פּושקינס, זשוקאָווסקיס און טורגעניעווס (ווי עס גיט צו וויסן דער ליטעראַט וויקטאָר גאַיעווסקי), זייַנען אידענטיש.

אין אַ שמועס מיט אַ זשורנאַליסט (וואַסילי פּאַסעק, 1876) האָט טורגעניעוו געזאָגט, אַז ער איז „זייער שטאָלץ דערמיט, וואָס ער פאַרמאָגט פּושקינס פינגערל, און ער גיט צו דעם פינגערל פּונקט אַזאַ גרויסע באַדייַטונג, ווי פּושקין. ער וואָלט וועלן, אַז נאָך זייַן טויט זאָל דאָס פינגערל באַקומען לעוו ניקאָלייַעוויטש טאָלסטאָי, און ווען עס וועט קומען זייַן „לעצטע שאָ", זאָל לעוו ניקאָלייַעוויטש איבערגעבן דאָס פינגערל דעם ווירדיקסטן נאָכפאָלגער פון די פּושקין־טראַדיציעס צווישן די נייַסטע שרייַבער".

נאָך טורגעניעווס טויט אָבער איז דאָס פינגערל, צוזאַמען מיט אַנדערע זאַכן, אין העסקעם מיט דער צוואָאָע, אַריבער צו זייַן פרייַנדן פּאָלינאַ וויאַרדאָ. גלייַך נאָך דעם האָבן זיך אָנגעהויבן די שטאַדלאָנעסן פון אַ ריי מענטשן, אַז מע זאָל די דאָזיקע רעליקוויע אומקערן קיין רוסלאַנד, און עס האָט זיך וועגן דעם פּאַנאַנדערגעוויקלט אַ קאַמפּאַניע אין דער רוסישער פּרעסע. אונטערן דרוק פון דעם אַלעם האָט וויאַרדאָ אָפּגעגעבן דאָס פינגערל דעם פּושקין־מוזיי פון אַלעקסאַנדראָווער ליציי.

אין עטלעכע יאָר אַרום האָט דער וועכטער פון מוזיי אַוועקגעגאַנוועט דאָס פינגערל און פאַרקויפט עס אַ הענדלער מיט אַלטוואַרג. וועגן דער גנייווע איז באַוווּסט געוואָרן ערשט שפּעטער. קעדיי אויסמייַדן אַ סקאַנדאַל, האָט מען דאָס פינגערל פאַרביטן מיט אַ שלעכטער קאָפּיע, אף וועלכער די אויפשריפט איז געמאַכט לויט אַ פאָטאָגראַפיע. אין אָנהייב 1917 האָט זיך באַוויזן אַ צייַטונגס־מיטיילונג, אַז מע האָט געגאַנוועט דאָס פינגערל „די קאַמייע". אין דער דאָזיקער מיטיילונג, ווי אויך אין די שפּעטערדיקע פּובליקאַציעס פונעם אַלפאַרבאַנדישן פּושקין־מוזיי (אין 1957 און 1968), איז ניט דערמאָנט געוואָרן, אַז געגאַנוועט האָט מען שוין ניט דעם אָריגינאַל, נאָר די קאָפּיע, און דער מוזיי האָט דעמאָנסטרירט און פּובליקירט אָפּצוגן פון אַ קאָפּיע.

מע דאַרף באַמערקן, אַז דער שרייַבער פון אָט די שורעס, ווען ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט פּושקינס פינגערל, האָט ער לעכאַטכילע זיך באַקאַנט מיט אַ טרייוואַקס־אָפּצוג פונעם שטעמפּל, וואָס האָט זיך פאַרהיט אינעם אַלפאַרבאַנדישן פּושקין־מוזיי. אין דעם אָפּצוג איז שווער געווען צו לייענען איינס אַ וואָרט — דעם נאָמען „שמחה" (סימכע), ווייַל עס זייַנען ניט ריכטיק געווען געצייכנט די ערשטע דרייַ אויסיעס (שמח). שפּעטער, ווען מיר האָבן געפונען די פּובליקאַציע וועגן דעם, אַז מע האָט דאָס פינגערל געגאַנוועט און געפעלשט, ווי אויך די האָלץ־גראַוויורן פונעם גראַווירער מאַטע און די פאָטאָ־גראַוויורן פונעם אַלבאָם פון דער מאָסקווער פּושקין־אויסשטעלונג פון 1880, — האָבן מיר פאַרגליכן אַלע צייכענונגען און פעסטגעשטעלט, אַז דער מוזיי־אָפּצוג פונעם שטעמפּל איז אַ געפעלשטער.

אפן איידלשטיין, וואָס איז אייַנגעפּאַסט אינעם פינגערל, איז אויסגעשניצט אַן אויפשריפט פון צוויי שורעס. די אויפשריפט איז געגעבן אין העברעיִש. אָט איז זי:

שמחה בכר
יוסף הזקן זל

די ווערטער „בכר" און „זל" זייַנען אַברעוויִאַטורן פון די ווערטער „בן כבוד רבי" און „זכרונו לברכה".

אין ייִדיש לייענט זיך די אויפשריפט אַזוי:

„סימכע דער זון פונעם געאַכטעטן יויסעף האַזאַקען זיכרוינע ליווראָכע".

דער בעקאָוועדיקער טיטל „זאַקען" („זאָקן") איז אַנאַלאָגיש צום אַראַבישן טיטל „אַל־שייך" און באַטייַט „אָנפירער פון דער געמיינדע". די קאַראַיִמער האָבן אָפט אַזוי גערופן זייערע געלערנטע[1].

---

[1] זע א. ב. גאָטלאָבער. בקרת לתולדות הקראים. ווילנא, תרכד, ז. 145, 205.

פושקין האָט, אפּאַנעם, ניט געוווּסט, אַף וועלכער שפּראַך עס איז געמאַכט די אופשריפט, און איז בעמיילע ניט געווען באַקאַנט מיטן אינהאַלט אירן, האַגאַם מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט ער פאַרשריבן אין זײַן נאָ־טיצביכל דעם יידישן און אראַבישן אַלפאַבייסן.

טורגעניעוו האָט נאָך אין 1878, ווען ער איז געפאָרן קיין ענגלאַנד, קעדיי באַקומען דעם ערן־טיטל דאָקטאָר פון אָקספאָרדער אוניווערסיטעט, גענומען מיט זיך דאָס פינגערל און געבעטן א באַווּסטן אָריענטאַליסט (ווײַזט אויס, דעם פּראָפעסאָר פונעם אוניווערסיטעט אַדאָלף נייבאַוער), ער זאָל איבערזעצן די אופשריפט. די איבערזעצונג איז אָבער פאַרלוירן געגאַנגען.

אין 1887, ווען אין פּעטערבורג איז אָנגעקומען פון וויאַרדאָ דאָס פינגערל, האָט מען זיך ווידער געווענדט נאָך א דערקלערונג צו די באַרימטע סעמיטאָלאָגן אַוראָאַם האַרקאַווי, דאָוויד גינצבורג און דאַניִעל כוואָלסאָן.

האַרקאַווי האָט געגעבן א ריכטיקע איבערזעצונג פון דער אופשריפט:

„סימכע (־סימע) דער זון פונעם ערלעכן הער (בעקאָוועדן ראַבי),
יויסעף דער זאַקען, זאָל זײַן געבענטשט זײַן אָנדענק" —

און האָט אָפּגעמערקט, אַז דער קסאַוו פון דער אופשריפט און דער טיטל „זאַקען" ווײַזן, אַז דאָס פינגערל שטאַמט פון די קרימער קאַראַיִמען.

גינצבורג האָט געגעבן אַזאַ טעקסט (אין דער רוסישער טראַנסקריפּציע), ווו ער האָט דורכגעלאָזט דאָס וואָרט „כבוד" (בעקאָוועדער), און דאָס וואָרט „האַזאַקען" האָט ער איבערגעזעצט „דער אַלטער".

כוואָלסאָנס טראַנסקריפּציע פונעם טעקסט און זײַן איבערזעצונג האָבן אויסגעזען אַזוי:

„שמחה בן כבוד קדושתו
יוסף הזקן זכרונו לברכה"

(„סימכע בען קוויד קדושאַטוי יויסעף האַזאַקען זיכ־רוינע ליווראָכע")

דאָס לייענט זיך אין יידיש אַזוי:

„סימכע דער זון פונעם הייליקן (הייליקסטן) יויסעף דעם אַלטן, זאָל זײַן געבענטשט זײַן אָנדענק".

אָנשטאָט רבי נוצט כוואָלסאָן דאָס וואָרט „קדושתו" (דעם הייליקסטן) דערפאַר, וואָס אינעם „ר" פון די ראָשעטייוועס „בכר" איז אַרײַנגעפאַלן דער שפּיץ פונעם „ל" פון „זל", דעריבער האָט ער אָנגענומען דאָס „ר" פון „רבי" פאַר א „קוף" („ק"). כוואָלסאָן האָט געהאַלטן, אַז דאָס פינגערל איז געמאַכט געוואָרן אין סאָף XVIII אָדער אָנהייב XIX יאָרהונדערט.

די פּובליקאַציע פון אָט די איבערזעצונגען האָט אַרויסגערופן א פאַרשיידענע רעאַקציע. אָנווײַזנדיק, אַז די אופשריפטן אַף קאַמייעס און אַף שטעמפּלען פאַלן געוויינלעך ניט צונויף (קאַמייעס לייענט מען דירעקט, שטעמפּלען — פונעם אָפּצוג), האָט איינער א זשורנאַליסט אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז פושקין האָט ניט ריכטיק פאַרשטאַנען, צו וואָס דאָס פינגערל איז נייטיק, נאָר אַפן סמאַך פון אָט דעם טאָעס האָט ער געשאַפן קינסטלערישע ווערק. פושקין האָט אָבער אויסגענוצט דאָס פינגערל אַלס שטעמפּל, און שוין דאָס אַליין מאַכט צונישט אָט דעם געדאַנק. א צווייטער צײַטונגס־רעפּאָרטער האָט מיט פאַרדראָס געשריבן: „די באַרימטע קאַמייע איז, אַזויאַרום, ניט מער ווי א פערזענלעך שטעמפּל פון עפּעס א יידן סימכע. דאָרט, ווו עס באַווײַזט זיך א פינצטערער און פאַרפּלאָנטערטער איניען, דאָרט דאַרף מען זיך אומבאַדינגט ריכטן אַף עפּעס א יידן סימכע"...

דער מינהעג צו באַנוצן פינגערלעך אַלס שטעמפּלען שטאַמט פון טיפן אוראַלטער. וועגן דעם ווערט דערמאָנט נאָך אין דער ביבל. אַף די יידישע פינגערלעך, וואָס האָבן געדינט אַלס שטעמפּלען, פלעגט מען געוויינלעך אויסקריצן דעם נאָמען פונעם אייגנטימער פון שטעמפּל, צומאָל פלעגט מען נאָך צוגעבן דעם פאָטערנאָמען און (מיט אַן אַברעוויִאַטור) א בראָכע, אין אייניקע פאַלן אויך אַן עמבלעם. דאָס אויסזען (דער קאָליר) פון די איידלשטיינער פלעגט באַקומען א מאַגישע באַדײַטונג.

אויב דער פאָטער פונעם אָנפאַנגלעכן אייגנטימער פון דעם פינגערל וואָלט ניט געטראָגן דעם טיטל „זאַקען", וואָלט מען דאָ געקאָנט נוצן דאָס העברעיִשע שפּריכווערטל: „וויניק יויסעפס זײַנען פאַראַן אַפן מאַרק? — זוך אים!" נאָר אַף וויפל אין דעם פאַל שטייט יאָ דער טיטל „זאַקען", האָט דער אווטאָר פון אָט די שורעס געהאַלטן, אַז מע קאָן געפינען דעם שפּור פונעם אייגנטימער פון דעם פינגערל אין דער ליטעראַטור פון די קאַראַיִמער.



רעפּראָדוקציע פון די טעקסטן, ווו עס זײַנען פאַראַן יעדיִעס וועגן דעם ערשטן אייגנטימער פונעם פינגערל — סימכע אגיז: אויבן — פון דאַווידזאָנס בוך, אונטן — פון גאָטלאָבערס בוך.

די ערשטע זוכונגען אין ענציקלאָפּעדיעס אַף פאַרשיידענע שפּראַכן האָבן צו גאָרנישט ניט געבראַכט. באַם זוכן אין דער העברעיִשער וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אַפן נאָמען יויסעף דער זאַקען, וואָס האָט געלעבט אין צענטן יאָרהונדערט, דערנאָך יויסעף שלוימע לוצקי, א יעוופּאַטאָריער כאַכאַם אין די 20—40־ער יאָרן פון נײַנצעטן יאָרהונדערט, און לעסאָף האָבן מיר געפונען דעם כאַכאַם סימכע אגיז, דעם זון פונעם בעקאָוועדן ראַבי יויסעף האַזאַקען און קורצע יעדיִעס וועגן דעם, אַז ער האָט פאַרעפנטלעכט צוויי אַקראָסטיכן[1], געווען א נאָגיד (האָט מענאַדעוו געווען 3 טויזנט רובל אַף אַרויסגעבן קאַראַיִמישע ביכער) און אין 1836 האָט ער געוווינט אין דער שטאָט קוסדינע (קאָנסטאַנטינאָפּאָל)[2].

---

[1] דאַווידזאָן ישראל בר׳ דוד ז"ל. אוצר השירה והפיוט מזמן חתימת כתבי הקדש עד ראשית ההשכלה, ניוארק תרפ"ג — תרצ"ג. כ"ג, ז. 480—481, כ"ד, ז. 486.

[2] הדסי יהודה, ספר אשכל הכפר. גוזלאווא, 1836.

9–1949

די פאמיליע „אגיז" באטייַט אין טיורקישע שפראכן „אָקס".

דעם ערשטן אקראָסטיך האָט ער אָנגעשריבן אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואָס ער איז אופגעשטאנען פון א שווערער קרענק. די אָנפאנג־אויסיעס פון די שורעס פונעם אקראָסטיך בילדן די אופשריפט: „שמחה בן יוסף זכרונו לברכה". אין דעם צווייטן אקראָסטיך, וואָס קומט גלייַך נאָכן ערשטן, לייענען זיך די אָנפאנג־אויסיעס: „שמחה חזק אמץ"[1].

די דאטעס, ווען די הימנען זייַנען אָנגעשריבן געוואָרן, זייַנען ניט אָנגעוויזן.

די צייַט, ווען סימכע האָט געלעבט, האָבן מיר אומגעפער פעסטגעשטעלט לויטן בוך פונעם באוווסטן קאראימישן קאָלעקציאָנער און שרייַבער אווראָם פירקאָוויטש (1785—1874), וועלכער האָט געשריבן, אז אין 1838 האָט סימכע אגיז צוגעשיקט אים ביבל־ביכער אין א לאָנדאָנער אויסגאבע, ער זאָל זיי פארקויפן[2]. מע קאָן אזויארום מאכן דערפון דעם אויספיר, אז דער ערשטער אייגנטימער פונעם פינגערל האָט געלעבט אין פושקינס צייַטן און האָט פושקינען איבערגעלעבט.

[1] סידור התפילות כמנהג הקראים. ווילנא, 1892, ח"ד, ז. 214—215.

[2] פירקאָוויץ אברהם. ספר אבני זכרון. ווילנא, תרל"ב, ז. 5.

לאָמיר נאָך אָפּמערקן, אז וואָראָנצאָוו איז געווען פארבונדן מיט די קאראימער און האָט זיך באצויגן צו זיי גינסטיק. דער הויפט־כאכאם (דער ראָש פון די קאראימישע קעהילעס) סימכע באָבאָוויטש האָט געהאָלפן וואָראָנצאָוון אויסצובויען א פאלאץ אף אופנעמען ניקאָלייַ I. פירקאָוויטשן האָט וואָראָנצאָוו באופטראָגט צו זאמלען די קאראימישע אלטערטימלעכקייַטן פאר דער אָדעסער ארכעאָלאָגישער געזעלשאפט, איבער וועלכער ער האָט געהאט די אופזיכט. עמעס, דאָס איז שייַעך צו א שפּעטערער צייַט, אייַדער פושקינס אָדעסער פעריאָד, עס איז אָבער ניט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייַט, אז וואָראָנצאָוו האָט פריער אויך געהאט פארבינדונגען מיט די דאָזיקע מענטשן און אז עמעצער פון זיי האָט פארקויפט אָדער געשענקט וואָראָנצאָווס פרוי דאָס פינגערל.

צום שלוס ווען מיר אָנווייַזן, אז דאָס שטודירן די מאטעריאלן, וועלכע האָבן א שייַכעס צו פושקינס רעליקוויעס, איז וויכטיק ניט בלויז פאר דער כאראקטעריסטיק פון דער פערזענלעכקייַט פונעם געניאלן דיכטער. אזא שטודיום דערלויבט אויך אריינצוקוקן אינעם לעבנסשטייגער און אין דער מאטעריעלער קולטור פון פושקינס עפּאָכע. דער סאכאקל פון די אָנגעזאמלטע מאטעריאלן גיט א מעגלעכקייַט צו אידענטיפיצירן פושקינס פארלוירנגעגאנגענע פערזענלעכע כפייצים, ווען זיי זוכן זיך אָפּ.

יִסראָעל קאָוועלמאן
קאנדידאט פון טעכנישע וויסנשאפטן

צו דער געשיכטע פון יידישע פאמיליע־נעמען

קינסטלעך געשאפענע פאמיליע־נעמען

צווישן די יידישע פאמיליע־נעמען איז פאראן א גאנץ היפשע צאָל, וואָס זייַנען געשאפן געוואָרן אף א קינסטלעכן אויפן. די ווערטער, פון וועלכע די דאָזיקע פאמיליע־נעמען זייַנען געבילדעט, האָבן לויט זייער אינהאלט און באטייַט קיין שום פארבינדונג ניט מיט דער פערזענלעכקייַט פון די, וואָס האָבן זיי אָנגענומען.

אזוינע קינסטלעך געשאפענע פאמיליע־נעמען זייַנען, לעמאָשל, — הימלפארב, זילבערבערג, ראָזענהאָלץ אאוו. צווישן די קינסטלעכע פאמיליע־נעמען זייַנען דאָ אזעלכע, וואָס זייַנען געבילדעט פון די נעמען פון ביימער, פייַרעס, בלומען, כייַעס, אויפעס, פיש.

דאָס ראָוו פאמיליע־נעמען פון אָט דער גרופע זייַנען געבילדעט פון נעמען פון פרוכטביימער און זייערע פרוכטן, וואָס טרעפן זיך אין די סעדער פון רוסלאנד, פוילן, עסטרייַך און דייַטשלאנד, ווו די רוסישע יידן האָבן געלעבט אין XIX יאַרהונדערט אָדער פונוואנען זיי זייַנען אהער געקומען: בוים, עפלבוים, בארענבוים, ווייַנשלבוים, פלאָמענבוים, קארשענבוים, ניסענבוים, בוימוואָל. די זעלבע פאמיליע־נעמען קלינגען אָפּט דייַטשמעריש: באום, עפּעלבאום און אפפעלבאום, בירנבאום, קירש און קירשבאום, נוסבאום, באומשטיין און געקירצט באָמ־

שטיין. דאָס באווייַזט, אז זייערע טרעגער שטאמען פון עסטרייַך און דייַטשלאנד.

א צווייטע גרופע פאמיליע־נעמען באטייַטן ביימער און פרוכטן, וואָס וואקסן ניט אין די לענדער, ווו די יידן האָבן געוווינט בעשאסן אָנעמען זייערע פאמיליעס: טייטל (רר־סיפיצירט — טיטעל) — טייטעלמאן און טייטעלבוים; מאנדעל, מאנדעלשטאם, מאנדעלקערן, מאנדעלבערג; פייַג — פייַגענבאום און פייַגענבלאט; מילגראם, גראנאט, אגראנאט, באָקסער (רוסיפיצירט — באָקסיאָר — קלוימערשט א ספּאָרטלער מיט שווערע פויסטן) און באָקסערמאן; מאראנץ, מאראנצמאן, פּאָמעראנץ; לימאן, לימעניק און לימאָנאָוו. אזעלכע פאמיליעס איז ניט צו טרעפן צווישן רוסן, אוקראינער, ווייַסרוסן, פּאָליאקן.

פונוואנען שטאמען אָט די יידישע פאמיליע־נעמען?

אן ענטפער געפינט מען אין די באגריפן און פאָרשטעלונגען פונעם אמאָליקן יידישן שטייגער. ס'איז געווען אזא קינדער־יאָמטעוו מיטן נאָמען „כאמישעאָסער". דאָס וואָרט שטאמט פון העברעישן „חמשה עשר בשבט" — כאמישאָ אָסאָר בישוואט, דה. פופצן טעג אינעם כוידעש שוואט. דאָס איז אין אמאָליקן ערעץ־יִסראָעל געווען א יאָמטעוו פון ביימער, וואָס פלעגן צו אָט דער צייַט ברענגען רייַפע פיירעס. אין שטעטל איז דער טאָג פארוואנדלט געוואָרן אין א קינדער־יאָמטעוו, ווען מע פלעגט געבן א מאטאָנע די קינדער פארשיידענע ניט־דאָיִקע פיירעס: טייטלען, פייַגן, באָקסערן, מאראנצן, וועלכע זייַנען אימפּאָר־

טירט געוואָרן קיין רוסלאַנד פון די דאָרעמדיקע לענדער. אינעם שטייגער פון פאָלק זײַנען די דאָזיקע פּיירעס געווען היימיש ניט ווייניקער פון עפּל און בארן.

פון די כיידער־באַגריפן שטאַמט אויך דער פאַמיליע־נאָמען צעדערבוים. ווען מיר ווענדן זיך אָבער איצט צו די וואַלד־ביימער, געפינען מיר, אַז כוץ דעם דעמב אין די פאַמיליע־נעמען דוב און דעמבאָ (פּויליש), טרעפן זיי זיך קימאַט ניט אין די ייִדישע פאַמיליע־נעמען. און דאָס איז אויך ניט קיין צופעליקע זאַך.

ווי באַוווּסט, האָבן די ייִדן הונדערטער יאָרן געלעבט פאַרשפּאַרט אין ענגע קוואַרטאַלן פון די שטעט און שטעטלעך און געבילדעט אַ ריין שטאָטישע באַפעלקע־רונג. אָפּגעזונדערט פון וואַלד, פעלד און לאָנקע, האָט דער ייִד ניט געקענט אָדער זעלטן ווען געקענט דעם וואַלד מיט זײַנע ביימער, בלומען, גראָזן. אין דער ייִדישער שפּראַך איז ביזן סאָף פאָריקן יאָרהונדערט אפילו ניט געווען קיין ווערטער אַף צו אָנרופן דיפערענצירט די מערסטע מינים ביימער און בלומען.

די עטלעכע פאַמיליע־נעמען, וווּ סע טרעפט זיך אַ באַצייכענונג פון אַ וואַלד־בוים — אייכענבאַום, לינדענ־באַום, טענענבאַום, פּיכטענהאָלץ, — שטאַמען פון עסט־רײַך, דאָס פּויליש־ליטוויש־אוקראַיִנישע ייִדיש אין XIX יאָרהונדערט ווייסט ניט פון קיין אייכע (דעמב), לינדע (ליפּע), טאַנע (סאָסנע) און פּיכטע (יעל). די פאַמיליע־נעמען בערעזאָווסקי, סאָסנאָווסקי, אָלכאָווסקי, גראַבאָוו־סקי, ליפּאָוועצקי זײַנען געבילדעט ניט נאָך די נעמען פון געהעריקע ביימער, נאָר נאָך די נעמען פון די ווויִנ־ער־טער: בערעזאָווקע, סאָסנאָווקע, אָלכאָווקע, גראַבאָוו און ליפּאָוועץ, פונוואַנען די פאַמיליע־טרעגער שטאַמען.

ווי געזאָגט, זײַנען אויך די קאָלערליי בלומען ניט פאַר־צייכנט אין די ייִדישע פאַמיליע־נעמען. עמעס, ס'איז דאָ פיל פאַמיליע־נעמען, געשאַפענע פונעם וואָרט „בלום — בליום", נאָר אַלע זײַנען זיי אָדער באַשרײַבלעכע: ווײַס־בלום, שוואַרצבלום, רויטבלום, אָדער ביכלאַל אַבסטראַק־טע: בליומבערג, פעלדבליום און בליומענפעלד, קאָרנ־בליום, בליומענקראַנץ, שיינבליום, פײַנבליום, בלומענטאָפּ.

דאָס זעלבע איז מיט די פאַמיליע־נעמען, וואָס האָבן אין זייער באַשטאַנד די ווערטער „בליט" און „בלאַט".

באַשרײַבלעכע: ווײַסבלאַט און ווײַסבליט, גרינבלאַט, רויטבלאַט און רויטבליט, פײַנבלאַט, ווײַנבלאַט, און גע־ציילטע קאָנקרעטע: קאָרנבליט און ווייצבליט, באַרענ־בלאַט און לינדענבלאַט, מוסקאַטבליט (און פאַרקריפּלט — מישקענבליט) און מאָנבליט.

אַן אויסנאַם צווישן די בלומען איז נאָר די רויז. זי האָט זיך אײַנגעוואָרצלט אין דער ייִדישער שפּראַך, און פון דאָרט זײַנען די ייִדישע פאַמיליע־נעמען: ראָזענבלאַט, ראָזענבליט, ראָזענפעלד, ראָזענבלום, ראָזענקראַנץ און אויך אַבסטראַקטע ראָזענבוים — ראָזענבאַום, ראָזענבערג, ראָזענשטיין[1].

[1] די פאַמיליע־נעמען: ראָזען—ראָזין, רויזען—רויזין, רייזען—רייזין, רויזמאַן, ראָזענגאַוז — ראָזענהויז זײַנען געבילדעט פונעם ווײַבלעכן נאָמען רייזע — רויזע און באַ־טײַטן רייזעס מאַן, רייזעס הויזגעזינד.

ס'איז אַבסאָליוט ניט אָנעמבאַר די מיינונג פון די פאַ־מיליעס־פאָרשער י. טאַוויאָוו, אַ. ראַבינאָוויטש און מ. סאַמ־באַטיען, אַז די פאַמיליע רויזען שטאַמט פונעם העברעיִשן „רוזן". דאָס וואָרט „רוזן" אין העברעיִש באַטײַט אַ מאַכט־האָבער און פלעגט אָנגעווענדט ווערן בענעגייע צו ניט־ייִדישע באַראָנען, גראַפן, פּריצים.

עפּשער קומט דאָס אויך פון דער שירהאַשירימדיקער „שושנת העמקים" — שוישאַנאַס האַהאַמאָקים, דהה, מע האָט דאָך געמוזט פאַרטײַטשן „די רויז פון די טאָלן", כאָטש סײַ דער מעלאַמעד, סײַ דאָס כיידער־ייִנגל האָבן אפילו זיך ניט פאָרגעשטעלט, וויִאַזוי עס וואַקסט און וויִאַזוי עס זעט אויס די דאָזיקע רויז אין דער נאַטור...

פונוואַנען נעמען זיך באַ ייִדן אַזעלכע „כײַיִשע" נעמען און פאַמיליע־נעמען, ווי בער — בערמאַן — בערזאָן; לייב — לייבמאַן און לעוו — לעווענסאָן — לעוומאַן; הירש — הירשמאַן — הערשמאַן (רוסיפיצירט: גירש — גירשמאַן — גערשמאַן — גאָרשמאַן און גערזאָן — די „ש" איז אַרויסגעפאַלן); וואָלף — וואָלפזאָן און וואָלפ־מאַן?

אין אָנהייב XIX יאָרהונדערט האָבן אייניקע אַווטאָרס פאָרגעוואָרפן די ייִדן, אַז זייערע „כײַיִשע" נעמען באַווײַזן זייער גיריקע נאַטור. דעם פאָרוווּרף האָט אָפּגעוואָרפן דער באַרימטער ייִדישער געלערנטער לעאָפּאָלד צונץ אין זײַן בראָשור „נאַמען דער יודען"[1]. ער האָט אויפגעוויזן, אַז באַ ייִדן זײַנען איבערהויפּט פאַראַן בלויז 6 „כײַיִשע" נעמען: לייב, וואָלף, בער, הירש, פוקס און לעמל, בע־שאַס באַ די דײַטשן זײַנען אין אומגאַנג 50 אַזעלכע נעמען, און אַז די ייִדישע „כײַיִשע" נעמען זײַנען, אייגנטלעך, ניט קיין נעמען, נאָר סינאָנימען, סימבאָלישע צונעמען, וואָס פאַרבײַטן די ביבלישע נעמען יעהודע, בינייאָמין, ייִסאָסכאָר, נאַפטאָלע, עפראַיִם און גאָד.

דער רוסישער פאַמיליעס־פאָרשער ל. אוספּענסקי, אין זײַן בוך „דו און דײַן נאָמען", דערקלערט אַזוי דעם אָפּ־שטאַם פון די ייִדישע פאַמיליע־נעמען בער, הירש, פוקס. ווען אין פּרײַסן זײַנען אין 1812 אַף אַן אָבליגאַטאָרישן אויפן צוגעייגנט געוואָרן די ייִדן פאַמיליע־נעמען, האָבן די באַפולמעכטיקטע רעגירונגס־באַאַמטע גענומען נאָכאַ־נאַנד די נעמען פון כײַעס, וועלכע זײַנען זיי באַוווּסט, און „פון זייער פּען פלעגן זיך אַרויסבאַקומען אַף דער וועלט די אָנצאָליקע הערש — הירש, בער, פוקס... דער־נאָך האָבן אָט די נעמען, צוזאַמען מיט זייערע באַזיצער, איבערגעוואַנדערט פונעם לאַנד"...[2] און אַזויאַרום געקו־מען אויך קיין רוסלאַנד.

די דאָזיקע דערקלערונג איז אַן אויבערפלעכלעכע. רײַ־שיס, האָבן די רוסישע ייִדן באַקומען זייערע פאַמיליע־נעמען פריִער פון די פּרײַסישע (לויטן געזעץ פון 9 דע־קאַבער 1804); צווייטנס, האָבן צו דער צײַט שוין געוווינט אין רוסלאַנד, אין די ליטווישע, ווײַסרוסישע און אוקראַיִ־נישע גובערניעס, עטלעכע הונדערט טויזנט אײַנגעזע־סענע ייִדן; דריטנס, די ענדונג „סאָן" (זון) אין די פאַמיליעס בערסאָן, וואָלפסאָן, לייבענזאָן אאַ. איז דאָך אַ דײַטלעכער באַווײַז, אַז דאָס זײַנען פּאַטראָנימישע פאַמי־ליע־נעמען און אַז דאָס וואָרט, וואָס שטייט אַפּצופריִער: לייב, בער, וואָלף — איז אַ פּערזענלעכער נאָמען. ס'איז קלאָר, אַז די ייִדישע „כײַיִשע" פאַמיליע־נעמען זײַנען ניט קיין קינסטלעכע און ניט די פּרײַסישע רעגירונגס־באַאַמטע האָבן זיי צוגעטראַכט.

ווּ זשע ליגט דער ריכטיקער פּיירעש פון די ייִדישע „כײַיִשע" נעמען און פון די געבילדעטע פון זיי פּאַטראָ־

[1] ל. צונץ, נאַמען דער יודען. לײַפּציק, 1837 (דײַטש).

[2] Л. Успенский. Слово о словах. Ты и твое имя. Лениздат, 1962, стр. 589—590.

נימישע פאמיליע־נעמען? פון די 6 נעמען, וואָס ל. צונץ האָט אָנגעוויזן, זײַנען די נעמען לייב, וואָלף, הערש, בער איבערגעזעצט פון העברעיִשע אריה־אריע, זאב־זעייוו, צבי־צווי און דב־דויוו. אין העברעיִש זײַנען זיי די קינויִם פון פיר יאנקעווס זין: יעהודע, ביניאָמין, נאפטאָלע און ייִסאָס־כאָר. צו די כײַעס האָט דער פאטריִארך יאנקעוו צוגע־גלײַכט זײַנע זין אין זײַן געזעגענונגס־בראָכע פארן טויט[1]. דער נאָמען לעמל איז אַן איבערזעצונג פון „גאָד“ (פינפ־טער זון פון יאנקעוון). אויך דער נאָמען פיש, וואָס ווערט געברויכט נאָר אין דער פארקלענערונג־פאָרם — פישל, — און אין די פאמיליע־נעמען פישמאן און פישזאָן, איז דער סימבאָל פון יויסעפס זון עפראַיִם, לויט דער בראָכע פון זײַן זיידן יאנקעוו[2].

אין ייִדישן שטייגער פלעגט מען די נעמען און צונעמען אָפטמאָל באנוצן צוזאמען: יעהודע־לייב, ביניאָמין־וואָלף, נאפטאָלע־הירש, דויוו־בער (געקירצט — דובער).

פון די דאָזיקע „כײַישע“ נעמען זײַנען געבילדעט אויך די פאָלגנדע פאמיליע־נעמען: אריע, בענארי, גוראריע (לייב, דער זון פון לייב, דער יונגער לייב), זעווין (פון זעייוו־וואָלף).

פאמיליע־נעמען מיט דער געקירצטער אוקראַיִנישער ענדונג „קאָ“: בערקאָ־וויטש, בערקאָ־וו, בערקאָוו־סקי; לעוו־קאָ־וויטש; גערשקאָ־וו, גערשקאָ־וויטש; וואָלפקאָ־וויטש, וואָלקאָ־וויטש.

כוץ די אויבנדערמאָנטע, האָבן מיר פארצייכנט נאָך 8 כײַעס, וואָס זייערע נעמען האָבן געשאפן ייִדישע פא־מיליע־נעמען. דאָס זײַנען: פוקס, פוקס־מאן און פוקסאָן (איין „ס“ איז ארויסגעפאלן); העלפאנד און העלפאָנד; לעמפערט[3], איינהאָרן (א ביבלישער נאָמען, ווײַזט אויס פון א נאָזהאָרן носорог), וואווערקע און וועוויאָרקע (פויליש), רוסיש — белка; ביבער; האָז, הוז און אין רוסיש — זײַעץ, זײַטשיק, אין פויליש — זאיאָנץ; סאָבאָל — דער פאמיליע־נאָמען שטאמט פון ווײַבלעכן נאָמען סויבל, אף וואָס עס ווײַזן אָן אויך די פאמיליע־נעמען סויבעלמאן און סויבעלסאָן.

א. פריבלודע

---

[1] זע ברייִשיס, קאפיטל 49, פסוקים 9, 13, 21 און 27. אין דער בראָכע איז ייִסאָסכאָר צוגעגלײַכט, צוליב זײַן אקשאָנעס און ארבעטספייִקײַט, צו אן אייזל, נאָר אזוי־ווי דאָס בילד פון אן אייזל איז אויך א סימבאָל פון טעמפקײַט און טראָגט סימאָנים פון באליידיקונג, האָט מען שפעטער אין ייִדישן שטייגער פארביטן דעם נאָמען „אייזל“ אף „בער“.

[2] זע ברייִשיס, קאפיטל 48, פאָסעק 16.

[3] דער דײַטשישער פאמיליעס־פאָרשער היינצע בילדעט די פאמיליע־נעמען לאמפערט און לעמפערט פונעם נאָמען פון דער איטאליענישער פראָווינץ „לאָמבארדיע“ און רעכנט, אז די, וואָס טראָגן די פאמיליעס לאמפערט און לעמפערט, שטאמען פון לאָמבארדיע. אויב דאָס איז באַ־גרינדעט בענעגייע דער דײַטשישער פאמיליע לאמפערט, איז דאָס סאָפעקדיק בענעגייע דעם ייִדישן פאמיליע־נאָ־מען לעמפערט (דעם לעאָפארד, טיגער רופט מען אין ייִדיש לעמפערט).

פרעמיערעס אין לאָקאַל פון רעדאַקציע

פון רעכטס אף לינקס: לייע קאָלינע, יויסעף קאָלין און מאריִע גאָרדאָן

צווויי שאָ דיכטונג — א פראָגראם, וואָס כאפט ארום די שאפונג פון אכט ייִדישע סאָוועטישע פאָעטן.

געוויינלעך נעמען זיך ארטיסטן פאר א ליטערארי־שער קאָנצערט־פראָגראם אָן באזונדערן כיישעק, ניט זײַענדיק זיכער פארן דערפאָלג, ווײַל עס פאָדערן זיך גאָר גרויסע באמיִונגען צו פארכאפן דעם צוהערער אזוי, אז ער זאָל אין מעשעך פון א גאנצן אָוונט פאר־בלײַבן אונטערן קישעף פון דער דיכטונג.

דאָס האָט זיך גלענצנדיק אײַנגעגעבן דעם פאר־דינסטפולן ארטיסט פון דער רעפובליק יויסעף קאָלי־נען און דעם געשאפענעם ספעציִעל צוליב דעם ציל אָריגינעלן אנסאמבל, אין וועלכן עס טרעטן צוזא־מען מיט אים אוף די דראמאטישע אקטריסע לייע קאָלינע, די זינגערן מאריִע גאָרדאָן און די מוזיקער — דער פיִאניסט מיכאיִל גינזבורג און דער פידלער מי־כאיִל קאָפעלמאן.

די ליטעראריש־מוזיקאלישע קאָמפאָזיציע שליסט אין זיך אײַן פאָעטישע ווערק פון אָשער שווארצמאן, פערעץ מארקיש, דאָוויד האָפשטיין, איזי כאריק (ערשטע אָפטיילונג) און פון ארן ווערגעליס, מוישע טייף, מאָטל גרוביאן, אווראָם גאָנטאר (צווייטע אָפ־טיילונג).

ס'איז מאמעש א פרייד צו הערן, מיט וואָס פאר א זאָרגזאמקײַט און ליבע יויסעף און לייע קאָלין דער־טראָגן צום צושויער דאָס וואָרט פון דיכטער פון פאר־שיידענע דורעס. די טעקסטן אין דער קאָמפאָזיציע ווערן זייער געלונגען קאָמענטירט מיט געזאנג און מוזיק. באזונדערס טיילט זיך דאָ אויס די באקאנטע זינגערן מאריִע גאָרדאָן.

די פרעמיערע פון דער קאָנצערט־פראָגראם איז באַ־וויזן געוואָרן אין לאָקאָל פון דער רעדאקציע „סאָוועט־טיש היימלאנד“ פאר די מאָסקווער שרײַבער, ארטיסטן און קולטור־טוער, וועלכע האָבן איינמוטיק אָפגע־מערקט, אז דאָס איז א פריידפולע געשעעניש סײַ פאר דער עסטראדע־קונסט, סײַ פאר דער ליטעראטור.

י. שוסטער

נאָטיצן
פון א ייִדישן בוקיניסט

די אַלטע ייִדישע ליטעראַטור און דער אייראָפּעיִשער באַראָקאָ

אין דער סאָוועטישער וויסנשאַפט איז פאר די לעצטע יאָרן געשאפן געוואָרן א רײַכע ליטעראַטור וועגן דעם באַראָקאָ. די סאָוועטישע געלערנטע פרעגן אָפּ די פריִער פארשפרייטע מיינונג, אז דער באַראָקאָ איז א רעאַקציאָנערע דערשײַנונג. אפן סמאך פון א גרויסן פאַקטישן מאַטעריאַל דערווײַזן זיי, אז אין די נײַע היסטאָרישע באַדינגונגען האָט דער באַראָקאָ פאַרגעזעצט די בעסטע טראַדיציעס פון רענעסאַנס. דער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון די נאַציאָנאַלע שפּראַכן און ליטעראַטורן האָט גראָד אין דער עפּאָכע פון באַראָקאָ דערגרייכט זײַן ווײַטערע און העכערע סטאַדיע. אין יעדער נאַציאָנאַלער קולטור האָט דער באַראָקאָ ניט בלויז באַקומען א ספּעציפישן אינהאַלט און א ספּעציפישע פאָרם, נאָר אויך געהאַט זײַן באַזונדערע היסטאָרישע פונקציע. אזוי, למשל, האַלט דער סאָוועטישער ליטעראַטור־פאָרשער ד. ס. ליכאַטשאָוו, אז דער באַראָקאָ האָט אויסגעפּילט אין דער רוסישער געשיכטע די ראָליע, וואָס דער רענעסאַנס האָט אויסגעפּילט אין מײַרעוו־אייראָפּע. פאַרשטייט זיך, אז דער באַראָקאָ איז ניט געווען איינהײַטלעך, ער האָט דורכגעמאַכט פאַרשיידענע אַנטוויקלונגס־עטאַפּן און אין אים האָבן זיך געקרייצט פאַרשיידענע קעגנזײַטלעכע שטרעמונגען.

די דערגרייכונגען אין דער סאָוועטישער וויסנשאַפט קאָן אונדז העלפן אויסקלאָרן אייניקע אַספּעקטן אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

די ייִדישע ליטעראַטור איז קיינמאָל ניט געוואַקסן אויסער רוים און צײַט. כאָטש דער נאַציאָנאַלער ספּעציפיק, האָט זיך אין איר געשיכטע פאַרהיט אויך אן אייגנאַרטיקער מאַטעריאַל צו דער אַלגעמיינער כאַראַקטעריסטיק פון די קולטור־פּראָצעסן, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אין דעם לעבן פון די פעלקער, צווישן וועלכע דאָס ייִדישע פאָלק האָט געלעבט.

די ערשטע קנאָספּן פון דער ייִדישער ליטעראַטור האָבן זיך שוין פאַנאַנדערגעבליט אין ווײַטן מיטלאַלטער. איר שפּראַכלעכע און קינסטלערישע זעלבשטענדיקײַט האָט זי דערגרייכט זינט דער צווייטער העלפט XVI יה. ניט קוקנדיק אף אייניקע באַדײַטנדיקע ווערק, ווי דער „שמואל־בוך“, „מלכים־בוך“, הערשט איבער דער מיטלאַלטערלעכער ייִדישער ליטעראַטור א געוויסע מאָנאָטאָנישקײַט און אוניפאָרמיזם. אין דער עפּאָכע פון באַראָקאָ הייבט זיך, אייגנטלעך, אָן איר בולטע דיפערענצירונג אין זשאַנרען, סטילן און ריכטונגען. אין דעם פּעריאָד טרעט די ייִדישע ליטעראַטור אַרויס פון איר אַנאָנימער און פאָלקלאָריסטישער סטאַדיע. עס קומט אוף א ריי שרײַבער מיט אינדיווידועלע סטילן און אייגענעם צוגאַנג צו געשעענישן. אין קעגנזאַץ צו דער מיטלאַלטערלעכער ליטעראַטור, אין וועלכער עס זײַנען סראָוו אויסגענוצט ביבלישע און אינטערנאַציאָנאַלע וואַנדערנדיקע מאָטיוון, זײַנען די טעמעס פאר די נײַע ווערק מערסטנטייל גענומען פון דער רעאַלערווירקלעכקײַט.

עס איז ניט פאַראַן קיין איין וויכטיקע געשעעניש אין דער ייִדישער געשיכטע פונעם XVII יה., וואָס זאָל אזוי אָדער אַנדערש ניט געפינען קיין אָפּקלאַנג אין דער ליטעראַטור. באָגדאַן כמעלניצקיס אופשטאַנד קעגן דער פּוילישער שליאַכטע, דער פּראָטעסטאַנטישער און קאַטוילישער דרײַסיקיאָריקער קריג, פון וועלכן עס האָבן געליטן אַלע מײַרעוו־אייראָפּעיִשע פעלקער, די מעשיכישע שאַבסע־צוויבאַוועגונג, — אָט דאָס איז די היסטאָרישע אַקס, אַרום וועלכער עס דרייט זיך, אזוי צו זאָגן, די טעמאַטישע ראָד פון דער ליטעראַטור. אין עלכאָנאָן העלנס פּאָעמע „מגילת־ווינץ“, אין יאַקאָוו טויסקס „איין שיין נייא ליד פון משיח“ און אין א סאַך אַנדערע פּאָעטישע און פּראָזאִישע ווערק איז מיט אן אויסערגעוויינלעכער פּינקטלעכקײַט און דראַמאַטיזם איבערגעגעבן דער אומרו און די טראַגיק פון דעם דעמלטיקן ייִדישן לעבן.

פון א באַזונדער ווערט איז די רײַכע מעמואַרן־ליטעראַטור, וואָס איז דעמלט געשאַפן געוואָרן. כאָטש דעם היפּשן דערקענטעניש־מאַטעריאַל פאַרמאָגן אייניקע ווערק פון דעם זשאַנער אויך באַשטימטע ליטעראַריש־קינסטלערישע מײַלעס. עס איז גענוג צו דערמאָנען די זיכרוינעס פון גליקל האַמעל, וואָס וואַקסן ווײַט אַריבער די ענגע ראַמען פון אן איינפאַכער מישפּאָכע־כראָניק. גליקל האַמעל באַשרײַבט די געשעענישן רעאַליסטיש, די בילדער אין איר בוך זײַנען אײַנדרוקספול, די מענטשן — רעליעף און פּלאַסטיש. די זיכרוינעס זײַנען געשריבן מיט זייער א רײַכער און זאַפטיקער שפּראַך. גליקל האַמעל האָט פאַרמאָגט א שטאַרקן עפּישן און לירישן טאַלאַנט. אין די זיבן ביכער פון אירע זיכרוינעס איז פאַראַן א רײַכער און פאַרביקער שטאָף וועגן דעם מאַטעריעלן און גײַסטיקן לעבן אין דער צווייטער העלפט XVII יה.

די באַדײַטנדיקסטע געשעעניש אין דער ליטעראַטור פון יענער צײַט איז דאָס אַנטשטיין פון דער וועלטלעכער נאָוועלע, ווו דער סוזשעט איז דורכגעדרונגען מיטן גײַסט פון באַראָקאָ. אַלס ערשטער בוילעטער מוסטער קאָן דינען די פּרעכטיקע „מעשה בריאה וזימרה“.

די טעמע און אייניקע סוזשעטישע מאָמענטן אין דער נאָוועלע רופן אַרויס געוויסע אַסאָציִאַציעס מיט שעקספּירס „ראָמעאָ און דזשוליעטע“. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ניט קיין רעזולטאַט פון דירעקטע האַשפּאָעס. גיכער פון אַלץ איז עס א מערקווירדיקע אַנאַלאָגישע דערשײַנונג, א רעזולטאַט פון דעם, וואָס סײַ דער גרויסער שעקספּיר און סײַ דער אַנאָנימער ייִדישער נאָוועליסט האָבן געשעפּט פון איינעם און דעם זעלבן קוואַל — פון דער איטאַליענישער נאָוועלע. די אַלטע ייִדישע ליטעראַטור־פאָרשונג האָט געהאַלטן, אז אין XVII יה. האָט די אייראָפּעיִשע קולטור קיין אײַנפלוס אף דער ייִדישער ליטעראַטור ניט געהאַט. די געטאָ־טויערן זײַנען הערמעטיש געווען געשלאָסן פאר דער אַרומיקער זינדיקער און פאַרדאָרבענער וועלט, די ייִדן האָבן פאָרגעזעצט זייער אַלטן פּאַטריאַרכאַלן לעבנסשטייגער און האָבן געשאַפן אן אויסשליסלעך רעליגיעזע ליטעראַטור.

ווי ווײַט דאָס אַנטשפּרעכט ניט דער היסטאָרישער ווירקלעכקײַט, באַווײַזט אפילע די מוסער־ליטעראַטור, אף וועל־

כער די פאָרשער זײַנען זיך סוימעך. זי איז טאַקע אין דער ערשטער ריי א ריין עטיש־רעליגיעזע ליטעראַטור, אָבער לויט איר גופא איז צו זען, אז די ארומיקע סוויווע, קעגן וועלכער זי טרעט ארויס, איז געווען א וועלטלעכע.

לאָמיר אָף א ווײַל זיך צוהערן, וואָס באומרויִקט די אוטאָרן פון דער מוסער־ליטעראַטור. דער מעכאבער פון דעם „בראַנטשפּיגל" (1602) קאָן זיך בעשום־אויפן ניט באַרויִקן, וואָס „יונגע ווײַבער ציִען זיך שיין אָן, גלאַנצין דעם מאַן אינש פּנים אריין און טאַנצין מיט פרעמדע לייט און בחורים".

צווי־הירש קוידאַנאָווער — דער אוטאָר פון „קב הישר" (1705) — איז אויסער־זיך פון קאַס, וואָס עס „זײַן פאַר האַנדין פיל מענטשין, וואַש דיא לאַזין לערנין זייערע קליינע קינדער צו ריידן נאַר פראַנצויזיש לשון", ער גייט פון די קיילים ארויס, וואָס אויך די ייִדישע פרויען גייען מיט אָפּגעדעקטע קעפּ און קליידן זיך אזוי, אז די ברוסטן זײַנען בא זיי האַלב אַנטבלויזטע.

און אויב גלייבן דער גוויִעס־איידעס פון עלכאַנאַן־הענדל קירכהאַן, דעם מעכאבער פון „שמחת הנפש" (1707), האָט מען דעמלט געהאַלטן אין איין פּראַווען סודעס, אָף וועלכע מע האָט נאָר געזויפט און געשיקערט. און ווו „נשים ובתולות אירע קולות לאָזן הערן ווי די הורן און לאָזן זיך ניט אבווערן, דאָס מאַן מיטן אין דער דרשה מוז אויף הערין. און ווען די דרשה איז פאַרבײַ, קומען ווידער דיא חוצפה לידר ארבייא, מיט יוכצן און שאַלן און זינגען. מיט הענט און פיס טוט מען קלאַפּן און אָף דעם טיש שפּרינגען"...

עס איז באַשטימט קיין צופאַל ניט, וואָס אין דער זעלבער צײַט און אין דער זעלבער סוויווע, וועלכע ווערט געשילדערט אין דער מוסער־ליטעראַטור, זײַנען אַנטשטאַנען נאָוועלן אין דעם גײַסט פון „דעקאַמעראָן". דאָס איז קענטיק פון א טייל נאָוועלן אין דעם „מעשה־בוך" (1602). די זעלבע אַטמאָספער פילט זיך אין די דערציילונגען „מעשה פון איין כלה", „מעשה מאַן און ווײַב", „מעשה פון שלמה המלך", וואָס זײַנען געשאַפן געוואָרן אין דער צווייטער העלפט XVII יה. צו דעם מין ליטעראַטור קאָן מען אויך צורעכענען יויסעף מאַרשנס „שייני ארנטליכי גישיכטן" (1710), אין וועלכן עס זײַנען אײַנגעשלאָסן זיבן איבערזעצונגען פון „דעקאַמעראָן".

עס איז אויך באַשטימט קיין צופאַל ניט, וואָס אין יענער צײַט האָבן זיך באַוויזן די ערשטע פּורים־שפּילן — דער האַפּערדיקסטער זשאַנער אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

די קרויווּעשאַפט פון די פּורים־שפּילן מיט דער אייראָפּעיִשער קאָמעדיע דעלאַרטע און מיט באַראָקאָ האָט, זײַנערצײַט, אויספירלעך אויסגעפאָרשט י. שיפּער אין זײַן „געשיכטע פון ייִדישער טעאַטער־קונסט און דראַמע" (באַנד I, וואַרשע, 1923, באַנד II, וואַרשע, 1925).

אונדזער ליטעראַטור־פאָרשונג האָט ביז הײַנט ניט געדעקט דעם כויוו, וואָס זי איז שולדיק די אַלטע אַנאָנימע מעכאַברים פון אָט די אייגנאַרטיקע פאָלקס־קאָמעדיעס. פאַראַן צווישן די פּורים־שפּילן אַזעלכע, וואָס האָבן זיך דערהויבן צו אייגנאַרטיקע פּאָעטישע ווערק. אין זיי זײַנען שוין פאַרזייט די זוימען פון דעם סאַטירע־ און גראָטעסק־זשאַנער אין דער ייִדישער ליטעראַטור. שפּורן פון זייערע ווירקונגען קאָן מען געפינען אין די קאָמעדיעס פון דער האַסקאָלע־באַוועגונג, אין דער דראַמאַטורגיע פון א. גאָלדפאַדען, בא איציק מאַנגערן, וואָס האָט אַליין דערקלערט, אַז „דאָס שעלמישע מיצל פונעם ייִדישן פּורים־שפּיל האָט מיר קעסיידער געשוועבט פאַר די אויגן".

עס איז עפּשער אינטערעסאַנט צו באַטאָנען, אַז גראָד ניט־ייִדישע פאָרשער האָבן לאַנג שוין באַמערקט, אַז אין די פּורים־שפּילן „געפינען זיך צומאָל פּערל פון גוטע אײַנפאַלן און נוצלעכן אָנלערנען". גלײַך נאָך זייער אויפקום, אין דער עפּאָכע פון באַראָקאָ, האָבן זיך מיט זיי באַשעפטיקט די דײַטשישע געלערנטע יאָהאַן קריסטאָף וואַגענזייל (1633—1705), יאָהאַן יאַקאָב שודט (1664—1722) אא. דער לעצטער האָט אין פערטן טייל פון זײַן בוך „ייִדישע מערקווירדיקײַטן" אײַנגעשלאָסן, אין אָריגינאַל און אין א דײַטשישער איבערזעצונג, דעם פולן טעקסט פון צוויי פּורים־שפּילן. ער האָט זיי אויך באַגלייט מיט א אינטערעסאַנטער באַשרײַבונג, וויִאזוי זיי זײַנען געשפּילט געוואָרן אין דער פראַנקפורטער געטאָ.

כוץ געציילטע אויסנאַמען, איז אין דער ייִדישער ליטעראַטור פון דעם מיטלאַלטער זעלטן צו טרעפן א פרײלעכן און גוטמוטיקן שמייכל. דער הימל איבער איר איז מערסטנטייל מאָרעשכוירעדיק פאַרכמאַרעט. די סאַטירע און דער הומאָר באַקומען א ברייטע אַנטוויקלונג ערשט אין דער עפּאָכע פון באַראָקאָ. מיט אַן אייגנאַרטיקן הומאָר איז דורכגעדרונגען א טייל נאָוועלן פון דעם „מעשה־בוך" (1602), אולמא זעליגמאַנס „צוכט־שפּיגל" (1610), ווו עס זײַנען:

„אלי שפּריך ווערטער דורך צוכט גימאַכט
וואָל פאַר טייטשט און וואָל ביטראַכט,
און נאָך דעם אלף בית מסדר גיוועזן
עס וועט זיך פרייען דער דרינען וועט לעזן..."

א וויכטיקע דערשײַנונג אין דער דעמלטיקער ליטעראַטור זײַנען די פאַרשיידענע מעשאָלים־זאַמלונגען. אין יאַקאָוו קאָפּעלמאַנס איבערזעצונגען פון בערעכיא האַנאַקדנס „משלי שועלים" (1585), אין דעם „קו־בוך" (1594), און באַזונדערס אין דעם פּרעכטיק אילוסטרירטן „ספר משלים" פון מוישע וואַליך (1697), האָט דער ייִדישער מאָשל דערגרייכט דעם ניוואָ פון אייראָפּעיִשן.

דער אייראָפּעיִשער באַראָקאָ־גײַסט פון אונדזערע מעשאָלים איז ניט געווען צום האַרצן די מעכאַברים פון דער מוסער־ליטעראַטור. די מעשאָלים, און באַזונדערס די בילדער און צייכענונגען, מיט וועלכע זיי זײַנען געווען באַצירט, האָבן בא זיי ארויסגערופן א שטאַרקן גרימצאָרן. ייִצכאָק בען עליאָקום פון פּויזן, דער אוטאָר פון דעם מוסער־בוך „לב טוב" (1620), האָט וועגן די מעשאָלים געשריבן, אַז עס „איז איין עבירה דרויס צו לייענען, די זעלביקע ביכער זיינען אייטל שיבושים". און בעעמעס, ווי האָט דער פרומער ייִצכאָק בען עליאָקום געקאָנט גלײַכגילטיק פאַרבײַגיין, לעמאָשל, א האָלץ־שניט מיט דער „צורה פון דעם פאַר ליבטן ווייב, ווי זי מיט דעם בחור איר צייט פאַרטרייב"? שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס דער מאָשל אליין האָט אים פון די קיילים ארויסגעבראַכט: „און דער בחור טעט זיך איבער ריידן לאַסן, און זיי מיט אנאַנדער אויף דעם בעט זאַסן, און טעטן מיט אנאַנדער טרינקען און עסן. און וואָס זיי זאַנסט מיט אנאַנדער טעטין האָב איך פאַר געסין"...

די עטישע און סאָציִאַלע פּראָבלעמען, וואָס ווערן באַהאַנדלט אין די מעשאָלים, זײַנען, אַזוי צו זאָגן, אַלמענטשלעך. דאָס איז, אויב מע קאָן זיך אזוי אויסדריקן, דער סאַמע וועלטלעכער זשאַנער אין דער אַלט־ייִדישער ליטעראַטור.

די דיכטונג פון יענער צײַט איז מערסטנטייל א געזעלשאפטלעכע. עס איז צו אונדז דערגאנגען א גרויסע צאָל לידער און פּאָעמעס, אין וועלכע עס ווערן געשילדערט בילדער פון פּאָגראָמען און גיירושים. זיי לייענען זיך ווי דערשיטערנדיקע מאָנאָלאָגן פון א גרויסער דראמע וועגן די טראגישע געשעענישן אין יענער צײַט.

ניט קוקנדיק אָבער אף דער אומזיכערקייט און הילפסלאָזיקייט, וואָס האָט געהערשט אין דעם דעמאלטיקן לעבן, און עפשער ווי א פּראָטעסט קעגן דעם, האָט דער ייִדישער מענטש, פונקט ווי זײַן ניט־ייִדישער מיטצײַטלער, געגארט נאָך „פריילעכקײַט און געזעליקײַט".

„ברענגט הער דאָס בעסטע עסען
דאס איר האבט אין דעם הויז.
דעם וויין גיבט אונדז אונגעמעסען
מיר זויפן אין דאך אלער אויס..."

א פארטיפט בילד וועגן דעם, ווי מיר דריקן זיך הײַנט אויס, לירישן העלד פון דער צײַט העלפט אונדז זיך שאפן די ליבע־ליריק, אָדער, ווי מע פלעגט זי דעמאלט רופן, „כאָסן־קאלע־לידער".

די לידער, געשריבענע „בניגון האלב שווארץ האלב ווייס", דריקן אויס, מיט א רירנדיקער פּאשטעס און אומיטלבארקײַט, די אינטימע און עמאָציאָנעלע איבערלעבענישן פון דעם יונגן מענטשן.

„שיין יונג פרוי, שיין יונג פרוי!
נעמט אלזאָ פאר גוט....

— — — — — — — — — — —

אייער צארטער יונגר לייב,
האָט מיך אין ליב פארוונד,
אייער אויגליין קלאָר,
דער צו אייער רויטר מונד...
שליסט אייער אָרעם איין
וויל אין דעם מיין
זאָ ווערט מיין הערץ גיזונד..."

דאָ איז עפשער וויכטיק צו באמערקן, אז שוין אין יענער ווײַטער צײַט האָט דער ייִדישער שרײַבער דעם באגריף מענטש אופגענומען ניט נאציאָנאל־באגרענעצט, נאָר ארײַנגעלייגט אין אים א ברייטן, אוניווערסאלן אינהאלט.

נאָך אין אָנהייב פון XVII יה. האָט זאלמען־צווי פון אויפנהויזן געשריבן אין זײַן פּאָלעמישן ווערק „ייִדישער טעריאק"[1] (1615): „מאן מוז יעדן מענטשן מיט טרייהערשאפט אנטפאנגען, ווי חכמינו ז״ל זאָגן אין פרקי אבות הוי מקדים בשלום כל אדם, דאָס איז — זײַ פלײַסיק אלע מענטשן גריסן און אנטפאנגען. און עס שטייט דרום כל אדם, דאס עס קיין חילוק זאל זיין צווישן יהודי אָדער גוי, נייערט אלע מענטשן גלייך"...

אָט דעם מאָטיוו געפינען מיר אויך אין א סאך אנדערע ווערק. ווי א פאראַל האָט אים איבערגעכאפּט עלכאָנאָן קירכהאן, וואָס האָט געלעבט מיט הונדערט יאָר שפּעטער:

„אף איין מענטש טוט קיין איבל ווארט ריידן ארויז,
ער מעג זיין אנדערש ווו, אָדער אין דיינעם הויז,
ער מעג זיין אָרעם אָדער רייך,
יהודי אָדער נכרי, האלט אלע צוגלייך..."

די ווערטער פון זאלמען־צווי פון אויפנהויזן און די ליד פון עלכאָנאָן קירכהאן באשײַנען, ווי צוויי העלע פאקלען, דעם ליקעכאמעדיקן וועג פון דער ייִדישער ליטעראטור אין XVII יה.

מעגלעך, אז אויך דאָס האָט אין זינען געהאט דער בארימטער דײַטשישער געלערנטער י. ק. וואגענזייל, ווען ער האָט אין סאָף XVII יה. געשריבן וועגן דער ייִדישער ליטעראטור: „עס איז ניטאָ קיין בעסער מיטל אָפּצוטרײַבן די זאָרגן, שווערע געדאנקען און טרויעריקײַטן, ווי מיט די ייִדיש־טײַטשע ביכער; דאָס גוטע אין זיי באשטייט אין דעם, וואָס זיי האָבן אין זיך ניט קיין בייזע רייד, וועלכע קאָנען די גוטע זיטן פארדארבן. מערסטנטייל אנטהאלטן זיי אין זיך לויטערע זאכן, וואָס אי זיי ווײַלן, אי זיי דינען דער גוטסקײַט און ערלעכקײַט"...

ל. פּאָדריאטשיק

---

1 א היילמיטל פון גראָזן.

בלעטערנדיק זשורנאלן און צײַטונגען

א בליק אף פויכטוואנגערס שאפונג

דער ארכיוו־פאָנד פון דער מײַרעוו־בערלינער קונסט־אקאדעמיע איז באַרײַכערט געוואָרן מיט ליאָן פויכטוואַנגערס ליטעראַרישער ירושה. דעם גרונט־טייל פון די דאָקומענטן האָט איבערגעגעבן פערזענלעך דעם שרײַבערס אלמאָנע מארטע פויכטוואנגער, די איבעריקע מאַטעריאלן האָט דער ליטעראַטור־פאָרשער וואלטער כודער צונויפגעזאמלט אין ענגלאנד, שוועדן און שווייץ.

מיט א קורצער צײַט צוריק האָט די קונסט־אקאדעמיע אָרגאניזירט אן אויסשטעלונג, געווידמעט פויכטוואנגערס שאפונג. עס זײַנען דעמאָנסטרירט געוואָרן 609 עקספּאָנאטן, אײַנגעשלאָסן ווערטפולע מאנוסקריפּט־פראגמענטן פון ליאָן פויכטוואנגערס ביכער.

פויכטוואנגער האָט איבערגעלאָזט פיל ווערק, וועלכע זײַנען אין גרונט געשריבן אף א היסטאָרישן מאטעריאל. זיי אלע זײַנען, פארשטייט זיך, אייגנצײַטיק געווען אן אָפּשפּיגלונג פון הײַנטצײַטיקע פּאָליטישע און סאָציאלע פּראָבלעמען. ביז גאָר אינטערעסאנט איז פויכטוואנגערס פארנאָטירונג, פון וועלכער עס איז צו זען, אז לעכאטכילע האָט ער געפּרוּווט לייזן די אינערלעכע פּראָבלעם פונעם ראָמאן „דער ייִד זיס" אפן בײַשפּיל פון א קאָנקרעטער פערזענלעכקײַט — וואלטער ראטענאו, נאָר דאָס האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן. וואלטער כודער שרײַבט אין זײַן קאטאלאָג: „די געשיכטע איז געווען פאר אים (פאר פויכטוואנגערן. — רעד.) ניט קיין רעזולטאט, נאָר א פּראָצעס. ער האָט די צײַט־פראגן אָנגעטאָן אין היסטאָרישע אָנצוגן און גרימירט זיי הינטער די קוליסן פון דער פארגאנגענהײַט, קעדיי צו געבן אן ענטפער אף פּראָבלעמען פון דער צוקונפט און פון דער קעגנווארט".

אף דער אויסשטעלונג זײַנען דעמאָנסטרירט דעם שרײַבערס ראָמאנען און דראמען, צווישן אנדערע — די גאָר פריִע פּראָזע־ווערק, צוויי פארצייכענונגען, וועלכע פויכטוואנגער האָט אָנגעשריבן אין עלטער פון זיבעצן יאָר אין מינכען, ווי אויך איבערזעצונגען פון לידער און פּראָזע. דאָס ערשטע גרויסע ווערק פון פויכטוואנגערן איז געווען די פּיעסע „ווארען האסטינגס", אָנגעשריבן אין 1916. אין צוזאמענהאנג דערמיט איז באזונדערס אינטערעסאנט די פאָטאָגראפיע, וועלכע באַווײַזט א סצענע פון אָט דעם ספּעקטאקל אין דער אופירונג פונעם בערלינער דראמאטישן טעאטער. דער ספּעקטאקל איז געשטעלט געוואָרן אין 1928, די הויפּט־ראָלן שפּילן ר. פאָרסטער און וו. פראנק.

דעם שרײַבערס ערשטער ראָמאן „די העסלעכע הערצאָגינע", אדאנק וועלכן ער איז געוואָרן וועלט־בארימט, איז אָנגעשריבן אין 1923. אין ראָמאן ווערט באַוויזן דער קאמף פון די לוקסעמבורגס, האבסבורגס און וויטעלסבאכס פאר דער מאכט אין טיראָל און דער טראגישער גורל פון דער „העסלעכער הערצאָגינע" מארגארעט מאולטאש. צוזאמען מיט בערטאָלד ברעכטן זײַנען אָנגעשריבן די פּיעסן „דאָס לעבן פונעם ענגלישן קיניג עדווארד II" און „די נאפט־אינדזלען", א סאך שפּעטער — דער קלענערער ראָמאן „די כאלוימעס פון סימאָנע מאשאר".

דער גרונט־ציל פון דער אויסשטעלונג — באַווײַזן פויכטוואנגערס עטלעכע לעבנס־עטאפּן און באשטעטיקן דאָקומענטאל אלע זײַנע ווערק. ווי עס באטאָנט וואלטער כודער, דארף מען פויכטוואנגערס באדײַטונג אלס אווטאָר דערווײַזן ניט דורך באזונדערע ווערק, נאָר דורך זײַן שאפונג אינגאנצן גענומען. אגעוו, אין דער פעדעראטיווער רעפּובליק שענקט מען נאָך ביז איצט פויכטוואנגערס שאפונג ווייניקער אופמערקזאמקײַט, איידער, לעמאָשל, אין ענגלאנד אָדער רוסלאנד.

(„וועלט", האמבורג)

דער טויט־גײַסט, וואָס איז ארויסגעלאָזט געוואָרן אין האָליווּד

מיט א קורצער צײַט צוריק איז אינעם אמעריקאנער שטעטל בעל אייר ראָצכיש דערמאָרדעט געוואָרן די באוווּסטע שוישפּילערן שאראָן טעיט, די פרוי פון איינעם פון די האָליווּדער רעזשיסערן — ר. פּאָלאנסקי, וועלכער האָט זיך ספּעציאַליזירט אף פּראָדוצירן „גרויל־פילמען". טעיט איז אין מאָמענט פונעם מאָרד געווען שוואנגער. צוזאמען מיט איר זײַנען אומגעקומען פיר פרײַנט אירע, וועלכע זײַנען אין יענעם אָוונט געווען בא איר צוגאסט. אינעם ווײַטער געבראכטן ארטיקל פונעם אמעריקאנער קינאָ־קריטיקער, דעם באוווּסטן פּובליציסט פיליפּ באָנאָסקי, ווערט דערציילט וועגן דעם דאָזיקן מאָרד און וועגן זײַנע הינטערקוליסן.

מענטשן, וועלכע האָבן אליין געזען די טראגעדיע, וועלן ניט קאָנען קומען צו־זיך ביזן לעצטן טאָג פון זייער לעבן. יעדעס מאָל, ווען טעיטס מאן נעמט אין די הענט אן אמעריקאנער צײַטונג, אָדער ער שליסט אײַן דעם טעלעוויזאָר, צי ער גייט אין קינאָ, לעבט ער נאָכאמאָל און ווידעראמאָל איבער דעם מאָרד פון זײַן פרוי און קינד, וואָס וועגן דעם שרײַבט ציניש און באנאל אונדזער בולווארד־פּרעסע.

דער קולט פון מאָרד פארנעמט דאָס הערשנדיקע אָרט אין דער עצעם אטמאָספער פון די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע. ער דרינגט ארײַן אין דער קולטור. ער וואקסט געזעצמעסיק אויס פון די סאָציאלע פארהעלטענישן אין לאנד. דער באזונדערער סטיל, אין וועלכן דער מאָרד איבער שאראָן טעיט איז באגאנגען געוואָרן, פירט ארוף אפן געדאנק, אז דער פארברעכער האָט פון די שטראָף־אָפּעראציעס, וועלכע ווערן דורכגעפירט אין וויעטנאם קעגן דער אָרטיקער באפעלקערונג, איבערגענומען דעם מעטאָד פון צעגלידערן קערפּערס אף באזונדערע אייוורים.

ווען מע האָט טעיטס מאן געבעטן, ער זאָל אָנרופן די נעמען פון די מעגלעכע פארברעכער, האָט ער איבערגעגעבן אין דער פּאָליציי א רעשימע פון זײַנע געסט — פרײַנט און באקאנטע. דאָס באטײַט, אז א מענטש, וואָס איז געזעסן מיט אים בא איין טיש, צוזאמען מיט אים געגעסן און געטרונקען, האָט געקאָנט זײַן דער פּאָטענציעלער מערדער פון זײַן פרוי און קינד.

אַנאָמאַליע, אומזין, היסטעריע — אַלע קרענקלעכע פּאַרמען, וואָס דערשיטערן דעם גײַסט און די נערוון, זײַנען געוואָרן באַזונדערס פאַרשפּרייט אין דער אַמעריקאַנער קונסט און, נאָך מער, אינעם לעבן. די „פילאָסאָפיע״ פון סאַדיזם — מאַזאָכיזם ווערט ענערגיש פאַרשפּרייט אין דער געזעלשאַפט, אין דער קונסט. עס ווערן קולטיווירט פאַרקריפּלונגען פון דעם מענטשנס פּסיכיק, מע באַטראַכט זיי אפילו אַלס א שפּיל. און ביז איצט האָט קיין איינציקער פון אונדזערע קינסטלער קיין איין מאָל ניט אָנערקענט, אַז ער טראָגט די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר אַזאַ מאַראַלישן קלימאַט אין פּשע, וואָס באַגינסטיקט דעם אויפבלי פון סאַדיסטישע מאָרדן.

פּאָלאַנסקי אַליין האָט קולטיווירט פּאַטאָלאָגיע, און ער האָט דערלעבט דערצו, אַז ער האָט דערזען אויף דער וואָר דעם טויט-גײַסט, וועלכן ער האָט אַרויסגעלאָזט אויפן עקראַן. ווי פיל אַנדערע אַמעריקאַנער רעזשיסערן, האָט ער „פאַרגעסן״, אַז די סאָציאַלע קרעפטן, וועלכע ער מאָלט מיט קינסטלערישע מיטלען, עקזיסטירן אין לעבן, און ניט בלויז אויף דער סצענע אָדער אויפן עקראַן, — די דאָזיקע קרעפטן זײַנען געפערלעך. עס איז אוממעגלעך צו פּאָעטיזירן א פאַרברעכן, ווי טאַלאַנטפול די פּאָעטיזירונג זאָל ניט זײַן, — און דערבײַ ניט טראָגן די סאָציאַלע פאַראַנטוואָרטלעכקײַט דערפאַר.

די טענדענץ, וואָס האָט איצט אָן אומגאַנג, באַזונדערס אין אַמעריקע, די טענדענץ צו שטעלן א וואַסערשייד צווישן דער קונסט און דעם לעבן, צו אָפּלייקענען די פאַרבינדונג פון דער קונסט מיטן לעבן, צו אָפּזאָגן זיך פון דער מאָראַלישער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר רימען און לויבן אין דער קונסט דאָס, וואָס אין לעבן איז עס פאַרברעכעריש, — די דאָזיקע טענדענץ גייט אונדז גלאַט ניט אַראָפּ.

מע טאָר ניט פאַרוואַנדלען א פאַרברעכן אין א שפּיל, אין ספּאָרט, אין עפּעס אַזוינס, וואָס איז אומשולדיק-איראַציאָנעל.

די נייטיקסטע פונקציע פון דער קונסט הײַנט — און זי דאַרף שטענדיק זײַן אַזאַ — איז דעמאַסקירן די קאָרופּציע פון דער געזעלשאַפט און ניט סטימולירן זי, ניט דערהייבן זי צו א טוגנד, נאָר אָנרופן דעם דאָזיקן כאַאָס בײַ זײַן נאָמען און קעמפן קעגן אים.

פונקט ווי מאַרטין לוטער קינג און די צוויי קענעדיס, איז אויך שאַראָן טעיט געפאַלן א קאָרבן פון דער געוואַלט-העפקייערס אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט. קיין איין קינסטלער טאָר זיך ניט אַרויסדרייען פון עמעס, און, אויב ער וויל לעבן אַליין און ראַטעווען די נאַציע, מוז ער קעמפן קעגן דער דעגראַדאַציע, ניט מיטהעלפן איר.

פּיליפּ באָנאָסקי („קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ״)

דער וועג צו פּאָפּולאַריטעט

אין 1969 האָט די שוועדישע אַקאַדעמיע צוגעטיילט די נאָבעל-פּרעמיע פאַר ליטעראַרישע ווערק דעם 63-יאָריקן דראַמאַטורג סעמיועל בעקעט. אין דער מיטטיילונג וועגן דעם ווערט געזאָגט, אַז די פּרעמיע איז צוגעטיילט דעם דראַמאַטורג פאַר „שעפערישער מי, וועלכע האָט אַדאַנק די נײַע פאָרמען פון פּראָזאַישע און דראַמאַטורגישע ווערק אָפּגעשפּיגלט א וויכטיקע ראָליע אינעם אַנטפּלעקן דעם דאַלעס פונעם הײַנטיקן מענטשן״.

עלנט און ייִעש זײַנען די פירנדיקע טעמעס אין די ווערק פון ס. בעקעט, באַזונדערס אין זײַנע פּיעסן.

העכער 20 יאָר האָט ס. בעקעט געשריבן לידער און ראָמאַנען, וועלכע זײַנען גאַנץ ווייניק באַקאַנט. ערשט די פּיעסע „וואַרטנדיק אויף גאָדאָ״, אָנגעשריבן אין 1952, האָט געבראַכט דעם דראַמאַטורג אָנערקענונג.

איינער פון די גרויסע קריטיקער האָט אָנגערופן ס. בעקעטס פּערסאָנאַזשן: „עלנטע מענטשן, וועלכע גאָט האָט פאַרלאָזט און פון וועלכע יעדערער קערט זיך אָפּ מיט עקל״.

סעמיועל בעקעט איז געבוירן אין אַפּריל 1906 אין דובלין, אין א פּראָטעסטאַנטיש געזינד. בילדונג האָט ער באַקומען אין דובלינער קאָלעדזש „טריניטי״, דערנאָך אינעם אָלסטערישן קאָלעדזש „פּאָרטאָראַ ראָיאַל סקול״. אין 1928 איז ער געוואָרן א לערער פון ענגלישער שפּראַך און ליטעראַטור אין פּאַריזער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. דאָרט האָט ער זיך באַקאַנט מיטן באַוווּסטן אירלענדישן ליטעראַט דזשיימס דזשאָיס. אין צוויי יאָר אַרום האָט ס. בעקעט זיך צוריקגעקערט אין דובלינער קאָלעדזש „טריניטי״ און פאָרגעזעצט דאָרט זײַן אַרבעט אַלס לערער. ערעוו דער צווייטער וועלט-מלחמה האָט ס. בעקעט זיך געפונען אין אירלאַנד, נאָר באַלד ווי די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, האָט ער זיך אומגעקערט קיין פראַנקרײַך און אַרײַנגעטראָטן אין דער ווידערשטאַנד-באַוועגונג. דער נאָכמלחמה-פּעריאָד איז געווען באַזונדערס פּרוכטבאַר אין ס. בעקעטס שאַפונג.

אין 1963 האָט ס. בעקעט אונטערגעשריבן א דעקלאַראַציע, אין וועלכער ער האָט, צוזאַמען מיט נאָך 47 דראַמאַטורגן, געגעבן צו וויסן, אַז ער וועט ניט דערלויבן צו שטעלן זײַנע פּיעסן אין קיין איינעם פון די טעאַטערס פון דער דאָרעם-אַפריקאַנישער רעפּובליק, אויך אין די טעאַטערס פון די לענדער, ווו עס האָט אָן אָרט דיסקרימינאַציע קעגן מענטשן מיט א קאָלירטער הויט.

סעמיועל בעקעט שרײַבט ראָמאַנען און פּאָעמעס אויף פראַנצויזיש און זעצט זיי אַליין איבער אין ענגליש.

ווען עס איז דערשינען די מיטטיילונג, אַז ס. בעקעט איז באַלוינט מיט דער נאָבעל-פּרעמיע, האָבן די צײַטונגס-קאָרעספּאָנדענטן אַרומגעזוכט דעם דראַמאַטורג און ניט געקאָנט אים געפינען. מע שמועסט, אַז ער באַהאַלט זיך אויס אונטער א פרעמדן נאָמען ערגעץ אין טוניס, כדי אויסמײַדן דעם טומל, וואָס איז פאַרבונדן מיט פּלוצלינגדיקן וועלט-רום.

(„דיילי-טעלעגראַף״, לאָנדאָן)

כראָניק

דערשינען אמשי ניורענבערגס מעמוארן

דאָס בוך, וואָס מיר האָבן אָקאָרשט באקומען, שמעקט נאָך מיט פרישער טיפּאָגראפישער פארב. דער אווטאָר פון דעם בוך, וואָס איז באטיטלט מיטן נאָמען „זיכרוינעס, באגעגענישן, געדאנקען וועגן קונסט"[1], איז אמשיי ניורענבערג — איינער פון די אָנגעזעענסטע פארשטייער פונעם עלטערן דאָר ייִדישע סאָוועטישע קינסטלער.

א. ניורענבערגס זיכרוינעס איז א קונסט־ווערק סײַ לויט דער מײַסטערהאפטער אויספירעמונג, סײַ לויט דער צוגענגלעכער און זאפטיקער ליטערארישער שפּראַך.

אינעם בוך זײַנען אײַנגעשלאָסן דעם קינסטלערס אריבער פופציק געמעלן.

א גרויס אָרט פארנעמען אינעם בוך די קאפּיטלען וועגן וולאדימיר מאיאקאָווסקי, איסאק באבעל, עדואַרד באגריצקי און איוואן מאליוטין, מיט וועלכע אמשיי ניורענבערג האָט שעפעריש מיטגעארבעט אין די „פענצטער פון ראָסטא". א טייל פון אָט די זיכרוינעס איז בעשײַטע פארעפנטלעכט געווען אין זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד".

מיט אינטערעס לייענען זיך די זײַטלעך וועגן ניורענבערגס באגעגענישן מיט די קינסטלער פּ. קאָנטשאלאָווסקי, זשאָזעף בערנאר, ס. געראסימאָוו אאַ., ווי אויך דער אָפּטייל, געווידמעט דעם פּאריזשער פּעריאָד פונעם קינסטלערס שאפן.

[1] А. М. Нюренберг. Воспоминания, встречи, мысли об искусстве. Издательство «Советский художник». Москва, 1969.

נײַס פון אויסלאנד

דרײַסיקסטער יאָרצײַט — פון מוישע אָלגין

די ייִדישע פּראָגרעסיווע געזעלשאפטלעכקײַט פון אמעריקע האָט ניט לאנג צוריק אָפּגעמערקט דעם 30־טן יאָרצײַט פון מוישע אָלגין.

דעם אָנדענק־אָוונט לעקאָוועד דעם ערשטן רעדאקטאָר פון דער פּראָגרעסיווער טאָג־צײַטונג „מאָרגן־פרײַהײַט", וואָס איז פאָרגעקומען אין לאָקאל פונעם ניו־יאָרקער טאון־האָל, האָט געעפנט דער פארוואלטער פון דער צײַטונג כאיִם סולער.

מיט א גרעסערער רעדע וועגן לעבן און שאפונג פון מוישע אָלגין איז ארויסגעטראָטן דער שעף־רעדאקטאָר פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" פּייסעך נאָוויק, וועלכער האָט באזונדערס גענוי זיך אָפּגעשטעלט אויף דער ווירקונג פון אָלגינס געזעלשאפטלעכער און זשורנאליסטישער טעטיקײַט אויף דער אנטוויקלונג פון דער ייִדישער פּראָגרעסיווער פּרעסע אין די פאראייניקטע שטאטן.

דער אָוונט האָט זיך פארענדיקט מיט א קינסטלערישער פּראָגראם, אין וועלכער עס האָבן זיך באטייליקט דער פילהארמאָנישער פאָלקס־כאָר און קינסטלערישע פארלעזער. אפן קאָנצערט איז אויסגעפילט געוואָרן מוישע אָלגינס ליד „מײַן פאָן" (מוזיק פון א. ראָוון).

א פּרעמיערע אין שוועדישן טעאטער

די שוועדישע פּרעסע ברענגט פיל אָפּרופן וועגן דער שטעלונג פונעם ספּעקטאקל „א קאץ אין געטאָ" אין שטאָקהאָלמער „קיניגלעכן טעאטער".

דער ספּעקטאקל, אינסצענירט לויט דער נאָוועלע פונעם באקאנטן אמעריקאנער ייִדישן שרײַבער ראכמיִעל בריקס, איז געווידמעט די שוידערן אין די פאשיסטישע געטאָס. „סווענסקא דאגענבלאדעט" האָט באטיטלט אן ארטיקל וועגן דער שטעלונג מיט די ווערטער „הומאָר אין פאדערצימער פון גענעם", די צײַטונג „דאגענס ניהעטער" — „ייִדישע צאָרעס אין שפּיגל פון הומאָר".

די טעאטער־פּראָגראם צו דער שטעלונג איז ארויסגעגעבן געוואָרן אין א בראָשור־פאָרם און איז באגלייט מיט ביאָגראפישע ידיעות וועגן אווטאָר פונעם ווערק, וועגן דעם רעזשיסער פראנק זונדסטראָם און וועגן די ארטיסטן. עס זײַנען אויך אין דער בראָשור אײַנגעשלאָסן קורצע ארטיקלען וועגן דער געשיכטע פון ייִדישן פאָלק, וועגן דער ייִדישער ליטעראטור אין אמעריקע און וועגן לעבן פון די ייִדן אין אייראָפּע בײַס דער פאשיסטישער אָקופּאציע.

די פאריזשער ייִדישע קינסטלער שטעלן ארויס זייערע ווערק

לויט דער איניציאטיוו פון דער ייִדישער פאָלקס־אָרגאניזאציע „אוניאָן" איז אין פאריז אָרגאניזירט געוואָרן אן אויסשטעלונג פון ייִדישער פּלאסטישער קונסט. אין דער עקספּאָזיציע האָבן זיך באטייליקט 70 מאָלער, גראפיקער און סקולפּטאָרן. עס זײַנען פאָרגעשטעלט ווערק פון פארשיידענע סטילן און ריכטונגען.

די באזוכער פון דער אויסשטעלונג האָבן געהאט די מעגלעכקײַט זיך באקענען מיטן קלאסישן ארט מאָלן פון אזעלכע קינסטלער, ווי קעיטע מונצער און מארקיעל, מיט די פריידפולע פּייזאזשן פון די מאָלער בערמאן, בערטהעם, קאָזלאָווסקי, בערלאנט, האמבורגער און אנדערע. די האיאריקע אויסשטעלונג אויף רי דע פּאראדי, 14 ווערט אָפּגעשאצט ווי א שעפערישער סאכאקל פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער מאָלערײַ־קונסט אין פראנקרײַך.

פאַרשיידנס

די מאָרעשכוירעדיקסטע — די שרײַבער

דער ענגלישער שרײַבער דזשוליאַן מיטשעל האָט אָפּגעדרוקט אין אַן אַמעריקאַנער צײַטשריפט אַן אַרטיקל „די מאָרעשכוירעדיקסטע מענטשן אין ענגלאַנד — דאָס זײַנען די שרײַבער“.

די לאַגע פון די שרײַבער אין ענגלאַנד, שרײַבט ער, איז איצט באַזונדערס שווער. זיי פאַרדינען ניט אַף דער כאַיונע. די פאָרשונג, וואָס איז לעצטנס דורכגעפירט געוואָרן, האָט פעסטגעשטעלט, אַז די דורכשניטלעכע האַכנאָסע פון פּראָפעסיאָנעלע שרײַבער דערגרייכט ניט אַפילע צו 500 פונט אַ יאָר. דאָס באַטײַט, אַז די מערהײַט שרײַבער זײַנען געצווונגען צו זוכן זײַטיקע פּאַרנאָסעס, לעבן פון קיצווע אָדער געשוואָלן ווערן פון הונגער.

די שווערע מאַטעריעלע לאַגע צווינגט פיל שרײַבער צו „באַקן“ אײַליק ווערק, כּדי באַקומען אַ ביסל געלט. „פון די פיר טויזנט ראָמאַנען, וואָס ווערן דורכשניטלעך יעדעס יאָר אַרויסגעגעבן אין ענגלאַנד, פאַרדינען די אויפמערקזאַמקײַט פונעם לייענער עפּשער אַ טוץ. פאַר מיר איז קיין סאָפעק ניט, אַז מײַנע ראָמאַנען, ווי די ראָמאַנען פון אַנדערע שרײַבער, פאַרלירן זייער פיל איבער דער אײַליקײַט, מיט וועלכער זיי ווערן געשריבן“. עס פאַרערגערט דעם מאַצעוו דאָס, וואָס ס׳פעלן אין לאַנד ליטעראַרישע זשורנאַלן. פון די צוויי זשורנאַלן, וואָס דערשײַנען, ווערט איינער פינאַנסירט פונעם אַמעריקאַנישן אויסשפּיר. אין צווייטן וועט קיין שום באַרדאַס ניט שיקן זײַנע אַרבעטן, מאַכמעס דער העכסטער האָנאָראַר פאַר אַ דערציילונג באַטרעפט דאָ קוים 30 פונט.

דערפאַר באַמיִען זיך די ענגלישע שרײַבער קוידעמקאָל צו דרוקן זייערע ווערק אין אַמעריקע, וווּ דער ביכער־מאַרק איז פיל גרעסער און וווּ מע צאָלט מער. פון ענגלאַנד אַנטלויפן ניט בלויז די וויסנשאַפטלער, נאָר אויך די שרײַבער.

(„פאָלקס־שטימע“, וואַרשע)

דער רוף פון די עספּעראַנטיסטן

די אָנהענגער פון דער „אַלוועלטלעכער שפּראַך“ עספּעראַנטאָ זײַנען גרויסע אָפּטימיסטן. זיי זײַנען זיכער, אַז זייערע אידייען וועלן זיגן, און פריִער אָדער שפּעטער וועט די וועלט איבערגיין אַף דער אוניווערסאַלער שפּראַך. דאָ ניט לאַנג איז אין העלסינקי פאָרגעקומען דער 54־טער אַלוועלטלעכער קאָנגרעס פון די עספּעראַנטיסטן. זײַנע אָנטיילנעמער האָבן זיך געווענדט צו אַלע אָנהענגער פון עספּעראַנטאָ, אַז זיי זאָלן פאַרצווייפאַכן די אָנשטרענגונגען, פּראָפּאַגאַנדירנדיק די דאָזיקע שפּראַך ווי „דאָס בעסטע פאַרקער־מיטל צווישן די פעלקער“.

אַן אויטאָגראַף פון טאָמאַזאָ קאַמפּאַנעלאַ

דאָ ניט לאַנג האָט מען אין מאָסקווע אין די פאָנדן פון דער ביבליִאָטעק פונעם אינסטיטוט פון מאַרקסיזם־לעניניזם געפונען אַן אויטאָגראַף פונעם גרויסן איטאַליענישן פילאָסאָף, איינעם פון די פריִיקע פאָרשטייער פונעם אוטאָפּישן קאָמוניזם — טאָמאַזאָ קאַמפּאַנעלאַ.

ס׳האַנדלט זיך וועגן אַ באַדײַטנדיקן — העכער 30 שורעס — אייגנהאַנטיקן צוגאָב, וועלכן קאַמפּאַנעלאַ האָט אָנגעשריבן אַף די זײַטן פון זײַן בוך „די מאָשיִעך־מאָנאַרכיע“, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין 1633.

אַ פאַרמישפּעטער אַף לעבנסלאַנגער טפיסע, האָט קאַמפּאַנעלאַ געשריבן „די מאָשיִעך־מאָנאַרכיע“ ווינטער 1606—1607 אין די קעלערס פון נעאַפּאָליטאַנער טורמעס. בלויז מיט דער הילף פון פרײַנט, אָפּנאַרנדיק די וואַכזאַמקײַט פון די צענזאָרס, האָט זיך אים אײַנגעגעבן אין 1633 יאָר, אין אַ קליין איטאַליעניש שטעטל יעזי, אָפּדרוקן דעם בוך. נאָר די גײַסטלעכע מאַכטהאָבער האָבן זיך באַצײַטנס געכאַפּט: דער אָנדערהאַלבנטויזנטיקער טיראַזש פון דער אויסגאַבע איז טייקעף קאָנפיסקירט געוואָרן. ניט מער פון אָנדערהאַלבן צענדליק עקזעמפּליאַרן זײַנען דערגאַנגען צו אונדז.

אינגיכן איז קאַמפּאַנעלאַ אַנטלאָפן קיין פראַנקרײַך. ס׳איז באַוווּסט, אַז אים האָט זיך אײַנגעגעבן אַרויספירן מיט זיך עטלעכע זײַנע מאַנוסקריפּטן און ביכער; צווישן זיי איז געווען אויך דער געפונענער איצט אין מאָסקווע עקזעמפּליאַר פון דער „מאָשיִעך־מאָנאַרכיע“.

אַפן טיטל איז פאַראַן אַן אויפשריפט: „געשענקט פונעם אויטאָר זש.־ע. דע ריע 1 יאַנוו. 1636 י.“. זשאַן־עמאַניועל דע ריע, מאַרקיז ד׳אַסעראַק, האָט געהערט צום העכסטן ברעטאַנישן אַדל און איז געווען אין קרויוועשאַפט מיטן פראַנצויזישן קיניגלעכן הויז. די מיטצײַטלער האָבן געשריבן וועגן אים ווי וועגן אַ מוטיקן קריגספירער. ער האָט פאַרנומען וויכטיקע פּאָסטנס אין דער קיניגלעכער אַדמיניסטראַציע.

ס׳איז באַוווּסט, אַז אינגיכן נאָכן קומען קיין פראַנקרײַך איז קאַמפּאַנעלאַ פאָרגעשטעלט געוואָרן ליודאָוויק דעם צוועלפטן און איז געוואָרן נאָענט צו דער סוויווע פונעם קאַרדינאַל רישעליע. דער קאַלאַבריער אויפשטענד־

לער האָט ניט געזשאַלעוועט קיין אָנשטרענגונגען, קעדיי האָבן א ווירקונג אַף דער אויסערן־פּאָליטיק פון פראַנקרײַך. ער האָט געהאָפט מיט דער הילף פון פראַנקרײַך דערשלאָגן זיך די באַפרײַונג פון זײַן היימלאַנד, ווי, לויט זײַנע ווערטער, „דאָס רעכט און דער געזעץ — דאָס איז עפּעס אַזוינס, וואָס ס׳וועט נאָר זיך פאַרוועלן דער שפּאַנישער גיריקײַט און גרויסהאַלטערײַ“. אין זײַנע פּראָיעקטן און פאַמפלעטן האָט ער גערופן די פּאָליטישע טוער פון פראַנקרײַך צו א באַפרײַערישן מאַרש קיין איטאַליע.

אין דער ווענדונג צום קאַרדינאַל רישעליע האָט קאַמפּאַנעלא אַרויסגעזאָגט זײַן הויפּט־טרוים וועגן פאַרווירקלעכן די אוטאָפּיע פון א „זוניקער שטאָט“. ער האָט איבערגעאַרבעט דעם בוך „די מאָשיִעך־מאָנאַרכיע“ אין א נײַ ווערק אונטערן נאָמען „וועגן גאָטס קיניגרײַך“, ווו ער האָט די פּראָגראַם פון קאָמוניסטישער געזעלשאַפטלעכער אײַנאָרדענונג פאַרייניקט מיטן רוף צו אַלוועלטלעכער פאַראייניקונג פון די פעלקער. דער דאָזיקער טראַקטאַט, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן ניט לאַנג פאַרן טויט פונעם אַווטאָר אין דער „רעאַלער פילאָסאָפיע“, איז איינעם מיטן טראַקטאַט „די זוניקע שטאָט“ די פּאָליטישע צוואָע פון טאָמאַזאָ קאַמפּאַנעלא.

דער געפונענער עקזעמפּליאַר פון דער „מאָשיִעך־מאָנאַרכיע“ וועט דערלויבן די קאַמפּאַנעלאַ־פאָרשער פולער צו דערלערנען די עוואָליוציע פון די שטאַנדפּונקטן פונעם דענקער, פאַרפולקנטלעכן וויכטיקע פּראָטים פון זײַן ביִאָגראַפיע, צוגרייטן א וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבע פונעם טעקסט פון אָט דעם ווערק.

יע. קוטוזאָוו

(„ליטעראַטורנאַיאַ ראָסיִאַ“)

נאָכן טויט ווערט מען כאַשעוו

דער גרויסער רעוואָליוציאָנערער דענעמאַרקער שרײַבער מאַרטין אַנדערסען־נעקסע איז באַם לעבן ניט געבאַלעוועט געוואָרן אין זײַן היימלאַנד. מ׳האָט זיך באַמיט אים ניט צו באַמערקן. ערעוו דער דאַטע פון זײַן הונדערטסטן געבוירנטאָג האָט די דענעמאַרקער פּאָטשט געמאָלדן, אַז זי גיט אַרויס א פּאָטשט־מאַרקע מיטן פּאָרטרעט פונעם שרײַבער. לויטן באַשלוס פונעם קאָפּענהאַגענער שטאָטראַט איז אין דער הויפּטשטאָט געשטעלט געוואָרן נעקסען א דענקמאָל. אַף דעם הויז אין באָרנהאָלם, ווו ס׳איז דורכגעגאַנגען זײַן קינדהײַט, האָט מען צוגעפעסטיקט א מעמאָריִאַל־טאָוול.

אין קאָפּענהאַגענער שטאָטישן מוזיי און אין דער קיניגלעכער ביבליִאָטעק איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַן אויסשטעלונג פון אַנדערסען־נעקסעס ווערק און פון דאָקומענטאַלע מאַטעריאַלן וועגן זײַן לעבן. צו דער יובילײ־דאַטע זײַנען דערשינען דעם שרײַבערס פיר בענדער זיכרוינעס, וועלכע מ׳האָט שוין לאַנג ניט איבערגעדרוקט. ס׳ווערט אַרויסגעגעבן א זאַמלונג פון זײַנע ווערק.

(„פאָלקס־שטימע“. װאַרשע)

דער קייווער, האָט זיך אויסגעלאָזט, איז פּוסט

דער קייווער פונעם קײַזער פרידריך III אינעם ווינער טעמפּל פונעם הייליקן סטעפאַן איז, מעגלעך, איינס פון די אַמערסטן אײַנדרוקספולע ווערק פון דער שפּעטער גאָטיק.

פרידריך III האָט נאָך באַם לעבן — אין 1467 — באַפוילן צוטרעטן צו בויען זײַן קייווער. אָבער אין 26 יאָר אַרום, ווען דער קײַזער איז געשטאָרבן, איז דער קייווער נאָך ניט געווען גרייט, און פרידריך III איז צײַטווײַליק באַגראָבן געוואָרן אין די קאַטאַקאָמבעס אונטערן טעמפּל פונעם הייליקן סטעפאַן. בלויז אין 1513 איז דער קייווער געווען גרייט, און פרידריכס זון, מאַקסימיליאַן I, האָט געהייסן איבערטראָגן דאָס געביין פונעם קייסער אין סאַרקאָפאַג.

בײַ דער וויסנשאַפטלעכער עקספּעדיציע איבער די קוואָרים פונעם טעמפּל פון הייליקן סטעפאַן איז באַשטימט געוואָרן אויספאָרשן אויך דעם סאַרקאָפאַג פון פרידריך III. אַף וויפל אופהייבן די 9־טאָניקע פּליטע פונעם קייווער וואָלט געקאָסט זייער טײַער, און, דעריקער, ס׳איז געווען א געפאַר צו צעשעדיקן גופע דעם אַלטערטימלעכן דענקמאָל, האָבן די היסטאָריקער גערופן צוהילף רענטגען.

נאָך דעם, ווי דער קייווער איז אין מעשעך פון 4 שאָ מיט 20 מינוט געווען אונטער רענטגען־שטראַלן, האָבן די פאָרשער באַקומען א סענסאַציאָנעלן רעזולטאַט: די פאָטאָגראַפישע פּלאַסטינקע איז אינגאַנצן פאַרטונקלט. דאָס האָט באַטײַט, אַז דער סאַרקאָפאַג איז פּוסט.

ביז איצט האָבן נאָך די געלערנטע ניט געפונען קיין דערקלערונג פאַר אָט דעם אומגעריכטן פאַקט. די היסטאָריקער צווייפלען ניט אין דעם, אַז דאָס געביין פונעם קײַזער איז איבערגעטראָגן געוואָרן אין אַן אַנדער אָרט. ס׳איז א ספּאָפעק, צי מע קאָן האַלטן פאַר איבערצײַגעוודיק די האַשאָרע, אַז מע האָט דעם סאַרקאָפאַג באַראַבעוועט און איינעם מיט די ווערטפולע כפייצים האָט מען אַרויסגענומען דאָס געביין פונעם מאָנאַרך: אַפן קייווער זײַנען ניט פאַראַן קיין שום סימאָנים, אַז מע האָט אים געעפנט.

(„זאַ רובעזשאָם“)

שרײַבער און ווערק

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר

מיט 90 יאָר צוריק איז אין שטעטל מערעזשאַני (דאָרעס־רוסלאַנד) געבוירן געוואָרן דער ייִדישער סאָוועטישער פּובליציסט אווראָם מערעזשין.

אין די יאָרן פון בירגערקריג, ווען אף דער אוקראַיִנע האָבן געווילדעוועט די דעניקין־באַנדעס, איז א. מערעזשין געווען אַקטיוו אין דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין זשיטאָמיר און אומגעגנט. נאָכן בירגערקריג איז ער אריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע, ווו ער איז געוואָרן איינער פון די אָנפירער פון דער צענטראַל־ביוראָ פון די ייִדסעקציעס באַם צק פון דער פּאַרטיי. באַזונדערס טעטיק איז ער געווען אין דער אַרבעט פון פּראָדוקטיוויזירן די ייִדישע מאַסן פונעם געוועזענעם טכום.

א. מערעזשין איז געווען א באַגאַבטער זשורנאַליסט. ער האָט מיטגעאַרבעט אין דער קיִעווער צײַטונג „קאָמוניסטישע פאָן", פיל געשריבן אין מאָסקווער „עמעס", באַזונדערס וועגן די פּראָבלעמען פון ייִדישער ערד־אײַנאָרדענונג.

אין א בוך־פאָרם זײַנען אַרויס א. מערעזשינס ווערק: „דרײַ יאָר ערד־אײַנאָרדענונג פון די ייִדישע מאַסן" (מאָסקווע, 1928), „וועגן ביראָבידזשאַן" (קיִעוו, 1929), „דורכוויִקע קאָלעקטיוויזאַציע און די ייִדישע איבערוואַנדערונג" (מאָסקווע — כאַרקאָוו — מינסק, 1930), „וואָס איז אַזוינס ביראָבידזשאַן" (מאָסקווע, 1930) און אַנד.

מיט 90 יאָר צוריק איז אין מינסק געבוירן געוואָרן די באַוווסטע געזעלשאַפטלעכע טוערן, פּובליציסט און איבערזעצערן מאַלקע ליפשיץ.

מ. ליפשיץ איז באַקאַנט אונטערן פּסעוודאָנים עסטער (עסטער פרומקין). איר פאָטער איז געווען א מאַסקיל און געשריבן לידער אין פּראָזע. איר מוטער האָט געשטאַמט פון די באַרימטע ווילנער ייִדישע פאַרלאַגטוער קאַצענעלנבויגן און ראָם.

לויטן פאַך א פּעדאַגאָג, איז עסטער נאָך אין סאָף פאַריקן יאָרהונדערט געווען ענג פאַרבונדן מיט די רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער־קרײַזלעך, געשריבן אין דער אומלעגאַלער צײַטונג „מינסקער אַרבייטער", פאַרפאַסט רעוואָליוציאָנערע פלוגבלעטלעך. פאַר דעם אַלעם איז זי ניט איין מאָל אַרעסטירט געוואָרן דורך דער צאַרישער אָכראַנקע.

די ליטעראַרישע טעטיקייט האָט

עסטער אָנגעהויבן אין די סטודענטישע יאָרן. אין יאַנוואַר 1900 איז אין ייִדיש־רוסישן זשורנאַל „קניזשקי וואָסכאָדאַ" פאַרעפנטלעכט געוואָרן איר איבערזעצונג (פון דײַטש) פון נ. סאַמועליס ווערק „היינע און האַלייווי". אין 1904 איז אין פּעטערבורגער „נײַע ביבליאָטעק" דערשינען איר איבערזעצונג פון וו. קאָראָלענקאָס „אַגאָדע וועגן דעם קיניג אַגריפּוס און דעם פּראָקוראַטאָר פון יעהודע — פּלאָר". אין 6 יאָר אַרום איז אין ווילנער פאַרלאַג „נײַע וועלט" אַרויס פון דרוק איר אַרבעט „צו דער פראַגע וועגן דער ייִדישער פאָלקסשול" (די דריטע אויפלאַגע פון דער בראָשור איז אַרויס אין פּעטערבורג אין 1917).

עסטער פרומקין איז געווען הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער מינסקער טעגלעכער ייִדישער צײַטונג „דער וועקער", וועלכע איז דערשינען אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, מיטגליד פון די רעדקאָלעגיעס פון דער צײַטונג „עמעס" און פונעם ליטעראַרישן יוגנט־זשורנאַל „יונגוואַלד". צוזאַמען מיט מוישע ליטוואַקאָוון האָט זי רעדאַגירט די ייִדישע 8־בענדיקע אויסגאַבע פון לענינס ווערק. זי איז אַוטאָר פון א ריי פּאָפּולערע ביכער, דערונטער — „הירש לעקערט", „לענין און זײַן אַרבעט", „די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע" אאַ.

אין 1922 איז עסטער פרומקין באַשטימט געוואָרן אַלס פּראָרעקטאָר פונעם מײַרעוו־אוניווערסיטעט אין מאָסקווע. אין 1925, נאָכן טויט פון י. מאַרכלעווסקי, איז זי געוואָרן רעקטאָר פונעם אוניווערסיטעט.

עסטער פרומקין איז געשטאָרבן דעם 8 יון 1943.

דעם 8 פעברואַל 1900, מיט 70 יאָר צוריק, איז אין בערשאַד (פּאָדאָליע) געבוירן געוואָרן דער קינדער־שרײַבער, נאָוועליסט און דראַמאַטורג כאַווער־פּאַווער (זײַן עמעסער נאָמען — גערשן אײַנבינדער).

כאַווער־פּאַווער האָט אָנטײלגענומען אין דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע פון 1905. בײַס די שוואַרצמײעדיקע פּאָגראָמען איז ער אַנטלאָפן קיין רומעניע און פון דאָרט אין 1921 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. זײַענדיק אין רומעניע, האָט

ער דעביוטירט אין דער קעשענעווער צײַטונג „ייִד“ מיט אייניקע בילדער פון דער פּאָגראָמען־כוואַליע אין צאַרישן רוסלאַנד.

אין אמעריקע האָט כאַוער־פּאַוער די ערשטע צײַט געאַרבעט אַלס לערער און גלײַכצײַטיק געדרוקט זיך אין פאַרשיידענע צײַטשריפטן, דערהויפּט פאַר קינדער. אין 1925 זײַנען אין ניו־יאָרקער פאַרלאַג „מאַטאָנעס“ דערשינען צוויי בענדער „מײַסעלעך פון כאַוער־פּאַוער“. פון די ווערק זײַנע, וועלכע זײַנען אַרויס אין א בוך־פאָרם, זײַנען באַזונדערס באַוווּסט די ראָמאַנען „קלינטאָן־סטריט“, „צען לאַנדסלײַט“, די ביכער „פון יענער זײַט טײַך“, „לאַבזיק“, „לעבנס אַפן וואָגשאָל“, „וואָוויק“, „גיבורים פון דער נאַכט“, „זאַלמען דער שוסטער“, „גערשן מייער דעם בלינדנס“, „גערשן אין אמעריקע“. אין משך פון פיל יאָרן האָט כאַוער־פּאַוער מיטגעאַרבעט אין דער ניו־יאָרקער קאָמוניסטישער פּרעסע, ווו עס האָבן קימאַט טעגלעך זיך געדרוקט זײַנע פעליעטאָנען, רעפּאָרטאַזשן און אַנד.

כאַוער־פּאַוער איז געשטאָרבן דעם 7 דעקאַבער 1964 אין לאָס־אַנדזשעלעס.

מייער אַקסעלראָד

דעם 10 יאַנוואַר ה. י. איז פון א האַרץ־אַטאַקע געשטאָרבן מייער אַקסעלראָד. אומגעריכט, אין בלי פון זײַן שאַפונג איז אַוועק פון אונדז א גרויסער קינסטלער און א זעלטן נאָבעלער מענטש.

מייער אַקסעלראָד איז געבוירן געוואָרן דעם 18 יול 1902 אין שטעטל מאָלאָדעטשנאָ, דעמלט ווילנער גובערניע. ער האָט אָנגעהויבן מאָלן, ווען ער איז נאָך געווען א קינד. קינסטלערישע בילדונג האָט ער באַקומען שוין נאָך דער רעוואָלוציע, אין די ערשטע יאָרן פון דער סאָוועטן־מאַכט, שוין נאָך דעם, ווי ער איז דורכגעגאַנגען די שול פון בירגערקריג אַלס פרײַוויליקער רויטאַרמייער.

אַקסעלראָדס ערשטע גרויסע בילדער זײַנען באַקאַנט געוואָרן אין 1921. פון דעמלט אָן האָט ער דורכגעמאַכט אַן אויסערסט פרוכטבאַרן וועג אין דער מאָלערישער קונסט. זײַנע אַרבעטן זײַנען עקספּאָנירט געוואָרן אַף פיל מאָסקווער און אַלפאַרבאַנדישע אויסשטעלונגען, ווי אויך אַף אויסשטעלונגען פון דער סאָוועטישער קונסט אין אויסלאַנד. אַקסעלראָדס בילדער זײַנען פאַרגעשטעלט אין דער טרעטיאַקאָווער גאַלעריי, אין קונסט־מוזיי אַף פּושקינס נאָמען אין מאָסקווע און אין די קונסט־מוזייען פון פיל אַנדערע שטעט.

אין 1966 אין מאָסקווע, און אין 1968 אין ראָסטאָוו־דאָן, זײַנען אײַנגעאָרדנט געוואָרן אַקסעלראָדס פּערסאָנעלע אויסשטעלונגען, אַף וועלכע עס זײַנען געווען אַרויסגעשטעלט עטלעכע הונדערט אַרבעטן. די דאָזיקע אויסשטעלונגען האָבן געהאַט א גרויסן דערפאָלג, זיי האָבן אַרויסגערופן א סך פּאָזיטיווע אָפּרופן אין דער פּרעסע. ניט לאַנג צוריק האָט אין צענטראַלן אויסשטעלונג־זאַל זיך געעפנט אַן אויסשטעלונג פון די מאָסקווער קינסטלער צום הונדערטסטן געבורטסטאָג פון וולאַדימיר איליטש לענין. אויך דאָ פאַרנעמען א בעקאָוועדיק אָרט אַקסעלראָדס אַרבעטן.

מייער אַקסעלראָד איז געווען א פילזײַטיקער קינסטלער. ער האָט אַרײַנגעטראָגן א וואָגיקן בײַטראָג אין אַלע זשאַנרען פון דער מאָלערישער קונסט — אין גראַפיק און אין פאַרביקן בילד, אין פייזאַזש און אין פּאָרטרעט — און אומעטום, אין טעאַטער־דעקאָראַציע און אין איליוסטראַציע פונעם בוך, פאַרבלײַבט ער פּאָעטיש דערהויבן.

אונדז, טוער פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, איז באַזונדערס נאָענט אין מייער אַקסעלראָדס שאַפונג דאָס, וואָס ער האָט געשעפּט זײַן בילדער־וועלט פון די פאָלקס־קוואַלן. פונקט ווי זײַן ברודער, דער פּרעכטיקער ייִדישער דיכטער זעליק אַקסעלראָד, האָט מייער מיט די קונסט־מיטלען, וואָס זײַנען פאַר אים געווען אייגנטימלעך, באַזונגען די וועלט פון ייִדישן האָרעפּאַשנעם מענטשן.

אויב גוטסקײַט איז א מײַלע פון אַן עכטן קינסטלער, איז דאָס אין דער העכסטער מאָס געווען אייגנטימלעך פאַר מייער אַקסעלראָדן. ער איז געווען אַן אויסערסט באַשיידענער מענטש, א ווייכער, א האַרציקער, און אָט אַזאַ וועט ער פאַרבלײַבן אין אונדזער זיקאָרן.

■

וואָס וועט זײַן מיט מיר?

ווערטער פון ריווע באַליאַסנע

מוזיק פון לייב קאַגאַן



וואָס וועט זײַן מיט מיר?
וואָס וועט זײַן מיט מיר?
כ'ווייס ניט מער קיין טאָג,
כ'ווייס ניט מער קיין נאַכט.
כ'בין פאַרליבט אין דיר ביז די גרויע האָר,
און איך שעם זיך ניט, און איך זאָג עס גאָר.

ס'איז מיר שלעכט באַטאָג,
ווייל ס'איז צופיל שײַן;
ס'איז מיר שלעכט באַנאַכט,
ווייל ס'איז ווייניק שײַן;
ס'קאָן א צווייטע דיך באַ דער שײַן דערזען,
און אין טונקלע נעכט — קאָנסטו מיך פאַרזען...

ווען כ'פאַרמאַג צווי צעפּ
אי געדיכטע, אי לאַנג,
כ'וואָלט פאַרצויגן דיך
אַרום מיידלס לײַב.
ווען צווי אויגן כ'האָב, ווי צווי פײַערן,
וואָלט איך דורכגעברענט ביז צום גרונט דײַן האַרץ.
נאָר איך האָב קיין צעפּ
ביז די קניִעס ניט,
כ'בין פון קינדווייז אָן
א געשוירענע.
ברוינע אויגן כ'האָב, ווי צווי קאַשטאַנעס,
נאָר זיי גלעטן גאָר און זיי ברענען ניט.

וואָס וועט זײַן מיט מיר?

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

(Продолжение беседы XIII)

Изменяемая часть сказуемого может быть и личной формой полузнаменательного глагола модального значения (типа פרוּוון, וועלן, דארפן — пытаться, в нашем отрывке — קריכן — норовить); такая личная форма всегда образует сказуемое в сочетании с инфинитивом как неизменяемой частью и также ставится на втором месте (пример 7).

Форма повелительного наклонения обычно стоит на первом месте. Пример: (12) קום — — **אין מיליציע!**

Форма II лица единственного числа глагола обычно сливается с местоимением — подлежащим **דו** в одно слово; в этом случае она стоит, как и всякая личная глагольная форма, на втором месте. Примеры:
(13) **וווּהין** — — פאָרסטו? (14) **ווי** — — קומסטו — — **אהער?** (15) **ווּ** — — לעבסטו — — **דאָ?** (вместо **לעבסט דו, קומסט דו, פאָרסט דו**)

Ударные глагольные приставки, отделенные от корня, могут оказаться в положении неизменяемой части сказуемого, и между ними и личной формой могут включаться другие члены предложения. Пример:
(16) **די פּאסאזשירן** — — בינדן (форма настоящего времени) — — **אין אײַלעניש** — — **זייערע שפּײַז־בינטעלעך** — — פאנאנדער (ср. с примером 4).

Для более сильного подчеркивания какого-либо члена предложения он обычно выносится, как и в русском языке, в конец предложения. Примеры:
(17) **דאָס ערשטע אָרט אינעם געוועט** — — האָבן — — פארנומען — — **די שלאָסער** —

Первое место в соревновании заняли слесари [а не рабочие другой специальности].
(18) **צו דער ארבעט** — — וועלן — — **מיר** — — צוטרעטן — — **מאָרגן** —
К работе мы приступим завтра [а не через два дня или еще позже].

Если подчеркивается сложное сказуемое, в конце предложения выносится лишь неизменяемая его часть, а изменяемая часть, личная форма вспомогательного глагола, остается на своем месте — на втором. Пример:
(19) **דעם לעצטן שאבעס אינעם כוידעש** — — וועלן — — **מיר** — — ארבעטן —
В последнюю субботу месяца мы будем работать [а не отдыхать, как в другие субботы].

Если же сказуемое — простое, за ним следует в таких случаях в конце предложения подлежащее. Пример:
(20) **דעם לעצטן שאבעס אינעם כוידעש** — — ארבעטן — — **מיר.**

Первое место может занимать придаточное предложение или прямая речь, как бы приравненные к одному члену простого предложения; за ними, на втором месте, следует личная глагольная форма. Примеры:
(21) **ווען אונדזערע** וועלן ארײַן **אין שטאָט,** — — וועל — — **איך אויך** — — **אהין** — — אָנקומען —

Когда наши вступят в город, я также приду туда.

(22) — **דו ביסט הונגעריק?** — — האָב — — **איך** — — **אים** — — **צולעצט** — — געפרעגט —

— Ты голоден? — спросил я его наконец.

Итак, в простом предложении личная форма глагола — сказуемое или его изменяемая часть — занимает второе место (примеры 1—11, 13—20).

§ 2. О связке

В русском языке связка *есть* в составе именного сказуемого обычно опускается. Примеры:

Я (ты, он) учитель. Мы (вы, они) учителя.

В еврейском соответствующие личные формы глагола никогда не опускаются. Примеры:

איך בין (**דו** ביסט, **ער** איז) **א לערער. מיר** זײַנען (**איר** זײַט, **זיי** זײַנען) **לערער** (см. также примеры 5—6).

Примечание. Сказанное применимо и к тому случаю, когда эти личные формы не служат связкой, а имеют самостоятельное значение („находиться“). Примеры:

איך בין (**דו** ביסט, **ער** איז, **מיר** זײַנען, **איר** זײַט, **זיי** זײַנען) **א גאַנצן טאָג אין שול** — Я (ты, он, мы, вы, они) весь день в школе.

См. также в нашем отрывке:

Где твои родители?— **וווּ זײַנען דײַנע עלטערן?**

Упр. Переведите на еврейский язык:

— Куда ты идешь? — Иду в библиотеку. — Что ты там будешь делать? — Буду работать в читальном зале. — Что ты там будешь читать?— Буду читать газеты и журналы. — Когда ты придешь домой? — Домой вернусь в 10^{30} вечера. — Где ты будешь обедать? — Обедать буду в столовой библиотеки.

Слова:

читать — **לייענען**
читальный зал — **לייענזאַל** מ ־ן
вернуть — **אומקערן**
вернуться — **אומקערן זיך**
обедать — **מיטיקן, עסן מיטיק**
столовая — **גאַרקיך** וו ־ן

Упр. Составьте простые предложения с глаголами движения: **גייען, פאָרן, שפּאַנען** — шагать, **לויפן, פליִען** (בין געפלויגן) — летать, **מארשירן** (האָב מארשירט)[1].

Следите за тем, чтобы личная глагольная форма была на втором месте.

Упр. Определите в следующих пословицах тип личной глагольной формы (полнозначная, вспомогательная или связка):

1) **די צונג איז דעם מענטשנס גרעסטער סוינע.**
2) **א פּאַטש פארהיילט זיך, א וואָרט געדענקט זיך** — Пощечина залечивается, слово запоминается.
3) **א וואָרט איז ערגער ווי א פּאַטש.**
4) **די צונג פארפירט דעם מענטשן צום גליק און צום אומגליק** — Язык приводит человека к счастью и к несчастью.

Найдите в одной из этих пословиц посессив. Объясните его структуру (см. беседу VII в № 8 — 1969 г.)

Найдите формы сравнительной и превосходной степени прилагательного в этих пословицах. В чем особенность формы сравнительной степени?

---

[1] Глаголы с суффиксом ־יר образуют партицип без помощи приставки גע־: **מיר האָבן מארשירט** (а не: **מיר האָבן געמארשירט**)

Кандидат филологических наук

М. Шапиро

10–1949

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(На еврейском языке)

Год издания десятый

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **И. Борухович, А. Гонтарь, М. Лев** (ответственный секретарь), **Нотэ Лурье, Б. Миллер, Г. Ошерович, И. Рабин, Р. Рубина, И. Фаликман, С. Фрай.**

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.
Телефоны: главный редактор — 228-27-91; ответственный секретарь — 294-46-69; отделы прозы и поэзии — 228-49-42; отдел критики — 223-96-07.

Художеств. и техн. редакция: И. Шустер, С. Черняк
Корректор Х. Поташник

Подписано к печати 16/I-1970 г. Формат 70×108 1/16. Печ. л. 10(14,35). Бум. л. 5+2 вклейки. Цена 50 коп. Зак. 1949.

Московская типография № 7 Главполиграфпрома
Комитета по печати при Совете Министров СССР
пер. Аксакова, 13

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

Цена 50 коп.
70821

СОВЕТСКАЯ РОДИНА
№ 2

1 9 7 0

В НОМЕРЕ:

К столетию со дня рождения В. И. Ленина

З. Дичаров. Три жизни ленинского слова.
В. Софинский. Портреты Ильича.
А. Вергелис. Встреча в Татрах (драматическая новелла).

Рассказы А. Губницкого, Б. Миллера, Ш. Горшман, В. Некрасова, Я. Рубияна.
Стихи А. Гонтаря, Ш. Гольденберга, А. Белоусова, Х. Вайнермана.

Трибуна жизни

Г. Релес. Путевые заметки.

Л. Пульвер. Эпизоды из моей жизни.

Литературная критика. Библиография. Вопросы искусства

А. Раскин. К 80-летию И. Нусинова.
Х. Словес. О драматурге Якове Гордине.
Отклики. Реплики. Мнения.
Наши сообщения. И. Ковельман. Перстень Пушкина.
Заметки букиниста. Листая журналы и газеты. Разное. О чем писала еврейская печать 50 лет назад. Хроника. Заметки на календаре.

М. Шапиро. Беседы о еврейском языке.